STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09755

# DER NATSYONALER REDNER

Mordecai Aharon Kaplan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער
# נאַציאָנאַלער רעדנער
## (הנואם הלאומי)

פון

הרב מרדכי אהרן קאפלאן

א זאמלונג פון דרשות, רעדעס און לעקטשורס איבער שבת, ימים נוראים, אלע אידישע ימים טובים, הזכרת נשמות, חנוכת בית הכנסת, בתי חנוך, בתי חסד, סיום התורה ונביאים, און פון אלע אידישע שמחות און הספדים

פערלאג
היברו פאבלישינג קאמפאני
34־632 בראדוויי, ניו יארק

COPYRIGHT, 1929
BY THE
HEBREW PUBLISHING COMPANY

PRINTED AT THE
MONOLIN PRESS
NEW YORK

ספרי זה מוקדש
לרעיתי הרבנית מרת בילא בת ר'
אברהם צדוק שולץ ז"ל, ולבנותינו
דינה, רחל, אסתר ושושנה.

**המחבר.**

# תוכן הענינים


| | דף |
|---|---|
| ירושת העולם | 1 |
| כחה של תפלה | 11 |
| כנור של דוד. | 15 |
| השופר והעקדה | 20 |
| מי בראש | 25 |
| לפני ד' תטהרו. | 32 |
| נשענים על המתים | 38 |
| חג הסכות וד' מינים | 44 |
| גלו ברעדה | 51 |
| חכם לבב יקח מצות | 59 |
| חבת התורה והארץ. | 68 |
| זה ישפיל וזה ירים | 81 |
| מיתת נשיקה | 87 |
| עמלק והנחשלים | 94 |
| שקליהם לשקליו | 101 |
| חקת הפסח והפרה | 108 |
| החודש הזה לכם | 112 |
| שלש קדושות הן | 117 |
| ארבעה בנים | 122 |
| אחרון של פסח. | 128 |
| נעשה ונשמע | 133 |
| להקים שם המת | 139 |
| על מה אבדה הארץ | 143 |
| השביעני במרורים | 148 |
| נחמו נחמו עמי | 152 |
| משכנותיך ישראל | 157 |
| נעל בפניה כראוי. | 164 |
| ימי הזקנה | 171 |
| אבי יתומים | 176 |
| ביקור חולים | 181 |

| | דף |
|---|---|
| בעצב תלדי בנים. | 187 |
| דירה נאה | 192 |
| מרחם הקדשתיך | 196 |
| לרעות ביעקב עמו | 201 |
| ברוך אתה בצאתך | 207 |
| מקיים ספר תורה. | 212 |
| הנביאים. | 218 |
| ארנא וארון הקודש. | 222 |
| דם הברית | 227 |
| ברוך הבא | 232 |
| בכל שמה | 239 |
| הבכורה | 246 |
| השכל והרגש | 254 |
| עזר כנגדו | 261 |
| בת פלוני | 267 |
| בוצין מקטפי ידיע | 274 |
| כסף זקוק | 281 |
| וקדשתם את שנת החמישים | 287 |
| ספינה שאבד קברינטא | 294 |
| מכל אבקת רוכל. | 301 |
| כתבי קדש | 307 |
| איש האשכלות | 313 |
| כאלו לא יצא | 318 |
| משפטי את ד' | 323 |
| אשת חיל | 329 |
| ובמותם לא נפרדו | 333 |
| אין לה שכחה | 339 |
| קרעין שאין מתאחין | 344 |
| אשה לבית אמה | 349 |
| חרבן בית המקדש | 355 |

# הרב מרדכי אהרן קאַפּלאַן

## (פאַרוואָרט פון די אַרויסגעבער)

אַרויסגעבענדיג דעם „נאַציאָנאַלען רעדנער" פון הרב מרדכי אהרן קאַפּלאַן, דענקען מיר, אַז ס'איז פּאַסיג צו געבען זיין ביאָגראַפיע.

פאַרשטענדליך, מיר דענקען ניט צו געבען דאָ אַן אויספיהרליכע באַשרייבונג פון זיין לעבען און אַרבייט, נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט, אַז הרב קאַפּלאַן איז נאָך אין זיינע בליהענדע יאָהרען, און אַ גרויסע צוקונפט שטעהט איהם פאַר. עס איז נאָך דעריבער צו פריה צו מאַכען דעם סך הכל...

הרב קאַפּלאַן איז געבוירען געוואָרען אין מעדוויעדיטץ, אַ קליין שטעדטעל אין מינסקער גובערניע, אין דעם יאָהר תרמ"ט. זיין פאָטער, ר' דובער איז געוועזען אַ ירא שמים און אַן אָנגעזעהענער בעל הבית.

לערנענדיג אין די געוועהנליכע חדרים פון יענער צייט, האָט ער אַריבערגעיאָגט אַלע זיינע חברים אין די למודים, און אין דעם קליינעם שטעדטעל איז שוין פאַר איהם קיין „רבי" ניט געוועזען.

אין דעם יאָהר תר"ס איז זיין מוטער דינה רחל ע"ה, וועלכע איז געוועזען באַריהמט מיט איהר צניעות און צדקה, געשטאָרבען. בעפאָר איהר טויט האָט זי צוגערופען איהר ליבלינג־זוהן און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל פאָהרען לערנען אין די גרויסע ישיבות.

אַלס אַרימער עלענדער יונגער יתום איז דער קליינער מ"א אָנגעקומען אין דער ישיבה פון הרב הגאון ר' ליב באַס אין מינסק, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסער התמדה, און אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז מ"א געוועזען פעהיג געגנוג אַריינצוגעהן אין די באַריהמטע ישיבות פון באַברויסק, סלוצק און מיר, וואו ער איז באַריהמט געוואָרען אַלס חריף און בקי און אויך אַלס משכיל.

אין דעם יאָהר תרס"ז איז הרב קאַפּלאַן געקומען נאָך אַמעריקא און איז גלייך אַריין אין דער באַריהמטער ישיבת רבינו יצחק אלחנן, פון וואַנען ער איז אַרויסגעקומען מיט דער קרוין פון רבנות.

זיין ערשטע רבנות איז געוועזען אין איסט ניו יאָרק. אין די פינף יאָהר צייט, וואָס הרב קאַפּלאַן איז דאָרטען געוועזען, איז ער געוואָרען באַריהמט אַלס גרויסער רעדנער און דרשן און אויך אַלס כלל־טוער. די בני יעקב שוהל איז יעדען שבת געוועזען פאַרפּלייצט פון מענשען. דאָס זעלבע איז געוועזען אין די צעהן יאָהר צייט, וואָס הרב קאַפּלאַן איז געוועזען רב אין דער פּראָמינענטער שוהל נחלת צבי, האַרלעם, און אויך אין דער גרויסער שוהל בני יהודה, בּאָראָ־פּאַרק, וואו הרב קאַפּלאַן איז רב פאַר די לעצטע דריי יאָהר.

הרב קאַפּלאַן איז היינט איינער פון די פּראָמינענטסטע רבנים און רעדנער אין לאַנד. מיר ווינשען איהם געזונד און לאַנג לעבען, אום ער זאָל קענען אָנגעהן מיט זיין הייליגער אַרבייט פאַר צעהנדליגער יאָהרען.

ניו יאָרק, ניסן, תרפ"ט.

# הקדמה

(פאָרוואָרט)

דער צונג און די פען זיינען מעכטיגע וואפען אויף דעם געביט פון די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

די גרעסטע געשעפטס־לייט, וועלכע האָבען ארויפגעקלעטערט אויף דעם לייטער פון הצלחה, און זיינען געוואָרען מעכטיגע פיגורען אויף דעם דעם פעלד פון פּראָדוקציאָן און אינדוסטריע, אויך די גרויסע פּאָליטישע פיהרער, וועלכע פארנעהמען דעם אויבען־אָן און זיינען געוואָרען איינפלוסרייך ביי דעם אַלגעמיינעם פאָלק, — זיי האָבען דאָס אַלעס צו פארדאנקען דער מעכטיגקייט פון דעם געשריבענעם און גערעדטען וואָרט. דורך די גרויסע קינסטלעריש־געשריבענע אַדווערטייזמענטס און אַרטיקלען און אויך דורך די באַגייסטערענדע רעדעס זיינען זיי געקומען צו זייער רייכטום און איינפלוס.

אויך אויף דעם געביט פון רעליגיע און נאַציאָנאַליזם האָט זיך אימער אויסגעצייכענט דער טאַלאַנטפאָלער שריפטשטעלער און באַגייסטערטער רעדנער. זיי האָבען ביכולת צו יעדער צייט אויפצופלאַקערען דאָס מענשליכע הארץ, אז מען זאָל זיך לאָזען אָפּפערען פאַר די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אידעאַלען.

וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם אידישען פאָלק, ווייזט אויס, אז דער צונג און די פען האַרמאָנירען ניט צוזאַמען — אין דער בחינה פון "זה קם וזה נופל"... ווערט איינע פון זיי שטאַרק מוז די צווייטע ווערען שוואַכער...

דאָס אידישע פאָלק האָט געטראָגען דעם נאָמען „עם הספר". די מעהרסטע אידען האָבען ווינציג געהאַלטען פון רעדעס און דרשות הערען. אויב נאָר מ'איז ניט פרעמד געווען אין די שוואַרצע פּינטעלאַך, האָט מען בעסער אריינגעקוקט אין א ספר.

אין די גרעסטע אידישע קהלות איז געווען א שטאָדט־מגיד, וועלכער האָט גע'דרש'ענט פאַר די מאַסען, וועלכע זיינען געווען גאַנץ איינפאַכע אידען און זיינען געווען ווייט פון א ספר...

די רבנים האָבען מיט דרשנות געהאַט צו טאָן. מעהר ניט ווי צוויי מאָל אין יאָהר, שבת תשובה און שבת הגדול, האָבען זיי גע'דרש'ענט, און דאָס אויך נאָר אין דברי הלכה און פּלפּול, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט לומדות און ניט מיט דרוש. די מעהרסטע צייט האָבען די רבנים זיך אָפּגעגעבען מיט לערנען און אויך שרייבען שאלות און תשובות און אַנדערע ספרים.

אין די לענדער פון עמאַנסיפּאַציאָן, וואו דער איד איז א פאָלשטענדיגער בירגער געוואָרען און ער גענִיסט פון דעם גוטען פון לאַנד צוגלייך מיט אַלע

פעלקער, איז דאָס אידישע פאָלק געוואָרען אַ „עם הלשון" און ניט קיין „עם הספר".

מ'איז אַזוי ווייט פאַרטראָגען אין'ם מאַכען אַ לעבען און אין'ם אָנקלייבען רייכטום, אַז מ'האָט פאַרגעסען אָפּצושטעלען וועלכע עס איז צייט פאַר לערנען. כאָטש דאָס איז איינע פון די ערשטע פראַגען, וואָס גאָט פרעגט: "קבעת עתים לתורה?"...

מען קוויקט זיך מיט פאַרשיידענע אַמיוזמענטס, ווי טעאַטערס און קאָנצערטען פון געזאַנג און מוזיק, און מען זוכט ניט מעהר דעם פאַרגעניגען צו פאַרטיפען זיך אין אַ בלאַט גמרא און אין אַ פרק משניות. און אַזוי איז מען מיט דער צייט אינגאַנצען דערווייטערט געוואָרען פון דעם אידישען ספר. און אפילו אין הויז האָט מען אויך מקיים געווען דעם „בערתי את הקודש מן הבית" — מען האָט אויסגעראַמט די אידישע הייליגע ספרים פון אַלע ווינקעלאַך.

איז דען אַ וואונדער, וואָס דער צונג געוועלטיגט אין די דאָזיגע לענדער, און מען רעדט פאַר פייער און וואַסער, און אפילו דער גייסטיגער פאָרשטעהער טראָגט דעם נאָמען „פריידיגער" און „פריטשער" אנשטאָט „רב" און „רבי"?...

די איינציגע זאַך, וואָס מען פאַרלאַנגט, איז נאָר אַ גוטען רעדנער. מעג דער רב זיין דער גרעסטער גאון, קוים אָבער איז ער אַ כבד פה און אַ כבד לשון, איז ער אַ פאַרלאָרענער. דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז רבנות און דרשנות האָבען געשלאָסען אַ שדוך.

דער אַפּעטיט צו האַלטען רעדעס האָט זיך אַריינגעריסען ווי אַ שטורעם אין דער אידישער גאַס. וואו מען זאָל ניט קומען — אין שוהל, אין טעמפּעל, אויף שמחות און טרויער — איז מען געצוואונגען אויסצוהערען דרשות לעקטשורס, ספּיטשעס פון רב און ראַבאַי, דזשאַדזש און לאָיער, רעווערענד און בעל הבית, מלמד און אַרבייטער, שריפטשטעלער און אַקטיאָר...

צו ריידען ביי יעדער געלעגענהייט און צו יעדער צייט מוז מען זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, מען מוז באַזיצען אַן אומערשעפּליכען קוואַל פון געדאַנקען. מ'מוז זיין אַ „מחדש בטובו בכל יום תמיד", יעדען טאָג דאַרף מען נייעס שאַפען און אויך צופּאַסען די רעדע פאַר דער צייט. דאָס איז איינע פון די שווערסטע זאַכען, וואָס נאָר דער רעדנער זעלבסט ווייסט דאָס.

אום די רעדע זאָל זיין אינטערעסאַנט און באַלעהרענד, מוז מען ברענגען אַ מאמר פון תלמוד און אַ פסוק פון תנ"ך, און זיי אויסטייטשען פאַרטרעפליך צו דער געלעגענהייט און עניז, וואָס דער רעדנער באַהאַנדעלט. און מ'מוז זיין אַ גוטער „פיטער"...

דאָס אַלעס ערקלערט, פאַר וואָס די איינציגע ספרים, וואָס ווערען פאַרקויפט, זיינען דרוש־ספרים, וועלכע פאַרבינדען די אַלטע מאמרי חז"ל מיט דער היינטיגער צייט. איבערהויפּט איז דער פאַרלאַנג זעהר גרויס פאַר ספרים, וואָס זיינען געשריבען אין דער אידישער שפּראַך, ווייל די רעדנער זוכען ניט נאָר אַרויסצונעהמען די שעהנע מאמרים, נאָר דער עיקר די שפּראַך און דעם „סטיל" פון ריידען.

אינ'ם „נאציאנאלען רעדנער" געפינען זיך רעדעס פאר אלע אנגעלעגענ־הייטען פון לעבען: פאר דעם יחיד, ווען ער פייערט אלע פארשיידענע שמחות און אויך, גאט באהיט, ווען עס טרעפט זיך טרויער; פאר דעם פאלק — וועגען פארשיידענע חנוכת הבית'ן און אויך פאר אלע ימים טובים. מיט איין ווארט, עס איז נטא קיין איין צווייג אין דעם לעבען פון יחיד און פאלק, פאר וועלכען מען זאל ניט געפינען אין דעם דאזיגען ספר א באלעהרענדע רעדע.

איך האב אויסגעמיטען די מעהרסטע באקאנטע מאמרים, וואס רבנים, דרשנים און רעדנער האבען געשריבען און גערעדט איבער זיי — זיי זיינען שוין געווארען צו פיל באקאנט דעם פאלק. איך האב אויסגעזוכט משנה'ס, וועלכע באהאנדלען נאר הלכה, און זיי אריינגעבראכט אונטער די פליגלען פון דרוש. איך האב אויך אויפגעעפענט נייע האריזאנטען פאר גאנץ שווערע אומערקלערבארע מאמרים פון תלמוד, מדרש, ילקוט און מכלתא. און אלעס איז צוגעפאסט געווארען צו דער צייט און אויך צום לאנד, וואו מיר געפינען זיך.

איך האף, אז דער דאזיגער ספר וועט געפינען חן ביי אלע קלאסען אידען, פונקט ווי מיין ערשטער ספר „רוח העת" און אויך דער ספר „טהרת המשפחה". און איך בעט ביי דעם אלמעכטיגען גאט, פון דער טיפעניש פון מיין הארץ, אז מיין גייסטיג קינד, אויף וועלכען איך האב אוועקגעגעבען אזוי פיל צייט און געזונד, זאל אימער טרעפען אויף זיין לאנגען וועג אזעלכע מענשען, וואס זיינען דן לכף זכות, און זאל אויסגעהיטען ווערען פון בייזוויליגע קריטיקער, וועלכע זיינען מבטל אלעמען און אלעס — וואס קומט פון דער שרעקליכער מדה פון קנאה און שנאה...

איך בעט אויך גאט, אז אין דער צוקונפט זאל איך טראגען דעם מאנטעל פון רבנות אזוי בכבוד, אזוי ווי איך האב איהם געטראגען פאר די לעצטע אכצעהן יאהר, וואס איך בין געווען רב אין די פראמינענטע קהלות פון ניו יארק, ווי די בני יעקב שוהל, איסט ניו יארק (פינף יאהר), נחלת צבי שוהל, הארלעם (צעהן יאהר), און יעצט פאר די לעצטע דריי יאהר אין דער גרויסער שוהל בני יהודה, אין דער בכבוד'יגער קהלה פון בארא פארק. איבעראל האט מען מיך רעספעקטירט מיט אזא כבוד, וואס איז זעלטען צו טרעפען ביי דער יעצטיגער צייט. פאר דעם אלעמען גיב איך א שיר ושבח צום בורא עולם!

מרדכי אהרן בר' דוב הכהן ז"ל קאפלאן

רב דבית הכנסת בני יהודה

בארא־פארק, ברוקלין, נ. י.

ד" ז' ניסן תרפ"ט.

# ירושת העולם
# לשבת

ר׳ יוחנן בשם ר׳ יוסי בר חלפתא אמר אברהם שאין כתוב בו שמירת שבת ירש את העולם במדה שנאמר (בראשית י״ג י״ז) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה וגו׳ אבל יעקב שכתוב בו שמירת שבת שנאמר (שם ל״ג י״ח) ויחן את פני העיר נכנס עם דמדומי חמה, וקבע תחומין מבעוד יום, ירש את העולם שלא במדה שנאמר (שם כ״ח י״ד) והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת וגו׳.

(מדרש רבה, בראשית י״א ח׳).

מיר לעבען אין א צייט, ווען אלע פעלקער האבען זייערע רוה-טעג. נאך דעם ווי מען האט אפגעארבייט זעקס טעג, אויפ׳ן זיבעטען טאג לייגט מען אלעס אוועק און מען פארברענגט מיט דער פאמיליע אין דער אייגענער הויז. מ׳עסט און מ׳טרינקט פון דאס בעסטע. אויך פאהרט מען אוים צו פריינד און באקאנטע און צוזאמען פארברענגט מען פרייליכע שטונדען. זומער, ווען די נאטור איז רייך און בליהענד, די פויגעלעך זינגען שירה, און די טייכעלעך פליסען, לויפט די מענשהייט אין דעם רוה-טאג באגריסען די פארקס און די ימים; און דארטען לאזט מען זיך וואויל-געהן מיט אלערליי פארגעניגענס, וואס גאט און די מענשליכע הענד האבען געשאפען. ווינטער פארברענגט מען אין די ספעציעלע אמוזירונגס-פלעצער, ווי אפערע, טעאטער און פארשידענע קאנצערטען. מיט איין ווארט, מען ניצט אוים דעם רוה-טאג פאר אלע קערפערליכע פארגעניגענס. און פאר גאט איז מען יוצא דערמיט, וואס מען געהט אריין אויף א ווײלע אין א געבעט-הויז און מען הערט דעם גייסטליכען פראווענדיג א סוירמאן און חסל — מיט דעם ענדיגט זיך די גאטעס-דינסט...

דאס איינציגע פאלק, וועלכעס האט געמאכט פון דעם רוה-טאג א הייליגטום, איז דאס אידישע פאלק. דער טאג פון שבת איז פאר דעם אידען ניט בלויז אויסצורוהען זיך פון די שווערע זעקס טעג ארבייט, זאנדערען ער איז אויך דער טאג, ווען דער איד קריגט אין זיך די נשמה יתירה. די וואכעדיגקייט ווערט אין דיזען טאג אינגאנצען פארטריבען און איהר פלאץ פארנעמט — קדושה. יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו —

דער טאָג איז הייליג פון זיין קומען ביז זיין אוועקגעהן — זינגט דער איד אין זיינע שבת׳דיגע זמרות. און דאָרום — כל זרע יעקב יכבדוהו כדבר המלך ודתו, לנוח בו ולשמוח בתענוג אכול ושתו — אַלע, וועלכע זיינען נאָר יעקב׳ס קינדער, רעספעקטירען דיזען הייליגען טאָג, ווי דער וועלט-קייזער און זיין תורה האָט געבאָטען, צו רוהען אין איהם און אויך צו פרעהען זיך מיט עסען און טרינקען. די פרייד קומט ניט פון די חומריות׳דיגע אכילות און שתיות — עם מקדשי שביעי, דאָס פאָלק וועלכעס האַלט הייליג דעם זיבעטען טאָג, כולם ישבעו ויתענגו מטוביך — די אַלע ווערען זאַט און האָבען פאַרגעניגען נאָר פון דעם אַלמעכטי-גענם גוטעס...

ווי פיל גליק און פרייד האָט דער שבת אַריינגעבראַכט אין יעדען אידישען הויז? דער אָרימסטער איד, לעבענדיג אין די פינסטערע גלות-לענדער, וואו מ׳האָט פאַרצאַמט פאַר דעם אידען אַלע וועגען פון פרנסה, וואו מען האָט דעם אידען אין אַ גהעטאָ פאַרשפּאַרט, און דאָרטען האָט דער איד געלעבט אין דחקות און אין פיין אַ גאַנצע וואָך, אָפּגעקומען זיינע טעג מיט שיהא און פיהא, אַ שטיקעל פלייש פאַר זיינע אויגען ניט אָנגעזעהן, — אַז עס איז אָבער געקומען דער טאָג פון ערב שבת, האָט דאָס אָרימע הויז אויפגעלעבט: דער טיש איז געוואָרען באַדעקט מיט אַ קלאָרען ווייסען טישטוך, די מעשענע אָרימע לייכטער זיינען געווען אויסגעפוצט און געשטאַנען פּאַרטיג אויף דעם טיש. קיינע באַטהס אין די הייזער האָט מען ניט געהאַט, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין מרחץ אַריין, וואָס אויף דעם זאָגט עדות רבי ירמיה, אַז קיין בעסערע זאַך ווי אַ מרחץ ערב שבת איז ניטאָ. נשיתי טובה (איכה ג׳), זו בית המרחץ (שבת כ״ה). מיט דעם חורבן פון אידישען לאַנד איז אויך אַוועק דער שעהנער אידישער מנהג פון געהן ערב שבת אין מרחץ.

דער יעניגער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מרחץ, האָט זיך אין זיין הויז אַרומגעוואַשען און אויסגעפוצט אין די בגדי שבת. אַזוי האָבען זיך געפיהרט די גרעסטע מענשען, אפילו די חכמי התלמוד. כך היה מנהגו של ר׳ יהודה בר אלעאי: ע״ש מביאים לו עריבה מלאה חמין ורחץ פניו, ידיו ורגליו ומתעטף ויושב בסדינין המצוייצין ודומה למלאך ה׳ צבאות (שם); אַזוי איז געווען דער איינפיהר פון ר׳ יהודה׳ן: ערב שבת פלעגט מען איהם ברענגען אַ מולטער מיט וואַרימע וואַסער און ער פלעגט וואַשען זיין געזיכט און זיינע הענט און פיס און זיך איינגעווי-

קעלט אין אויסגעצייכענטע ליילעכער און ער פלעגט אויסקוקען גלייך ווי אַ מלאך פון גאָט. און דאָס זעלבע איז געווען מיט יעדען איד. דער אָרימער שוסטער, שניידער, קירזשנער, ווי נאָר זיי האָבען זיך אָרומגע־וואַשען און אָנגעטאָן זייערע אָרימע שבת־קליידער, האָט די שכינה אויף זיי גערוהט, און זייער אויסקוק האָט זיך געענדערט, זייער זאָרג איז אַוועק, און אין הויז האָט זיך געהערט דער פרעהליכער שיר השירים, און דער איד זאָגט: שחורה אני כל ימי השבוע — שוואַרץ בין איך אַ גאַנצע וואָך, ונאוה בשבת — ווי נאָר עס קומט דער ליבער שבת קודש ווער איך צוריק שעהן...

די זון וואַרפט שוין איהרע לעצטע שטראַהלען. די הייליגע שבת־מלכתא דערנעהנטערט זיך. די אידישע הייליגע מוטערס מיט זייער לעצטען ביסל כח יאָגען זיך, אום אַלעס פאַרטיג צו מאַכען. און אָט שטעהט די אָרימע אידישע פרינצעסין אין איהרע בגדי שבת: דער קאָפּ און דאָס געזיכט איינגעהילט אין אַ ווייסען שאַל; מאַכט די ברכה פון „להדליק נר של שבת“, צינדט אָן מיט דער גרעסטער פורכט די אָרימע חלב'נע ליכטלעך און זאָגט מיט טרעהרען די האַרציגע תחינה: „רבונו של עולם, איך לויב און דאַנק דיין ליבען נאָמען, וואָס איך בין זוכה צו טאָן די מצוה, וואָס דו האָסט געגעבען פאַר די נשים... און פאַר דעם זכות האָף איך און בעט פון דיין הייליגען נאָמען הקב“ה, אַז מיינע קינ־דער, וואָס דו האָסט מיר געגעבען מיט דיין חסד, זאָלען ניט זיין קיין מחללי שבת חלילה; און די ליכט פון דער תורה זאָל זיי דערלייכטען די אויגען, אַז זיי זאָלען ניט חלילה נכשל ווערען אין עבירות, ווי עס שטעהט געשריבען: ואורח צדיקים כאור נוגה — דאָס הייסט, די צדיקים געהען אין גראַדען ריכטיגען וועג, ווי איינער געהט פאַר דער טאָג־ליכטיגקייט; ודרך רשעים כאפלה — און די ניט־פרומע געהען אין דער פינסטערניש... ובזכות זה זאָל איך זוכה זיין צו האָבען קינדער תלמידי חכמים, אַז איך זאָל האָבען נחת און כבוד איןביידע וועלטען, מיין פנים זאָל ניט שוואַרץ ווערען פון זיי אויף יענער וועלט — אָמן.“

אָט אַזוי האָבען באַגריסט די גאָטספאָרכטיגע מאַמעס פון אַמאָל די שבת־ליכט און זייער איינציגער באַגעהר איז געווען, אַז די קינדער זאָלען אויסוואַקסען תלמידי חכמים. און אויב זיי איז ניט באַשערט דאָס דאָזיגע גליק, זאָלען לכל הפחות זייערע קינדער קיין מחללי שבת ניט זיין. און אַזעלכע שבת־ליכט זיינען ביכולת צו שאַפען, אַז קינדער

זאָלען אויסוואַקסען תלמידי חכמים. און דאָרום זאָגט רב הונא: הרגיל בנר הוויין ליה בנים תלמידי חכמים — דער וואָס איז געוואָהנט אין די שבת-ליכט, ביי דעם יעניגען וועלען זיינע זיהן זיין תלמידי חכמים. און די גמרא דערצעהלט: רב הונא הוה רגיל דהוה חליף ותני אפיתחא דרבי אבין נגרא חזא דהוה רגיל בשרגי טובא אמר תרי גברי רברבי נפקי מהכא—נפקי מינייהו רב אידי בר אבין ורב חייא בר אבין (שבת כ"ג); ר' הונא פלעגט פאַרבייגעהן די טיר פון רבי אבין דעם סטאָליער און רב הונא האָט באַמערקט, אַז אין רבי אבינ'ס הויז ברענען פיל ליכט לכבוד שבת, האָט רב הונא געזאָגט, צוויי גרויסע מענשען וועלען פון רבי אבינ'ען אַרויסקומען, און אַזוי איז טאַקע געוועזן: עס איז אַרויס-געקומען רב אידי און רב חייא...

די שבת-ליכט האָבען שלום געבראַכט צווישען פאָטער און זוהן, מוטער און טאָכטער; זייערע הערצער זיינען פאַראייניגט געוואָרען, אום האַרמאָניש צו דינען צו דעם וועלט-שעפער. ותזנח משלום נפשי א"ר אבהו זו הדלקת נר שבת (שבת כ"ה) שלא היה לו ממה להדליק ובמקום שאין נר אין שלום שהולך ונכשל והולך באפלה (רש"י שם) — ווען די שבת-ליכט ווערען אויסגעלאָשען אָדער מען צינדט זיי גאָר ניט, דאָרטען איז קיין שלום ניטאָ אין הויז, און מען ווערט געשטרויכעלט און מען געהט אין דער פינסטער...

אַלע אידען זיינען אין שוהל פאַרזאַמעלט, מען איז מקבל שבת — מען נעמט אויף די „כלה" מיט לכו נרננה און מיט לכה דודי לקראת כלה. און ווען אויף דעם הארצען איז גוט און פרעהליך, ווי קען מען זיך פאַר-געסען אָן דער אַלטער מאַמען — ציון? און מען טרייסט איהר און מען וועקט איהר, זי זאָל אויפשטעהן פון איהר ליטאַרגישען שלאָף — קומי צאי מתוך ההפכה — שטעה אויף און געה אַרויס פון דיין אַמאָליגער איבערקעהרעניש! רב לך שבת בעמק הבכא — געגוג דיר צו זיצען אין דעם טרויער-טהאָל! התנערי מעפר קומי — טרייסעל אָפּ דעם שטויב און שטעה אויף פון דער ערד! לבשי בגדי תפארתך עמי — טהו אָן די קליידער וואָס דאָס איז די שעהנקייט פון מיין פאָלק. לא תבשי ולא תכלמי, מה תשתוחחי ומה תהמי — שעהם זיך ניט, מוטער ציון, געה ניט איינגעבויגען און פאַרזאָרגט, וואָס די רייכע קינדער ווילען פון דיר ניט וויסען... בך יחסו עניי עמי ונבנתה עיר על תלה — קום באַשיצען זיך אין דיר די אָרימע פון מיין פאָלק, וועט מיט דער צייט געבויט ווערען

די שטאָדט אויף דעם בערגעל; און די ענדע וועט זיין והיו למשסה שאסיך ורחקו כל מבלעיך — אַלע וואָס וועלען דיך באַרויבען און איינ־שלינגען, וועלען אַליין באַרויבט און פאַרשלונגען ווערען, און דו, ציון, ימין ושמאל תפרוצי — רעכטס און לינקס וועסטו זיך שטאַרקען; און דאַן ונשמחה ונגילה — וועלען מיר זיך מיט אַן אמת פרעהען; און דו, שבת מלכתא, באַי בשלום עטרת בעלה גם ברנה ובצהלה — קום מיט פרידען, געקרוינטע פון איהר מאַן, און אויך מיט געזאַנג און פרייד תוך אמוני עם סגולה — צו די גלויביגע, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען דאָס אויסגעצייכענטע פאָלק. באַי כלה! באַי כלה!

יעדען איד באַגלייטען צוויי מלאכים פון שוהל אַהיים. און דאָרטען איז דער טיש געגרייט, די ליכט אָנגעצונדען, די חלות אויסגעלייגט. און אויף אַלעם הערשט גאָט׳ס שכינה. קומען אריין די חשוב׳ע געסט אין הויז, און דער איד גיט די מלאכים אַ ברייטען שלום עליכם און אויך אַ בואכם לשלום און ער בעט זיי, אַז זיי זאָלען איהם איבערלאָזען אַ ברכה —ברכוני לשלום, די מלאכים זאָלען איהם בענשען מיט פרידען, מען זאָל ניט דאַרפען אַזוי שווער ארבייטען פאַר דעם אָרימען שטיקעל ברויט און מען זאָל פטור ווערען פון גלות, וואָרים דאַן וועט שוין ממילא זיין שלום אויף אַלעם און אַלעמען.

מען זיצט אַלע ביי דעם שבת׳דיגען טיש, און נאָך יעדען געריכט ווערט פאַרזונגען מיט די שעהנע שבת׳דיגע זמרות: כל מקדש שביעי כראוי לו — יעדער, וואָס האַלט דעם זיבעטען טאָג ווי עס פּאַסט פּאַר דעם שבת, מיט דאַווגען און לערנען; כל שמר שבת כדת מחללו — דער יעניגער, וואָס היט שבת ווי די תורה האָט געבאָטען, ניט צו טאָן אין איהם קיין מלאכה, וואָס דורך דעם ווערט די היילינקייט פון שבת פאַרשוועכט, שכרו הרבה מאד על פי פעלו — דער שכר פון דעם מענשען איז נאָך זיין ארבייט נאָך. עס איז אַן אונטערשייד וואו דער מענש איז אַ שומר שבת אויף יענער זייט ים אָדער אין אַמעריקאַ. איש על מחנהו ואיש על דגלו — יעדען מענשען מעסט מען זיין שכר נאָך דער מחנה נאָך, וואו ער געפינט זיך. מיט איין וואָרט, דער שבת איז דער מנוחה ושמחה אור ליהודים — אַ רוה פאַר דעם קערפער און אַ פרייד פאַר דער נשמה, ווייל אין דעם טאָג ווערט ליכטיג אין אַלע אידישע ווינקעלעך.

די שבת׳דיגע מאכלים האָבען געהאַט אַלע טעמים אין זיך. יעדער איינציגער האָט זיך געקוויקט מיט זיי. און דער וואונדער איז, וואָס די

אַמאָליגע אידען האָבען געגעסען שווערע אכילות און דאָך זיינען זיי צו אַכציג יאָהר פאָלשטענדיג געזונט געווען. די היינטיגע זאָגענאַנטע פריי־דענקער און מחללי שבת מוזען שוין האָבען פרישע מאכלים, אפילו שבת ווערט געקאָכט, ווייל נעכטיגע געקאָכטע איז פאַר זיי סם המות, און פונדעסטוועגען, ווען זיי זיינען נאָך יונג, ליידען זיי שוין פון מאָגען־קראַנקהייטען, און יעדער איינציגער טראָגט זיך אַרום מיט אַ דייעט פון אַ דאָקטאָר, וואָס מען זאָל עסען און וואָס מען זאָל ניט עסען. ר"א בשם ר' יוסי אמר מפני איסטניסים ברכו במטעמים (ב"ר פ' י"א) — גאָט האָט געבענשט די שבת'דיגע מאכלים, אַז קיינעם זאָל ניט שאַדען, אפילו די יעניגע, וועלכע עסען אַ גאַנצע וואָך איידעלע זאַכען און קענען ניט פאַרנעמען קיין גראָבע אכילות. און דאָס איז אויך דער געדאַנק פון דער נשמה יתירה, וואָס רבי שמעון בן לקיש זאָגט. נשמה יתירה נותן הקב"ה באדם ערב שבת ולמוצאי שבת נוטלין אותה הימנו (ביצה ט"ז) — אַן עקסטרא נשמה גיט גאָט אין דעם מענשען יעדען ערב שבת און מוצאי שבת נעמט מען זי פון איהם צוריק. רוחב לב למנוחה ולשמחה ולהיות פתוח לרוחה ויאכל וישתה ואין נפשו קצה עליו (רש"י שם). די באַדייטונג פון דער נשמה יתירה איז, וואָס שבת קריגט יעדער איד דעם ריכטיגען הרחבת הדעת פאַר רוהע און פרייד; און דער איד עסט גאַנץ גרויסע מאָלצייטען און אויך שווערע עסענס, און אַלעס ווערט גוט פאַר־דייעט, מיט דער גרעסטער הנאה...

אין אַמעריקא האָבען מיר פאַרלאָרען דעם גאַנצען ענין שבת און זיין הייליגקייט. דער שבת ווערט געטראָטען מיט די פיס אין הויז און אין גאַס און אויך אין געשעפט. איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס די שבת'־דיגע מאכלים האָבען אויך פאַרלאָרען זייער געשמאַק. רבינו עשה סעודה לאנטונינוס בשבת הביא לפניו תבשילין של צונן אכל מהם וערב לו, עשה לו סעודה בחול הביא לפניו תבשילין רותחין, א"ל אותן ערבו לי יותר מאלו, א"ל תבלין אחד הן חסרין א"ל וכי יש קלרין של מלך חסר כלום? — רבינו הקדוש האָט געמאַכט אַ סעודה צו דעם קייזער אַנטו־נינוס אין דעם טאָג פון שבת, און מען האָט דערלאַנגט אַלע מאכלים קאַלטע, נעכטיגע געקאָכטע. און אַנטונינוס האָט באמת הנאה געהאַט פון זיי. אַ צווייטען מאָל האָט רבי געמאַכט אַ סעודה פאַר אַנטונינוס'ן אין מיטען וואָך, און דאַן זיינען די מאכלים געווען פריש געקאָכטע און גאַנץ הייס. האָט אַנטונינוס געזאָגט צו רבי: פון די שבת'דיגע קאַלטע

מאכלים האָב איך מעהר הנאה געהאַט ווי פון די היינטיגע פרישע, ווארימע עסענס. האָט איהם רבי געענטפערט, אז עס פעהלט אין דעם געקעכץ אַ געוויסער געווירץ, וואָס גיט אריין דעם גאַנצען געשמאַק אין דעם עסען. און אַנטונינוס האָט געפרעגט מיט וואונדער: צי דען פעהלט אין דעם קייזער'ס אוצר פון פאַרשיידענע געווירצען און בשמים? א"ל שבת הן חסרין אית לך שבת? — האָט רבי צוריק געענטפערט: צי ווייסט אַנטונינוס, וואָס עס פעהלט אין דעם עסען — עס פעהלט דער שבת... האָסטו דען אַזא טאָג ווי שבת? און ווי באַלד דער שבת און זיין הייליגקייט איז ניטאָ, האָבען די שבת'דיגע מאכלים פאַרלאָרען זייער געשמאַק...

דער שבת איז געווען דער גן עדן טאָג פאַר דעם אידישען פאָלק. אינ'ם דאָזיגען טאָג זיינען מיר געוואָרען דער עם סגולה און אויך דער עם הקדוש. אין שבת האָט מען געקענט דערקענען די הויכע אייגענשאַפטען פון אונזער פאָלק. ויניחהו בגן עדן (ב"ר פ"ב ט"ו) נתן לו מצות שבת כמה דאת אמר (שמות כ') וינח ביום השביעי לעבדה — ששת ימים תעבוד, ולשמרה — שמור את יום השבת לקדשו (ב"ר ט"ז ה'). אָדם הראשונ'ס גן עדן איז געווען דאָס, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען דעם שבת אויסצורוהען זיך פון די זעקס טעג אַרבייט און פאַרברענגען דעם טאָג אין פאַרגעניגען. אָבער אָדם האָט זיין גן עדן אַליין צובראָכען און איז פון דעם גן עדן פאַרטריבען געוואָרען.

די אַמעריקאַנער אידען האָבען צושטערט זייער אייגענעם שעהנעם גן עדן — דעם טאָג פון שבת. וואָס וואָלט אונז געפעהלט אין דעם דאָזיגען גאָט-געבענשטען לאַנד, אַמעריקא, וואו מיר זיינען אנערקענט פאַר פאָלשטענדיגע בירגער מיט אַלעמען צוגלייך, וואו פילע פון אונזערע אחינו בני ישראל לעבען אין לוקסוס און אין רייכטום, ווען ניט דער שרעקליכער חלול שבת, וואָס הערשט דאָ אַזוי חוצפה'דיג? דער חלול שבת האָט געמאַכט פון אונזערע קינדער גאַנצע גוים; האָט זיי דער-ווייטערט פון אונזערע שוהלען, און זיי האָבען קיינמאָל קיין געלעגענ-הייט צו הערען אַ אידיש וואָרט. וואָס העלפט דאָס שיקען אונזערע קינדער אין תלמוד תורה'ס און זיי לערנען דאָרטען דעם ושמרו בני ישראל את השבת און אויך דעם מחלליה מות יומת, אַז די קינדער, קומענדיג אַהיים, זעהען זיי ווי זייערע עלטערען זעלבסט מאַכען דעם שבת אַזוי ביליג! ווען קיין שבת איז ניטאָ, איז דאָך גאַר ניטאָ. שקולה

שבת כנגד כל התורה כולה — דער שבת איז די נשמה פון אַלע מצות פון דער תורה. און דער איד, וואָס היט שבת, דער יעניגער היט אַלע געבאָטען פון דער תורה. דער איד אָבער, וואָס איז מחלל שבת, ביי איהם האָבען דאָך שוין ניט קיין באַטרעף אַלע מצות פון דער תורה...

וואָס לאָזט זיך אויס פון דעם אַלעמען? — קיין אמת'ן נחת פון קינדער האָט דאָ כמעט קיינער ניט, און עס פעהלט דאָ דער אמת'ער הרחבת הדעת פון דער אַלטער היים; עס איז ניטאָ ביי קיינעם די אמת'ע צופרידענהייט פונ'ם לעבען. עפּעס נאָגט אין דער טיפעניש פון דער נשמה. און צו דעם אַלעמען העלפען ניט די שעהנע רומס און אויך ניט דער רייכטום, וואָס מען באַזיצט. און אפילו די רייכע מאַשין און אַלערליי אַנדערע פאַרשיידענע לוקסוסען פון לעבען קענען ניט ממלא זיין דעם חסרון פון דער נשמה און גייסט. ר' יוחנן בשם ר' יוסי בר חלפתא אָמר אברהם שאין כתוב בו שמירת שבת — מיר געפינען ניט אויסדריקליך, אַז אין די פלעצער, וואו אברהם איז געקומען, זאָל ער איינפיהרען דעם טאָג פון שבת, נאָר אברהם זעלבסט האָט איהם אָפּ־געהיט. וואָס טויג אָבער, אַז מען איז פאַר זיך אַ שומר שבת, ווען די גאַס און דער לעבען אַרום איז פאַרטרונקען אין חלול שבת. ירש את העולם במדה שנא' קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה — מעג דאָס זיין אַ לאַנד, וואו מיר מעגען זיך באַוועגען אין דער לענג און אין דער ברייט און האַנדלען מיט וואָס מען וויל, און ערציהען די קינדער ווי מען וויל, אָבער די עראָבערונג פון דעם לאַנד איז מיט אַ מאָס, מיט אַ גרעניץ — עס איז ניטאָ דער אמת'ער פאַרגעניגען פון לעבען... אבל יעקב שכתוב בו שמירת שבת—יעקב, ווען ער איז געקומען אין דער שטאָט שכם, אינ'ם לאַנד פון כנען, אויסער וואָס ער האָט דאָרט איינגעפירט די גרעסטע אינ־דוסטריעס, ויחן את פני העיר (בראשית ל"ד י"ח) אמר רב מטבע תיקן להם ושמואל אָמר שוקים תיקן להם ור' יוחנן אָמר מרחצאות תיקן להם (שבת ל"ג) — יעקב, וואו ער קומט, ברענגט ער מזל־ברכה, ער שאַפט פאַר דער וועלט באַנקירען, וואו דער צירקולייטשאַן פון געלט אַרבייט אויסגעצייר־כענט, ער שאַפט פאַר אַלע פראָדוקטען־מערק, אויך שאַפט ער אַלערליי פאַרגעניגען פלעצער. אָבער אין דער זעלבער צייט זעהט איין יעקב, אַז אָהן דעם שבת איז אַלעס גאָר ניט ווערט, דער לעבען איז פוסט און האָט ניט קיין אינהאַלט. און דערום זעהט יעקב איינצופלאַנצען אין דעם נייעם פּלאַץ גלייך ביי זיין אַריינקומען דאָס אָפּהיטען פון שבת. ויחן את

פני העיר נכנס עם דמדומי חמה וקבע תחומין מבעוד יום—ער איז אריין אין דער שטאָט שכם ערב שבת, ווען די זון האָט נאָך געשיינט, און האָט נאָך אויך צייט געהאַט איינצופיהרען ערובי תחומין. ער האָט מיט דעם געלערענט די איינוואוינער פון שכם אָנצונעהמען דעם שבת פאַר פריה, און קיין זאַך האָט איהם ניט פאַרפיהרט, אז ער זאָל דעם שבת ניט היטען. ירש את העולם שלא במדה, שנא׳ והיה זרעך כעפר הארץ — אָט דער דאָזיגער יעקב ירש׳נט די וועלט אומבאַגרענעצט, און זיינע קינדער מעה־רען זיך און לעבען אינ׳ם גייסט פון די עלטערען. און אַזא לעבען איז דאָס העכסטע, וואָס אַ מענש קען זיך פאָרשטעלען; און דער לעבען איז פאַר איהם דעמאָלט אַ גן עדן. און אַזא מענש ירש׳נט די וועלט אָהן אַ מאָס און אָהן אַ שיעור...

שבת, גאָט און איד מוזען זיין פאַראייניגט. ווארפט מען שבת אַרויס פון דעם חוט המשולש, דאַן דערוויטערט זיך פון אונז גאָט, און דאָס אידישע פאָלק שטעהט אין אַ סכנה פון אונטערגאַנג.

# סליחות

אמר ר׳ אלעזר רצונך לידע כחה של תפלה, אם אינה עושה כולה חציה היא עושה... מיד מצא חסד לפני הקב״ה ונמנע ממנו חצי הגזירה.

(מדרש רבה, נצבים).

שבת אווענד נאך האלבער נאכט, ווען די קינדער פון אלע פעלקער שלאפען גאנץ רוהיג און צופרידען, שטעהען די קינדער פון ישראל אין די שוהלען און קלאפען מיט זייערע קולות אין די הימלישע טויערען. זייערע הערצער זיינען צובראכען, די קערפער געבויגען און די אויגען פארגאסען פון טרעהרען.

די אידען גיבען צו, אז זיי זיינען באנקראט אויף׳ן געביט פונ׳ם גייסטיגען לעבען: „כדלים וכרשים דפקנו דלתיך" — ווי ארימעלייט און אביונים קלאפען מיר אין גאט׳ס טירען. מיר זיינען ניט בכח צו באצאהלען די הימעלשע שולדען. מיר קענען אפילו ניט פארשלאגען א סעטעלמענט פון פופציג פראצענט, ווי עס פיהרט זיך אין דער געשעפטס-וועלט. איז דאס בעסטע פאר אונז צו זאגען גאנץ אפען: „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים" — דו, גאט, ביסט גערעכט, און פאר אונז בלייבט איבער זיך צו שעהמען... „הבט נא אל התלאות ואל לחטאות"— אונזער איינציגע פארענטפערונג איז, אז אין דעם אלעם איז שולדיג דער גלות, וועלכער האט אונז געבראכט צו פארשיידענע שווערע אומשטענדען און האט געווירקט, אז מיר זאלען פארלאזען די וועגען פון תורה. ווענדען מיר אונזערע בליקען צום הימעל און מיר זאגען צום אלמעכטיגען גאט: „קוק ארונטער אויף די אומשטענדען אונטער וועלכע מיר לעבען; זעה ווי דיין אתה-בחרתנו-פאלק ווערט געפייניגט און געמאטערט; דאן וועסטו זיך שוין ממילא אויף זייערע עבירות ניט אומקוקען!"

„הנשמה לך והגוף פעלך חוסה על עמלך"—דער קערפער, דער חומר, איז געשאפען געווארען פון ערד, און דעריבער ציהט דעם קערפער צו אלץ, וואס איז אירדיש, גראב און זינדיג; די נשמה אבער קומט ארונטער פון די הימלען, זי איז די גרויסע יחסנ׳טע, ווייל זי איז א טייל פון דער געטליכקייט, און דערפאר ציהט איהר צו אלץ, וואס הייליג איז, צו אלץ, וואס איז נאבעל און שעהן!

נשמה און גוף — די דאָזיגע צוויי קאָנטראַסטען פון הימלישעם און אירדישעם — זיינען פאַראייניגט געוואָרען דורך דעם אַלמעכטיגען גאָט; און אַ שטענדיגער קאַמף געהט אָן צווישען דעם יצר הרע, וועלכער פאַר־טרעט דעם גוף און זיינע תאוות, מיט׳ן יצר טוב, וועלכער פאַרטרעט די נשמה און איהר הייליגקייט, מיט דעם באַגעהר צו טאָן נאָר גוטעס. מעהרסטענטייל, אָבער, זיגט דאָס אירדישע — דער גוף. דער יצר הרע באַקעמפט דעם יצר טוב און באַזיגט איהם דורך די שאַרפע געוועהר פון אַלערליי תאוות, וואָס הערשען אויף דער וועלט.

ווען עס קומען אָן די ימים נוראים, און מיר ווערען גע׳משפט צו לעבען און טויט, טענה׳ן מיר אָבער צום רבונו־של־עולם: „הנשמה לך והגוף פעלך״ — דאָס, וואָס די נשמה מיט דעם קערפער זיינען פאַראיי־ניגט געוואָרען, איז דאָך דיין אַרבייט, דו ביסט דאָך געוועזען דער וועלט־שדכן, דו האָסט זיי דאָך פאַראייניגט און פאַרקניפּט; און יעצט, אַז דער שידוך איז ניט געראָטען, און דער חתן, דער גוף, האָט פאַרפיהרט די טאָכטער, די נשמה, — ווילסטו זיי יעצט פאַנאַנדעררייסען? „חוסה על עמלך!״ — האָב רחמנות, אַלמעכטיגער גאָט, אויף דיין מיה, וואָס דו האָסט זיך אַזוי פיל משתדל געוועזען ביי זייער פאַראייניגונג; לאָז זיי לעבען צוזאַמען פאַר יאָהרען און יאָהרען, אפשר וועט דאָך מיט דער צייט דאָס הימלישע—די נשמה—גובר זיין דאָס אירדישע—דעם גוף.

און אַז די ענדגילטיגע צייט וועט קומען, און ביידע וועלען איינ־שטימיג באַשליסען זיך פאַנאַנדערצושיידען, דאַן וועט דאָך ממילא אַלץ זיין דיינע: „הנשמה לך והגוף שלך״ און דאַרום — „ה׳ עשה למען שמך״ — גאָט, טו פון דיין גרויסען נאָמען וועגען און שייד זיי ניט פאַנאַנדער פאַר דער צייט.

איינע פון די זאַכען, וואָס רייסען פאַנאַנדער דעם בייזען גזר־דין, איז תפלה; און דערפאַר קומען מיר זיך צוזאַמען האַלבע נאַכט אין שוהל אַריין און מיר זאָגען פאַרשיידענע תפלות. דאָס זעלבע טוען מיר אַלע פאַרטאָג ביז נאָך יום כפור, ווייל ווי זינדיג אַ מענש זאָל ניט זיין — תפלה העלפט איהם, ווען נאָר זי קומט פון דער טיפעניש פון זיין הארצען, באַגלייט מיט אמת׳ער חרטה. און דאָס לערענט אונז ר׳ אלעזר: „רצונך לידע כחה של תפלה, אם אינה עושה כולה חציה היא עושה״ — ווילסטו וויסען די קראַפט פון תפלה: אויב זי העלפט ניט אינגאַנצען, טוט זי אָבער אויף אַ העלפט. „קין עמד על הבל אחיו והרגו, יצאה גזירה נע ונד

תהיה בארץ" — אַט האָט קין באַגאַנגען אַ שרעקליך פאַרברעכען, ער האָט זיין אייגענעם ברודער, הבל, דער׳הרג׳עט, און פאַר דעם האָט ער גאָט׳ס קללה באַקומען, צו ווערען פאַרטריבען און פאַרוואָגעלט איבער דער וועלט; ער זאָל זיך שטענדיג אין אַ פרעמד לאַנד געפינען און אויך דאָרטען קיין מנוחה ניט האָבען...

„מיד עמד ונתודה לפני הקב"ה, שנאמר „גדול עוני מנשוא" אמר לפניו, רבוש"ע, כל העולם אתה סובל ולעוני אי אתה סובל. כתבת (מיכה ז׳) „נושא עון ועובר על פשע", סלח לעוני שהוא גדול".

קין האָט אָבער קיין צייט ניט פאַרלאָרען, און גלייך ווי ער האָט דעם גרויסען פאַרברעכען באַגאַנגען, האָט ער זיך מתודה געווען פאַר גאָט און האָט אויסגעשריען: „גדול עוני מנשוא". ער האָט גלייך באַגריפען, ווי ווייט זיין פאַרברעכען איז גרויס, און איז דאַן געקומען מיט דער טענה: „דו גרויסער גאָט, דו האָסט דאָך געדולד צו פיהרען די וועלט, שוין־זשע האָסטו ניט קיין געדולד צו פאַרטראָגען מיין עבירה?... מען זאָגט דאָך אויף דיר, אַז דו ביסט דער „נושא עון ועובר על פשע!" ...

„מיד מצא חסד לפני הקב"ה ונמנע ממנו נע, חצי הגזירה, שכן כתיב (בראשית ד׳) וישב בארץ נוד. מכאן אתה למד שגדולה התפלה לפני הקב"ה" (מדרש רבה, נצבים, א׳) — ווי נאָר קין האָט באַגריפען זיין גרויסען פאַרברעכען, וואָס ער איז באַגאַנגען, און האָט מיט אַן אמת׳ער חרטה ביי גאָט מחילה געבעטען, האָט מען פון איהם העלפט פון זיין שטראָף אָרונטערגענומען, און ער איז געבליבען זיצען אויף איין אָרט, אין דעם לאַנד פון נוד. ער איז געווען אין דער בחינה פון „נד", פאַרוואָרפען אין אַ פרעמד לאַנד, אָבער ער איז אין דעם לאַנד גופא ניט געווען קיין „נע" — אַ הפקר־זאַך פאַר אַלעמען. ער האָט אין דעם פרעמדען לאַנד מנוחה געפונען.

עס ווייזט אויס, אַז דאָס אידישע פאָלק באַגרייפט נאָך עד היום ניט די גרויסע זינד, וואָס אונזערע עלטערען זיינען באַגאַנגען מיט פילע הונדערטער יאָהרען צוריק, ווען זיי זיינען געזעסען אין ארץ ישראל, ווייל דאָרטען האָט אויך געהערשט אַ ברודער־פיינדשאַפט, און די בייזע מדה פון שנאת חנם האָט געהערשט אין איהר פולער מאַכט, וואָס צוליב דעם ליגט נאָך עד היום אויף אונז גאָט׳ס קללה פון „נע ונד תהיה בארץ" — צוליב דעם זיינען מיר נאָך היינטיגען טאָג פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער, און אין די דאָזיגע לענדער האָבען מיר אויך קיין מנוחה ניט

געפונען, און אין די מעהרסטע לענדער איז אונזער לעבען הפקר אויך אין דעם יעצטיגען מאָמענט. אין דער צייט, ווען דער מענש באַהערשט די לופט, ווען די וועלט פראַגרעסירט אויף אַלע געביטען פון טעכניק, איז די שנאה צום אידישען פאָלק פאַרבליבען, ווי אַמאָל.

די אורזאַך פון דעם אַלעמען איז, וואָס מיר האָבען ניט קיין מוט אויסצושרייען, ווי קין אין זיין צייט: „גדול עוני מנשוא". מיר באַגרייפען ניט ביז צום היינטיגען טאָג דעם גרויסען פאַרברעכען פון ברודער-שנאה און צו וואָס פיינדשאַפט קען ברענגען. ביז צום היינטיגען טאָג ליידען מיר פון דערזעלבער מחלה — מיר זיינען צוטיילט און צוברעקעלט אין פאַרטייען, אין קלייזלאַך; און שנאת חנם הערשט פון איין קלאַס אידען צום צווייטען.

די תפלה פון „ויעשו כלם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם" איז די האַרצרייסענדסטע. מיר דאַרפען זיך אַלע פאַראייניגען און אָנפאַנגען פיהרען אַן עכט-אידישען לעבען, אַוועקוואַרפען אַלע רעפאָרם-באַוועגונגען, וועלכע ברענגען נאָך מעהר צושפליטערונג אין דער אידישער גאַס. זאָל פאַר אונז אַלעמען זיין איין גאָט, איין תורה און דיזעלבע מנהגים!

ווען מיר פאַרשטעהן דעם כח פון תפלה און באַגרייפען וואָס אייגענטליך מיינט אמת'ע תשובה — אומקעהרען זיך צוריק צו אונזער גאָט, צוריק צו אונזער פאָלק, דאַן וועט געוויס דער רבונו-של-עולם אַראָפּנעהמען לכל-הפחות אַ העלפט פון זיין קללה, און מיר וועלען כאָטש געפינען מנוחה אין די גלות-לענדער, ביז וואַנען די גרויסע שעה וועט שלאָגען, ווען כביכול וועט זיך אָן אונז דערמאָנען און אונז צוריקקעהרען צו אונזער לאַנד, ארץ-ישראל!

# כנור של דוד

## סליחות

א״ר שמעון חסידא כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד כיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו והיה מנגן מאליו. מיד היה דוד עומד ועוסק בתורה עד שעלה עמוד השחר.

(ברכות ג׳, וסנהדרין ט״ז)

די פידעל איז דער אינסטרומענט, וואָס וועקט די מענשליכע האַרץ און נשמה, און אויב די פידעל געפינט זיך אין דער האַנד פון אַ קינסטלער, וואָס ווייסט ווי אַזוי אַרויסצוברענגען די וואונדערבאַרע טע־נער פון די סטרונעס, דאַן האָט די פידעל דעם כח אויפצוהויבן די מענשליכע נשמה און געפיהלען צו הימלישע וועלטען.

„ורוח ה׳ סרה מעם שאול ובעתתו רוח רעה מאת ה׳״ (שמואל א׳, ט״ז י״ד), ווען גאָט׳ס גייסט טוט זיך אָפּ פון שאול׳ן און עס שרעקען איהם אַלע שלעכטע גייסטער, און שאול געהט אַרום צוטראָגען און זיינע גע־דאַנקען זיינען צומישט, איז די איינציגע זאַך, וואָס האָט באַרוהיגט זיין שווער געמיט און געבראַכט פרייד אין שאול׳ס לעבען, געוועזען די פידעל. „והיה בהיות רוח אלקים אל שאול, ולקח דוד את הכנור ונגן בידו, ורוח לשאול וטוב לו, וסרה מעליו רוח הרעה״ (שם) — ווי נאָר דער קליינער דוד׳ל האָט גענומען זיין פידעל און האָט אָנגעפאַנגען אויסשפּילען וואונ־דערבאַרע מעלאָדיען, איז באַלד שאול׳ן לייכטער געוואָרען, און אַלע שלעכטע געדאַנקען און אַנגסטען זיינען פון איהם אָפּגעטראָטען.

איוב קלאָגט זיך, אַז אַזוי ווייט איז אויף איהם אויסגעגאָסען געוואָ־רען גאָט׳ס צאָרן, אַז „ויהי לאבל כנורי ועגבי לקול בכים״ (איוב ל׳) — זיין פידעל און אָרגעל זיינען ניט בכח איהם אויפצומונטערען און אַריינ־ברענגען טרייסט און פרייד אין זיין אומגליקליכען לעבען. די אַלע מיזיקאַלישע אינסטרומענטען האָבען זיך ביי איהם פאַרוואַנדעלט אין טרויער און יאָמער.

„א״ר שמעון חסידא, כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד״ — ר׳ שמעון חסידא זאָגט, אַז די פידעל, וואָס וועקט דאָס מענשליכע האַרץ

צו אַלץ, וואָס איז נאָבעל און געטליך, הענגט דעם גאַנצען יאָהר גאַנץ הויך איבער דעם אַלגעמיינעם דוד׳ס בעט. מען הערט פון איהר ניט די שעהנע און נאָבעלע טענער. אַ גאַנץ יאָהר איז דעם אַלגעמיינעם דוד׳ס האַרץ איינגעשלאָפען, זיינע סטרונעס וועקען איהם ניט צו זיין גוט און פרום, צו פאַרטראַכטען און פאַרטיפען זיך אין דעם צוועק פון לעבען. „כיון שהגיע חצות לילה״, ווען עס קומט אָבער נאָך האַלבע נאַכט, ווען מען זאָגט סליחות, „רוח צפונית מנשבת בו והיה מנגן מאליו״, דאַן ערוואַכט דער באַהאַלטענער איינגעשלאָפענער גייסט אין דעם אַלגעמיינעם דוד׳ן, די האַרץ-סטרונעס שפּילען פון זיך אַליין געטליכע געזאַנגען, און אַ געפיהל פון חרטה נאָגט אין דער טיפעניש פון דער נשמה, באַזינענדיג זיך, אַז נאָך אַ יאָהר פון זיין לעבען איז פאַרשוואונדען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַז דער יאָהר איז אַוועק לבטלה אין אַלע פּוסטע תאוות... „מיד היה עומד ועוסק בתורה״ — און דוד ערוואַכט פון זיין לעטאַרגישען שלאָף און נעהמט זיך פלייסיג צו מצוות ומעשים טובים: גיט צדקה, לערענט תורה און דאַווענט מיט גרוים התלהבות „עד שעלה עמוד השחר״ (ברכות ג׳ וסנה׳ ט״ז). אָבער דאָס האַלט אָן ניט מעהר ווי אין די תשובה-טעג פון ראש-השנה און יום-כפור. אָבער ווי נאָר דער מאָרגענשטערען געהט אויף, באַלד צומאָרגענס נאָך יום-כפור, אַזוי געהט צוריק דער אַלגעמיינער דוד צו זיינע אַלטע געוואוינהייטען און הענגט אויף צוריק זיין האַרץ-פידעלע, ווייט-ווייט איבער זיין בעט, טוט דיזעלבע נאַרישקייטען וואָס פריהער און לאָזט זיך פיהרען פון די תאוות פון זיין האַרץ.

אַזוי געהען אַוועק די מענשליכע יאָהרען אין אויפכאַפּען זיך און אין צוריק איינשלאָפען, ביז וואַנען די הויכע עלטער קומט אָן, און דאַן האָט מען שוין קיין כח ניט איבערצו׳חזר׳ן די נאַרישקייטען און איבער געוואַלד ווערט מען אַן אמת׳ער בעל-תשובה...

# שירה בראש השנה

## לראש השנה

אמר ר׳ אבהו, אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, מפני מה אין ישראל אומרין שירה לפניך בר״ה וביוה״כ? אמר להם, אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה?
(ר״ה, ל״ב).

אלע פעלקער פון דער וועלט פייערען זייער ניי-יאָהר מיט יובעל און פרייד. אלע האָטעלען, קאַבאַרעטען און אַמוזירונגס-פּלעצער זיינען אָנגעפּילט מיט לוסטיגע און פרעהליכע מענשען. פאַרשיידענע געטראַנקען, שנאַפּסען און שאַמפּאַניער גיסען זיך ווי וואַסער. דער אי-בערגאַנג פון אַלטען צום נייעם יאָהר ווערט געפייערט מיט הילכענדע און גליקליכע אויסגעשרייען.

דאָס איינציגע פאָלק, וואָס נעהמט אויף דאָס נייע יאָהר מיט טרויער און געוויין, איז דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס פאַרברענגט דעם לעצטען מאָנאַט פון יאָהר — דעם חודש אלול — אין שופר-בלאָזען, אין תהלים-זאָגען און מיט חשבון-הנפש זיך אָפּגעבען. אין די טעג פון ראש-השנה פאַרברענגען די אידען אין די שוהלען; זייערע תפלות ותחנונים דער-גרייכען די הימלען. אַלע געהען אום פאַרזאָרגט און פאַרכמורעט, ווי אין טרויער; מען שרעקט זיך פאַר דעם קומענדען גאַסט — פאַר דאָס נייע יאָהר: ווער ווייסט, וואָס עס קען ברענגען מיט זיך — גליק אָדער ח״ו אומגליק; פרייד אָדער ר״ל טרויער; רייכטום אָדער אָרימקייט; געזונד אָדער, חלילה, קראַנקהייט...

אמר ר׳ אבהו, אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, מפני מה אין ישראל אומרין שירה לפניך בר״ל ויו״כ? — די ממלאכים האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַרוואָס זיינען אידען אַנדערש מיט זייער פייערונג פונ׳ם נייעם יאָהר פון אַנדערע פעלקער. און די מלאכים פרעגען דעם אַל-מעכטיגען גאָט: פאַרוואָס זאָגען ניט די אידען שירה — זייער ליבען, פרעהליכען הלל? ווארום זינגט ניט דאָס אידישע פאָלק מיט אַלע פעל-קער צוגלייך? צו וואָס טרויערען זיי אַזוי פיל, אַז אַנשטאָט דעם פרעה-ליכען הלל, זאָגען זיי גאָר דעם האַרץ-רייסענדען „ונתנה תוקף״, אין

וועלכען זיי באגעגענען זיך מיט דעם מי ימות, מי באש, מי בחניקה ומי יעני?...

דער אלמעכטיגער גאט ענטפערט זיי: „אפשר מלך יושב על כסא דין" — ווי קענען מיינע קינדער זאגען שירה צום נייעם יאהר; ווי קענען זיי זאגען דעם פרעהליכען הלל אדער פארברענגען אין אלגעמיין מיט אלע פעלקער צוגלייך אין וואוילטאג און אין לוקסוס אין דער צייט, ווען איך, דער הערשער פון דער וועלט, זיץ אויף דעם כסא דין און משפט מיין פאלק מיט פארשיידענע ענוים און יסורים?!

„וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו" — עס איז אפען ניט איין „ספר החיים" פאר אלע אידען צוגלייך, נאר יעדעם לאנד, וואוהין דאס אידישע פאלק איז פארוואָרפען, האט זיך זיין אייגענעם „ספר החיים": דאס אמעריקאנישע אידענטום האט זיך אן אייגענעם „ספר החיים". דער קערפער איז דא ב"ה גאנץ. דערפאר ליידט דא שרעקליך די נשמה. דאס אידענטום געהט דא אוים פון כחות צוליב אסימילאציע און כפירה! רוסלאנד האט זיך איהר „ספר החיים"; דארטען ווערען ביידע, סיי דער גוף און סיי די נשמה, פארצעהרט — דער גוף איז רואי־נירט פון די שרעקליכע עקאנאמישע אומשטענדען און די נשמה ווערט געפייניגט פון די אידישע יעווסעקען. פוילען און רומעניען האבען זיך זייערע אייגענע ספרי חיים. די נשמה איז דארטען נאך גאנץ, אבער דער גוף ווערט שרעקליך געמאטערט אונטער די שרעקליכע גזירות פון יעדען טאג. אט אזוי האט יעדעם לאנד אן אריגינעלען „ספר החיים", וועלכען זי האט פארפאסט פאר'ן אידישען פאלק...

דער „ספר המתים" איז אויך ניט איינער פאר אלע מענשען... פאר דעם אידישען פאלק זיינען דא באזונדערע ספרי מתים. יעדעם לאנד האט זיך א ספעציעלען ספר המתים, אין וועלכען עס איז פארשריבען מיט וואס פאר א טויט אידען האבען באצאהלט. עס איז דא א ספר המתים פאר אוקראינע, וואו הונדערטער און טויזענדער אידען זיינען אומגעקומען מיט די שרעקליכסטע אינקוויזיציאנס־מיטלען; עס איז דא א ספר המתים אין שפאניען, וואו אידען זיינען לעבעדיגערהייט פארברענט געווארען. אזוי האט זיך יעדעם גלות־לאנד א היסטארישען ספר המתים...

„וישראל אומרים שירה?" — אונטער אזעלכע אומשטענדען ווילט איהר, מלאכים, פארגלייכען די אידען מיט די אומות העולם, להבדיל?

און אייך ווילט זיך, אז אידען זאָלען אויך זינגען שירה און זיין פרעהליך מיט אַלע פעלקער צוגלייך?

אַלע פעלקער מעגען און קענען זאָגען שירה צו זייער ניי-יאָהר, ווייל זיי זיצען זיך אין זייערע אייגענע לענדער, זיי ווערען ניט געצוואונגען צו פאַרלאָזען דאָס פלאַץ, וואו זיי זיינען געבוירען און ערצויגען געוואָרען. זיי זיינען שטענדיג צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליען. זיי דאַרפען ניט, צוליב פרנסה, אַריבערשפּרייזען ימים. מען יאָגט זיי ניט נאָך, ווי מען יאָגט ווילדע חיות. דעריבער, ווען דער אַלטער יאָהר געהט אוועק, באַגלייטען זיי איהם מיט פרייד און מיט מאַלצייטען, ווייל זיי האָבען צו איהם גאָרניט צוגעלייגט און זיי קענען האָפען, אַז דאָס נייע יאָהר וועט זיי ברענגען דעמזעלבען גליק.

דאָס אידישע פאָלק זאָגט אָבער: „איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת נכר?" — ווי קען איך זינגען גאָט׳ס געזאַנג אויף פרעמדער ערד? וואַרט נאָר! איך וועל צוריק קומען אין מיין לאַנד, איך וועל צוריק אויפלעבען אַלס פאָלק מיט מיין תורה און שפּראַך, דאַן וועל איך אויך פייערען מיין ניי-יאָהר מיט פרייד, ווי איך האָב איהם אַמאָל געפייערט, ווען איך בין אויף מיין לאַנד געזעסען, אויף וואָס אונזערע חכמי התלמוד זאָגען עדות, אַז „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיוה"כ" — עס זיינען ניט געווען אַזעלכע פרעהליכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און אויך יום כפור. אין זיי איז ארויסגעקומען די יוגענד אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, זיך צונויפגעזאַמעלט אין די פאַרשיידענע וויינגערטנער, וואו שידוכים זיינען געשלאָסען געוואָרען און וואו דאָס פאָלק האָט זיך פרעהליך געפיהלט און אנגענעהם פאַרבראַכט.

אָבער אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען נאָך אַ גלות-פאָלק, מוזען מיר פייערען אונזער ראש-השנה און אונזער יום-כפור מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, און מיר מוזען מאַכען יאָהר-איין יאָהר-אויס אַ חשבון-הנפש: חרטה האָבען אויף די שלעכטע טהאַטען וואָס זיינען געטאָן געוואָרען אין פאַרגאַנגענעם יאָהר און נעהמען אויף זיך אַ חוב צו זיין גוט און פרום דעם קומענדען יאָהר...

# השופר והעקדה

## לראש השנה

אמר לו הקב"ה אתה אמרת את שלך ואומר אני את שלי: עתידין בניו של יצחק לחטוא לפני ואני דן אותם בר"ה, אלא אם מבקשין שאחפש להן זכות, ואזכור להן עקידת יצחק יהיו תוקעין לפני בשופר של זה... נאחז בסבך בקרניו. א"ל הקב"ה יהיו תוקעין לפני בקרן איל ואושיעם ואפדם מעונותיהם... ואשבור עול מלכיות מעליהן ואנחם אותם בתוך ציון שנאמר כי נחם ד' ציון וגומ'.

(מדרש תנחומא, סוף וירא).

איינע פון די הויפט-זאכען אין דער פייערונג פון דעם אידישען נײ-יאָהר איז — דער שופר, דאָס איז דער אַלטער ספּעציעלער אידישער אינסטרומענט, וואָס מאַכט אויפציטערען אַלע הערצער. דער נביא עמוס (ג' ו') שרייט אוים: „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו!“ —קען דאָס זיין, אַז מען בלאָזט שופר אין שטאָדט, און דאָס פאָלק זאָל זיך ניט שרעקען?

דאָס אידישע האַרץ ווערט אויפגעציטערט ניט פון די וואונדערבאַרע טענער, וואָס דער שופר ברענגט אַרוים, און אויך ניט פון דער קונסט, וואָס דער אַלט-מאָדישער בעל-תוקע באַווייזט. דער שופר קען זיך ניט פאַרגלייכען אין מתיקות מיט דער פידעל, מיט דעם קלאַרנעט, מיט דער פּיאַנאָ און אפילו ניט מיט דעם אָרגעל, און אפילו דער בעסטער בעל-תוקע קען זיך נישט פאַרהערען מיט די היינטיגע גרויסע מוזיקאַלישע קינסטלער. אָבער די קראַפט פון דעם שופר, וואָס מאַכט אויפציטערען אידישע הערצער, — ליגט אין דעם שופר'ס קאָלאָסאַל-ריזיגע פאַרגאַנגענהייט, וואָס קיין מוזיקאַלישער אינסטרומענט פאַרמאָגט ניט.

דאָס ערשטע מאָל, ווען אידען האָבען געהערט דעם קול-השופר, איז געוועזען ביים באַרג סיני, אין דער צייט, ווען גאָט ב"ה האָט צו אידען די תורה געגעבען. און שוין דאָן דערצעהלט אונזער תורה: „וקול שופר חזק מאד, ויחרד כל העם אשר במחנה“ — ווי די אידען האָבען דערהערט דעם שופר-סיגנאַל, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען, פיהלענדיג, אַז די שטימע פון שופר איז דאָס קול פון גאָט.

קומט דער היסטאָרישער יובל, ווען אַלע קנעכט ווערען באַפרייט פון שקלאַפעריי, און ווען פאַרקויפטער באָדען קערט זיך אום צוריק צו זיין ערשטען בעל־הבית, ווען עס ווערט מקוים דער גרויסער אָנזאָג פון „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה“, — דאַן איז דער שופר דער יעניגער, וואָס זאָגט אָן דער וועלט, אַז די פרייהייט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען איז געקומען.

ווען יהושע געהט באַקעמפען די מעכטיגע מלכים אויף זיין וועג קיין ארץ ישראל, ווען ער טרעפט די שטאָדט יריחו פאַרשלאָסען פאַר די אידען, דאַן באַפעהלט איהם גאָט, אַז זיבען כהנים זאָלען טראָגען זיבען שופרות, און ווי די כהנים וועלען בלאָזען מיט זייערע שופרות, זאָל דאָס פאָלק געבען איינעם פון די גרעסטע סיגנאַלען, און די ווענט פון דער שטאָדט וועלען איינפאַלען.

ווען מען זאַלבט שלמה'ן פאַר אַ קייזער און מען פיהרט איהם מיט פאַראַד צו דעם טייך גחון, דאַן בלאָזט מען מיט שופרות, און דאָס פאָלק שרייט: „יחי המלך שלמה!“

אין פריידען און אין ליידען האָט דער שופר געדינט דעם אידישען פאָלק אין זיין פאַרגאַנגענהייט. און אין דער צוקונפט, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערען פון די גלות־לענדער און זיך צוריק באַזעצען אין זיין אַלט־ניי היימלאַנד, ארץ־ישראל, וועט אויך דער שופר זיין דער יעניגער, וואָס וועט געבען די גאולה־סיגנאַלען, אַז „די פאַרלאָרענע אין דעם לאַנד אשור און די פאַרשטויסענע אין דעם לאַנד פון מצרים זאָלען זיך קומען בוקען פאַר גאָט אויפ'ן הייליגען באַרג פון ירושלים...“

רבינו סעדיה גאון רעכענט אוים צעהן וויכטיגע טעמים, וואָרום מען בלאָזט שופר ראש־השנה. דער האַרציגסטער פון זיי איז דער דאָזיגער, וועלכער ערקלעהרט, אַז שופר מוז מען בלאָזען צוליב דעם — און דער שופר מוז זיין פון די הערנער פון אַ באַראַן — כדי דורך דעם צו דערמאָנען די היסטאָרישע עקידה פון יצחק, אַז אַזוי ווי אברהם אבינו האָט פאַרגעסען זיין פאַטערליכע ליבע און האָט איינגעהאַלטען זיין רחמנות פון זיין אייגען קינד, בכדי צו טאָן דעם ווילען פון גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַזוי זאָל גאָט'ס רחמנות צוריק האַלטען זיין כעס פון דעם אידישען פאָלק און באַנעהמען זיך מיט זיי מיט דער מדה פון חסד.

דער גרויסער נסיון, וואָס ביי יצחק'ן איז רעכט געווען צו לאָזן זיך אומברענגען פאַר אַן עולה צו גאָט, איז געקרוינט איבעראַל מיט דעם נאָמען „עקידת יצחק" — די בינדונג פון יצחק — און ניט מיט דעם נאָמען „עולת יצחק".

אייגענטליך איז דאָך דער שעהנסטער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער עקידה, ווען יצחק פרעגט זיין פאָטער אברהם: „הנה האש והעצים ואיה השה לעלה?" — איך זעה פאַר זיך פייער און האָלץ, וואו איז אָבער דער שעפּס פאַר דער עולה? און אברהם ענטפערט: „אלקים יראה לו השה" — גאָט וועט זעהן וועגען דעם שעפּס, און אויב ניט, איז „לעלה בני" — וועט מיין זוהן זיין פאַר דער עולה. און הער־רענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט יצחק זיך ניט אָפּגעשראָקען און איז ניט אַנטלאָפען פון זיין אַלטען פאָטער. פאַרקעהרט: „וילכו שניהם יחדיו" —ביידע זיינען געגאַנגען האַנד־אין־האַנד...

נאָך אַזאַ שילדערונג האָט דאָך דער הויפּט־טראָפּ געדאַרפט געלייגט ווערען אויף די צוויי ווערטער פון „לעלה בני", און מען האָט עס גע־דאַרפט אָנרופען „עולת יצחק" אַנשטאט „עקידת יצחק", וואָס באַצייכענט מעהר ניט ווי בלויז די בינדונג פון יצחק'ן!

„ויבאו אל המקום אשר אָמר לו האלקים ויעקד את יצחק בנו, כשבא לשחוט א"ל אוסרני ידי ורגלי מפני שהנפש חצופה היא וכשאראה את המאכלת שמא אזדעזע ויפסל הקרבן, בבקשה ממך אל תעש בי מום" (שם, במ"ת) — ווען אברהם איז געגאַנגען שעכטען זיין זוהן יצחק, האָט זיך יצחק געבעטען ביי זיין פאָטער: „בינד פעסט מיינע הענד און פיס, ווייל דער נפש אין מענשען איז חוצפה'דיג, און ווי נאָר עס וועט דער־זעהן דעם מעסער, וועט זיך דער גוף אַ צאַפּעל טאָן פון גרויס שרעק, און מיט דעם וועל איך ווערען אַ קרבן פסול."

דאָס אידישע פאָלק אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער מאַכט אויך דורך דעמזעלבען נסיון פון „עקדת יצחק", מען בינדט זיי, די אידען, הענד און פיס. ווילען זיי עטוואָס טאָן מיט זייערע הענד, קומט די מלוכה און זאָגט, אַז דאָס איז אַ אידען ניט ערלויבט. האָבען זיי געוואָלט פאָה־רען אויסער דער טשערטאַ, האָט מען זיי קיין פּאַספּאָרט ניט געגעבען. וויל דער געבונדענער איד אין פוילען, ווען מען לאָזט ניט טאָן קיין מסחר און אויך ניט באַאַרבייטען דעם באָדען מיט זיינע הענד, אַריבער־שפּרייזען דעם גרויסען ים און קומען נאָך אַמעריקא, געפינט ער אויס,

אז מען וויל איהם אין דעם נייעם לאנד ניט האבען — די טויערען זיינען פאר איהם געשלאסען.

איז דאך קיין וואונדער ניט, אויב א איד טוט אמאל א זאך, וואס איז געגען דער תורה, ווייל די גאנצע וועלט איז דאך פאר איהם פאר־באטען, אלע פרנסות זיינען פאר איהם אפגעשלאסען. קומט דעריבער דער איד אין יום הדין און בעט זיך ביי דעם אלמעכטיגען גאט: „ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור“ — די עקידה פון יצחק זאלסטו דער־מאנען צו די קינדער פון היינט, ווייל היינט מאכען מיר אויך דורך די־זעלבע עקידה פון אמאל. און אויב דער גרויסער יצחק האט זיך געבעטען ביי זיין טאטען אברהם, אז ער זאל איהם גוט בינדען, כדי די „נפש חצופה“ זאל איהם אלם קרבן ניט פסל'ען, און יצחק האט זיך געשראקען פאר דער „נפש חצופה“, אז זי זאל איהם ניט אראפפיהרען פון וועג, קומט אויך דאס אידישע פאלק און דערמאנט דעם בורא־עולם די עקדה פון יצחק, אז מיר, קליינע מענשעלעך, וואס מאכען אויך דורך דיזעלבע עקדה, אבער פארמאגען ניט דעם גרויסען גייסט פון א יצחק'ן צו קע־נען באהערשען פאלשטענדיג אין זיך די „נפש חצופה“. אויב מיר קומען פאר דיר איינגעפלעקט אין עברות, דאן זאלסטו זיך, אלמעכטיגער גאט, דערמאנען אן דער עקדה פון יצחק און איינזעהן, אז די „נפש חצופה“ קען אמאל דעם העכסטען מענשען פארפיהרען און פסל'ען איהם אלם קרבן...

„א“ל הקב“ה אתה אמרת את שלך“ — גאט זאגט צו אברהם'ען: דו האסט געזאגט דיין זאך, אז ווען די קינדער פון יצחק'ן וועלען זינדיגען און וועלען זיך געפינען פארוויקעלט אין צרות, זאל איך זיי דערמאנען די עקדה פון יצחק'ן און מיט דעם זיי פארגעבען אויף זייער זינד און זיי אויסלייזען פון די צרות. „ואומר אני את שלי“ — וועל איך זאגען מיינס: „עתידין בניו של יצחק לחטוא לפני ואני דן אותם בר“ה“ — יצחק'ס קינדער וועלען אין דער צוקונפט זינדיגען געגען מיר, און איך וועל זיי משפט'ן אום ראש־השנה. „אלא אם מבקשין שאחפש להן זכות ואזכור להן עקדת יצחק“ — נאר אויב זיי ווילען, אז איך זאל פאר זיי אויסזוכען א זכות און איך זאל זיי דערמאנען די עקדה פון יצחק, „יהיו תוקעין לפני בשופר של איל“ — דאן זאלען זיי בלאזען פאר מיר מיט דעם שופר פון א באראן, „ואושיעם ואפדם מעונותיהם“ — און איך וועל זיי העלפען און זיי אויסלייזען פון זייערע זינד, „ואשבור עול גלות מעליהן

ואנחם אותם בתוך ציון שנא׳ כי נחם ה׳ את ציון״ — ווייל איך ווייס, אַז אין דעם אַלעמען איז שולדיג דער גלות, וועל איך צוברעכען דעם יאָך פון גלות, וואָס ליגט אויף זיי, און איך וועל זיי צוריקברענגען קיין ציון; און דאָרטען וועלען זיי שוין מעהר ניט מורא האָבען פאַר דער „נפש חצופה״ און וועלען דינען גאָט מיט זייער גאַנצען הארצען...

# מי בראש

## לשבת שובה

אחר הדבר הזה לא שב ירבעם מדרכו הרעה, מאי אחר? אמר רבי אבא אחר שתפשו הקב"ה לירבעם בבגדו ואומר לו חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן אמר לו מי בראש? אמר לו בן ישי בראש, אי הכי לא בעינא.
(סנהדרין, ק"ב).

איין טאג פון די עשרת ימי תשובה טראגט אויף זיך דעם נאמען שבת שובה. דער דאזיגער שבת איז איינער פון די שבת-מיוחסים, וואס מיר פארמאגען דורך דעם יאהר, ווי שבת הגדול, שבת חזון, שבת נחמו. יעדערער פון די געהויבענע שבתים האט זיין באדייטונג פאר דעם אידישען פאלק.

שבת הגדול דערמאנט אונז די גלאררייכע פארגאנגענהייט, ווען מיר זיינען פון מצרים ארויס און צובראכען די קייטען פון שקלאפעריי, און די אידען זיינען געווארען א פאלק. שבת חזון איז דער שבת פון דער געגענווארט, וועלכער דערמאנט אונז דעם שרעקליכען חורבן פון אמאל און אויך דעם גלות-לעבען פון היינט. שבת נחמו איז דער שבת פון דער צוקונפט, ווען מיר ווערען געטרייסט, אז א הערליכע צייט ערווארטעט דעם אידישען פאלק אין דעם גרויסען עתיד.

שבת שובה איז געווידמעט פאר דער אידישער נשמה. אין דעם דאזיגען שבת דארף יעדערער האבען א חשבון הנפש, און דער טאג פון שבת איז פאר דעם צוגעפאסט. ווארים אום שבת ווארפען אידען פון זיך אראפ אלע טעגליכע זארגען, אידען זיינען דעמאלט מעהר פארבונדען מיט דעם הימעל ווי מיט דער ערד; די נשמה יתירה רעגירט מאיעסטעטיש איבער דעם מענשליכען קערפער. אט אין אזא הייליגען טאג קען א מענש זיך אויסטאן פון אלע גשמיות און פארטיפען זיך אין די הייליגסטע געדאנקען און אזוי-ארום קומען צו דער העכסטער מדרגה פון תשובה.

די הפטרה איז וואונדערליך אויסגעקליבען געווארען און זי דריקט אוים אממעהרסטען די באדייטונג פון דעם היינטיגען טאג. מען לייענט היינט די ווערטער פון דעם נביא הושע (י"ד), וועלכער רופט און וועקט די אידען פון זיין צייט צו אומקערען זיך צו גאט און צו זיין תורה.

דער נביא הושע, וועלכער איז געווען אין די צייטען פון ירבעם בן יואש, דער קייזער פון ישראל (אין יענע צייטען איז נאָך פאַרבליבען דער געצענדינסט פון דעם ערשטען ירבעם בן נבט, דער ערשטער פון די מלכי ישראל, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם געצענדינסט אינ׳ם אידישען לאַגער) רעדט אין נאָמען פון גאָט און שטורעמט געגען דעם שרעקליכען פאַרברעכען פון געצענדינסט, אַזוי זוייט, אַז ער רופט אָן די אידען „לא עמי״ — דאָס אידישע פאָלק איז ניט מעהר גאָט׳ס פאָלק.

הושע מאָלט די שרעקליכע צוקונפט פון דער הויפּט-שטאָט שמרון, וועלכע איז געווען די „קעפּיטאָל״ פון מלכי ישראל, און פון דאָרטען איז אַרויסגעקומען די שטרויכלונג צו דינען צו קעלבער אנשטאט צו דעם אַלמעכטיגען גאָט. „בחרב יפלו, עלליהם ירטשו, והריותיו יבקעו״ — די דערוואַקסענע מענשען וועלען פאַלען דורך דעם שווערד, די קליינע קינדער וועלען זיין הפקר צו אַלע פאַגראָמשטשיקעס, און זייערע קערפּערס וועלען צושפּאָלטען ווערען; אויך בייכער פון שוואַנגערדיגע פרויען וועלען געעפּענט ווערען...

הושע וואָרענט די אידען פון יהודה, אַז זיי זאָלען ניט געהן אין די וועגען פון שמרון, אַז ניט וועלען זיי האָבען דיזעלבע שטראָף. „שובה ישראל עד ה׳ אלקיך״ — קער זיך אום, ישראל, פון דיינע שלעכטע מדות, ווען דו האָסט נאָך די אמונה אין גאָט ניט פאַרלאָרען אינגאַנצען, ווען גאָט איז נאָך דיין גאָט, „כי כשלת״ — דאָס, וואָס דו ביסט געשטרויכעלט געוואָרען און דו ליידסט שרעקליך פון אַלע פעלקער, קומט דאָך דאָס אַלעם — בעונך — נאָר פאַר דיין שרעקליכע זינד.

„קחו עמכם דברים״ — נעהמט מיט אייך שטראָף-ווערטער, און דאַן וועט איהר זיך גוט פאַרטיפען און דורך דעם פאַרשטעהן אייערע שרעקליכע פאַרברעכענס, „ושובו אל ה׳״ — וועט איהר מיט אַן אמת אומקעהרען זיך צוריק צו גאָט און אייער תשובה וועט זיין אַ ריינע, אַ הייליגע.

איהר זאָלט זיך מעהר ניט איינריידען, אַז פרעמדע וועלען אייך העלפען און איהר דאַרפט שוין מעהר ניט האָבען גאָט׳ס הילף. „אשור לא יושיענו, על סוס לא נרכב״ — די מעכטיגע אשור וועט אונז ניט העלפען אין אַן עת צרה; אויך די היסטאָרישע מצרים מיט איהרע פערד-רייטער וועלען שוין מעהר ניט קומען צו פליהען צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון זייגע אונטערדריקער; און די הויפּט-זאַך: „ולא

נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו" — מיר זאָלען מעהר ניט זאָגען צו די געצען, וואָס מיר אַליין שאַפען זיי, אַז זיי זיינען אונזער אמת'ער גאָט. „אשר בך ירוחם יתום" — דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אימער אַ וועלט־יתום, קען נאָר קריגען די אמת'ע באַרעמהערציגקייט פון דעם אמת'ען גאָט, וואָס רוהט אין די הימלען, וועלכער זאָגט: „אהיה כטל לישראל יפרח כשושנה ויך שרשיו כלבנון" — איך וועל זיין ווי דער טוי צו דעם אידישען פאָלק, וואָס דורך דעם וועלען זיי אויפבליהען ווי די רויז און זיינע וואָרצלען וועלען זיך אויסשפּרייטען, און דורך דעם זיך פאַרגלייכען מיט די צעדערבוימער, וואָס וואַקסען אויף דעם לבנון...

אימער זיינען דאָ פאַרפיהרער, ביי וועמען, צוליב זייערע עגאָאיסטי־שע צוועקען, עס איז רעכט אומצוברענגען דאָס גאַנצע פאָלק, פון וועמען זיי זעלבסט שטאַמען. און אַזאַ עגאָאיסט איז געוועזען ירבעם בן נבט.

ירבעם איז געוועזען אַן איש חיל — זעהר אַ פעהיגער מענש, און נאָך אין שלמה'ס צייטען האָט ער געזוכט פאַרשיידענע אורזאַכען און מיטלען, כדי צו מאַכען דאָס פאָלק רעוואָלוציאָנעריש געשטימט. אָבער שלמה האָט זיך גלייך דערוואוסט, און ירבעם איז אַנטלאָפען קיין מצרים.

ווען דאָס פאָלק האָט ניט געקראָגען דעם ריכטיגען ענטפער פון רחבעם, שלמה'ס זוהן, דאַן האָט ירבעם איינגעזעהן, אַז עס איז די בעסטע צייט זיך אומקעהרען צוריק אין זיין אייגען לאַנד און איבערנעהמען די מלוכה איבער'ן פאָלק ישראל, צו וואָס ער האָט געשטרעבט.

דוד און שלמה האָבען זייערע קרעפטען אַוועקגעלייגט צו פאַראיי־ניגען אַלע שבטים און שאַפען פון זיי אַ פאַראייניגטע מאַכט, און ירבעם האָט די שבטים צוריסען אין שטיקער, און קריג און קנאה האָט געהערשט צווישען זיי. און ניט אומזיסט האָבען די חכמי התלמוד געזאָגט, אַז דער נאָמען ירבעם איז פאַר איהם צוגעפּאַסט: „ירבעם שרבע עם" — ער האָט דאָס פאָלק געבראַכט צו דער נידעריגסטער מדרגה; „ירבעם שעשה מריבה בעם" (סנה' ק"א) — ער הייסט ירבעם דערפאַר, ווייל ער האָט געשאַפען האַס און קריג צווישען פאָלק.

וויסענדיג, אַז ירושלים און דער בית המקדש זיינען די גרעסטע צו־ציהונגס־קראַפט פאַר דעם אידישען פאָלק, און קוים וועט דאָס פאָלק קומען קיין ירושלים דריי מאָל אַ יאָהר, פסח, שבועות און סוכות, וועט עס צוריק פאַראייניגט ווערען און מיט דער צייט זיך אַרומזעהן, וואָס ער, ירבעם, האָט געטאָן, און ווי ווייט זיינע שרעקליכע מעשים גרייכען,

און דאָס פאָלק, וואָס האָט ירבעם'ען גרויס געמאַכט, קען איהם אַרונטער־וואַרפען פון זיין כסא המלוכה, — וויסענדיג דאָס אַלעס, איז ביי ירבעם'ען רעכט געוואָרען צו פאַרניכטען דעם איינפלוס פון דער הויפּט־שטאָט, ירושלים, און אויך וואַכעדיג מאַכען די הייליגקייט פון בית המקדש.

פאַר דעם צוועק האָט ירבעם געשאַפען צוויי נייע רעליגיעזע צענטרען, איינעם אין בית־אל און דעם צווייטען אין דן, און אנשטאט די צוויי כרובים, וואָס האָבען זיך געפונען אין בית המקדש פון גאָט און ירושלים, האָט ירבעם אין זיינע צוויי נייע „בתי מקדשים" אוועקגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער; און אויף דעם פּלאַץ פון די גרויסע כהנים און לוים פון ירושלים, האָט ירבעם אָנגעשטעלט פאַלשע פּריסטערס, וועלכע האָבען געלערענט דאָס פאָלק צו בוקען זיך פאַר די פאַלשע הילפלאָזע געטער.

אָט אַזוי האָט געטאָן דער עוכר ישראל, ירבעם בן נבט — דער „חטא והחטיא את הרבים". און אַלעס האָט ער געטאָן נאָר צוליב זיינע עגאָאיסטישע צוועקען—צו בלייבען דער קייזער פון די צעהן שבטים, וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען פון די מלכי יהודה. און זעהר ריכטיג זאָגט רב נחמן: „גסות הרוח שהיה בו בירבעם טרדתו מן העולם" (סנהדרין ק"א)— די גרויסע חוצפה'דיגע גאוה, וואָס ירבעם האָט באַזעסען, האָט מיטגעבראַכט, אַז ער זאָל פאַרטראָגען ווערען פון דער וועלט און אויך פון יענער וועלט...

ירבעם איז אָבער ניט געווען פון די איינפאַכע מענשען. ווי די חכמי התלמוד שטעלען איהם פאַר, איז ער געווען פון די גאַנץ גרויסע תלמידי חכמים: „והוא מתכסה בשלמה חדשה" (מ"א, י"א) „מאי בשלמה חדשה? א"ר נחמן מה שלמה חדשה אין בה שום דופי, אף תורתו של ירבעם אין בה שום דופי, ד"א שלמה חדשה שחדשו דברים שלא שמעה אוזן מעולם" (סנה' ק"ב) — אַזוי ווי דער נייער בגד האָט אין זיך ניט קיין פלעק, אַזוי איז אין ירבעם'ס תורה לערנען ניט געווען קיין שום לעסטערונג; און אויך האָט ער מחדש געווען אין דער תורה אַזעלכע זאַכען, וואָס קיינער האָט עס פריהער ניט געהערט.

„אחר הדבר הזה לא שב ירבעם מדרכו הרעה" מאי אחר? א"ר אבא „אחר שתפסו הקב"ה לירבעם בבגדו" — די גרעסטע רשעים, וועלכע האָבען געטאָן די גרעסטע פאַרברעכענס געגען גאָט און געגען דער אַלגעמיינער מענשהייט, קומט צייטען, ווען די נשמה אין זיי רעוואָלטירט, און דער געוויסען זייערער לאָזט זיי ניט צורוה, ביז וואַנען זיי טוען ניט

קיין תשובה, איבערהויפט ווען דער פארברעכער איז א תלמיד חכם און פארשטעהט טיפער זיינע זינד. און דעריבער זאגען אונז די חז״ל, אז א תלמיד חכם, וועלכער איז באגאנגען אן עבירה ביינאכט, זאלסטו ווע־גען איהם און זיינע זינד ניט טראכטען ביטאג, „שמא עשה תשובה, שמא ס״ד? אלא ודאי עשה תשובה״ (ברכות, י״ט) — ווייל געווים האט ער גלייך תשובה געטאן. „ת״ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה״ — אויב מען געפינט א פלעק אויף די קליידער פון א תלמיד חכם, קומט איהם טויט, ווייל א מענש, וואס האט געלערענט תורה, טאר ניט לאזען, אז א פלעק זאל זיך געפינען אויף זיינע גייסטיגע קליידער צו לאנג...

ירבעם, וועלכער איז געווען דער גרעסטער רשע, וואס דאס אידישע פאלק האט ווען געהאט, איז אבער צו דערזעלבער צייט געווען א גרויסער תלמיד חכם און ער האט פארשטאנען טיף זיינע שרעקליכע פארברע־כענס. „שתפסו הקב״ה בבגדו״, די נשמה, וועלכע איז א „חלק אלקי ממעל״ — א טייל פון דער געטליכקייט, האט ירבעם׳ען אנגעכאפט ביי זיינע תלמידי־חכמים׳שע קליידער — ביי דעם שמלה חדשה — צו וואס זיין תורה איז געווען געגליכען, „ואומר חזור״ — און די נשמה און דאס געוויסען האבען אין דער טיפעניש געשריען צו ירבעם׳ען: „קעהר זיך אום פון דיין שלעכטען וועג!״ און דאס אומקעהרען זיך צו גאט און זיין תורה ליגט „בך״ — אין דיר זעלבסט. דאס, וואס דיין נשמה לאזט דיך ניט צורוה, און דאס, וואס די חרטה נאגט אין דיין מח, — דאס גופא ציינט, ווי ווייט דיינע פארברעכענס זיינען גרויס און ווי ווייט דו דארפסט אויף דעם תשובה טאן...

„ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן״ — דוד המלך, דער זוהן פון ישי, האט דאך אויך א גרויסען פארברעכען באגאנגען, און זיין זינד האט דאך געגרייכט צו די הימלען, אבער דוד׳ס נשמה און געוויסען האבען גלייך פראטעסטירט, און גלייך האט א שרעקליכע חרטה גענאגט אין דוד׳ס מח. און דעריבער, ווי נאר נתן הנביא איז געקומען און האט דוד׳ן אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין גרויסען פארברעכען מיט בת שבע׳ן, האט גלייך דוד געבעטען ביי גאט: „הרב כבסני מעוני ומחטאתי טהרני״ — רייניג מיך אן וואש מיך ארום פון מיינע זינד, „כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד״ — ווייל איך ווייס מיינע פארברעכענס, דארום שטעהען די זינד שטענדיג פאר מיינע אויגען; „השיבה לי ששון ישעך״

— קעהר מיר אום, גרויסער גאָט, דיין אַמאָליגע הילפס־פרייד. וואָס טויג מיר דער לעבען, ווען איך בין אינגאַנצען איינגעשמוצט אין זינד.

און גאָט האָט צוגעהערט צו דוד׳ס תפלות און חרטה און האָט איהם מוחל געווען אויף זיין פאַרברעכען.

דיזעלבע חרטה נאָגט אין דער טיפעניש פון ירבעם׳ס האַרץ: דו אויך, ירבעם, טו די אמת׳ע תשובה, זאָג אויך די האַרצרייסענדע תפלות ווי דוד: „ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן״ — און די געטליכקייט, וואָס דו, ירבעם, באַזיצסט אין זיך און דער זוהן פון ישי, וועלען אייך געבען די מעגליכקייט צו שפּאַצירען אין גן עדן. די וועלט וועט פאַר אייך פאַר־וואַנדעלט ווערען אין אַ גן עדן, די זאָרג און טרויער, וואָס קומט פון חרטה, וועלען אָפּטרעטען, און זייער פּלאַץ וועט פאַרנעהמען פרייד און צופרידענהייט. און דורך דעם וועט די וועלט און דאָס לעבען זיין פאַר אייך אינהאַלטסרייך...

„א״ל ומי בראש״ — אָבער ווען די אמת׳ע געדאַנקען פון תשובה עגבערען זיין מח, קומט איהם פונדעסטוועגען אַרויף אויף די געדאַנקען דער „מי בראש״ — אויב איך זאָל תשובה טאָן מיט אַן אמת, דאַן מוז איך, ירבעם, מודה זיין, אַז איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעכען געגען דער דינאַסטיע פון בן ישי, און די שאלה וועט יעצט זיין: ווער דאַרף שטעהן אין דער שפּיץ פון די עשרת השבטים — איך אָדער רחבעם?...

„א״ל בן ישי בראש״ — ווען די געטליכקייט אין איהם זאָגט, אַז על פּי דין קומט, אַז בן ישי דאַרף זיין אין דער שפּיץ, און אַז ער, ירבעם, זיצט אויף דעם כסא המלוכה שלא כדין און צוליב דעם האָט ער רואינירט דאָס אידישע פאָלק און זיי פאַרפיהרט צו דינען זיינע גאָלדענע קעלבער, „אי הכי לא בעינא״ — אָבער צו טאָן אַן אמת׳ע תשובה און מודה זיין, אַז מען האָט יענעמס פאַרכאַפּט שלא כדין און מען ברויכט אומקעהרען דעם שאָדען, אין געגעבענעם פאַל — ענטזאָגען זיך פון דעם כסא המלוכה, דאָס איז ירבעם ניט גרייט צו טאָן; צו אַזאַ תשובה, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון דער נשמה, איז ירבעם נאָך ניט דערוואַקסען. ירבעם וויל טאָן אַזאַ תשובה, ווי פאַסטען יום־כפּור, זיך שלאָגען אויף זיין ברוסט־האַרץ די על חטא׳ס, אָבער גלייך נאָך יום־כפּור זאָל ער קענען טאָן דיזעלבע אַלטע פאַרברעכענס...

„מי בראש״ — צוליב דעם, וואָס אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער אידען ווילען פאַרנעהמען דעם אויבען־אַן און אַריבעריאָגען איינער דעם צוויי־

טען אין רייכטום, איז זייער תשובה טאָן בלויז אויבערפלעכליך, מעהר ניט ווי מן השפה לחוץ, אומעהרליך; טיף אין הארצען בלייבען זיי דיזעלבע זינדער געגען גאָט און געגען דעם אידישען פאָלק.

אַרויסרייסען זיך איינגאַנצען פון דעם זינדיגען לעבען און זיין ביכולת צו אָפּפערען אַ טייל פון פאַרמעגען און געזונט אום אָפּצוהיטען שבת, כשרות, טהרת המשפחה און מחנך זיין די קינדער אין עכט-אידישען וועג, — דאָס וואָלט געדאַרפט יעדער איד אין אַמעריקע טאָן; און דאַן וואָלט אַמעריקא געווען פאַר אונז באמת אַ גן עדן לאַנד. אָבער אַ גרויסע צאָל אידען אין אַמעריקא זאָגען פונקט ווי ירבעם אַמאָל: „אי הכי לא בעינא" — אויב צו טאָן אַן אמת'ע תשובה און צו אָפּפערען מיט דעם „מי בראש", אַזאַ תשובה ניט מיר ווילען און ניט מיר קענען טאָן...

# לפני ד׳ תטהרו

## ליום הכפורים

המקבל שדה מחבירו ולא רצה לנכש, ואומר לו מה איכפת לך הואיל ואני נותן לך את חכירך, אין שומעין לו, מפני שיכול לומר לו, למחר אתה יוצא ממנה ומעלת לפני עשבים. (משנה ב״מ, ק״ה).

מיר האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין שוהל אין דעם הייליגסטען און גרעס־טען טאָג, וואָס אידען פאַרמאָגען — יום כפור. עס איז היינט דער באַשטימטער טאָג פון גאָט צו פאַרגעבען די זינד פון זיין פאָלק.

די תורה זאָגט אונז: „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם״ — אין דעם דאָזיגען טאָג וועל איך, גאָט, פאַרגעבען און ריי־ניגען אייך פון אַלע אייערע זינד, אָבער מיט דעם תנאי, אַז „לפני ה׳ תטהרו״ — איהר זינדיגע מענשען זאָלט זיך רייניגען פאַר דעם אַלמעכ־טיגען גאָט. ווען אָבער מען לויפט דורך די אַלע על חטא׳ס, און ס׳הארץ איז ביי דעם ניטאָ; מען זאָגט „על חטא שחטאנו״ — מיר האָבען געזינ־דיגט, און אין הארצען טראַכט מען „ונחטא״ — מיר וועלען זינדיגען ווייטער, פונקט ווי אָדם הראשון האָט געזאָגט צו גאָט: „אכלתי ואוכל״ — איך האָב געגעסען פון דעם עץ הדעת און איך וועל ווייטער עסען, — אָט אַזאַ תשובה העלפט ניט און מיט אַזאַ תשובה פון אַ טובל ושרץ בידו קען מען זיך ניט רייניגען פאַר דעם יודע מחשבות.

דער באַגריף פון פאַרגעבען זינד—סליחה אָדער כפרה—איז פאַראַן ביי אַלע רעליגיאָנען. אין אמת׳ן איז עס דער ווינקעלשטיין פון אַלע גלויבענס. דער העכסטער באַגריף פון אמונה אין אַלגעמיין איז, אַז דער מענש, פול מיט חרטה אויף אַזעלכע מעשים, וואָס ער אַליין גיט צו, אַז זיי זיינען קרום, זאָל פאַרלאַנגען פון דער העכסטער קראַפט אַ פאַרגע־בונג אויף דעם, וואָס ס׳איז געטאָן געוואָרען ניט ווי עס דאַרף זיין.

עס זיינען געוועזען צייטען אין איירָאפּא, ווען די קאַטוילישע קירכע פלעגט פאַרקויפען דאָקומענטען, אַז דעם קויפער׳ס זינד ווערט גלייך פאַרגעבען, ניט נאָר וואָס ער האָט געטאָן, נאָר אויך וואָס ער וועט טאָן ביז דער ענדע פון זיין לעבען. דאָס מיינט, אַז מיט געלד האָט מען גע־קענט אויסקויפען אַלע חטאים, אפילו די, וואָס זיינען נאָך ניט באַגאַנגען געוואָרען.

ביי אידען אָבער קען אזא זאך ניט פּאַרקומען. קיינער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרקויפען סליחה צעטלען. דער איינציגער, וואָס גיט אַרויס סליחה צעטלען אום הושענא רבה, איז גאָט, דער הבוחן ובודק גנזי נסתרות; און איהם קען מען מיט קיין געלד ניט אָפּקויפען. די איינציגע זאך, וואָס ער נעמט, איז ריינע תשובה און חרטה, וואָס קומען פון דער טיפעניש פון דער מענשליכער נשמה.

דער גרעסטער עם הארץ ווייסט, אַז דער עיקר פון תשובה איז — חרטה צו האָבען אויף די זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, און נאָך וויכטיגער איז צו נעהמען אויף זיך די פאַרפליכטונג אויסצומיידען פון טאָן שלעכטע טהאַטען אין דער צוקונפט.

אונזערע משכילים פון פאַריגען דור האָבען זיך לוסטיג געמאַכט איבער די פרומע אידען, וואָס זיי האָבען דורכגעפיהרט דעם מנהג פון כפרות. אין דער אמת'ן אָבער איז קיין איין אידען ניט איינגעפאַלען, אַז דערמיט, וואָס מען שעכט אַ האָן אָדער אַ הון, איז מען יוצא פאַר גאָט. די פרומע אידען האָבען געוואוסט, אַז די ריכטיגע כפרה ווענדט זיך אָן זייערע טהאַטען און אָן זייערע מחשבות.

די האַרציגסטע תפלה האָבען אידען געבעטען נאָכדעם ווי זיי האָבען געזאָגט די אַלע על חטא'ם: „יהי רצון מלפניך ה' אלקי ואלקי אבותי שלא אחטא עוד ומה שחטאתי לפניך מחוק ברחמיך הרבים אבל לא על ידי יסורים וחלים רעים" — די אידען נעהמען אויף זיך ניט מעהר צו זינדיגען אין דער צוקונפט; און דאָס, וואָס זיי האָבען געזינדיגט אין דער פאַרגאַנגענהייט, זאָל גאָט אויסמעקען מיט זיין פיל רחמנות, אָבער ניט דורך יסורים און שלעכטע קראַנקהייטען.

דעם אונטערשייד פון סליחה וכפרה ביי אידען און סליחה וכפרה ביי אַלע פעלקער ערקלעהרט אונז ר' עקיבא. „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין" — גליקליך זענט איהר, אידען, ווען איהר באַגרייפט, פאַר וועמען איהר רייניגט זיך און טוט תשובה, און איהר ווייסט, אַז דעם בורא עולם קען מען ניט אָפּנאַרען, צוזאַגענדיג מיט דעם מויל און אין האַרצען אַנדערש דענקען. און מיט דעם איז דאָס אידישע פאָלק געוועזן גליקליך, ווייל זיין תשובה איז געוועזן אַן ערנסטע, ניט קיין געקויפטע; און די דאָזיגע אמת'ע ריינע חרטה אויף זינד האָט געמאַכט דאָס אידישע פאָלק צו זיין אַן עם קדוש, וואָס קיין אומה ולשון האָט זיי ניט געקענט אומברענגען. „ומי מטהר אתכם אבינו שבשמים" — דאָס אידישע פאָלק

האָט דעם זכות, אַז דער, וואָס רייניגט און פאַרגיט זייערע זינד, איז אונזער פאָטער אין הימעל, וועלכער האָט געזאָגט: „קדושים תהיו כי קדוש אני“, ניט ווי די אַנדערע זאָגענאַנטע פאַרגעבער פון זינד, וועלכע זיינען אַלע איינגעשמוצט אין טומאה, שנא׳ „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם“ — איך וועל אויף אייך שפריצען ריינע וואַסער און איהר וועט זיין ריין. אַ געטליכען גייסט וועל איך אין אייך אַריינגעבען, צו פאַר־שטעהן ווי ווייט דער שטן און יצר הרע האָט אייך פאַרפיהרט, און ווי ווייט אייער נשמה איז פאַרפלעקט געוואָרען פון זינד. און דאָס דאָזיגע וועט איהר דאַן אָפוואַשען מיט תפלות, מיט צדקות און אויך מיט תשובה טאָן.

„המקבל שדה מחבירו ולא רצה לנכש“ — ווען איינער נעמט איבער אַ פעלד פון אַ צווייטען צו געבען צו דעם משכיר אַזוי פיל און אַזוי פיל מאָס תבואה אַ יאָהר, און דער שוכר וויל ניט אויסרייסען די ווילדע גראָזען, וואָס וואַקסען און טוען אַן גרוים שאָדען צו דער תבואה — — דאָסזעלבע איז מיט די מענשען, וועלכע האָבען גענומען ביי גאָט די נשמה אַ הייליגע און אַ ריינע, און ווען די נשמה איז פאַראייניגט גע־וואָרען מיט דעם קערפּער, האָט זי אונטער אַ שבועה גענומען אויף זיך צו האַלטען זיך בקדושה און טהרה ואינו יוצא משם עד שמשביעין אותו... תהי צדיק ואל תהי רשע ואפילו כל העולם אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע והוי יודע שהקב״ה טהור ומשרתיו טהורים ונשמה שנתן בך טהורה היא אם אתה משמרה בטהרה מוטב ואם לאו הריני נוטלה ממך“ (נדה, ל׳). אָבער נאָך דעם ווי דער מענש קומט אין דער גרוי־סער וועלט, און זיין האַרץ געלוסט צו אַלעס, און די נשמה ווערט פאַרפלעקט פון אַלע שלעכטע געדאַנקען און מעשים, וואָרים אין פאַרלויף פון אַ יאָהר צייט קלייבט זיך אויף דער מענשליכער נשמה אַן פאַרשיי־דענע פסולת פון שלעכטע וואַקסונגען, וועלכע פאַרשוועכען די הייליגקייט פון דער געטליכער נשמה, — האָט דעריבער גאָט געגעבען, אַז איין מאָל אין יאָהר — ראש השנה און יום כפור — זאָל יעדער איינער אויסרייסען די שלעכטע גראָזען, די שלעכטע געוואוינהייטען, די מדות רעות, וועלכע פאַרפלעקען די הייליגקייט און די ריינקייט פון דער נשמה.

עס זיינען אָבער דאָ מענשען, וועלכע היטען אַלע מצות פון בין אדם למקום. וואָס אַנבאַלאַנגט צו גאָט, זיינען זיי פרום, דאַווענען און לערנען און זיינען מדקדק אויף כשרות, אָבער אין דערזעלבער צייט זינדיגען זיי

וואָס אָנבאַלאַנגט בין אָדם לחבירו — דאָס וואָרט איז קיין וואָרט ניט, מען גיט פאַלשע מאָס און וואָג, מען שווינדעלט, מען רעדט לשון הרע און רכילות; מיט איין וואָרט, מען איז גוט צו גאָט און מען איז שלעכט צו דער פרוי, צו די קינדער, צו אַלע מיט־מענשען; מען העלפט ניט דעם אומגליקליכען. און אַז עס קומט ראש השנה און יום כפור און די אַלע ימי התשובה, זאָגט מען תפלות, מען שטעהט אויף צו סליחות, מען זאָגט תהלים, מען קלאַפּט זיך אין האַרצען, אָבער די מדות נשחתות, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט אין דער טיפעניש פון דער נשמה, רייסט מען ניט אַרויס; „ולא רצה לנכש“ — און דער מענש וויל ניט אַרויסרייסען די פסולת און די מיאוס׳ע פלעקען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין פאַר־לויף פון דעם יאָהר אויף דער מענשליכער נשמה.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די מענשען ריידען זיך איין, אַז מיט דעם דאַווענען און לערנען, מיט תפילין און ציצית טראָגען און שבת היטען איז מען פאַררעכענט פאַר אַ צדיק. דעריבער באַשווערט מען דעם מענ־שען ביים געבוירען ווערען: „אפילו כל העולם אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע“ — ווען אפילו די גאַנצע וועלט דענקט און זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ צדיק, אָבער דו מענש זעלבסט, דו ווייסט דאָך אָמ־בעסטען דיינע אינערליכע פעהלערען, טאָרסטו זיך דעריבער ניט איינ־ריידען, אַז דו ביסט טאַקע אַ צדיק. און גאָט וועט דיר מוחל זיין אויף אַלעם אָהן תשובה. פאַרקעהרט, ביי זיך זעלבסט זאָלסטו אימער געדענ־קען, אַז דו ביסט אַ רשע, דו זינדיגסט געגען דיינע מיט־מענשען. „ואומר לו מה איכפת לך הואיל ואני נותן לך את חכירך“ — ווען דער מענש זאָגט צו דעם אַלמעכטיגען גאָט: וואָס אַרט דיך, אַז איך רייס ניט אַרויס די שלעכטע מדות, וואָס זיינען באַהאַלטען אין דער טיפעניש פון דער נשמה, אַבי איך גיב דיר דיין מאָס תבואה — איך היט דאָך אָפּ וואָס אָנבאַלאַנגט צו דיר, גאָט, איך היט שבת, תפילין, ציצית, כשרות, מזוזה, שעטנז און נאָך און נאָך, „אין שומעין לו“ — צו אַזאַ ענטפער הערט זיך גאָט ניט צו, און די תשובה פון אַזאַ מענשען איז אַ פאַלשע, „מפני שיכול לומר לו למחר אתה יוצא ממנה ומעלת לפני עשבים“ — ווייל גאָט קען צו איהם זאָגען: ניט אַלע מאָל וועסטו האַלטען דאָס פעלד אין אָרענדע. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט אַרויסגעהן פון פעלד — עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו, מענש, וועסט אַוועקגעהן פון דער שעהנער וועלט, אין דער וועלט פון מלאכים אַרומגעוואַקסען מיט פסולת׳דיגע פלאַנצונגען,

און די נשמה וועט צו מיר צוריקקעהרען, און דאַן וועט די נשמה קומען איינגעשמירט אין מיאוסע פלעקען...

„אי א״ל לבתר הכי כרבנא לה״ — אויב דער מענש וועט זאָגען, אַז דעמאָלט, ווען ער וועט האַלטען ביים אַרויסגעהן פונ׳ם פעלד, וועט ער עם אויסאַקערען, און אַלע שלעכטע פלאַנצונגען וועלען מיט דעם אויס־געריסען ווערען, ס׳הייסט אויב דער מענש וועט דענקען, אַז ווען ער איז אין זיינע יונגע אָדער מיטעלע יאָהרען, דאַרף ער נאָך ניט טאָן קיין אמת׳ע תשובה, נאָר ווען ער וועט האַלטען ביים אומקעהרען די נשמה צו גאָט, וועט ער דאַן, אין זיין הויכען עלטער, האָבען צייט צו טאָן אַן ערנסטע און אמת׳ע תשובה, און דאַן וועט ער פון זיין אַנגעראַבעוועטען געלד לאָזען בויען בתי חסד, כדי מיט דעם צו פאַרגעבען אויף גנבה און גזלה און שקר, א״ל בזרא דנפל נפל (שם בגמרא) — אָבער דער בעל־השדה קען איהם זאָגען, אַז די קערנער, וועלכע פאַלען אַרונטער אויף דעם באָדען, וואַקסען דאָך ווידער אין דעם צווייטען יאָהר, פאַר זיי העלפט דאָך ניט דיין אַקערען. דאָס, וואָס דו וועסט אויסאַקערען אַלע מדות נשחתות פון דיין קערפּער און נשמה אייניגע יאָהר פאַר דעם טויט, קענסטו אָבער מיט דעם ניט גוט מאַכען די זרעים, וואָס קומען שפּעטער, קענסט ניט גוט מאַכען פאַר דיינע קינדער און די צוקונפטיגע דורות, וואָס דו לאָזט נאָך דיר, ווייל די פאַרברעכענס פון עלטערען געהען אַריבער צו די קינדער; און מיט דיין תשובה טאָן פאַר׳ן טויט וועסטו דיינע קינדער ניט בעסער מאַכען. שחת לו לא — מיינסט, אַז דו פאַרדאַרבסט אַליין, ווען דו טוסט שלעכטס; לא—ניין, בניו מומם דור עקש ופתלתל—די פעהלערען פון די עלטערען נעהמען איבער די קינדער, און עס וואַקסט אויס פון זיי אַ דור, וואָס געהט אין קרומע וועגען...

ווען מיר שטעהען יעצט, אין דעם הייליגען טאָג פון יום כפור, און מיר בעטען אַ סליחה ומחילה פון דעם בורא עולם, דאַרפען מיר זיך רייניגען און הייליגען פון אונזערע אַלע עבירות, וואָס אַנבאַלאַנגט בין אָדם למקום און אויך בין אָדם לחבירו. די זינד פון מענש צו גאָט פאַרגיט יום כפור, אָבער די עבירות פון מענש צו מענש קען יום כפור ניט פאַר־געבען. מען מוז איבערבעטען דעם מענשען, געגען וועלכען מען האָט געזינדיגט. האָט מען געלד פאַרנומען, מוז מען דאָס געלד אומקעהרען; האָט מען איינעם באַליידיגט, מוז מען געהן צו איהם מחילה בעטען. אין די אַלע על חטא׳ס, וואָס מיר זאָגען היינט, געפינען זיך ווייניג, וועלכע

באלאנגען צו די זינד פון מענש געגען גאָט, די מעהרסטע פון זיי זיינען וועגען די זינד פון מענש געגען מענש, וואָס דאָס איז אויך זינד געגען גאָט.

זאָלען מיר אויסרייסען די שענדליכע מדה פון שנאת חנם, וועלכע איז דער שליסעל צו אלע מענשליכע חטאים; זאָלען מיר מקבל זיין אויף זיך צו זיין גוט צו אלעמען און איבערהויפט קיינעם קיין וועה און שאָדען טאָן, און דאָן מיט דעם צונג, וואָס טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט, לערנען תורה און מתפלל זיין פאר גאָט; און מיט דער האנד, וואָס איז אויף קיינעם ניט אויפגעהויבען געוואָרען — צדקה געבען און תפילין לייגען.

„כי ביום הזה יכפר עליכם" — דער דאָזיגער טאָג איז א גרויסער, א הייליגער, אין דעם טאָג ווערט די זינד פארגעבען, אָבער מיט'ן תנאי „לטהר אתכם מכל חטאתיכם" — אז גאָט זאָל אונז ריין מאכען פון אלע זינד, סיי בין אָדם למקום און סיי בין אָדם לחבירו, און דאָן „לפני ה' תטהרו" — וועלען מיר פאר דעם אלמעכטיגען גאָט קומען הייליגע און ריינע פון אלע זינד און פארברעכענס... אָמן.

# נשענים על המתים

## ל„יזכור" ביום הכפורים

נפן ממצרים תסיע מה הגפן הוא חי ונשען על עצים מתים, כך ישראל הם חיים וקימים ונשענים על המתים אלו האבות, וכן אתה מוצא כמה תפלות התפלל אליהו בהר הכרמל שתרד האש... ולא נענה אלא כיון שהזכיר את המתים ואמר „ה' אלקי אברהם יצחק וישראל" מיד נענה מה כתיב שם ותפל אש ה', וכן משה בשעה שעשו ישראל אותו מעשה עמד ולימד עליהם זכות מ' יום ומ' לילה ולא נענה אלא כיון שהזכיר את המתים מיד נענה.

(מ"ר, שמות, פ' מ"ד, א').

איינינע מאָל אין יאָהר דערמאָנען מיר אונזערע פאַרשטאָרבענע עלטערען און פריינד. מיר זאָגען אַ ספּעציעלע תפלה פאַר זייערע נשמות אין די פרעהליכע ימים טובים, ווי פסח, שבועות און סכות, און אויך אין דעם ערענסטען, הייליגען טאָג פון יום כפור.

דער היינטיגער טאָג טראָגט אויף זיך דעם נאָמען יום הכפורים — דאָס איז אַ טאָג פון פאַרגעבונגען פאַר די לעבעדיגע און אויך פאַר די טויטע. און דעריבער זאָגט אונז דער דין „נהגו לידור צדקות ביוה"כ בעד המתים ומזכירין נשמותיהן דהמתים יש להם ג"כ כפרה ביוה"כ" (או"ח, תרכ"א, ו'). דער צוועק פון „יזכור" איז, אַז מיט דעם דערמאָנען פון די פאַרשטאָרבענע עלטערען זאָלען די נשמות קריגען אַן „עליה", זיי זאָלען דערהויבען און דערהויכט ווערען אין די הימלישע וועלטען; און צוליב דעם קומען די קינדער פון די פאַרשטאָרבענע און בעטען ביי גאָט צו דערמאָנען אונזערע עלטערען צום גוטען.

אָבער עס גיט פילע מאָל, ווען קינדער דערמאָנען זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערען און אנשטאָט מיט זייער יזכור זאָגען זאָלען די קינדער דערהויבען די נשמות פון זייערע עלטערען און גראָס-עלטערען, ווערען גאָר די נשמות ערנידעריגט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די קינדער קומען אין שוהל אויף איינינע מינוטען, כדי אָפּצוזאָגען דעם „יזכור", אָבער אַ גאַנץ יאָהר זיינען זיי ווייט פון דער שוהל, ווייסען ניט פון קיין שבת, פון קיין תפילין און ציצית, זיינען אויסגעטאָן פון אַלעם, וואָס אַנבאַלאַנגט צו זייער איינען פאָלק, זיי האָבען אָראָפּגעוואָרפען פון זיך אַלע

התחייבות׳ן צו זייער שטאַם, אַזוי ווייט, אַז מען שעהמט זיך מיט דעם נאָמען איד. ווען אַזאַ זוהן אָדער טאָכטער דערמאָנט דעם נאָמען פון פאָטער אָדער מוטער, און דער אַלמעכטיגער גאָט גיט אַ קוק וואָס פאַר אַ קינדער די פאַרשטאָרבענע האָבען איבערגעלאָזען אויף דער וועלט, און גאָט, דער יודע מחשבות, ווייסט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער שולד פאַלט אויף די פאַרשטאָרבענע עלטערען, וואָס זייערע זיהן און טעכטער זיינען אויסגעטאָן פון אידישקייט און ווייט פון אידען, ווייל די עלטערען האָבען די קינדער ניט מחנך געווען אין דער אידישער תורה, זיי האָבען די קינדער ניט געלערענט ליב צו האָבען אַלעס, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק, — דאַן איז גאָט גוזר, אַז די נשמות פון אַזעלכע עלטערען זאָלען האָבען אַ ירידה אנשטאט אַן עליה...

מיר האָבען היינט געלייענט אין דער תורה וועגען דעם שרעקליכען טויט פון אהרן׳ס צוויי קינדער, נדב ואביהו, און מען זאָגט אונז (זוהר והאר״י ז״ל): „המצטער על מיתת בני אהרן ומוריד דמעות עליהם ביו״כ מוחלין עוונותיו, ובניו אין מתים בחייו (או״ח סי׳ תרכ״א). איז די פראַגע: פאַרוואָס איז אַזוי גרויס דער שכר פון פאַרגיסען טרעהרען אויף דעם טויט פון אהרן׳ס קינדער אין דעם טאָג פון יום כפור, אַז מיט דעם איז מען זיכער, אַז די אייגענע קינדער וועלען ניט שטאַרבען ביי דעם לעבען פון זייער פאָטער און מוטער?

נדב ואביהו זיינען פאַרברענט געוואָרען, ווייל זיי האָבען געזינדיגט געגען גאָט: „נכנסו לפני ולפנים״ — זיי זיינען אַריין אין דעם קדשי קדשים, וואוהין עס איז ערלויבט אַריינצוגעהן בלויז דעם כהן גדול און נאָר איינמאָל אין יאָהר. פילע פון אונזערע קינדער, די זאָגענאַנטע אויפגעקלערטע, וואָגען דאָס אויך צו טאָן. זיי דענקען, אַז קוים פאַרמאָגען זיי אַ קאַלעדזש-בילדונג, איז פאַר זיי די וועלט קיין רעטעניש, און זיי קענען זיך ערלויבען צו פרעגען „מה למעלה ומה למטה״, האָבען דאָס רעכט צו קריכען אַזש אין די הימלען; און אויב זייער קליינער מח און השגה גרייכען ניט צו ווייט, איז ביי זיי רעכט אָפּצולייקענען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס רעגירט אַלעם און וועלכער האָט די וועלט געשאַפען. זיי קריכען צופיל אין דעם לפני ולפנים; און צוליב דעם שטאַרבען אָפּ זייערע נשמות פאַר דער צייט און פאַלען אַרונטער פון דעם אידענטום־בוים פריהצייטיג. עס איז ביי זיי פונקט ווי ביי די בני אהרן „שריפת

נשמה והגוף קיים (סנהדרין נ"ב) — דער גוף לעבט, אָבער זייערע נשמות זיינען פאַרברענטע, אָפּגעשטאָרבענע פאַר דעם אידישען פאָלק.

אַן אַנדער אורזאַך, וואָרום די בני אהרן זיינען פאַרברענט געוואָרען, איז: „הקריבו קרבן שלא נצטוו" — זיי האָבען געבראַכט אַ קרבן, וואָס זיי זיינען ניט אָנגעזאָגט געוואָרען. און דאָסזעלבע טוען די היינטיגע בני אהרן — זיי ברענגען קרבנות, וואָס גאָט האָט זיי ניט געהייסען. וויפיל אידישע זיהן און טעכטער האָבען זיך אומגעבראַכט אויף דעם מזבח פון באָלשעוויזם און קאָמוניזם און אויך פאַר אַלע וועלטליכע איזמס, וועלכע זיינען אַבסאָלוט געגען דער אידישער תורה און איהרע מצות! און אַם ענדע איז אַרויסגעקומען פון די דאָזיגע נייע שיטות די גרעסטע סכנה פאַר אונזער תורה און פאָלק. אין רוסלאַנד, וואו די דאָזיגע קרבנות ווערען געבראַכט, ווערט אונזער תורה געטראָטען מיט די פיס פון די יעווסעקען. זייערע אידישע נשמות זיינען פאַרברענט געוואָרען, און דעריבער פייניגען זיי אפילו אַ אידען, וואָס באַלאַנגט צום ציוניזם. זיי האָבען פיינט גאָט און זיין תורה און אויך זיין לאַנד...

נאָך אַן אורזאַך איז פאַראַן: „לא נטלו עצה זה מזה" — אָט די פאַר־קאָכטע בני אהרן, וועלכע ברענגען קרבנות פאַר אַלע וועלטליכע באַ־וועגונגען, אַרבייטען ניט האַרמאָניש. יעדער איינער פון זיי דינט אַן אַנדער עבודה זרה, און איינער דעם צווייטען וואָלט איינגעשלונגען לעבע־דיגערהייט. דער אידישער סאָציאַליסט וואָלט פאַרברענט דעם אידישען קאָמוניסט, און זיי ביידע — דעם אַנאַרכיסט. און אונזערע קינדער, אנשטאַט צו באַקעמפען די אידישע שונאים, באַקעמפען זיי גאָר איינע די אַנדערע פאַר פרעמדע געטער...

אויך האָבען מיר אַזעלכע בני אהרן, וואָס „הקריבו אש זרה לפני ה'" —זיי זיינען כלומר'שט יאָ פאַר דער אידישער רעליגיע, זיי בויען טעמפּ־לען און גאָטס־הייזער, אָבער דער פייער, וואָס זיי ברענגען אַהין אַריין, איז אַ פרעמדער, ניט קיין אייגענער. זיי, די רעפאָרם־טעמפּלען און ראַבאַיס, האָבען מבטל געמאַכט אונזער שבת און אויף זיין פּלאַץ פאַר־היילגט דעם זונטאָג; זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען פון זייערע פרעיער־בוקס די ווערטער ציון וירושלים; אָפּגעזאָגט זיך פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און אויך פון דער אידישער צוקונפט. מיט איין וואָרט, זיי דינען צו פרעמדע פייערן, אָבער ניט צו דעם אור תורה און מצוות.

און מיט דעם זיינען זייערע נשמות פארברענט געוואָרען, און מעהר ווי גופים פאַרמאָגען זיי ניט...

אַנדערע בני אהרן זיינען דאַ, וואָס דענקען, אַז זיי זיינען קליגער פון זייערע אַלט־אידישע עלטערען, און דעריבער האַלטען זיי די עלטערען פאַר פינסטערלינגע און פאַנאַטיקער, פון וועמען עס איז ניטאָ וואָס זיך אָפּצולערנען. און זיי זאָגען פונקט ווי די אַמאָליגע בני אהרן: „מתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה ננהג את הדור" — ווי דערלעבט מען שוין, אַז די אַלטע פאַרשטעהער מיט זייערע אַלטע מנהגים זאָלען אָפּ־שטאַרבען, און איך, יונגער נדב, און אויך דו, אביהו, וועלען ווערען די ריכטיגע פיהרער פון פראָגרעס און ליכטיגקייט...

ערגער פון אַלץ אָבער איז, אַז ווען מען מאַכט אויפמערקזאַם דעם אַלטען אהרן אויף די אַלע איבלען, צוליב וועלכע די נשמות פון די בני אהרן ווערען פאַרברענט, און ווען מען ציינט איהם איבער ווי ווייט זיינע קינדער זיינען קערפּערם אָהן אידישע נשמות, — אנשטאַט דער אַלטער אהרן זאָל זיך דאַן אויפכאַפּען פון זיין לעטאַרגישען שלאָף און זעהן עפּעס טאָן צו ראַטעווען זיינע קינדער, טוט ער גאַרניט, נאָר ער קומט אָפּ מיט אַ קרעכץ — וידום אהרן — דער אַלטער אהרן שווייגט אויף דעם אַלעמען, ווייל קבל שכר על שתיקתו — דער אַלטער נעמט דאָך געצאַלט פון זיינע קינדער; די קינדער פיהרען דאָך זיינע געשעפטען, די קינדער ברענגען דאָך זייערע פאַרדינסטען אַהיים. היינט ווי אַזוי קען דער אַלטער אהרן שרייען?

דעריבער זאָגט מען אונז: ווען אַ איד וויינט אום יום כפור, בעת מען לייענט וועגען מיתת בני אהרן, און דער איד באַגרייפט די אורזאַכען, וואָס האָבען געבראַכט צו דער טראַגעדיע, און דער איד זעהט, אַז זיינע קינדער זאָלען ניט דורכמאַכען דאָס, וואָס די בני אהרן האָבען דורכ־געמאַכט, ער דערוויטערט זיי פון אַלע פרעמדע פייערען און עבודה זרה'ס, — אָט אַזאַ איד איז מען מוחל אויף זיינע עבירות, און אויך איז ער זיכער, אַז זיינע קינדער וועלען ניט גייסטיג אָפּשטאַרבען ביי זיין לעבען. ער וועט זוכה זיין צו זעהן קינדער מיט גאַנצע נשמות; זרעא חייא וקימא — לעבעדיגע קינדער מיט וואַרימע נשמות פאַר אַלץ, וואָס אידיש איז.

גפן ממצרים תסיע, מה הגפן הזה הוא חי וקים ונשען על עצים מתים, כך ישראל הם חיים וקיימים ונשענים על המתים אלו האבות —

אַט פּונקט ווי דער וויינשטאָק, וואָס איז שוואַך און גיט אַרוים פון זיך די בעסטע געטראַנקען, אָבער איז ניט ביכולת זיך אַליין אויפצוהאַלטען, דער וויינשטאָק מוז אָנקומען צו דער הילף פון דעם טויטען האָלץ, די העלצער זאָלען איהם אונטערשפּאַרען און אויפהאַלטען, אַזוי איז דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז פּונקט אַזוי שוואַך און שעהן ווי דער וויינשטאָק און קען אויך ניט עקזיסטירען אין דעם שרעקליכען גלות, וואו אַלע שטורעם-ווינטען רייסען פון איהם שטיקער; און דאָס איינציגע, וואָס גיט דעם אידישען פאָלק אויסדויער-קראַפט, איז ווען די אידען דערמאָנען די „קהלות הקודש שמסרו נפשם על קדוש השם", די יעניגע, וואָס „מנשרים קלו ומאריות גברו" — אַט אויף די דאָזיגע טויטע בוימער שפּאַרען זיי זיך אָן. זייער גייסט גיט דעם אַידישען פאָלק מוט דורכצו-טראָגען אַלעם און ניט פאַרשווינדען ווערען און אַסימילירט ווערען אין דער גרויסער וועלט. אפילו אונזערע גרעסטע מענשען, ווי אליהו און משה, ווען עס איז געקומען אַ קריזיס אין דעם לעבען פונ'ם אידישען פאָלק, און זיי האָבען זיך געווענדעט צו גאָט נאָך הילף, זיינען זיי אויך געקומען אין דעם נאָמען פון די אָבות, אין דעם נאָמען פון די וועלט-ריזען, וועלכע האָבען אַלעם אויף זיך דורכגעטראָגען און זיינען טראָץ דעם פאַרבליבען קדושים און טהורים...

ווען מיר זאָגען יעצט יזכור און מיר דערמאָנען אין דעם הייליגען טאָג יום כפור די נשמות פון אונזערע פאַרשטאָרבענע, זאָלען מיר אויך באַטראַכטען ווער אונזערע פאָטערס און מוטערס זיינען געווען, אום צו געהן אין זייערע כשר'ע וועגען. מיר קענען ניט עקזיסטירען אויף אייגענע גייסטיגע כחות, מיר מוזען נעהמען צו הילף דעם גרויסען גייסט פון אונזערע פאָטערס און מוטערס, וועלכע האָבען געקעמפט אַזוי ריזיג, כדי אויפצוהאַלטען אַלע הייליגטימער פון דעם אידישען פאָלק.

ווען אַ טאָכטער זאָגט „יזכור אלקים את נשמת אמי", זאָל זי זיך דערמאָנען ווי ווייט זי איז פון איהר מוטער די צדקניות. די מוטער האָט הייליג געהאַלטען דעם ריינעם פאַמיליען-לעבען, די מוטער האָט מיט גאָטס-פורכט אָנגעצונדען די פרייטאָג-צו-נאַכט-ליכט, די מוטער האָט געהאַלטען דאָס הויז כשר, האָט מחנך געווען די קינדער אין דער תורה; אָבער די טאָכטער, וועלכע דערמאָנט דער מאַמעס נשמה, האַלט פון דעם אַלעם ניט.

דער זוהן, ווען ער זאָגט „יזכור אלקים את נשמת אבי“, זאָל ער זיך אָפּגעבען אַ חשבון, צי איז ער ווערט צו דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטענס נאָמען. דער פאָטער איז געווען אַ איד אינ׳ם פולען זינען פון וואָרט, מיט שבת, תפלין, ציצית, מזוזה, מיט מדות פון אמת, יושר, צדק; און ער, דער זוהן, איז פון דעם אַלעם ווייט.

זאָגט יזכור און דערמאָנט די נשמות פון אייערע עלטערען, אָבער דערמאָנט אויך אייערע נשמות זעלבסט, וועלכע וועלען אמאָל אויך דאַרפען דערמאָנט ווערען ביי יזכור פון אייערע קינדער; און זעהט, אַז אייערע נשמות זאָלען ווערט זיין דערמאָנט צו ווערען.

# חג הסוכות ודי מינים

## לסוכות

הישן תחת המטה בסוכה לא יצא ידי חובתו א"ר יהודה נוהגין היינו שהיינו ישינים תחת המטה בפני הזקנים ולא אמרו לנו דבר אמר רבי שמעון מעשה בטבי עבדו של רבן גמליאל שהיה ישן תחת המטה ואמר להן רבן גמליאל לזקנים ראיתם טבי עבדי שהוא תלמיד חכם ויודע שעבדים פטורין מן הסוכה לפיכך ישן הוא תחת המטה ולפי דרכנו למדנו שהישן תחת המטה לא יצא ידי חובתו.

(משנה, סוכה, כ׳).

נאָך די ימים נוראים מיט זייער דערמאָנען דעם יחיד צו מאַכען א חשבון הנפש און באַטראַכטען זיינע מעשים פאַר'ן גאַנצען פאַרגאַנגענעם יאָהר, קומט חג הסוכות מיט זיין אָנזאָג צום כלל צו פאַרטראַכטען זיך און פאַרטיפען זיך אין זיין אייגענער געשיכטליכער ענטוויקלונג אַלס א פאָלק. דער מאָטיוו איז דער זעלבער. דער יחיד פונקט ווי דער כלל מוז זיך אָפּשטעלען אויף א ווײַלע אין דעם געיעג פון לעבען און זיך באַדענקען אויף זיינע מעשים, א טראַכט טאָן וועגען זיין פאַרגאַנגענהייט.

דער ביבלישער געבאָט וועגען סוכות איז קלאָר, וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טענדענץ „אַזוי אַז אייערע דורות זאָלען וויסען, אַז איך האָב די קינדער פון ישראל באַזעצט אין סוכות, ווען איך האָב זיי אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים“ — א דערמאָנונג אָן אייביגע פאַר אַלע אידישע דורות פון דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען נע ונד, האָט געוואוינט אין געצעלטען און האָט געפיהרט א נאָמאַדישע עקזיסטענץ.

די סוכה איז אָבער געוואָרען מעהר ווי דאָס. ניט בלויז א דערמאָנונג פון דער וויי‌טער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך א סימבאָל פון דער געגענוואַרט. מיר זיינען געוואָרען א סוכה-פאָלק, א וואַנדערענדער שטאָם, א וואָגעלדיגע אומה, אָהן א פעסטען באַשטאַנד, אָהן א זיכערען דאַך איבער'ן קאָפּ. אונזער נאַציאָנאַלע היים, אויב זי בויט זיך שוין, איז דערוויל ווייט פון געבען אונז דעם נויטיגען אָנהאַלט. מיר זיינען נאָך אין סוכות, דערווייליגע, אומזיכערע, און אָפטמאָל ברענט דער סכך איבער אונזערע קעפּ.

די סוכה איז געוואָרען אונזער נאַציאָנאַלער סימבאָל, דער סימבאָל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט. און אויך די אַלע דינים, וועלכע לערנען אונז ווי צו מאַכען די סוכה און פון וואָס עס זאָל זיין דער סכך, זיינען אויך געוואָרען אויסטייטשונגען אויף געוויסע סימבאָלען פון לעבען פון די אידען אין די גלות-לענדער.

דער סכך טאָר ניט זיין פון דבר המקבל טומאה. און אויב אין דעם סכך איז אַריינגעמישט אַ זאַך, וואָס איז טמא, איז די גאַנצע סוכה פסול. אין דער אידישער סוכה טאָר ניט זיין קיין פסולת, אַז ניט ווערט די גאַנצע סוכה פסול. אַלע פעלקער מעגען זיך ערלויבען צו האָבען זייערע פאַרברעכער, ווי גנבים, רויבער און שווינדלער, אָבער דאָס אידי-שע פאָלק, אויב עס געפינט זיך אין זיין סכך אַ דבר טמא, גענגסטערס, גנבים, רויבער און שווינדלער, ווערט די גאַנצע סוכה פסול — זאָגט מען, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון רויבער און שווינדלער. דער אידישער כלל טראָגט אויף זיך די שולד פון דעם יחיד, און דער כלל ווערט באַשטראָפט פאַר די זינד פון דעם איינצעלנעם.

מחובר לקרקע פסל׳ט די סוכה — די יעניגע, וואָס זיינען צוגעבונדען מיט זייערע אַלע פעדים פון הארץ און נשמה צו די געבורטס-לענדער, זיינען אַ שטערונג צו דער אידישער סוכה. די מחובר׳ניקעס ברענגען אַריין אין דער אידישער סוכה אַסימילאַציע, זיי זוכען צו פאַרלייקענען, אַז זיי שטאַמען פון דעם אידישען פאָלק, זיי שעהמען זיך אָנצורופען מיט אידישע נעמען, זיי שרעקען זיך צו ריידען אין דער שפּראַך, וואָס אידען ריידען; זייערע קינדער ווערען פאַרהייראַט צו קינדער פון פרעמדע נאַציאָנען, ווייל זיי זיינען מחובר לקרקע — זיי זיינען באַהעפט מיט לייב און לעבען צו דעם באָדען פון די גלות-לענדער. און צוליב דערזעלביגער אורזאַך טאָר מען ניט מאַכען די סוכה העכער פון צוואַנציג איילען, ווייל אַזאַ סוכה איז פאַררעכענט פאַר אַ דירת קבע, אַ שטענדיגע דירה, אין דער צייט, ווען די סוכה, וואָס איז דער סימבאָל פון גלות, איז מעהר ניט פאַר דעם אידען ווי אַ דירת עראי, אַ צייטווייליגער וואוינונגס-פּלאַץ.

דער סכך טאָר אויך ניט זיין פון זאַכען, וואָס „אין גידולו מן הארץ״, וועלכע וואַקסען ניט פון דער ערד. די אַלע פיינד פון דעם אידישען פאָלק האָבען אין דער לאַנגער צייט, וואָס דער איד טראָגט אַרום זיין גלות-סוכה אין די פאַרשיידענע לענדער, אָנגעצייגט אויף דעם אידישען פאָלק, אַז זיי זיינען שאַכער-מאַכער, לעבען פון לופט, זיי גיבען זיך ניט

אַפּ מיט זייהען און פלאַנצען און אַנדערע פעלד־אַרבייט, נאָר זיי, די אידען, לעבען פון שווינדעל און בעטרוג, זיי זיינען נאָר פעהיג צו זיין קרעמער און מעקלער. דאָס, וואָס אידען האָבען אין זייער גלות־סוכה דעם סכך פון „אין גידולו מן הארץ", האָט זייער סוכה גע'פסל'ט און אויך מיטגע־בראַכט, אַז פאַרשיידענע שטורעמס האָבען די גלות־סוכה געוואָלט פאַרניכטען.

די סוכה דאַרף אויך זיין „צלתה מרובה מחמתה — די־אידישע גלות־ביידלאַך זיינען נאָר דאַן כשר, ווען עס איז דאָ אין זיי מעהר שאָטען ווי זון. ווען דעם אידען איז שלעכט, דאַן האַלט ער זיך אָן זיין גאָט און תורה. ווי נאָר עס ווערט חמתה מרובה מצלתה — ווען אין דער אידי־שער גלות־סוכה זיינען די זון־שטראַהלען מעהר ווי די שאָטענס, דאַן ווערט די סוכה פסול. ווי נאָר אַ איד פיהלט, אַז די זון שיינט אין זיין הויז, און דאָס גליק געהט אַנטקעגען איהם, דאַן קומט די אַלטע קללה פון שמנת עבית כשית — שכחת את ה׳ אלקיך — פאַרגעסט ער זיך, אַז ער איז אַאיד און ווערט אַסימילירט מיט אַנדערע פעלקער.

אונזער שעהנעם אַגריקולטור יום־טוב, סוכות, באַגריסען מיר מיט די ארבעה מינים אין האַנד. און דער אתרוג מיט דעם לולב, הדסים און ערבות פאַסען זיך זעהר גוט אַריין אין דער שוואַכער אומבאַהאָלפענער סוכה, וואָס אַלע שטורעמס זוכען איהר צו צורייסען און אומצואוואַרפען. די סוכה איז דער סימבאָל פון גלות, און די ארבעה מינים זיינען דער סימבאָל פון די פאַרשיידענע טיילען, פון וועלכע דאָס אידישע פאָלק איז צוזאַמענגעשטעלט.

דער אתרוג, וואָס די תורה רופט איהם אָן מיט דעם שעהנעם נאָמען פרי עץ הדר, האָט אין זיך אַ ריח און אַ טעם. דאָס איז אַנטקעגען די יעניגע אידען, וואָס יש בהם תורה ומעשים טובים, און די דאָזיגע אידען פאַרנעהמען דעם אויבען־אָן ביי דעם אידישען פאָלק — דאָס זיינען די אידישע תלמידים חכמים, די מנהיגי האומה. און אויף זיי טאָר זיך קיין פלעק ניט געפינען, זיי מוזען זיין מהודרים; און אויך טעם עצו ופריו שוה — דער טעם פון דעם בוים און דער פרוכט דאַרפען זיין גלייך, זיין האַרץ און זיין מויל מוזען זיין איינס; דאָס, וואָס דאָס האַרץ דענקט, זאָל דאָס מויל ריידען; עס זאָל ניט זיין אחד בפה ואחד בלב. אויך מוזען די תלמידי חכמים באַזיצען די מעלה פון דעם אתרוג, וואָס ער איז „הדר באילנו משנה לשנה" — וועלכער זיצט אויף דעם בוים פון יאָהר צו יאָהר.

קיינע שטורעמס און ווינטען קענען איהם ניט אַרונטערררייסען פון בוים, אויך קיין קעלט און קיין שניי מאַכען איהם ניט קאַלט. פונקט אַזוי זיינען די תלמידי חכמים, זיי טראָגען דורך די גרעסטע שטורעמס, וואָס עס קומט אויף דעם אידענטום, אָבער בלייבען פעסט ביי זייערע פּרינציפּען, און קיינע אורזאַכען קענען ניט גורם זיין, אַז די תלמידי חכמים זאָלען ווערען קאַלט צו דער תורה הקדושה און צו איהרע מצוות.

דער לולב איז יש בו ריח ואין בו טעם — דאָס איז אַנטקעגען יענע אידען, וואָס יש בהם תורה ואין בהם מעשים טובים. די דאָזיגע אָבער זיינען אויך וויכטיג. מיר האָבען זיי געהאַט אין אַלע צייטען, און זיי זיינען געווען די יעניגע, וועלכע האָבען געקלאַפּט אין די טירען פון די מלוכה-פאַרשטעהער, אַז זיי זאָלען פאַרגרינגערען דעם עול הגלות פאַר דעם אידישען פאָלק. מיט זייער בילדונג און אויסרעכענונג פלעגען זיי צייטענווייז ווירקען מען זאָל אַראָפּנעהמען גזרות רעות פון אידען אין פאַרשיידענע לענדער. די איינציגע פון זיי, וואָס זיינען פסול, און מען טאָר זיי ניט אַריינגעהמען אין די ארבעה מינים, זיינען די יעניגע, וועלכע קענען פאַרגליכען ווערען צום „לולב הכפוף“ שראשו כפוף כאגמון דומות לאיש גבן וכזקן שראשיהן שחין וכפופין למטה (סוכה ל״א, רש״י שם) — די יעניגע, וועלכע לאָזען זיך בויגען פאַר אַלע פעלקער און זיי האָבען ניט אין זיך דעם שטאָלץ צו שטעהן פעסט און ערקלעהרען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זיינען אידען און זייער פאָלק איז ביי זיי טייער, נאָר זיי בויגען זיך פאַר דעם קלענסטען בעאַמטען און זינגען מה יפית פאַר יעדען עם לא היה. זיי זיינען ניט פון די יעניגע לולבים, וואָס „השדרה שלהם דומות לחוט השדרה“, וועלכע פאַרמאָגען אין זיך דעם אמת׳ן „בעק-באָון“ צו ווידערשטעהן אַלע קאַמפען און באַוועגונגען. אויך איז פסול דער „לולב היבש“, דער אויסגעטריקענטער, וואָס פאַרמאַגט ניט אין זיך די לחלוחית פון דעם אידישען הארץ און מדות צו זיין גוט צו די ברידער פון זיין אייגען פאָלק. די יעניגע לולבים, וואָס „נקטם ראשם“, וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייערע קעפּ און זיינען אינגאַנצען אַריבער אין דעם פרעמדען לאַגער, און אנשטאַט צו העלפען דעם אידישען פאָלק, טוען זיי איהם גאָר שלעכטס. די דאָזיגע זיינען געווים פסול...

דער הדס איז אין בו ריח ויש בו טעם — אַנטקעגען די אידען, וואָס האָבען מצוות ומעשים טובים, אָבער ניט קיין תורה, און זיי זיינען די האַרציגסטע איבערגעבענסטע אידען, וועלכע העלפען אַלעס, וואָס איז

הייליג ביי דעם אידישען פאָלק. זיי האַלטען אויף די שוהל, דעם רב, די ישיבה, זיי שיקען זייערע קינדער אין חדר, פרעגען ניט קיין צופיל פראַגען—אט אזוי זאגט די תורה, און מען דארף פאלגען. „ענף עץ עבות עץ שטעם עצו ופריו שוה הוי אומר זה הדס" — זיין הארץ און זיין מויל און זיינע געדאַנקען זיינען איינס; און יעדע זאַך, וואָס זיי טוען, איז אָהן פּניות, זיי זיינען נאָר אויסען צו דינען דעם אַלמעכטיגען גאָט. פון זיי איז מעהר ניט פסול דער „הדס שוטה" — די, וועלכע ווערען צופיל אבערגלויביש און פאַנגען אָן צו גלויבען אין פאַלשע משיחים, ווי עס האָט זיך געטראָפען מיט אידישע סעקטעס אין דער פאַרגאַנגענהייט. וועלכע זיינען, צוליב זייער גרויסען אבערגלויבען, פאַרשוואונדען געוואָרען אינגאַנצען פונ׳ם אידישען פאָלק...

ערבי נחל האָבען ניט קיין טעם און אויך ניט קיין ריח — אַנטקעגען די אידען, וואָס האָבען אין זיך ניט קיין תורה און אויך ניט קיין מעשים טובים. זיי האָבען קיינמאָל ניט געלערענט, און צוליב זייער שרעקליכער עם־הארצות זיינען זיי ווייט געוואָרען פון דער תורה און פון איהרע מצוות. די דאָזיגע אידען ווערען פאַרפיהרט פון די פאַרשידענע איזמען, וואָס הערשען אין דער אידישער גאַס, און זיי זיינען ווייט פון דער אידישער שוהל און פון אַלע רעליגיעזע איינפיהרונגען. זיי זיינען אָבער פאַרקאָכטע אידעאַליסטען פאַר אַלע פרעמדע שטרעמונגען, צו וועלכע זיי דינען מיט דעם גאַנצען ערענסט פון זייער הארץ. אָבער פון דעם כלל ישראל זיינען זיי ניט אַרוים, און מען טאָר זיי ניט אויסשליסען פון קהל. „קנה שלה אדום" — דאָס שטעקעל פון דער ערבה איז רויט, זיי האָבען נאָך אין זיך אידיש בלוט. ווען עס קומט אָן אומגליק אויף אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק, פיהלען זיי גלייך מיט און פון די לעצטע גיבען זיי פאַר די פאַרשיידענע צדקות, רעליעפס. „ופיה חלק" — דאָס מויל פון דעם ערבה־בלעטעלע איז גלאַט. זיי גלויבען אַליין ניט אין רעליגיע, אָבער צו געהן ריידען געגען דער גאָטהייט און דער תורה — דאָס איז ניט זייער וועג. זייערע מיילער זיינען גלאַטע... זייער מאָטאָ איז: זאָל יעדער איינציגער טאָן, ווי זיין שכל לערענט איהם. אַט אַזאַ ערבה, וואָס וואַקסט אין טאָל אויף דעם וואַסער און קריכט ניט אויף די בערג צו הויך, אָבוואָהל דיזע קלאַסע פאַרמאָגט אין זיך פילע חסרונות, פונדעסטוועגען מוז מען איהר אויך האָבען, און מען דאַרף איהר ניט אַרויסוואַרפען פון פון די ארבעה מינים.

„יבואו אלו ויאגדו אלו עם אלו ויכפרו אלו על אלו" — ווי באַלד די אַלע פאַרשיידענע מינים וועלען זיין פאַראייניגט, וועט מיט דער צייט דער לולב און אפילו די ערבה אויך בעסער ווערען. דער אתרוג און דער הדס וועלען אויף זיי ווירקען צו קומען אינגאַנצען אונטער די פליגלען פון דער תורה און איהרע מצוות. עס איז נאָך דאָ פּאַר זיי אַ האָפּענונג, אַז זיי זאָלען אויפלעבען און ווערען נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אידען.

די איינציגע ערבה, וועלכע איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען פון דעם אידישען פאָלק און זי טאָר אין די ארבעה מינים ניט אַריינגענומען ווערען, איז די „צפצפה", די יעניגע ערבה, וואָס וואַקסט אויף די בערג און פאַר־לאָזט דעם טאָל מיט זיין וואַסער, און צוליב דעם ווערט מיט דער צייט „קנה שלה לבן" — איהר שטעקעלע פאַרלירט די רויטקייט, האָט אין זיך ניט קיין אידיש בלוט, און „פיה שלה דומה למגל" — דער מויל איהרער איז גלייך צו אַ שערף, דער מויל רעדט אויף גאָט און דער תורה און אויף כלל ישראל. דאָס זיינען די יעניגע, וועלכע לעסטערען גאָט מיט זייערע שריפטען, וועלכע מאַכען די יום־כפור־בעלער, וועלכע טוען להכעיס דעם אידישען פאָלק, וועלכע אַרעסטירען די ציונים, ווייל זיי בענקען נאָך אַן אייגען לאַנד. אָט די דאָזיגע טאָרען ניט קומען בקהל ישראל, די דאָזיגע זיינען די טמאים און די פסול'ע — דער אָפּגעריסענער גליד אין דעם קערפּער פון דעם אידישען פאָלק...

הישן תחת המטה בסוכה לא יצא ידי חובתו" — אָט די יעניגע, וועלכע שעהמען זיך צו זיצען צוזאַמען מיט זייער אייגען פאָלק אין דער גלות־סוכה און ביי זיי ווערט רעכט צו שלאָפען אונטער אַ פּרעמד בעט, אין אַ באַזונדער רשות, אַבי ניט זיצען און שלאָפען צוזאַמען מיט זייער אייגען פאָלק, אַזעלכע מענשען זיינען ניט יוצא מיט דער סוכה און זיי האָבען זייער חוב צום פאָלק ניט געטאָן. זיי האָבען זיך פון דעם פאָלק אָפּגעטיילט, אָבוואָהל זיי זיינען אָפיציעל פון דער סוכה אינגאַנצען ניט אַרויס און זיי רופען זיך נאָך כלומר'שט מיט דעם נאָמען — אידען...

„אָמר ר' יהודה נוהגין היינו שהיינו ישינים תחת המטת בפני הזקנים ולא אָמרו לנו דבר". ר' יהודה וויל אפילו מלמד זכות זיין אויף די יעניגע, וועלכע באַהאַלטען זיך אונטער די בעטען און פאַרוועט זיך אייגענע רשויות, און ער דענקט, אַז די דאָזיגע קענען דעם פאָלק קיין שאָדען ניט ברענגען, ווייל „לא אתי אהל עראי ומבטל אהל קבע (שם ברש"י) — די יעניגע, וועלכע מאַכען באַזונדערע רשויות אין דער אידישער סוכה,

וועלען לאנג ניט עקזיסטירען, דאָס איז מעהר ניט ווי אַן אהל עראי, און דער דאָזיגער צייטווייליגער אהל איז ניט בכח מבטל צו מאַכען די אידישע סוכה, וועלכע איז אַן אהל קבע... אָבער אויף דעם איז זעהר גוט צוגעפּאַסט די מעשה פון רבי שמעון: „מעשה בטבי עבדו של רבן גמליאל שהיה ישן תחת המטה ואמר להן רבן גמליאל לזקנים ראיתם טבי עבדי שהוא תלמיד חכם ויודע שעבדים פטורין מן הסוכה לפיכך ישן הוא תחת המטה" — אָט דער טבי, וועלכער איז ניט געווען קיין געוועהנליכער קנעכט און ער האָט געוואוסט, אַז קוים איז מען אַ קנעכט, אַ שקלאַף, און מען שטעהט ניט פעסט ביי די אייגענע פרינציפּען, און מען ווערט פּטור פון אַלע מצוות אין דער תורה, — פאַר אַזאַ קנעכט פּאַסט צו באַהאַלטען זיך און שלאָפען אין סוכה אונטער'ן בעט, אין אַ באַזונדערען רשות. די יעניגע שקלאַפען פון דעם אידישען פאָלק, וועלכע האָבען מורא פאַר דעם „למה יאמרו הגוים", מעגען זיי זיין גרויסע געלערטע און תלמידי חכמים, זיי ווייסען, אַז זיי זיינען פּטור פון דער אידישער גלות-סוכה און זיי דאַרפען פאַר זיך מאַכען באַזונדערע רשויות, כדי מען זאָל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי באַלאַנגען צום אידישען פאָלק. „ולפי דרכנו למדנו שהישן תחת המטה לא יצא ידי חובתו" — אָבער נאָך דעם אַלעמען קען מען גוט אַרויסלערנען, אַז די יעניגע אידען, וואָס פאַרמאָגען ניט קיין שקלאַפערישע נשמות און טאַנצען אויך נאָך די יעניגע שקלאַפען און ווילען מאַכען באַזונדערע רשויות אין דער אידישער גלות-סוכה, זיי ווילען איינפיהרען פאַרשיידענע רעפאָרמען אין דעם אידענטום, און דאָך דענקען זיי, אַז זיי זיינען געטרייע אידען, ווייל זיי זיינען נאָך אַלץ אין דער אידישער סוכה און דעם נאָמען איד האָבען זיי פון זיך נאָך ניט אַראָפּגעוואָרפען, — די דאָזיגע מאַכען אַ טעות: זיי זיינען מיט דער סוכה ניט יוצא. זיי מוזען די בעטלאַך, די פרעמדע רשויות, אַרויסוואַרפען פון דער סוכה און מיט אַלעמען צוגלייך זיצען אין איהר, ביז וואַנען גאָט וועט אויף אונז רחמנות האָבען און אויפשטעלען צוריק די „סוכת דוד הנופלת". דאַרטען וועלען מיר זיך פאַר קיינעם ניט שרעקען און לעבען שטאָלץ, ווי אַ פאָלק דאַרף לעבען. און עס וועט צוריק קומען די עפּאָכע פון דעם אמת'ן סוכות יום-טוב, פון זאַמלען תבואות ביי זיך אין שייער. און דוד'ס איינגעפאַלענע סוכה וועט אויפגעשטעלט ווערען אַלס אַן אייביגער בנין אויף די בערג פון יהודה און גליל...

# גלו ברעדה

## יזכור לשמיני עצרת

כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך. ר' מנחמא בשם ר' בון מסרם הדין קרייה אם יודע את שאין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה.

(מ"ר, קהלת פ', ט' ח')

דער פרעהליכסטער יום־טוב פון אלע ימים טובים איז געווים סוכות, ווייל ער איז דער חג האסיף — דער יום־טוב פון איינזאמלען די תבואה אין שייער. און ניט אומזיסט איז ער געקרוינט מיט דעם נאמען „זמן שמחתנו" — דער דאזיגער יום־טוב איז ווירקליך געווען אין ארץ־ישראל די אמת'ע צייט פון פרייד.

דער יום־טוב פסח קען ניט גערופען ווערען דער זמן שמחתנו, און אין דער תורה ווערט ניט דערמאנט דאס ווארט „שמחה", ווען עס רעדט זיך וועגען פסח, ווייל אין דער צייט, ווען דער יום־טוב פסח קומט אוים, איז נאך די תבואה אויף די פעלדער. שבועות, ווען די תבואה איז שוין לאנג אפגעשניטען, אבער די וויינטרויבען געפינען זיך נאך אין וויינגארטען, ווערט דעריבער ביי שבועות דערמאנט בלויז איינמאל „שמחה". סוכות אבער, ווען אלעס איז שוין אין הויז, זאגט די תורה: „ושמחתם לפני ה' אלקיכם... ושמחת בחגך... והיית אך שמח" (בעל הטורים, ראה).

אין גלות, וואו מיר זיינען אפגעריסען פון דעם באדען און זיינען וויים פון דעם אגריקולטורעלען לעבען, און דער חודש האביב און דער חג הקציר און אויך דער חג האסיף האבען פארלארען פאר אונז זייער באדייטונג, איז נאך אלץ פארבליבען דער יום־טוב סוכות — דער זמן שמחתנו, ווייל דער יום־טוב סוכות קומט נאך ראש השנה און יום כפור, ווען אלע אונזערע זינד זיינען פארגעבען געווארען, און מיר זיינען הייליג און ריין ווי מלאכים; און סוכות איז דער „ראשון לחשבון עונות" — פון איהם פאנגען מיר אן צו פיהרען א נייעם חשבון.

אין דעם דאזיגען פרעהליכען יום־טוב לייענען מיר היינט קהלת, וואו אויף אלעם ווערט געקוקט מיט בטול און יאוש און אויף אלעם ווערט געזאגט „הבל הבלים". מיר לייענען דעם „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול" און אויך „ושנאתי אני את כל עמלי שאני עמל תחת השמש".

ווי פּאַסט זיך אָט די דאָזיגע מגילה פון יאוש און „הבל הבלים“ צום היינטיגען יום-טוב פון „זמן שמחתנו“? די מגלת קהלת לערענט דאָך אונז דעם אַלטען כלל פון לכל זמן... „עת לבכות ועת לשחוק, עת ספוד ועת רקוד“, היינט ווי קומט עס, וואָס אין דער צייט, ווען מיר האַלטען ביי דעם עת רקוד, מאַכען מיר גאָר אַן עת ספוד?

מיר דערמאָנען היינט אונזערע פאַרשטאָרבענע, אויף וועלכע מיר קענען זאָגען „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו“ — די יעניגע, וועלכע זיינען ביי זייער לעבען געווען ליב און אנגענעהם, וועלכע האָבען זיך געאָפּפערט, אום אונז אויפצובריינגען און ערציהען, די זיינען פאַרבליבען ביי אונז טייער אויך נאָך זייער טויט, און מיר קענען זיך פון זיי ניט שיידען.

ווען מיר זאָגען „יזכור אלקים את נשמת אבי ואמי“, ווערען אונזערע הערצער צובראָכען און פון אונזערע אויגען גיסען טייכען טרעהרען אויף דעם בראָך, וואָס האָט אַ טייל פון אונז געטראָפען, וועמענס עלטע-רען עס זיינען פאַר דער צייט אָפּגעריסען געוואָרען, און זיי האָבען ניט דערלעבט דעם גרויסען נחת, צו וועלכען זיי האָבען אַזוי שטאַרק גע-שטרעבט, נעמליך — צו פיהרען זייערע קינדער צו דער חופּה.

דער אַלמעכטיגער גאָט האָט די עלטערען געגעבען אַזוי פיל יאָהרען נאָר אום מקיים צו זיין דעם הזורעים בדמעה — ווען מיר זיינען קליין געווען און מיר האָבען געדאַרפט די הילף פון פאָטער און מוטער, וועלכע האָבען פון אונז געהאַט אַזוי פיל שמערצען און צער און האָבען געזייהט אַלעס מיט טרעהרען. קוים אָבער איז געקומען צו דעם ברנה יקצרו — ווען מיר זיינען גרויס געוואָרען און זיינען זעלבסטשטענדיג, און אונזערע אומשטערבליכע יונגע עלטערען וואָלטען דאָך יעצט געשניטען מיט גע-זאַנג דאָס, וואָס זיי האָבען געזייהט מיט טרעהרען, דאַן איז געקומען דער שיקזאַל פון גאָט און האָט די עלטערען אַוועקגעריסען פאַר דער צייט.

משה רבינו נעמט אַרויס די אידען פון מצרים, פיהרט זיי דורך אַ גרויסען מדבר, גיט די אידען מן, שליו, שפּאַלט פאַר זיי ימים, ליידט שרעקליך פון די פאַרשיידענע מחלוקת, פון די דתן׳ס ואבירם׳ס, פון די קרח׳ס, פון די מי-מריבה׳ניקעס, ביז וואַנען משה האָט אויסגעשריען זיין היסטאָרישען „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם“ און צום סוף, ווען משה האָט אַלעס דורכגעמאַכט און אָט-אָט שטעהט ער ביים גרענעץ פון לאַנד כנען, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט און געהאָפט,

זאָגט מען איהם מיטאַמאָל פון הימעל „כי מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא אל הארץ אשר אני נותן לבני ישראל“ — משה, דו קענסט זעהן דאָס לאַנד פון וויטען, אָבער אַריינגעהן אַהין קענסטו ניט. אַריינפיהרען די אידען אין ארץ־ישראל און מקבל נחת זיין דערפון — דאָס וועט שוין אַן אַנדערער, דיין תלמיד יהושע.

פון משה רבינו ביז היינטיגען טאָג זעהען מיר די אַלטע היסטאָרישע טראַגעדיע. איינער אַרבייט שווער, לאָזט זיך מפקיר זיין פאַר אַ זאַך און צום סוף קומט אַ ווילד־פרעמדער און געניסט פון דעם פאַרשטאַרבענעמס פּרוכט. עלטערען ערציהען זייערע קינדער, ווערען גרוי פאַר דער צייט, שלאָפען ניט קיין נעכט, לויפען איבער ימים און מדבריות צוליב חיונה; און צום סוף, ווען דאָס קינד האַלט שוין ביי דער חופה, צו וואָס די עלטערען האָבען געגאַרט און געהאָפט, קומט דער אויסרוף פון הימעל — עד כאן, ביז אַהער און מעהר ניט. די עלטערען ליגען אונטער דעם בערגעל ערד, און פרעמדע פיהרען זייערע קינדער צו דער חופה...

ווען איך זעה יעצט פאַר זיך אַזוי פיל יונגע מענשען, וואָס זאָגען יזכור, דאַן ווייס איך דאָך, אַז יעדער איינציגער פון אונז מאַכט דורך די שרעקליכע טראַגעדיע, וואָס איך האָב פריהער געשילדערט. און דעריבער הער איך די שרעקליכע קרעכצען, וואָס קומען פון דער טיפעניש פון אייער הארץ, און אויך די יללות און וועה־געשרייען, וואָס קומען פון די אידישע טעכטער. און די שאלה איז: וואָרום האָט מען גראָדע אויסגעקליבען דעם פרעהליכען שמיני עצרת, וועלכער איז דער ערב שמחת תורה, צו דערמאָנען אונזערע פאַרשטאָרבענע און פאַרגיסען אויף זיי הייסע טרעהרען? אַזעלכע יזכור׳ס האָבען מיר געדאַרפט פּראַווען נאָר יום כפור און תשעה באב, ווען אויף דעם האַרצען איז סיי־ווי־סיי אומעטיג; דאַן גראַמט זיך מתים, יללות, קרעכצען; אָבער ווי פּאַסט זיך טרעהרען און קרעכצען אין דעם טאָג פון זמן שמחתנו?

די אַלע פרעהליכע ימים טובים און אויך אַלגעמיינע שמחות, וואָס אידען פּראַווען און פייערען אין פאַרשיידענע צייטען פון יאָהר, זיינען ניט גלייך צו די פייער־טעג און שמחות פון אַנדערע פעלקער.

אַלע פעלקער פייערען אָממעהרסטען זייערע ימים טובים און אַלגעמיינע שמחות צופיל מגושם׳דיג, פון דער בחינה „אכול ושתה כי מחר נמות“. זיי ווילען ניט אויסרעכענען דעם תכלית החיים. ביי זיי איז

ניטאָ דער „באו חשבון", אום צו פאַרשטעהן דעם „הפסד מצוה כנגד שכרה" און דעם „שכר עבירה כנגד הפסדה" — פון דעם אַלעמען האַלטען ניט די מעהרסטע פון די אומות העולם. איין זאַך, וואָס זיי ווייסען, איז צו נעהמען פון דעם לעבענס-בעכער מיט דער פולער האַנד. און דעריבער, ווען עס קומט אַ פייער-טאָג אָדער אַן אַנדער שמחה, לאָזט מען זיך אַריין צו פייערען דעם „עכטען" זמן שמחתנו, מיט וואולגאַרישע הוליאַנקעס, אַזש דער קערפּער פרעגעלט זיך פון נחת.

אַנדערש איז אָבער דאָס אידישע פאָלק, וועמענס בעסטע און פרעהליכסטע ימים טובים זיינען צוטיילט אין מחצה לכם ומחצה לה' — אַ העלפט פאַר זיך, צו עסען און צו טרינקען פון דאָס בעסטע און אויך פרעהליך צו זיין; און די אַנדערע העלפט פאַרברענגט מען אין שוהל מיט תפלות און אויך מיט תורה לערנען און צדקה געבען. מען איז מקיים דעם ושמחתם, מען איז פרעהליך און לעבעדיג, אָבער מען פאַרגעסט ניט, אַז דער ושמחתם דאַרף זיך פאַסען לפני ה' אלקיכם. און דעריבער זאָגט מען אונז ניט והיית שמח, נאָר והיית אך שמח — אך חלק (פסחים ה') — דו זאָלסט צוטיילען דיין פרייד פאַר דעם קערפּער, מיט עסען, טרינקען און גוט פאַרברענגען, און פאַר דער נשמה — מיט דאַווענען, לערנען און צדקה געבען. און אַזאַ שמחה איז אַ הייליגע און אַ געטליכע, זי איז אַ שמחה של מצוה. ושבחתי אני את השמחה — זו שמחה של מצוה. אויב די שמחה קומט ווי עס דאַרף צו זיין, מען פרעהט זיך מיט אַ מצוה, ולשמחה מה זו עושה — זו שמחה שאינו של מצוה (שבת, ל'). ווען די שמחה קומט אָבער ניט באַגלייט מיט אַ מצוה, נאָר סתם לעבען און פרעהליך זיין, וואָס דאָס ברענגט ניט צו דערהויבען די מענשליכע נשמה און פאַרשעהנערען דעם לעבען, — אַזאַ שמחה איז הוללות און נאַרישקייט...

ווען עס קומט דער ליבער זומער, און אַלעס אין דער נאַטור לעבט און בליהט, און דער מענש פיהלט זיך מונטער און פרעהליך, לאָזט זיך אַריין אין אַלע תאוות און געניס פון לעבען, און דאָס דאָזיגע קען ברענגען צו אַ לעבען פון הפקרות, האָבען אונזערע חז"ל געגעבען די רפואה פאַר דער מכה און האָבען אונז געהייסען לערנען פרקי אבות, וואו מיר לערנען איבער דעם מוסר החיים און ווי ווייט אַ מענש זאָל פיהרען אַלעס מיט חשבון. און דאָס איז דער זאַלב פאַר די קראַנקע זומערדיגע נשמות.

ווען עס קומט דער יום-טוב סוכות, און אידען זאָגען: „זמן שמחתנו". אָבער פון דעם זמן שמחתנו קומט קיין גוטס ניט אַרויס, איבערהויפּט אין אַמעריקאַ, וואו דאָס גאַנצע יאָהר איז אַ זמן שמחתנו. דאָס גאַנצע לעבען אין דעם לאַנד באַשטעהט נאָר פון „ענדזשאָימענטס" — צו לעבען אַ גוטען טאָג. און כדי דאָס צו דערגרייכען, טוט מען כל דבר אסור. עס איז רעכט צו באַגעהן די שרעקליכסטע פאַרברעכענס, ווי גניבה און גזילה און אפילו רציחה, ווי מיר זעהען דאָס איין אין די גרויסע שטעדט פון אַמעריקאַ, וואו יעדען טאָג ווערען באַגאַנגען „האָלד אַפּס" אויף אומשולדיגע מענשען, וועלכע ווערען באַרויבט פון זייער געלד און אויך פון זייער לעבען. און אויך די יונגע פריילינס געהען אַרונטער פון דעם דרך הישר. און דאָס אַלעס ווערט געטאָן, אום צו האָבען גענוג געלד צו קענען געניסען פון לעבען מיט דער ברייטער האַנד און איבערהויפּט צו פראַווען דעם זמן שמחתנו, ווי עס דאַרף צו זיין.

דעריבער, ווען אידען זאָגען זמן שמחתנו, און עס איז אַ מצוה פרעהליך צו זיין, האָבען זיך אונזערע געלערטע דערשראָקען; וואָרים זיי ווייסען, אַז פון דעם שמנת עבית כשית לאָזט זיך אוים שכחת את ה' אלקיך, — האָבען זיי מתקן געווען צו לייענען די מגילה פון קהלת, וועלכע איז מבטל אַלעס, וואָס איז דאָ אין דער וועלט און אויף אַלעם ווערט דער חותם פון הבל הבלים געלייגט. און קהלת קומט צו דעם סוף דבר, אַז דאָס בעסטע פאַר דעם מענשען איז „את האלקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם"... און אויך האָבען זיי מתקן געווען צו זאָגען יזכור, צו דערמאָנען די פאַרשטאָרבענע אין דעם טאָג פון שמיני עצרת, דער מענש זאָל זיך אין דעם פרעהליכסטען יום-טוב דער־מאָנען אָן די פאַרשטאָרבענע, וואָס דורך דעם דערמאָנט זיך דער מענש אין אַלגעמיין אָן טויט; און דאָס ברענגט, אַז דער מענש זאָל ערנסטער דענקען וועגען דעם תכלית החיים.

ווען מיר זאָגען „יזכור אלקים את נשמת אבי", גיבען מיר דאָך דערמיט צו, אַז מיר גלויבען אין השארת הנפש, און מיר גלויבען, אַז די נשמות פון אונזערע פאַרשטאָרבענע פאָטערס און מוטערס און פון אַלע פאַרשטאָרבענע פריינד זיינען אומשטערבליך. און דעריבער קומען מיר איינינע מאָל אין יאָהר בעטען דעם אַלמעכטיגען גאָט צו דערמאָנען די נשמות צו גוטען, און מיר בעטען „המצא מנוחה נכונה בצל כנפי השכינה במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע" — אַז גאָט זאָל גע־

פינען פלאַץ פאַר די אומשטערבליכע נשמות אין דעם שאָטען פון די שכינה־פליגלען, אין דער וועלט פון מלאכים, וועלכע זיינען קדושים וטהורים, וואָס שיינען ווי די הימלען.

אויב איינער האַלט זיך פאַר אַ חכם און ער דענקט, אַז מיט זיין קליינעם פאַרשטאַנד איז ער אַלעם משיג, און די וועלט איז פאַר איהם אַן אָפען בוך, מאַכט ער דעם גרעסטען טעות, און זיין אייגענער שכל און פאַרשטאַנד פאַרפיהרען איהם. מיר לייענען היינט (קהלת, ה׳) „אל תבהל על פיך ולבך אל ימהר להוציא דבר לפני האלקים כי האלקים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים“ — מענש, זיי ניט איילינג און געשווינד מיט דיין מויל און האַרץ צו ריידען און צו טראַכטען וועגען דער גאָטהייט, וואָרים גאָט איז אין הימעל און דו, מענש, ביסט אויף דער ערד; און דעריבער דאַרפען די ווערטער זיין ווינציג און אויסגערעכענט. רבי שמעון בן חלפתא אומר חלש למעלה וגבור למטה מי נוצח — העליון, כל שכן שהעליון חי עולמים שהוא הגבור (מ״ר קהלת) — רבי שמעון בן חלפתא זאָגט: ווען דער שוואַכער איז אין דער הויך און דער שטאַרקער איז אונטען, ווער זיגט — דער, וואָס איז אין דער הויך. הייסט, אַז גאָט, וואָס ער איז פאַר אימער און אייביג און איז צו דערצו אין די הויכע הימלען, איז דאָך קיין פראַגע ניט, אַז גאָט איז דער גבור; און דער מענש, וועלכער איז דער קצר ימים ושבע רוגז — וואָס לעבט אַזוי קורץ און דערצו אָנגעזעטיגט מיט צאָרן, איז געוויס דער חלש. דאַרף דער מענש דעריבער זיין פאָרזיכטיג מיט יעדען וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס געגען גאָט...

„כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה“ — שלמה המלך לערענט אונז אין קהלת: אַלעס, וואָס מיר קענען טאָן מיט אונזערע קרעפטען און הענד אין דעם פאַרלויף פון לעבען, זאָלען מיר טאָן. „ר׳ מנחמא בשם ר׳ בון מסרס הדין קרייה“ — ר׳ מנחמא פון ר׳ בון׳ס־וועגען דרעהט איבער דעם דאָזיגען פסוק: „אם יודע את שאין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה“ — מענש, אויב דו ווייסט באַשטימט, אַז מיט דעם טויט ענדיגט זיך אַלעס און אין גרוב איז ניטאָ קיין חשבון איבער די מענשליכע טאַטען, וואָס ווערען געטאָן ביים לעבען, און די אַלע לערנונגען און גלויבונגען איבער השארת הנפש זיינען מעהר ניט ווי אויסגעטראַכט, — אויב דו מענש ביסט אין דעם אַלעם פאָלשטענדיג קלאָר און זיכער, „כל אשר תמצא לעשות בכחך עשה“

— דאַן, וואָס דו קענסט טאָן און ערדרייכען אין דעם לעבען, זאָלסטו טאָן, ווייל דו, מענש, האָסט מעהר ניט צו לעבען ווי דעם היינט און דעריבער לאָז זיך וואויל געהן. קוים אָבער קען דער מענש ניט זאָגען מיט באַשטימטהייט, אַז מיט דעם קבר ענדיגט זיך אַלעס, דאַן זאָלסטו, מענש, זיין אויסגערעכענט אין דיין לעבען, און דיינע טעג און יאָהרען זאָלען ניט אַוועקגעהן מיט גאָרניט, וואָרים אויף יעדען טאָג פון דיין לעבען וועסטו דאַרפען געבען דין וחשבון. דעריבער קענען מיר ניט זיין פאָלשטענדיג פרעהליך; און אונזער זמן שמחתנו איז צוזאַמענגעמישט מיט קהלת און יזכור זאָגען — מיר דאַרפען אונזערע פרעהליכסטע מאָמענטען נעהמען מיט ערענסט פון דער בחינה „עבדו את ה׳ בשמחה״ —דינט גאָט מיט פרייד, אָבער צו דערזעלבער צייט זאָל דאָס זיין „וגילו ברעדה״ — די פרייד זאָל זיין מיט פורכט.

אין תלמוד ווערט דערצעהלט: „מר בריה דרבינא עבד הלולא לבריה״ — מר, דער זוהן פון רבינא, האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן; חזנהו לרבנן דהוו קבדחי טובא — האָט מר דערזעהן, אַז די רבנן אויף דער חתונה לאָזען זיך צופיל אריין אין זאָגען גלייכווערטלעך און אין אַלגעמיין זיינען זיי צופיל פרעהליך; אייתי כסא דמוקרא בת ארבע מאה זוזי ותבר קמייהו ואעציבו (ברכות, ל״א) — אום צו מאַכען די רבנן אומעטיג, האָט מר געבראַכט אַ טייערע, ווערטפולע ווייסע גלאָז, וואָס איז ווערט געווען פיר הונדערט גילדען, און האָט די דאָזיגע טייערע כלי צובראָכען פאַר זיי אין די אויגען; און דאָס האָט געווירקט, אַז די רבנן האָבען פאַרגעסען אָן זייערע גלייכווערטלעך און פרייד און זיינען אומעטיג געוואָרען. און אַזוי איז ביז היינטיגען טאָג. ווען עס קומט אַ זמן שמחתנו, און דער עולם קען זיך פאַרגעסען און אריינלאָזען זיך אין צופיל פרייד, מוז מען ברענגען אַ טייערע זאַך און צוברעכען, כדי דער עולם זאָל אומעטיג ווערען. מען מוז פאַר דעם עולם ריידען בעפאָר יזכור און אַרויסגעבען זיי וואָס פאַר אַ שאָדען זיי האָבען געהאַט מיט דעם, וואָס זייערע ליבסטע זיינען פון זיי אַוועקגעריסען געוואָרען. און פונקט ווי מען ווערט אומעטיג און צובראָכען, ווען מען צוברעכט אַ „כסא דמוקרא״, ווייל נאָך אַזאַ כלי איז שווער אָפּצוקריגען, אַזוי זאָגען מיר יזכור נאָך פילע, וואָס זיינען געווען אין דער בחינה פון אַ „כסא דמוקרא״ — וועלכע זיינען געווען זעלטענהייטען, וואָס קיין אַנדערע אויף זייער פּלאַץ וואַקסען ניט אָפּ. און יעדער פאָטער און

מוטער זיינען די טייערסטע חפצים ביי די קינדער, וואָרים ווען עלטערען ווערען צובראָכען און שטאַרבען, קען מען קיין אַנדערע ניט קריגען...

זאָגט יזכור און דערמאָנט די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע. אָבער אין דערזעלבער צייט דערמאָנט זיך אָן די אייגענע נשמות, וועלכע וועלען אַמאָל דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון. און דעריבער דאַרף מען לעבען אימער ערענסט און זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון דעם היינטיגען מאָדערנעם „זמן שמחתנו“...

# חכם לבב יקח מצות

## לסעודת חברה קדישא

ויקח משה את עצמות יוסף עליו הכתוב אומר (משלי י׳) חכם לבב יקח מצות שכל ישראל היו עסוקים בכסף וזהב, ומשה היו עוסק בעצמות יוסף שנאמר (שמות י״ג י״ט) ויקח משה את עצמות וגו׳ אמר הקב״ה למשה עליך נתקיים חכם לבב יקח מצות. יוסף היה חייב לאביו לקברו מפני שהוא בנו ואתה לא בנו ולא בן בנו ולא היית חייב לעסוק בו וקברת אותו, וכך אני שאיני חייב לבריה אני מטפל בך ואקברך שנאמר (דברים ל״ד ו׳) ויקבור אותו בגיא.

(מ״ר, שמות כ׳, סוטה י״ג).

חברה קדישא איז עוסק אין דער הייליגער מצוה פון אָפּגעבען דעם ריכטיגען כבוד די פאַרשטאָרבענע. די חברה קדישא גיט אכטונג, אַז אַלע דינים, וואָס אנבאַלאַנגט דעם מת, זאָלען ריכטיג אויסגעפאָלגט ווערען, ווי טהרה, הלוית המת, קבורה, נחום אבלים.

איינמאָל אין יאָהר, ט״ו כסלו אָדער ז׳ אדר, פאַסטען די חברים פון דער הייליגער חברה און זאָגען סליחות און געהען אויף די בית־עולם׳ס, איבערצובעטען די מתים, פיללייכט האָט די חברה קדישא ניט נוהג געווען זיך מיט די פאַרשטאָרבענע ווי עס דאַרף צו זיין, פיליכט האָבען זיי ניט אָפּגעגעבען גענוג כבוד ווי די מתים האָבען דאָס פאַרדינט. דעריבער בעטען זיי די פאַרשטאָרבענע און אויך דעם אַלמעכטיגען גאָט אַ סליחה ומחילה.

נאָך דעם תענית און סליחות זאָגען ווערט געפּראַוועט אַ פּראַכט־פאָלע סעודה, וואו אַלע מתעסקים און אויך אַלע, וואָס באַלאַנגען צו דער חברה קדישא, זיינען זיך משמח, וואָס גאָט האָט זיי מזכה געווען עוסק צו זיין אין אַזאַ גרויסער און הייליגער מצוה.

קיין אַנדער חברה, וואָס גיט זיך אָפּ צו העלפען לעבעדיגע, ווי זקנים, יתומים, אלמנות און קראַנקע, — און די דאָזיגע הילף איז דאָך גרויס און הייליג — טראָגט ניט אויף זיך דעם נאָמען „חברה קדישא״. די איינצעלנע חברה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חברה קדישא״, זיינען די יעניגע, וועלכע גיבען זיך אָפּ ניט מיט לעבעדיגע, נאָר מיט די פאַר־שטאָרבענע. אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפט זיין פאַרקעהרט: די

יעניגע וואָהלטעטיגע חברות, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט העלפען די קראַנקע און הילפלאָזע אין וועלכע, מיט זייער הילף, פאַרלענגערען זיי די יאָהרען פון די אומגליקליכע, די דאָזיגע חברות און סאָסייעטים האָבען געדאַרפט טראָגען דעם שעהנעם נאָמען „חברה קדישא“ — ניט די יעניגע, וואָס גיבען זיך אָפּ נאָר מיט די טויטע, וועלכע האָבען שוין אַלע חשבונות מיט דער וועלט געשלאָסען, און זיי קען מען מעהר ניט העלפען ווי נאָר מטהר און מקבר זיין!

יתרו זאָגט צו משה'ן: אויף דיר, משה, ליגט די הייליגע פליכט פון „והודעת להם את הדרך ילכו בה“ — דו זאָלסט זיי לאָזען וויסען דעם ריכטיגען וועג, אין וועלכען זיי זאָלען געהן. קומען אונזערע חז"ל און ערקלעהרען וואָס מיינט דער ריכטיגער וועג, אין וועלכען אַ מענש דאַרף געהן. תני ר' יוסף „והודעת להם“ זה בית חייהם — די ערשטע פליכט איז צו לערנען אַ צווייטען אַן אומנות, אַן אַרבייט; דער מענש זאָל האָבען אַ טרייד אין האַנד, פון וואָס אַ לעבען צו מאַכען פאַר זיין פאַמיליע. דאַן קומט „את הדרך“ זו גמ"ח — צו העלפען יעדען איינציגען, וואָס נויטיגט זיך אין הילף, מיט אַ גמלות חסד פון געלד אָדער מיה, ווייל דאָס איז דער וועג פונ'ם לעבען, אַז איינער זאָל דעם צווייטען העלפען. „ילכו“ זו בקור חולים — ווען איינער איז קראַנק, מוז דער געזונטער געהן מבקר חולה זיין און מיט דעם ברענגען טרייסט צו דעם קראַנקען. „בה“ זו קבורה (ב"מ, ל') — ווען דער מענש שטאַרבט, דאַרף מען מיט איהם טאָן דעם לעצטען גמ"ח — איהם מקבר זיין.

פון די אַלע חסדים, וואָס מיר טוען צו די לעבעדיגע, איז קיין חסד ניט ריין פון פניות. ערשטענס, טוען מיר דאָס, ווייל מיר קענען ניט צוזעהן דעם צער פון די מענשען, וועלכע ליידען; און ווען מיר העלפען זיי אין זייער נויט, האָבען מיר ניט בלויז זיי געהאָלפען, נאָר אויך זיך אַליין געהאָלפען — מיט דעם, וואָס אונז טוט הנאה, אַז דער אומגליקליכער מענש איז געהאָלפען געוואָרען, און מיר זיינען דאָס געוועזען די יעניגע, וועלכע האָבען געקענט לינדערען זיינע שמערצען. צווייטענס, ווען מיר טוען אַ חסד צו אַ לעבעדיגען, ערוואַרטען מיר אַמאָל, אַז דער לעבעדיגער זאָל אונז אָפּטאָן אַ טובה, אין געלד אָדער אין כבוד. דעריבער זיינען די אַלע חסדים מיט די לעבעדיגע ניט קיין חסד של אמת.

אַנדערש זיינען אָבער די חסדים, וואָס מיר טוען מיט די פאַרשטאָרבענע. ווי נאָר זיי האָבען צוגעמאַכט די אויגען און האָבען געזאָגט

דעם לעצטען „גוד-באי" צו דער וועלט, האבען זיך געענדיגט זייערע יסורים און שמערצען, וואס זיי האבען געליטען, און זיי ברויכען שוין ניט קיין הילף פון אונז, און ס'פארשטעהט זיך, אז מיר ערווארטען ניט פון זיי, זיי זאלען אונז אפצאלען פאר די חסדים מיט געלד אדער כבוד. דער חסד, וואס מיר טוען צו די טויטע, איז א ריינער און א הייליגער, אהן שום אייגעננוצען און ערווארטונגען. דעריבער, ווען יעקב האלט ביים שטארבען און ער רופט זיין זוהן יוסף און בעט איהם, ער זאל איהם ניט מקבר זיין אין מצרים, נאר יוסף זאל זעהן, אז יעקב זאל צו קבורה קומען מיט זיינע עלטערען, רופט אן יעקב אבינו דעם דאזיגען גמלות חסד מיט דעם נאמען „חסד ואמת", חסד שעושים עם המתים נקרא חסד של אמת (מ"ר שם) — דער דאזיגער חסד איז אן אמת'ער, ווייל מען טוט דאס צו א פארשטארבענעם, וועלכער קען צוריק ניט אפטאן קיין חסד צו א לעבעדיגען.

ווען דער חסד איז א ריינער, אהן קיין שום פניות און אייגעננוצען, און ער קומט פון דער טיפעניש פון הארצען און נשמה — אזא חסד איז א הייליגער, און אזא חברה דארף טראגען דעם נאמען „חברה קדישא".

די מענשען, וועלכע גיבען זיך אפ מיט דער דאזיגער הייליגער מצוה, מוזען צו דערזעלבער צייט זיין זעהר פארזיכטיג. זיי מוזען זיך באגעהן מיט דעם פארשטארבענעם מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט, אום ניט צו באגעהן א זאך, וואס איז געגען דעם כבוד פון טויטען, וועלכער איז הילפלאז און קען ניט פראטעסטירען געגען זיינע באליידיגער. מיר דארפען זיך פארשטעלען, אז עס וועט קומען א צייט, ווען מיר לעבעדיגע וועלען זיין דיזעלבע יחסנים ווי די טויטע. דעריבער לערענט מען אונז „כל הרואה את המת ואינו מלוהו עובר משום לועג לרש"... (ברכות, י"ח) — דער יעניגער, וואס זעהט א לויה פארבייגעהן און ער באגלייט ניט און גיט ניט אפ דעם געהעריגען כבוד דעם פארשטארבענעם, איז עובר אויף לועג לרש: ער לאכט אפ פון דעם אומבאהאלפענעם ארימען מת, ער, דער לעבעדיגער, ווייזט ארויס זיין שטאלצקייט און גאוה געגען דעם יעניגען, וועלכער געהט אוועק אין דער אייביגקייט קיינמאל ניט צוריקצוקומען אין דער דאזיגער זינדיגער וועלט.

דעריבער איינמאל אין יאהר פאסטען די חברה קדישא לייט און געהען אויף די קברים פון די מתים און זאגען תפילות און סליחות און בעטען מחילה די פארשטארבענע, אויב די מתעסקים זיינען זיך ניט

באַגאַנגען ווי עס דאַרף צו זיין ביים אָפּגעבען זיי דעם ריכטיגען כבוד אין אַלעם, וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אידישען דין.

די ערשטע חברה קדישא לייט אויף דער וועלט זיינען געווען די פייגעלעך, וואָס שוועבען אין די הימלען, אין דער צייט, ווען עס איז באַגאַנגען געוואָרען דער שוידערליכער פאַרברעכען — צוליב קנאה און שנאה איז קין אויפגעשטאַנען און האָט אָהן שום רחמנות דער׳הרג׳עט זיין אייגענעם ברודער הבל. די געטליכע שטימע האָט אָפּגעקלונגען אויף דעם ערד-קוגעל: „אי הבל אחיך?" — וואו איז דיין ברודער הבל? „קול דמי אחיך צעקים אלי מן האדמה!" — דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד!... דער געטליכער געשריי און פראָטעסט געגען דעם דאָזיגען שוידערליכען מאָרד האָט געמאַכט אַ שטורעם ביי אַלע בעלי חיים, וועלכע האָבען געלעבט צווישען זיך אין אחדות און אין שלום, און אויף וועלכע גאָט האָט געלייגט זיין זיגעל פון כי טוב. ביי די דאָזיגע בעלי חיים זיינען קיין בלוט-פאַרגיסונגען ניט פאָרגעקומען, און מיט זיי איז גאָט געווען צופרידען, וואָס ער האָט זיי באַשאַפען אויף דער וועלט. „וינחם ה׳ כי עשה את האדם בארץ" — גאָט האָט בלויז חרטה געהאַט אויף דעם מענשען, וואָס ער האָט איהם באַשאַפען, אָבער מיט די בעלי חיים איז גאָט געווען צופרידען...

ווען די בעלי חיים האָבען דערהערט פון דער דאָזיגער שרעקליכער בלוט-פאַרגיסונג, האָבען זיי אַן אסיפה אָפּגעהאַלטען און זיי האָבען באַשלאָסען צו געהן נעהמען נקמה פון דעם ברודער-מערדער, קין. רי״א נתכנסו בהמה, חיה ועוף לתבוע דמו של הבל (מ״ר פ׳ כ״ב שם). און גאָט איז געווען געצוואונגען אויסצורופען: „לכן כל הורג קין..." — קיינער האָט ניט קיין רעכט צו לינטשען אַ מערדער אָהן אַ משפט און דין. און מיט דעם זיינען אַלע בעלי חיים איינגעשטילט געוואָרען.

די עופות און די חיות טהורות, די יעניגע, וועלכע שטעהען העכער פון די אַנדערע בעלי חיים, וואָס זיינען טמא, זיינען אַוועק צו דעם פלאַץ, וואו הבל איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, און זיי האָבען דערזעהן דאָס טרויעריגע בילד, ווי דער בחיר היצורים — דער מענש — ליגט אין זיין בלוט, און זיין קערפער ווערט געברענט פון דער זון, און אַלע ווילדע פויגלען טאַנצען אַרום איהם. האָבען די חיות און עופות טהורות גע־בּינדעט אַ חברה קדישא אונטערן פרייען הימעל און האָבען הבל׳ען מקבר געווען. ומי קברו — ווער האָט הבל׳ען מקבר געווען? א״ה

אלעזר בן פדת עופות השמים וחיות טהורות קברוהו, ונתן להם הקב"ה שכרן ב' ברכות שמברכין עליהן, אחת לשחיטה ואחת לכיסוי הדם (מ"ר כ"ב שם) — ר' אלעזר בן פדת זאָגט, אַז די פויגלען און חיות טהורות האָבען הבל'ען מקבר געווען. און דערפאַר, וואָס זיי האָבען פראַקטעס־טירט געגען שפיכת דמים און האָבען אָפּגעגעבען דעם ריכטיגען כבוד דעם מענשליכען קערפּער, האָט זיי גאָט באַצאָלט דערמיט, וואָס אויף זייער שחיטה מאַכט מען אַ ברכה און וואָס זייער בלוט ווערט פאַרדעקט און מען מאַכט אויך אויף דעם אַ ברכה. מדה כנגד מדה — זיי האָבען זיך באַגאַנגען מיט פאַרגאָסענע בלוט ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף מען זיך אויך באַגעהן מיט זייער בלוט ווי עס דאַרף צו זיין...

אברהם אבינו, דער ערשטער, וואָס האָט אנערקענט דעם גלויבען אין איין גאָט, איז אויך געווען אַ חברה קדישא מאַן. און אויסער וואָס ער האָט מקיים געווען די אַלע גמלות חסדים, וואָס אַנבאַלאַנגט צו די לעבעדיגע, האָט ער אויך מקיים געווען דעם לעצטען גמלות חסד — קבורת המת. ווען זיין נאָבעלע פרוי, שרה, איז געשטאָרבען, האָט זיך אברהם אַליין מתעסק געווען ביי איהר קבורה. „ואחרי כן קבר אברהם את שרה אשתו". און אַזוי האָט געטאָן יצחק, ווען זיין פאָטער, אברהם, איז געשטאָרבען — „ויקברו אתו יצחק וישמעאל בניו אל מערת המכפלה". און אַזוי האָט געטאָן יעקב — „ויקברו אותו עשו ויעקב בניו". און אַזוי האָבען געטאָן די שבטי יה, ווען זייער פאָטער, יעקב, איז געשטאָרבען — וישאו אתו בניו ארצה כנען ויקברו אתו במערת שדה המכפלה". און אָט אַזוי זעהט איהר, אַז צו זיין אַ חברה קדישא מאַן איז אַ גרויסער זכות. די חברה קדישא איז אַלט, ווי לאַנג דער אידישער גלויבען עקזיסטירט.

פון אונזערע חכמי התלמוד זיינען געווען פילע, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען צו זיין מתעסקים ביי פאַרשטאָרבענע; און איינער פון זיי, אבא שאול, איז דורך דעם געוואָרען אַן עקספּערט איבער דעם אויסזעהן פון די מענשליכע ביינער (נדה, כ"ד).

וואו נאָך קען אַ מענש לערנען דעם אמת'ן תכלית החיים, אויב ניט ביי אַ טהרה אָדער קבורה? דאָרטען זעהט דאָך דער מענש איין, וואָס עס לאָזט זיך אויס פון דעם גאַנצען לעבען, און ווי ווייט נאַריש עס זיינען די מענשען, וואָס לאָזען זיך אַריין אין דעם הו־האַ פון לעבען. און דעריבער טראָגען די מתעסקים פון די פאַרשטאָרבענע דעם שעה־

נעם נאָמען „חברה קדישא“, וואָרים דורך די פאַרשטאָרבענע ווערען די נשמות פון די חברה-לייט פאַרהייליגט... און דאָס מיינט רב פפא אגרא דבי טמיא שתיקותא (ברכות ו׳) — וואָס איז דער שכר פון די יעניגע, וואָס קומען אין דעם אָבל׳ס הויז? דאָס, וואָס מען שווייגט און מען שטעהט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, און מען באַגרייפט די נישטיגקייט פון דעם גאַנצען ערדישען לעבען, וואָס דאָס ברענגט צו אַ לעבען פון הייליגקייט. און דעריבער זאָגט די משנה (כתובות, ע״א) „המדיר את אשתו שלא תלך לבית האבל יוציא ויתן כתובה מפני שנועל בפניה“ — אויב דער מאַן פאַרוועהרט זיין פרוי מיט אַ נדר, אַז זי זאָל ניט געהן באַזוכען אַן אָבל׳ס הויז, מוז ער איהר געבען גט און כתובה, ווייל ער פאַרשליסט פאַר איהר די טירען, וואו זי קען לערנען דעם מוסר החיים.

די חברה קדישא לייט און אַלע מענשען באַגרייפען, אַז מען איז ניט קיין אייביגער. סוף-כל-סוף וועט דאָך קומען דער מאָמענט, ווען מיר אַליין וועלען דאַרפען זאָגען דעם לעצטען „גוד-באַי“ צו דער וועלט. און דאַן וועלען מיר דאָך אויך וועלען, אַז מען זאָל זיך מיט אונז אָפּ־געבען בדרך כבוד, און אונזערע קערפּערס זאָלען באַהאַנדעלט ווערען ווי אַ תשמיש של קדושה, וואָרים אַ דאַנק דעם קערפּער, האָבען מיר אַלע מצות פון דער תורה געקענט מקיים זיין. אָבער דאָס דאָזיגע קענען מיר עררייכען נאָר דאַמאָלס, ווען מיר וועלען ביי אונזער לעבען זיך מתעסק זיין מיט די אומבאַהאָלפענע, די פאַרשטאָרבענע, דספד יספדוניה, דקבר יקברוניה, דידל ידלוניה, דלואי ילווניה, דטען יטענוניה (כתובות, ע״ב) — ווען איך בין מספיד און באַקלאָג און געה צו דער לויה אָדער טראָג יענעם אויף מיינע אַקסלען, ווען ער איז טויט, דערפאַר ווען איך וועל שטאַרבען, וועט מען טאָן דיזעלבע זאַך צו מיר...

אין דער אַלטער וועלט, אויף יענער זייט ים, ווען עס איז געקומען צו אַ לויה, האָבען אַלע אַוועקגעלייגט זייער אַרבייט און זיינען געגאַנגען טאָן דעם לעצטען גמלות חסד. חברה קדישא לייט האָבען דאָרטען געהאַט זעהר אַ שווערע אַרבייט, צוערשט מיט דער טהרה און נאָכהער געהן צופוס און טראָגען דעם מת אויף די פּלייצעס און דאַן ערשט מאַכען די קבורה. און זיי האָבען כשר פאַרדינט דעם טרונק בראַנפען און לחיים, וואָס זיי האָבען געמאַכט. זעהר טרויעריג איז דאָ אין אַמעריקע אין דער הינזיכט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס יעדער איינער באַ־לאַנגט צו פילע אָרגאַניזאַציעס און שוהלען, דאָך אַז מען שטאַרבט,

וועגדט זיך — אויב מען שטאַרבט שבת, קומען די ברידער און פריינד זונטאָג צו דער לויה, אויב אָבער מען שטאַרבט אין מיטען וואָך, איז אָך און וועה צו דער לויה... אויף דעם האָט אפשר אָנגעוואונקען ר׳ יוחנן אויפ׳ן פסוק „על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא — זו קבורה“ (ברכות, ח׳) — צו קבורה קומען דאַרף מען אויך מזל האָבען און בעטען גאָט אויף דעם.

אין אמעריקא איז יעדער איינער פאַרנומען מיט זיינע אינטער־רעסען, דער אין געשעפט, און דער ביי דער אַרבייט, און מען דענקט, אַז מען וועט אַזוי אָנגעהן פאַר דורות און דורות. מען שטעלט זיך אפילו ניט אָפּ אַ טראַכט צו טאָן, ווען אַ לויה געהט דורך אין גאַס. מ׳דענקט: אָט יענער איז געשטאָרבען, ניט ער קען איהם און ניט ער ווייסט איהם. אַ גאַנץ קליינע צאָל פון די אמת׳ע חברה קדישא לייט קומען אַלע מאָל צו דער טהרה. זיי לאָזען זייערע געשעפטען און אַרבייט; זיי אַרט ניט דער שאָדען אין געלד, וואָס זיי האָבען, אַבי מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון חסד של אמת.

איך זעה יעצט פאַר זיך צו דער סעודה אַ גאַנץ גרויסען עולם. אַלע זיינען מעמבערס פון דער חברה קדישא. און די פראַגע איז, וואו זיינען דיזעלבע מענשען, ווען עס שטאַרבט זייערער אַ חברה־ברודער? זיי זיינען יוצא מיט׳ן קומען איינמאָל אין יאָהר צו דער חברה קדישא סעודה און הערען אַ רעדע אָדער אַ דרשה פון אַ רב איבער דעם תכלית און מוסר החיים! אָבער שלמה המלך לערענט אונז: „טוב ללכת אל בית אָבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו (קהלת, ז׳)“ — עס איז בעסער צו געהן אין אָבל׳ס הויז און עוסק זיין אין אַלע זאַכען, וואָס דער מת און די אבלים ברויכען, איידער אָפצולייגען צו געהן הערען איבער מוסר החיים און תכלית החיים, ווען די חברה קדישא מאַכט אַ סעודה. וואָרים נאָר אין דעם אָבל׳ס הויז, וואו מען זעהט אַלעם מיט די אויגען, נעמט דער מענש ערענסט דענקען וועגען דעם סוף כל האָדם, אָבער ניט ווען מען איז ביי דער סעודה פון דער חברה קדישא און מ׳עסט און מ׳טרינקט פון דאָס בעסטע. דאָ זיך דער־מאָנען אָן דעם סוף כל האדם איז גאַנץ שווער — — —

ויקח משה את עצמות יוסף. עליו הכתוב אומר „חכם לב יקח מצות“ שכל ישראל היו עסוקים בכסף וזהב ומשה היה עסוק בעצמות יוסף. יוסף

באַשווערט זיינע ברידער און זאָגט זיי: „פקד יפקוד אלקים אתכם והעליתם את עצמותי מזה“ — אַז גאָט וועט אייך דערמאָנען און אייך אַרויסנעהמען פון מצרים, זאָלט איהר מיינע ביינער מיטנעהמען. און צום סוף, ווען אידען האָבען פאַרלאָזען דאָס לאַנד מצרים, האָבען זיי פאַרגעסען די שבועה און האָבען קיין צייט געהאַט צו באַשעפטיגען זיך מיט יוסף׳ס ביינער, ווייל זייער צייט האָבען זיי אָוועקגעגעבען צו קליי־בען פון די מצריים דאָס זילבער און גאָלד. און ווען מען איז באַשעפטיגט מיט קלייבען גאָלד, דאַן האָט מען קיין צייט ניט צו „באַדערען“ זיך מיט טויטע ביינער...

דער איינציגער, וואָס איז געוועזען דער ריכטיגער חכם לבב, דאָס איז משה. ער האָט פאַרלאָזען די זילבער־און־גאָלד־קלייבעניש און איז געגאַנגען ווערען אַן אמת׳ער חברה קדישא מאַן, ער איז געגאַנגען זוכען יוסף׳ס ביינער. „אָמר הקב״ה עליך נתקיים חכם לבב יקח מצות, יוסף היה חייב לאביו לקברו מפני שהוא בנו ואתה לא בנו ולא בן בנו ולא היית חייב לעסוקי בו וקברת אותו, וכן אני שאיני חייב לבריה אני מטפל בך ואקברך שנאמר ויקבר אותו בגיא“ (מ״ר שמות כ׳, סוטה י״ג) — האָט גאָט געזאָגט: אויף דיר, משה, איז מקוים געוואָרען דער חכם לבב יקח מצות, דאָס קלוגע האַרץ נעמט מצות. יוסף איז געוועזען פאַר־פליכטעט מקבר צו זיין זיין פאָטער, ווייל ער איז דאָך זיין זוהן. אָבער דו, משה, וואָס דו ביסט ניט יוסף׳ס זוהן אָדער אייניקעל און ביסט ניט חייב געוועזען צו באַשעפטיגען זיך מיט זיינע ביינער, פונדעסטוועגען האָסטו אַלעס געלאָזען און דו האָסט איהם מקבר געוועזען; דערפאַר וועל איך, גאָט, אַבוואָהל איך בין קיין זאַך ניט שולדיג צו קיין באַשעפעניש, זיך אַליין באַשעפטיגען מיט דיין קערפּער און איך וועל דיך מקבר זיין...

דיזעלבע זאַך זאָג איך צו די חברה קדישא לייט: אין דער צייט, ווען אַלע אין אַמעריקאַ זיינען באַשעפטיגט מיט קלייבען גאָלד און זיל־בער און קיינער האָט קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבען מיט מתים, טהרות, לויות און קבורות, זייט איהר די חכם־לבב׳ס, איהר לאָזט איבער דאָס גאָלד און זילבער, אייערע געשעפטען און אַרבייט, און זייט עוסק אין דער הייליגער מצוה פון חסד של אמת; דערפאַר וועט אייך גאָט באַצאָלען דעם שכר אויף דער וועלט און אויך אויף יענער וועלט.

ווען ביי ריש לקיש׳ן שטאַרבט אַ קינד און ריש לקיש בעט רב חייא בר אבא צו זאָגען עטוואָס וועגען דעם כבוד פון די מנחמי אבלים, וועלכע

טוען דעם לעצטען גמלות חסד, האָט רב חייא געזאָגט די פאָלגענדע ווערטער: „אחינו גומלי חסדים בני גומלי חסדים המחזיקים בבריתו של אברהם אבינו, אחינו בעל הגמול ישלם לכם גמולכם, ברוך אתה משלם הגמול“ (כתובות, ח׳) — אונזערע ברידער, וועלכע זיינען גומלי חסדים און אויך קינדער פון גומלי חסדים, וועלכע האַלטען זיך אָן דעם ברית פון אברהם אָבינו; ברידער! גאָט, וועלכער איז דער ריכטיגער בעל הגמול, זאָל אייך באַצאָלען אייער שכר.

איהר חברה קדישא לייט, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט אַן אמת אַ גאַנץ יאָהר מיט דער דאָזיגער מצוה, און וועלכע האָבען היינט געפאַסט און געזאָגט סליחות, איהר מעגט זיך מיט אַן אמת משמח זיין ביי דער יעצטיגער סעודה. מיר אַלע אָנוועזענדע דאַרפען אויף זיך נעהמען, אין דעם קומענדען יאָהר צו העלפען די דאָזיגע מענשען אין זייער הייליגער אַרבייט און אַליין אויך ווערען אמת׳ע חברה קדישא לייט. און בזכות דער מצוה וועלען מיר זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים און צו אַ גאולה שלימה — אָמן.

# חבת התורה והארץ
## לחנוכה

דגים מאימתי מקבלין טומאה? ב"ש אומרים משיצודו ובה"ה אומרים משימותו, ר' עקיבא אומר אם יכולין לחיות...

(עוקצין, ג' ח').

עס איז געווען ניט קיין פּאָליטישער קאַמף און אויך ניט קיין מלחמה פאַר ערֹאָבערונגען, נאָר אַ קאַמף פאַר די אידישע לעהרען, פאַר די אידישע אידעען, וואָס געפינען זייער אויסדריק אין דער אידישער תורה, און וואָס די גריכען האָבען געוואָלט אָפּטויטען. צוויי אַנטקעגענגעזעצטע וועלט-אַנשויאונגען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען, צוויי קולטורען האָבען זיך אָנגעשלאָגען — די אידישע און די גריכישע; און די אידישע האָט געזיגט.

דאָס דאָזיגע איז דער גרונד-שטיין פון דער געשיכטע פון חנוכה, וואָס אידען פייערען אין דער גאַנצער וועלט, וואו זיי זיינען צושפּרייט.

דאָס אידישע פאָלק איז דאַן געווען אַ גאַנץ קליינע אומה. זיי האָבען געלעבט אויף די בערג פון יהודה. און כאָטש זיי זיינען געווען קליין אין צאָל, האָבען זיי זיך פאַרמאָסטען אָנצופיהרען אַ קאַמף פון מסירות נפש געגען די מעכטיגע גריכען, געגען דעם יורש פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען'ס וועלט-מלוכה. עס זיינען געשעהן נסים, אַז די דאָזיגע קליינע אומה איז געבליבען לעבען. צום אָנדענק פון די נסים און דער העלדישקייט פון קאַמף צינדען מיר די חנוכה-ליכט און קוקען צוריק מיט שטאָלץ אויף אונזער העראָאישער פאַרגאַנגענהייט.

אין תלמוד פאַרנעמט דער נאַציאָנאַלער יום-טוב, חנוכה, ניט קיין גרויסען פּלאַץ. עס איז ניטאָ קיין מסכתא אויף איהר נאָמען, פּונקט ווי עס איז דאָ אַ מסכתא מגילה וועגען פורים. אויך לייענען מיר ניט קיין מגילות און פראַווען ניט קיין סעודות. מיר פייערען דעם יום-טוב חנוכה, זאָגענדיג אַ לאַנגען „על הנסים" און אויך גאַנץ „הלל". דאָס איז שפּייז פאַר דער נשמה. מיט דעם גוף האָט דער יום-טוב חנוכה גאָר ניט צו טאָן. און ס'איז גאַנץ ריכטיג, אַז דער יום-טוב חנוכה, וועלכער איז אַן אָנדענק פון דעם קאַמף, וואָס אידען האָבען געפיהרט

ניט פאר לאנד-ערא̈בערונג און אויך ניט צוליב אנדערע מאטעריעלע צוועקען, נאר כדי אויפצוהאלטען דעם אידישען גייסט אין זיין גאנצער הייליגקייט און ריינקייט, — אז אזא יום-טוב זאל געפייערט ווערען נאר גייסטיג, נשמה׳דיג, מיט הלל און על הנסים און מיט ליכט-צינדען, אבער ניט מיט סעודות און פאטראוועס און זיך לאזען וואויל געהן, וואס דאס האט צו טאן מיט ערדישעס...

וועגען דעם אנצינדען די חנוכה-ליכט איז דא א מיינונגס-פארשי־דענהייט. בית שמאי אומרים יום ראשון מדליק שמנה מכאן ואילך פוחת והולך וב״ה אומרים יום ראשון מדליק אחת מכאן ואילך מוסיף והולך — בית שמאי זאגען, אז דעם ערשטען טאג דארף מען אנצינדען אלע אכט ליכט און וואס א טאג ווייטער איז מיט א ליכטעל וויניגער, און בית הלל זאגען פארקעהרט: דעם ערשטען טאג איין ליכטעל און וואס א טאג ווייטער מיט א ליכטעל מעהרער.

אמר עולא פליגי בה תרי אמוראי במערבא ר׳ יוסי בר אבין ור׳ יוסי בר זבידא, חד אמר טעמא דב״ש כנגד ימים הנכנסין וטעמא דבית הלל כנגד ימים היוצאין, וחד אמר טעמא דב״ש כנגד פרי החג וטעמא דב״ה דמעלין בקדש ואין מורידין (שבת, כ״א) — קריגען אין דעם צוויי אמוראים אין ארץ ישראל ר׳ יוסי בר אבין און ר׳ יוסי בר זבידא. איינער זאגט, אז שמאי דער קפדן, שמאי דער גיט-נאכגעבענדער אויף א קוצו של יוד פון די פרינציפען פון דעם ריינעם אידענטום, שמאי, וועלכער האלט פונ׳ם כלל „יקוב הדין את ההר״ (יבמות צ״ב), דער דין מוז אונטער אלע אומשטענדען אויסגעפיהרט ווערען, דער דאזיגער שמאי מיט זיינע תלמידים קוקען אויף יעדער זאך פעסימיסטיש; פאר זיי שיינען ניט אויף קיינע האריזאנטען פון גליקליכע האפענונגען; זיי קוקען אויף די פאקטען פון לעבען מיט אפענע אויגען; זיי לאזען זיך ניט פארפיהרען פון טרוים, פון אילוזיעס; און דעריבער זאגען די בית שמאי, אז דעם ערשטען טאג דארף מען אנצינדען אלע אכט ליכט און וואס ווייטער מיט איין ליכט וויניגער. דאס איז צו צייגען, אז דאס גליק האט נאר אמאל אויפגעשיינט פאר דעם אידישען פאלק, ווען א גאנץ קליין הייפעלע אידען האבען באזיגט מעכטיגע גרויסע נאציאנען און האבען צוריק איינגעשטעלט די אידישע רעליגיע און דעם למוד התורה. יום ראשון מדליק שמונה — בלויז אין די ערשטע פעריאדען זיינען אנגע־צונדען געווארען אלע ליכט פון דעם ריינעם אידענטום; מכאן ואילך

פוחת והולך, אבער וואס ווייטער און ווייטער וועט דאס אידישע ליכט, דער המאור שבתורה, אלץ ווינציגער און ווינציגער ווערען. ווארים די בית שמאי קוקען אויף די ימים הנכנסים, אויף דער ווייטער צוקונפט, וואס דאס אידישע פאלק וועט דארפען דורכמאכען; און די צוקונפט איז זעהר פארנעבעלט, די וואלקענס זיינען עכט שווארץ. א קייט פון פאגראמען און ענוים שטעהט פאר פאר דעם אידישען פאלק אין דעם שרעקליכען לאנגען גלות, און צוליב דעם וועט אויך דאס גייסטיגע אידענטום שרעקליך ליידען. און דער נר מצוה ותורה אור וועט פאר־לירען דורך דעם זיין ליכטיגקייט און הערליכקייט, און אין פארלויף פון צייט וועט די תורת חס ושלום פארגעסען ווערען אינגאנצען פון דעם אידישען פאלק...

וחד אמר כנגד פרי החג — און איינער זאגט, דעריבער האלטען בית שמאי, אז וואס א טאג פון חנוכה געהט אוועק, זאל מען אנצינדען מיט א ליכט וויניגער, ווייל דאס איז אנטקעגען די זיבעציג אקסען, וואס די אידען האבען מקריב געווען אין דעם יום־טוב סוכות: דעם ערשטען טאג פון סוכות האט מען מקריב געווען דרייצעהן אקסען, דעם צווייטען טאג צוועלף, דעם דריטען טאג עלף, און אזוי וואס ווייטער מיט א טאג, האט מען מקריב געווען מיט אן אקס ווינציגער. און דערפון איז צו לערנען, אז די זיבעציג אקסען זיינען אנטקעגען די זיבעציג בני נח, פון וועמען עס זיינען ארויסגעקומען די אלע אומות, און די דאזיגע אומות וועלען מיט דער צייט וויניגער ווערען, און אויך זייער שנאה צו דעם אידישען פאלק וועט פארקלענערט ווערען. טראץ דעם אלעם, האלטען די בית שמאי, אז וואס אנבאלאנגט דעם אידישען גייסט, די אידישע תורה און מצות, וועלכע האבען פארשפרייט ליכט איבער דער וועלט, וועט וואס א טאג זיין ליכט טונקעלער ווערען. און דאס וועט קומען פון דעם אלטען כלל: „שמנת עבית כשית ויטש אלוה עשהו" — (דברים ל"ב ט"ו) — ווי נאר דער איד ווערט פעט און גראב און עס געהט איהם גוט, פארלאזט ער גאט און זיין תורה. און פון דעם קומט צו „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם" (תהלים ק"ו ל"ה) — די אידען מישען זיך אויס מיט אלע פעלקער און לערנען זיך אפ פון זייערע שלעכטע טהאטען. און דעריבער האלטען די בית שמאי, אז די ליכט פון חנוכה דארפען אנגעצונדען ווערען יעדען טאג מיט א ליכט וויניגער. ווייל דאס איז כנגד פרי החג — ווען אפילו עס

וועט קומען די גלאַררייכע צייט, ווען די אומות העולם מיט זייער שנאה צום אידישען פאָלק וועלען ווייניגער ווערען, אויך דאַן וועלען די אידישע חנוכה-ליכט — דער סימבאָל פון קאַמף פאַר תורה און ריינער גאָטהייט — וואָס אַ טאָג ווינציגער ווערען. מיט איין וואָרט, די בית שמאי האַל־טען, אַז סיי כנגד ימים הנכנסים, וואָס צייגט אויף דער שרעקליכער צוקונפט, ווען אידען וועלען ליידען פון די אומות אין די גלות-לענדער אויף שריט און טריט, און סיי כנגד פרי החג, וואָס צייגט אויף דער צייט, ווען די שנאה פון די פעלקער צום אידישען פאָלק וועט אויפהערען, — אין די דאָזיגעביידע צייטען וועט דער קרבן זיין די תורה הקדושה, און איהר ליכט וועט וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ טונקעלער ווערען, ביז וואַנען זי וועט אינגאַנצען אויסגעהן, און עס וועט הערשען אַ שרעק־ליכע פינסטערניש...

די בית הלל, וועלכע האָבען געהאַט פאַר זיך זייער רבי'ן דעם גרויסען אָפּטימיסט, הלל, דעם גרויסען מלמד זכות אויף יעדען און אַלעמען; דער יעניגער, וועלכער נעמט אַריין אַ גר תחת כנפי השכינה, איינעם וואָס וויל לערנען די תורה אויף איין פוס; דער יעניגער, וועלכער ווייסט ניט פון קיין כעס און פאַראיבעל אויף קיינעם, און וועלכער איז דורך דעם געוואָרען דער נוח ומרוצה לבריות, און דאָס פאָלק האָט איהם ליב געהאַט מיט זיין גאַנצען הארץ און נשמה, — אָט די בית הלל האַלטען פאַרקעהרט ווי די בית שמאי, נעמליך, דעם ערשטען טאָג דאַרף מען אָנצינדען איין ליכט, און וואָס אַ טאָג געהט אַוועק, אַלץ מעהרער מיט אַ ליכט זאָל מען אָנצינדען. דער טעם זייערער איז כנגד ימים היוצאים — מען דאַרף ניט קוקען אויף די קומענדע טעג, אויף דעם פינסטערען, שרעקליכען עתיד, נאָר אויף די אַרויסגעהענדע טעג, אויף דעם הער־ליכען, שעהנעם עבר. און ווען מען וועט אַריינקוקען אין דעם אידישען עבר, ווען מען וועט בלעטערען די אַלטע אידישע געשיכטע, וועט מען טאַקע זעהן, אַז פילע פעלקער האָבען אַרויסגעגעבען אַן אָנזאָג צו דעם אידישען פאָלק: „כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל" (בראשית רבה מ"ד) — שרייבט אייך אויף אויפ'ן האָרן פונ'ם אָקס, אַז איהר האָט ניט קיין געמיינזאַמעס מיט דעם אידישען גאָט. דער דאָזיגער אָנזאָג איז געוועזן אַ סאַרקאַסטישער, אַן אָנזאָג מיט פינטעלאַך, — וואָרט, אידען! עס וועט קומען אַ צייט, ווען די פעלקער, וועמען אייער תורה גלייכט זיי צו די אָקסען, וועלען מיט דער צייט ווייניגער

ווערען, און אויך זייער שנאה צו אייך וועט פארקלענערט ווערען, און איהר וועט קריגען גלייכע רעכט אין זייערע לענדער; און דאן וועט איהר, אידען, פארזייסען אייערע קעפ, און אייער שטאָלץ וועט זיין גלייך צו דעם שטאָלץ פונ'ם אָקס, וועלכער שטאָלצירט מיט זיינע שעהנע הערנער... און אויף די דאָזיגע שטאָלצע, גאוה'דיגע הערנער וועט איהר דאמאלס אָנשרייבען אין לכם חלק באלקי ישראל, אז איהר האָט ניט קיין געמיינזאמעס מיט דעם אידישען גאָט... אָבער די בית הלל האַלטען, אז אזעלכע זאכען האָבען שוין פאסירט אין די ימים היוצאים — אין דעם גרויסען לאנגען עבר, ווען מען האָט שוין געדענקט, אז אָט־אָט און דער איד וועט שוין שרייבען „אין לנו חלק באלקי ישראל" — דער איד וועט אנטלויפען פון זיין גאָט און תורה. אָבער עס איז דאָ דער אַלטער גאָט, וואָס איז אַ לא ינום — ער דרעמעלט אַליין ניט, און אויך אַ ולא יישן — ער לאָזט זיין אידיש פאָלק ניט איינשלאָפען אין גלות. און ווען אידען האָבען געלעבט אין די פרייעסטע לענדער און האָבען גענאָסען גלייכע רעכט און זיינען געווען פאָלשטענדיגע בירגער מיט אַלעמען צוגלייך, — אויך דאָרטען, אין די דאָזיגע לענדער, זיינען אויפגעשטאַנען איבער־געגעבענע אידען און האָבען צוריק אָנגעצונדען דעם מאור התורה, וועל־כער איז מיט דער צייט געוואָרען אַ גרויסער הערליכער פלאַם, וואָס האָט פארשיינט אַלע גלות־לענדער. און אידען פון אַלע לענדער האָבען זיך צו דעם דאָזיגען פלאַם געצויגען אין די טויזענדער, און די תורה האָט צוריק אויפגעלעבט אין איהר פולען גלאַנץ און פראַכט.

די בית הלל האַלטען, אז חנוכה איז דער יום־טוב, וועלכער דער־מאָנט אונז אָן דעם גרויסען קאַמף פון די חשמונאים געגען די יונים, וועמעס צוועק עס איז געווען אריינצוגעהן אין דעם היכל, אין דעם קדשי קדשים: „כשנכנסו עובדי כוכבים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל" — דער צוועק פון די געצענדינער איז געווען נאָר אריינצוגעהן אין דעם אידישען היכל, אין דעם אָרט פון קדושה, און דאָרטען פארשמוצען און מטמא מאַכען אַלע בוימלען, וועלכע לייכטען... מטמא מאַכען דעם הייליגען לעבען פון שוהל און פארוואַנדלען איהם אין אַ רעפאָרם־טעמ־פעל; אריינגעהן אין דעם היכל פון אידישער ערציהונג און אויסלעשען דאָרטען אַלע זאכען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דער אידישער תורה און רעליגיע. מיט איין וואָרט, מטמא מאַכען די אידישע שוהל, תלמוד תורה, דאָס אידישע הויז, די אידישע גאַס. און דאָס וועט ברענגען, אז

אידען וועלען זיך אסימילירען און וועלען מיט דער צייט ברענגען קרבנות פאר פרעמדע געטער, אויף פרעמדע פייערען...

עס האט שוין געהאלטען ביי טמאו כל השמנים שבהיכל — עס האט זיך געדוכט, אז אלע בוימלען זיינען שוין טמא געווארען, עס איז שוין ניטא קיין פלאץ פאר עטוואס קדושה, פאר היילינקייט, אלע זיינען אסימילירט געווארען און זיינען געווארען איבערגעגעבענע העלעניסטען, צוזאמען מיט זייערע פאלשע כהן גדול׳ס, וועלכע האבען פארשלעפט דאס פאלק אין אלע זומפען... און טאקע א דאנק די דאזיגע געלדיגע כהן-גדול׳ס זיינען אלע בוימלען טמא געווארען...

אבער צו יעדער צייט איז דא אזא בוימעל, וועלכען די האנד פון די פעלקער און אויך די האנד פון די אסימילירטע אידען מיט זייערע כהנים גדולים ראבאי׳ס קענען ניט גרייכען. די אורזאך דערפון איז, וואס דער דאזיגער בוימעל „מונח בחותמו של כהן גדול" — ער ליגט אונטער דעם זיגעל פון דעם אמת׳ן כהן גדול, וועלכער צייגט דעם אמת׳ן וועג פאר זיינע נאכפאלגער, אז זיי זאלען זיך ניט לאזען פארפיהרען פון די שטאלצע, אריסטאקראטישע הערנער, וואס דורך דעם זאל מען דארפען מיט דער צייט שרייבען דעם באוואוסטען „אין לנו חלק באלקי ישראל"...

דער דאזיגער ריינער, הייליגער בוימעל, וואס קיין טמא האנד האט איהם ניט אנגעריהרט, צייגט העלדישע וואונדער אין אלע צייטען. טראץ דעם, וואס „ולא היה בו אלא להדליק יום אחד, נעשה בו נס והדליקו ממנו ח׳ ימים" — זיין צאל איז זעהר קליין, ריינער, הייליגער בוימעל איז דא גאנץ ווינציג, און עס דוכט זיך אמאל, אז מעהר ווי איין טאג וועט עס ניט ברענען, אז א גאנץ קורצע צייט וועט נעהמען, און דאס אידישע ליכט וועט אויסגעהן; אבער צו יעדער צייט ווייזט דאס דאזיגע ריינע ביסעלע הייליגער בוימעל, אז עס ברענט טעג און וואכען און יאהרען; און זיין ליכט הערט ניט אויף צו לייכטען און שיינען...

דעריבער זיינען די בית הלל גאנץ אפטימיסטיש געשטימט. זיי שרעקט ניט די ימים הנכנסים אין דער צייט, ווען פאר זיי איז אפען די אידישע געשיכטע, און זיי זעהען די ימים היוצאים... און דערפון נעהמען זיי, אז מעלין בקודש ואין מורידין — ווען עס קומט צו קדושה, צו הייליגטום, דארף מען זיך ניט שרעקען, אז עס וועט קומען א צייט, און די קדושה וועט אונטערגעהן אינגאנצען, גאר פארקעהרט, די ימים היוצאים גיבען האפענונג אויך אויף די ימים הנכנסים. ווען עס קומט צו קדושה,

דינט אימער דער אַלטער כלל מעלין בקודש ואין מורידין — ביי קדושה געהט מען אַרויף, אָבער ניט אַרונטער...

אויך יעצט האָבען מיר חשמונאים אין אַלע לענדער, וואו אידען געפינען זיך. דאָ און דאָרטען שטעהען אידען, וועמענס נשמות און הערצער זיינען ריין און הייליג, קיין האַנד פון די פעלקער און אַסימילאַ־טאָרען האָט זיי ניט געקענט מטמא מאַכען, ווייל זיי ווערען גע־פיהרט פון אמת׳ע כהנים גדולים, וועלכע גלויבען ביז מסירות נפש אין דער הייליגקייט פון דער תורה און איהרע מצות. אַ דאַנק דעם דאָזיגען ביסעלע ריינעם בוימעל ווערען די תורה און די מצות אויפגעהאַלטען, און זייער ליכט ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג...

אין ארץ ישראל, אינ׳ם לאַנד פון אונזערע האָפענונגען און זיסע חלומות, אינ׳ם לאַנד, וואו די חשמונאים האָבען געקעמפט און געצייגט גבורות, איז אויך היינט דאָ אַ הייפעלע חשמונאים, וועלכע קעמפען געגען אַ ריזיגער מאַכט פון היינטיגע זאָגענאַנטע יונים. און אויך היינט צייגען דאָרטען ריזיגע גבורות די היינטיגע מאָדערנע מאַקאַבייער, די חלוצים, וועלכע מיט איין האַנד בויען זיי דאָס לאַנד און מיט דער צוויי־טער באַקעמפען זיי די אידישע שונאים. און אַ דאַנק זיי ווערט דאָס אידישע לאַנד עראָבערט פון טאָג צו טאָג...

אָבער ניט אין אַלעם זיינען זיי גלייך צו די חשמונאים פון אַמאָל. די אַמאָליגע מאַקאַבייער האָבען די טומאה פאַרטריבען פון לאַנד און פון בית המקדש און אויפ׳ן פּלאַץ פון דער טומאה האָבען זיי פאַר־פלאַנצט קדושה. זיי האָבען דעם שבת ניט געוואָלט מחלל זיין אפילו אין דער צייט, ווען דער פיינד איז געשטאַנען מיט שווערדען זיי צו פאַרניכטען. די היינטיגע מאָדערנע מאַקאַבייער, די חלוצים, טוען גראָד פאַרקעהרט: זייער גאַנצער נצחון באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי פאַר־טרייבען די קדושה פון דעם הייליגען לאַנד און אויפ׳ן פּלאַץ פון דער קדושה ווילען זיי קרוינען און אַוועקזעצען די טומאה. אנשטאַט צו קעמפען פאַר׳ן שבת און זיין הייליגקייט, ווערט דער שבת פאַרטריבען פון די קבוצות; אנשטאַט צו קעמפען פאַר טהרת המשפּחה, ווי די אַמאָליגע חשמונאים, זוכען די היינטיגע מאָדערנע חשמונאים צו פאַר־ניכטען די דאָזיגע הויכע און הייליגע מצוה...

די היינטיגע חשמונאים דענקען, אַז זייער גבורה, וואָס זיי צייגען אַרויס ביים איינגעהמען דאָס לאַנד, איז אויף אַלעם מכפּר; אַז מיט

דעם אליין זיינען זיי פאררעכענט פאר ריכטיגע קעמפער און העלדען, וועמען אלע מוזען רעספעקטירען; אז דאס גיט זיי דאס רעכט אפילו שבת ניט צו היטען, קיין שוחט ניט צו האבען און אפילו קיין חופה וקדושין ניט צו נעהמען...

אבער ביי אונז איז דאס הייליגע לאנד טייער און ליב, ווייל דארטען האבען אונזערע נביאים געלעבט, ווייל דארטען האבען אונזערע חכמי התלמוד זייערע מחות געשארפט, ווייל דארטען איז דער בית המקדש געשטאנען. און דעריבער ווילען מיר זעהן פון די היינטיגע מאדערנע מאקאבייער, אז אויך זייער קאמף זאל זיין דער קאמף צו פארפלאנצען די תורה אנשטאט איהר ארויסצוטרייבען...

אמר רבא „פשיטא לי נר ביתו ונר חנוכה נר ביתו עדיף משום שלום ביתו" (שבת, כ"ג) — רבא זאגט: דאס איז ביי מיר געוויס: זוען עס קומט פאר א קאמף פון דעם שבת-ליכט, וועלכעס פארטרעט אלעם, וואס איז הייליג, מיט דעם חנוכה-ליכט, וועלכעס פארטרעט גבורה און העלדענטום, מוז דאס שבת-ליכט זיגען. אנדערע דענקען, אז דאס חנוכה-ליכט, די העלדישקייט, וואס מען ציינט ארויס ביים עראבערען דאס לאנד, גיט דאס רעכט אוועקצושטויסען דעם נר ביתו, דאס שבת-ליכט, די קדושה. אבער דאס וועט קיינמאל ניט זיין. דאס שבת-ליכט וועט אימער שטעהן העכער פון דעם חנוכה-ליכט — די קדושה וועט אימער מנצח זיין די גבורה, משום שלום ביתו, צוליב דעם, אז אין דעם אידישען הויז זאל הערשען פרידען, אז די שבת-ליכט און די חנוכה-ליכען זאלען געהן האנד-אין-האנד. ווייל אויב ניט, וועט אימער זיין מחלוקות אין אידישען הויז און אידישען לאנד צווישען די אנהענגער, וועלכע פארטרעטען די חנוכה-ליכט, און די יעניגע, וועלכע אויסער וואס זיי פארטרעטען די חנוכה-ליכט, פארטרעטען זיי אויך די שבת-ליכט...

דער אומגליק איז, וואס די היינטיגע חנוכה-ליכט צינדען אן די יעניגע, וואס זייער אנצינדען איז ניט בשלימות. „הדליקה חרש, שוטה וקטן לא עשה ולא כלום" (שם) — ווען עס צינדען אן די חנוכה-ליכט אזעלכע, וועלכע האבען אויערען און הערען ניט דעם קלאנג פון דער תורה, און אויך אזעלכע, וועלכע זיינען פארנארישט צו דענקען, אז מען קען אויסבויען א אידיש לאנד אהן דער אידישער רעליגיע, און אויך אזעלכע, וועלכע זיינען ניט דערוואקסען צו פארשטעהן די שעהנקייט

און ערהאַבענקייט פון די אידישע מצות, — אַז אַזעלכע צינדען אָן, איז זייער אָנצינדען גאָר ניט ווערט...

„הדודאים נתנו ריח — זו דודאים של ראובן ועל פתחינו כל מגדים זו נר חנוכה" (מדרש פליאה) — ווען ראובן געהט אין פעלד אין צייט פון שניט און געפינט דודאים-בלומען, „ויבא אותם אל לאה אמו" — און דער צוועק איז געווען אַ הויכער און אַ הייליגער, ער האָט מיט דעם געוואָלט מקיים זיין איינעם פון די העכסטע פרינציפען פון דער תורה און פון מענשליכקייט, נעמליך, די מצוה פון כבוד אם — זיין צוועק איז געווען צו ברענגען די בלומען אַ מתנה פאַר זיין מוטער. אָבער ראובן האָט זיך פונדעסטוועגען ניט געלאָזט איינריידען, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז מקיים די גרויסע מצוה פון כבוד אם, איז עם איהם ערלויבט אין דער זעלבער צייט צו באַגעהן אַ פאַרברעכען און עובר זיין אויף לא תגנוב — צו געהן אין אַ פרעמד פעלד און רייסען בלומען, אום זיי צו ברענגען דער מאַמען זיינער. „בימי קציר חטים מאי נפקא מינה? אמר רבא בר רב יצחק אמר רב מכאן לצדיקים שאין פושטים ידיהם בגזל" (סנה"ד, צ"ט) — דער תלמוד פרעגט: וואָס איז די נפקא מינה, ווען ראובן איז געגאַנגען אין פעלד, אַז די תורה דאַרף דערצעהלען, אַז דאָס איז געווען אין שניט-צייט? נאָר פון דאַנען לערנען מיר אָפּ, אַז צדיקים, אמת'ע אידען מיט גאַנצע נשמות, נעהמען ניט קיין זאַכען, וואָס באַלאַנגען ניט צו זיי, אפילו אין דער צייט, ווען זיי טוען מיט דעם גזל דעם גרעסטען און שענסטען טאַט... און דעריבער איז ראובן געגאַנגען אין פעלד, ווען עס איז געווען שניט-צייט — דאַמאָלס זיינען די דודאים, די בלומען, הפקר פאַר יעדען איינציגען...

„הדודאים נתנו ריח — אלו דודאים של ראובן" — דער דאָזיגער שעהנער טאַט פון ראובנ'ען האָט אַרויסגעגעבען וואונדערבאַרע ריחות פאַר אַלע צייטען עס איז פאַרבליבען אַ סימבאָל פאַר אימער, אַז אַ טאַט און מצוה ווי גרוים זי זאָל ניט זיין, איז ניט גענוג, אַז צוליב איהר זאָל מען באַגעהן אַן עבירה און דאָס האָט געפיהרט צו „ועל פתחינו כל מגדים—זו נר חנוכה" — וואָס מיר צינדען די חנוכה-ליכט ביי דעם אַריינגאַנג פון טיר לינקס פון דער מזוזה. „והלכת משמאל כדי שתהא נר חנוכה משמאל ומזוזה בימין" (שם) — אום צו צייגען, אַז דער חנוכה-לעמפעל טאָר ניט אָפּטרעטען פון דער מזוזה... און די מזוזה מיט די חנוכה-ליכט מוזען געהן האַנד אין האַנד, ווייל די אַמאָליגע חשמונאים

האָבען אויך געקעמפט מיט דער מזוזה אין האַנד. זיי האָבען געקעמפט, אום אויפצוהאלטען דאָס הייליגטום. און פאַר קיין פאַל טאָרען די חנוכה-ליכט ניט דוחה זיין די מזוזה. פאַרקעהרט, די מזוזה מוז קריגען דעם רעכטען זייט און די חנוכה-ליכט דעם לינקען זייט. די יעניגע, וועלכע ווילען פאַרשטויסען די מזוזה צוליב'ן חנוכה-לאָמפּ, די יעניגע געהען לינקס און ניט רעכטס...

מען טאָר ניט געהן רייסען בלומען אין פרעמדע גערטנער און אָנטאָן שאָדען פרעמדע מענשען, אום די בלומען זאָלען געבראַכט ווערען נאָכ־דעם צו דער מאַמען... אַזעלכע בלומען וואַרפט אַ הייליגע מאַמע צוריק... און בפרט אַזאַ מאַמע ווי ציון איז...

עס ווייזט אָבער אוים, אַז די חלוצים, די היינטיגע מאַקאַבייער, פאַנגען אָן די לעצטע צייט צו באַגרייפען, אַז זייער וועג, אויף וועלכען זיי זיינען געגאַנגען ביז איצט, איז ניט דער ריכטיגער. אוירא דארץ ישראל מחכים — די לופט און די אַטמאָספערע פון ארץ ישראל מאַכען יעדען איינציגען קליגער. דער ארץ ישראל'דיגער אויר האָט אויך קליגער געמאַכט אונזערע העלדען, די חלוצים, אַז זיי זאָלען איינזעהן, אַז די חנוכה-ליכט קענען ניט פאַרשטויסען אינגאַנצען די מזוזה, אַז גבורה קען ניט שטעהן העכער פאַר קדושה. גבורה איז גרוס נאָר דאַן, ווען זי געהט האַנד אין האַנד מיט קדושה...

די חלוצים פאַנגען אָן אַריינצונעהמען שוחטים אין זייערע קבוצות; עס ווערען שוין דאָרטען געבויט מקואות; די חלוצים נעהמען אויך אויף רבנים מיט כבוד און ערען אוים, וואָס די רבנים-געסט האָבען זיי צו זאָגען; און זיי זיינען זיך מתחבר מיט זייערע שכנים, די חסידים און עהרליכע אידען, וועלכע זיינען די אמת'ע חלוצים — די איבערגע־בליבענע העלדישע חשמונאים, וועלכע קעמפען פאַר זייער לאַנד און אויך פאַר דער תורה הקדושה. אַזאַ התחברות וועט ברענגען זעהר פיל גוטעס. דאָס וועט סוף כל סוף פיהרען דערצו, אַז די חלוצים זאָלען קעמפען האַנד אין האַנד מיט זייערע שכנים אי פאַר דעם הייליגען לאַנד, אי פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער קדושת התורה...

די גרעסטע טייל פון די פרומע אידען אין די גלות-לענדער האָבען צוליב די ראַדיקאַלע חלוצים ניט געוואָלט שטיצען די פאָנדען, וועלכע בויען ארץ-ישראל, ווי דער קרן היסוד און דער קרן קימת. זייער טענה איז, אַז אַזעלכע, וועלכע קומען בויען ארץ ישראל און אין דער זעלבער

צייט זיינען זיי מחלל די תורה, אזעלכע פארדינען ניט, אז מען זאל זיי העלפען אין זייער ארבייט. די פרומע אידען האבען ניט געוואלט איינ־זעהן, אז די מעהרסטע ראדיקאלע חלוצים קומען דאך פון די גלות־לענדער און פון דארטען האבען זיי געבראכט זייער פארביסענקייט צו דער תורה און צו דעם אידישען גאט; ווען זיי וועלען אבער פארברענגען יאהרען אויף דעם שוים פון זייער מוטער ציון, פאר וואס זיי זיינען וויליג צו ברענגען די גרעסטע קרבנות, וועלען דיזעלבע ציונ׳ס קינדער אויך ענדערען זייערע אפיקורסישע איינפיהרונגען, וויסענדיג, אז דאס איז געגען דעם רצון פון זייער הייליגער מוטער...

„מאימתי דגים מטמאין?" — דער מענש, וועלכער איז גלייך מיט זיין נאטור צום פיש („ותעשה אדם כדגי הים" — חבקוק א׳ ועי׳ ע"ז, ג׳) — פון ווען אן רעכענט ער זיך פאר א טמא? פון ווען אן רעכענט זיך דער מענש אפגעשטארבען פאר גאט און זיין תורה, אז ער זאל זיין אין דער בחינה פון רשעים בחייהם קרואים מתים, און מען טאר אין זיינע ד׳ אמות ניט שטעהן, און מען טאר מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האבען?... ב"ש אומרים משיצודו — די בית שמאי, וועלכע קוקען אויף יעדער זאך מיט דעם שטרענגסטען בליק, און ביי אלעם מוז זיין יקוב הדין את ההר, זיי האלטען, אז דער מענש, וועלכער איז גלייך צו די פיש, ווערט באלד טמא און ווערט פאררעכענט פאר אפגעשטארבען ווי נאר ער ווערט געפאנגען אין דער נעץ פון דעם יצר הרע, וועלכער רעדט איהם אן צו לייקענען אין דער געטליכקייט פון דער תורה. און די בית שמאי האלטען, אז פאר אזא מענשען איז ניטא קיין שום האפע־נונג, אז ער זאל ווען עס איז צוריק אויפלעבען. ער איז פאררעכענט פאר טויט אויף אימער און אייביג. דערפאר טאר מען מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האבען. און ווער רעדט וועגען הילף — טאר מען אזא מענשען געווים ניט געבען...

בית הלל אומרים משימותו — די בית הלל אבער, וועלכע זיינען אימער פון די מלמדי זכות אויף אלעם און אלעמען און קוקען מיט א לי־בעראלען בליק אויף דעם לעבען אין אלגעמיין, זיי האלטען אנדערש ווי די בית שמאי. ביי זיי איז נאר דאן דער מענש, וואס איז גלייך צו די פיש, מטמא, ווען דער מענש איז טאקע באמת געשטארבען, ווען זיין הארץ האט אויפגעהערט צו ארבייטען, ווען דער פולס קלאפט מעהר ניט, — אט דאן רעכענט זיך דער מענש פאר א געשטארבענעם און איז

מטמא. קוים אָבער האָט נאָך דער מענש אין זיך עטוואָס לעבען, מעג ער זיין אין אַ גסיסה צושטאַנד, דאַרף מען אַלץ האָפען, אַז דער מענש וועט צוריק אויפלעבען; און אַזאַ מענש איז ניט מטמא. די בית הלל האַלטען, אַז קוים האָט נאָך דער מענש עטוואָס אַ נייגונג צו גאָט און צו זיין תורה — אַזאַ מענשען טאָר מען ניט פאַרשטויסען און האַלטען זיך ווייט פון איהם, ווי פון אַ טמא. „תשב אנוש עד דכא—עד דכדוכה של נפש" — גאָט אַליין וואַרט אויף דעם מענשען, אַז ער זאָל זיך צוריקקעהרען צו איהם, ביז דעם לעצטען מאָמענט פון זיין לעבען, ווען דער טויט שוועבט שוין איבער זיין בעט...

„ר' עקיבא אומר אם יכולין לחיות" — ר' עקיבא, דער גרויסער נאַציאָנאַלער העלד פון דעם אידישען פאָלק; דער יעניגער, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען צו מרביץ זיין תורה ברבים און זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר די אַסימילאַטאָרישע פּפּוס'עם (ברכות, ס"א) און האָט אויך צוגעגליכען דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק צו דעם לעבען פון די פיש — פונקט ווי די פיש קענען ניט לעבען אָהן וואַסער, אַזוי קען דאָס אידישע פאָלק ניט לעבען אָהן זיין תורה, וואָס איז גלייך צו וואַסער, — דער דאָזיגער גרויסער העלד, ר' עקיבא, האַלט, אַז קוים קענען די פיש אויפלעבען צוריק, זיינען זיי ניט מטמא — קוים קענען די מענשען, וועלכע האָבען זיך דערוויטערט פון דער תורה, צוריק אויפלעבען און צוריקקריגען דעם אמת'ן רוח החיים אין דער צייט, ווען זיי זיינען אין זייער אייגען לאַנד, אַזעלכע מענשען טאָר מען פאַר קיין פאַל ניט פאַרשטויסען. פאַרקעהרט, עס איז אַ מצוה זיי קומען צו הילף, העלפען אין זיי אַריינבלאָזען דעם אמת'ן נפש החיים. און דאָס קען נאָר דערגרייכט ווערען דורך התקרבות, אָבער ניט דורך דער שיטה פון התרחקות...

די פרומע אידען מוזען האַלטען פון דער שיטה פון די בית הלל, וואָרים דער דין בלייבט ווי זיי פסק'ענען, געגען די בית שמאי. מען דאַרף אויך נעהמען אַ לעסאָן פון דעם גרויסען העלד, ר' עקיבא, און מקרב זיין די חלוצים, וועלכע אָפּפערען זיך צו בויען אונזער הייליג לאַנד.

זעהר גוט טוען די חסידישע רביים, וועלכע זיינען אַוועק פון גלות, צוזאַמען מיט זייערע חסידים, און זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, האָבען דאָרט געגרינדעט קאָלאָניעס און זיי, די רביים מיט די חסידים, באַאַרבייטען די הייליגע ערד פון ארץ ישראל. מיט דעם זיינען זיי

מקדש השם. און די גרעסטע מעלה, וואס זיי באַזיצען, איז די מעלה פון ר׳ זיראַ׳ן (עי׳ סנה׳ ל״ז) מקרב צו זיין די בריונים — זיי טאַנצען און פאַרברענגען צוזאַמען מיט די ראַדיקאַלע חלוצים. און די דאָזיגע התקרבות ברענגט דערצו, אַז די פרייע חלוצים זאָלען קומען נעהנטער צו דער אידישער רעליגיע און דער אידישער תורה...

די פרומע אידען, וואָס זיצען אין גלות און ליגען ניט צו אַ האַנד אין קאַלטען וואַסער און ווילען אפילו ניט העלפען אין דעם בנין הארץ מיט זייער געלד, טענה׳נדיג, אַז ארץ ישראל איז ניט גענוג פרום פאַר זיי, זינדיגען געגען גאָט און זיין הייליג לאַנד. „אָמר רב המדליק נר של חנוכה צריך לברך״ (שבת, כ״ג) — רב האַלט, אַז דער, וואָס צינדט אָן די חנוכה-ליכט, דער יעניגער האָט דאָס רעכט די ברכה צו מאַכען; אָבער די יעניגע, וועלכע שטעהען פון ווייטען און קוקען ווי אַן אַנדערער מאַכט פאַרטיג דעם מנורה-לאָמפּ, גיסט אַריין דעם בוימעל און צינדט אויך אָן, און נאָכהער קומען זיי און ווילען מאַכען די ברכה, קען מען צו זיי זאָגען: אויב ביים צוגרייטען דעם חנוכה-לאָמפּ און פאַרטיג מאַכען דעם בוימעל און ביים אָנצינדען זייט איהר געשטאַנען פון ווייטען און ניט געהאָלפען, וועט מען מיט דער ברכה אויך אויסקומען אָהן אייך, וויל דער עיקר פון די חנוכה-ליכט איז „הדלקה עושה מצוה״ — די הויפּט-זאַך איז ווער עס צינדט אָן די חנוכה-ליכט און דער יעניגער, וואָס צינדט זיי אָן, האָט דאָס פאָלשטענדיגע רעכט צו מאַכען אַ ברכה אויף זיין הייליגער אַרבייט. דער, וואָס בויט דאָס הויז, דער קלאַפּט די מזוזה, אָבער ניט די יעניגע, וואָס וואַרטען, אַז אַנדערע זאָלען בויען דאָס הויז און דאַן וועלען זיי קומען קלאַפּען די מזוזות...

די דאָזיגע מאָראַל לערענט אונז דער הערליכער יום-טוב פון חנוכה: סיי די בויער פון לאַנד, וועלכע האַלטען זיך ווייט פון דער תורה, סיי די יעניגע, וועלכע האַלטען זיך נאָהענט צו דער תורה און האַלטען זיך ווייט פון דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל, — „הנרות הללו קודש הם״,ביידע סאָרטען ליכט זיינען פאַר אונז הייליג, דער מיט זיין חבת התורה און דער מיט זיין חבת הארץ, „ואין לנו רשות להשתמש בהם״ — אָבער מיר האָבען ניט קיין רעכט צו באַנוצען זיך מיט אַזעלכע ליכט. די אמת׳ע ליכט, וועלכע וועלען פאַר אונז שיינען מיט זייער הערליכקייט, וועלען זיין די יעניגע, וועלכע פאַרמאָגען אין זיך חבת התורה און חבת הארץ. דאַן וועט זיין שלום על ישראל ועל תורתו. — אָמן!

# זה ישפיל וזה ירים

## פרשת שקלים

כי אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים (תהלים ע"ה ח') רבי יונה בוצריי ורבנן פתרין קרא באהרן, בלשון זה הושפל ובלשון זה הוגבה, בלשון זה הושפל שנאמר ואשליכהו באש ויצא העגל הזה (שמות ל"ב כ"ד) ובלשון זה הוגבה שנאמר (שם) זה קרבן אהרן ובניו (ויקרא ו' י"ג). ר' יונה פתר קרא בישראל, בלשון זה הוגבהו ובלשון זה השפלו, בלשון זה השפלו כי זה משה האיש, ובלשון זה הוגבהו זה יתנו זשה"כ צדקה תרומם גוי (משלי י"ד ל"ד).

(מדרש תנחומא, תשא ה').

דעם שבת פאַר ראש חדש אדר לייענען מיר די פרשה פון שקלים, אין וועלכער גאָט זאָגט צו משה׳ן: „ווען דו וועסט צעהלען דאָס פאָלק, אום צו וויסען זיין צאָהל, זאָל יעדער איינער פון זיי, וואָס איז אַריבער צוואנציג יאָהר אַלט, סיי דער רייכער און סיי דער אָרימסטער, געבען אַ האַלבען „שקל". פון די דאָזיגע שקלים האָט מען גענומען פאַר דעם „מזבח", פאַר די „אדנים" און אויך פאַר דעם בדק הבית (מגילה כ"ט). אין דעם מדבר איז שוין דאָס אידישע פאָלק אַנגעזאָגט געוואָרען צו געבען פאַר דער אויפבויאונג פון אַ משכן און אויך איהם אויסצו־האַלטען מיט קרבנות צבור און אויך פאַר דעם בדק הבית.

אַז די רייכע זאָלען זיך ניט גרוים האַלטען קעגען די אָרימע און זיי זאָלען ניט זאָגען, אַז די קרבנות צבור ווערען אַממעהרסטען געבראַכט אַ דאַנק זייערע גרויסע נדבות, האָט גאָט אַנגעזאָגט: „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — די נדבות פון די רייכע און די אָרימע זאָלען זיין גלייכע. „קצינים ורשים יחד בה שקולים, קצין לבל יעוז מול מקהלים, קרוא לומר הוני פדאני מעקולים" (יוצר לפרשת שקלים) — די רייכע הערדען און די אָרימעלייט האָבען געגעבען דאָסזעלבע, כדי דער קצין זאָל ניט קריגען די חוצפה געגען קהל צו זאָגען, אַז זיין רייכטום האָט איהם אויסגעלייזט פון אַלע קרומע וועגען...

ווען די אידען זיינען געווען אין ארץ ישראל און געהאַט דעם בית המקדש איז די דאָזיגע איינפיהרונג פון שקלים געבען פאַרבליבען. „באחד באדר משמיעין על השקלים" (שקלים ב') — דעם ערשטען טאָג

פון ראש חודש אדר פלעגט מען אויסרופען, אז מען זאָל ברענגען שקלים, אום אז עס וועט קומען ראש חודש ניסן, זאָל מען גלייך קענען ברענגען די קרבנות צבור, תמידין און מוספין פון די נייע תרומות.

מען האָט אויסגערופען דרייסיג טעג בעפאָר מען האָט די שקלים געברויכט, כדי די אידען זאָלען האָבען גענוג צייט אָפצוצאָלען און זיך ניט פיהלען געענגט; ניט ווי די פעלקער פיהרען זיך מיט די אידען. „אָמר שלמה דרך עצל כמשוכת חדק ואורח ישרים סלולה" (משלי ט"ו); בעשו הרשע הכתוב מדבר כשם שמשוכה של קוצים מתחדקת בבגדיו של אָדם את מפשר אותה מכאן ומתחדקת ממקום אחר, כך מלכות עשו גובה את הארנון מישראל, עד שלא תגבה הרי הגולגולת באה ועד שהיא נגבית באין לעסק טרופין, אבל הקב"ה אינו כן אלא ואורח ישרים סלולה, כבושה לפני ישראל, משמיעין באחד באדר ונגבית בראשון של ניסן, וכמה היו גובין מחצית השקל וכמה הוא חצי הסלע" (מדרש תנחומא, תשא א') — עשו הרשע איז גלייך צום דאָרענבוים: רייסט מען זיך אַרוים פונ'ם דאָרען אין איין זייט, פאַרטשעפּעט מען די קליידער אין אַ צווייטען זייט. אַזוי זיינען די מלוכות פון עשו. אָט מאָנט מען פיה־שטייער פון די אידען און גלייך מאָנט מען קאָפּ-שטייער אָדער אַנדערע שטייערען, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די אידען דורך פאַלשע בלבולים. אָבער גאָט'ס וועג איז אַן אויסגעטראָטענער פאַר דעם אידי־שען פאָלק. דעם ערשטען טאָג אין אדר רופט מען אוים וועגען די שקלים און איינגעמאָנט ווערען זיי דעם ערשטען טאָג אין ניסן. און וויפיל האָט מען אינגאַנצען געמאָנט—מעהר ניט ווי אַ האַלבען דאָלאַר...

„אָמר ר' יוחנן בן זכאי לפי שעברו על עשרת הדברות יהיה כל אחד ואחד נותן עשרה גרה" (ירושלמי, שקלים פ"ב ה"ג) — ווייל די אידען האָבען געדינט דעם עגל הזהב און מיט דעם עובר געווען אויף די עשרת הדברות, וואָס גאָט האָט געגעבען צו משה'ן, און אַזוי ווי אַ שקל איז צוואַנציג גרה'ס, דעריבער דאַרף יעדער געבען צעהן גרה'ס, וואָס דאָס איז אַ האַלבער שקל, און מיט דעם מכפּר זיין אויף די צעהן געבאָט, וואָס זיי האָבען עובר געווען.

די אידען האָבען אַ שרעקליכען פאַרברעכען באַגאַנגען. נאָך דעם ווי גאָט האָט אַזוי פיל נסים געטאָן מיט זיי אין מצרים און אין מדבר; צום סוף, אַז משה האָט זיך, לויט זייער אויסרעכענונג, פאַרזאַמט אין הימעל און ניט געקומען צו דער באַשטימטער צייט מיט די לוחות, האָ־

בען זיי פארלאנגט פון אהרן'ען: „עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו" — מאך געטער, וועלכע זאלען געהערען צו אונז, מיר זאלען קענען טאן מיט זיי, וואס מיר ווילען, און ניט א גאט, וועלכער איז א פאלשטענדיגער בעל הבית איבער אלעם און אלעמען, און אלעס, וואס ער זאגט, מוז מען אויספאלגען, אז ניט קריגט מען באשטראפט. מיר ווילען ניט זיין אונטערוואָרפען צו איין גאט, מיר ווילען האבען פילע געטער. „אלה אלהיך... תניא ר' שמעון בן יוחאי אומר י"ג עגלים עשו ישראל ואחד דמוסיא לכולן" (ירושלמי סנהדרין, פ"ו ה"ו) — וויפיל שבטים עס זיינען געוועזען, אזוי פיל געטער האבען זיי געמאכט: יעדער שבט האט זיין באגעהר געהאט צו בוקען זיך פאר זיינע אייגענע אויסגעטראכטע אפ־געטער און פאר די דאזיגע פרעמדע גלויבענס ברענגען קרבנות און לאזען זיך מוסר נפש זיין. אבער פאר זייערע אמת'ע פיהרער שרעקען זיך די אידען גאנץ ווייניג. „כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים לא ידענו מה היה לו" — אט דער געטליכער משה, וואס האט זיי אזוי פיל נסים באוויזען, ווערט ביי זיי א געוועהנליכער מענש. דאס גאנצע ארויסברענגען פון מצרים נעהמען זיי אן בדרך הטבע, נעמליך, אז משה האט זיי ארויסגענומען פון מצרים נאר א דאנק זיינע פעהיגקייטען; און די אלע נסים ונפלאות זיינען מעהר ניט ווי קאמאפלאזש...

מאנכע אידען, ווען זיי באזיצען רייכטום און זיינען באהאנגען מיט דיימאנדם און אנגעשטאפט מיט געלד, דאן טראכטען זיי וועגען פרעמ־דע געטער. און דעריבער האט אהרן זיי געזאגט: „פרקו את נזמי הזהב אשר באזני נשיכם בניכם ובנתיכם" — נעמט אראפ די גאלדענע אוירינגלאך פון די אויערען פון אייערע פרויען, זיהן און טעכטער. אהרן האט זיי געוואלט צייגען, אז פון די דאזיגע אלע לוקסוס זאכען קומט ארוים דער עגל הזהב, די פרעמדע גאלדענע קעלבער, וואס אידען דינען צו זיי, אנשטאט צו זייער אלמעכטיגען גאט.

אין א צייט, ווען מען זוכט פרעמדע געטער, ווען מען בוקט זיך צו דעם עגל הזהב, איז שווער פאר די אהרן'ס צו זיין די גייסטיגע מנהיגים. די פארשיידענע אויפהעצערם און בעלי מחלקות געפינען שוין אורזאכען צו ערנידעריגען און פארשמוצען זייער ווירדע און כבוד. די אהרן'ס דארפען זיין זעהר פארזיכטיג מיט יעדען וואָרט, וואס זיי ריידען ארוים, עס זאל ניט אויסגעטייטשט ווערען געגען זיי. „תניא ר' שמעון בן אלעזר אמר לעולם יהא אדם זהיר בתשובותיו, שמתוך תשובה שהשיבו

אהרן למשה פקרו המערערים שנאמר ואשליכהו באש ויצא העגל הזה" (מגילה, כ"ה) — שטענדיג זאָל אַ מענש זיין פאַרזיכטיג מיט זיינע ענטפערס, ווייל דורך דער תשובה, וואָס אהרן האָט געגעבען משה'ן האָבען די שטענדיגע קריטיקער פון גאָט און זיין תורה געפונען פלאַץ אָנצוציייגען, אַז זיי און זייערע שיטות זיינען גערעכט...

אָבער די מערערים און קריטיקער פון גאָט און זיין תורה פאַרשטעהען ניט די אהרן'ס, דרינגען ניט אַריין טיף־טיף אין זייערע נשמות. „כי אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים. רבי יונה בוצריי ורבנן פתרין קרא באהרן, בלשון זה הושפל בלשון זה הוגבה, בלשון זה הושפל שנאמר ואשליכהו באש ויצא העגל הזה, ובלשון זה הוגבה שנאמר (שם) זה קרבן אהרן ובניו" — ווען די פוקרים דענקען, אַז אהרן איז שוין זייערער און איז נוטה צו זייער שיטה, מיט דעם וואָס ער האָט זיך אַרויסגערעדט „ואשליכהו באש ויצא העגל הזה", זעהען זיי מיט אַמאָל ווי דערזעלבער אהרן ווערט אַ נוקם ונוטר פאַר גאָט און זיין תורה, און אין די הערצער פון זיינע קינדער פאַרפלאַנצט ער די גרויסע ליבשאַפט פאַר אַלעם, וואָס איז הייליג; און פאַר אהרן'ען און זיינע קינדער איז ניט שווער צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר דעם אויפהאַלט פון דער תורה. „ובלשון זה הוגבהו — זה קרבן אהרן ובניו"...

ציימען בייטען זיך, דורות קומען און געהען, און די ערד בלייבט שטעהן אויף איהר פלאַץ. דאָסזעלבע איז מיט דער אידישער רעליגיע. אַט־אַט דענקט מען, אַז די פרעמדע גאָלדענע געטער שלינגען שוין אַלעם איין, און עס וועט נעהמען אַ גאַנץ קורצע צייט און די תורה וועט פאַרגעסען ווערען. אָבער מיט אַמאָל גיט די השגחה אַ וואונק, און אַן אַנדער גייסט באַהערשט אַלעם און אַלעמען. די יעניגע, וועלכע זיינען געווען באַגייסטערט פאַר פרעמדע געטער און האָבען זייער געלד אין פרעמדע פייערען געוואָרפען, ווערען מיט התלהבות איבערגעגעבען צו בויען אַ משכן פאַר גאָט, און פון זייערע לעצטע גיבען זיי צו קויפען די אדנים און די קרבנות, און זייערע פרויען זיצען אַפּ גאַנצע נעכט, אום צו מאַכען יריעות... זייער באַגייסטערונג גרייכט אַזוי ווייט, אַז זיי ברענגען מעהר ווי מען דאַרף. „ר' יונה פתר קרא בישראל בלשון זה הוגבהו ובלשון זה הושפלו, בלשון זה הושפלו כי זה משה האיש" — ר' יונה האָט אויסגעטייטשט דעם פסוק אויף דעם אידישען פאָלק: אַט זעהען מיר, ווי אידען מאַכען זיך נידעריג און זיי פאַרגעסען, וואָס גאָט האָט פאַר זיי

געטאָן, און זיי פאַרגעסען אויך זייער גרויסען פיהרער, וועלכער איז געוועזן דער „איש אלקים", און זיי רייסען אראָפּ די געטליכע קליידער פון איהם און טוען איהם אָן אין געוועהנליכע מענשליכע בגדים און זיי רופען איהם „משה האיש"... „ובלשון זה הוגבהו זה יתנו" — אָבער מיט אַמאָל ווערט דאָס פאָלק צוריק ערהויבען און זיי פאַנגען אָן צו פאַר־שטעהן די געטליכקייט און גרויסקייט פון אַ משה'ן און אויך פאַנגען זיי אָן חרטה צו האָבען אויף זייער עבר. און מיט התלהבות ברענגען זיי זייערע מטבעות און האַלבע דאָלאַרס און גיבען זיי אַוועק אויף דעם משכן, אויף קרבנות צבור און אויף אַלע אַנדערע הייליגע צוועקען. זשה"כ „צדקה תרומם גוי" (משלי י"ד ל"ד). אַט אַזאַ צדקה און התלהבות פון גע־בען פאַר אַלעס, וואָס איז שעהן און ערהאַבען, דערהויבט אַ פאָלק און לאָזט אַזאַ פאָלק ניט אונטערגעהן... „כי תשא, א"ר אבהו, אמר משה לפני הקב"ה, במה תרום קרנם של ישראל, א"ל בכי תשא" (ב"ב, י') — ווען משה פרעגט גאָט: מיט וואָס וועט דערהויבען ווערען דער אידישער שטאָלץ? ענטפערט איהם גאָט: מיט דעם, וואָס אידען האָבען די מעלה פון געבען זייערע נדבות מיט ליבשאַפט פאַר אַלע הייליגע צוועקען.

„ואשליכהו באש ויצא העגל הזה" — מען ווערט פאַרפיהרט, און פון דעם פייער פון אידישער התלהבות קומט אַמאָל אַרויס פרעמדע געטער. מיר זעהען אָבער פאַרקעהרט אויך „זה יתנו הראה לו כמין מטבע של אש ואומר לו כזה יתנו" (שמ"ר) — אַז די מטבעות, וואָס זיי גיבען אויף דעם משכן, זיינען ניט קיין קאַלטער מעטאַל, נאָר פייער־דיגע מטבעות גיבען זיי — מיט דעם גרעסטען התלהבות שטיצען זיי די תורה און איהר הייליגקייט. אַזעלכע מטבעות גרייכען צו דעם כסא הכבוד...

„זה יתנו, א"ר יוחנן בן זכאי, כל כהן שאינו שוקל חוטא, שנא' זה יתנו — י"ב שבטים יתנו" (ירושלמי שקלים, פ"ו ה"ג) — דיזעלבע כהנים, וועמען מען האָט חושד געווען, אַז זיי שטעהען צוזאַמען מיט די שבטים צו מאַכען פאַר זיי די עגלים, גיבען אַוועק דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען אין זיך, פאַר דער תורה; און דער יעניגער כהן, וואָס טראָגט ניט דעם לאַסט פון דעם משכן און וויל ניט ביישטייערען, איז אַ חוטא. דאָס אייגענע איז אויך מיט די שבטים: צוערשט האָבען זיי פאַר זיך

עגלים געמאכט און געטער געשאפען, דערנאך גיבען זיי אויף משכנ׳ם און אויף תורה...

די שקלים זיינען ביי אונז פארבליבען ביז היינטיגען טאג. מיר האבען היינט ניט דעם משכן פון יריעות, וואס איז געווען אין מדבר, אויך האבען מיר היינט ניט דעם בית המקדש און די קרבנות, און עס איז ניטא דער באחד באדר משמיעין על השקלים; מיר האבען אבער היינט אונזערע מקדשים — די שוהלען; און מיר האבען היינט די קרבנות צבור — אונזערע געלד-קרבנות, וועלכע מיר דארפען ברענגען פאר דעם פאלק און לאנד; אויך האבען מיר היינט די תרומות אדנים — צו העלפען די אידען, וואס ווערען געטראטען, ווי די שוועלען, אין די גלות-לענדער; מיר מוזען אויך אנטלויפען פון די גאלדענע קעלבער — פון פארשיידענע זאגענאנטע געטער, וואס א טייל פון אונזערע ברידער האבען פאר זיך געשאפען און צו וועמען זיי טראגען מיט פייער פון התלהבות זייערע שווערע טויזענדער, און אנשטאט שוהלען בויען זיי טעמפלען, אנשטאט אמת׳ע כהנים שטעלען זיי אויף פאלשע נביאים; און מיר מוזען ברענגען אונזערע פייערדיגע שקלים, וועלכע קומען פון דעם כסא הכבוד, צו בויען אמת׳ע שוהלען, אנצוהאלטען אין זיי אמת׳ע כהנים, און אויך בויען מיט זיי א אידיש ארץ ישראל. דאן האפען מיר, אז דער אלטער איינפיהר, דער באחד באדר משמיעין על השקלים פון אמאל, וועט צוריק אויפלעבען און באנייט ווערען; און דאן וועט אויך קומען דער משנכנס אדר מרבין בשמחה (תענית, כ״ט).

זאלען מיר דאס זוכה זיין במהרה בימינו. — אמן!

# מיתת נשיקה

## ז׳ אדר

א״ל הקב״ה למלאך המות: לך והבא לי נשמתו של משה! הלך ועמד לפניו, א״ל, משה, תן לי נשמתך! א״ל, במקום שאני יושב אין לך רשות לעמוד ואתה אומר תן לי נשמתך? גער בו ויצא בנזיפה. הלך מלאך המות והשיב דבריו לפני הגבורה, וחזר ואמר לו הקב״ה למלאך המות, לך והבא לי נשמתו של משה. הלך למקומו ובקשו ולא מצאו. הלך אצל הים א״ל, ראית את משה? א״ל מיום שהעביר את ישראל בתוכי שוב לא ראיתיו. הלך אצל הרים וגבעות א״ל ראיתם את משה? א״ל מיום שקבל את התורה שוב לא ראינו אותו. הלך אצל גיהנם א״ל ראית את משה? א״ל שמו שמעתי, אותו לא ראיתי. הלך אצל מלאכי השרת א״ל ראיתם את משה? א״ל אלהים הבין דרכו והוא ידע את מקומו.

(אבות דרבי נתן פרק י״ב).

דער זיבעטער טאָג אין אדר איז משה רבינו׳ס יאָהרצייט. אינ׳ם דאָזיגען טאָג איז אויסגעלאָשען געוואָרען די גרויסע זון, וועלכע האָט געבראַכט ליכט אויף דער וועלט פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע צייטען.

וואָס גרעסער און הייליגער דער מענש האַלט זיך ביי זיין לעבען, אַלץ מעהר איז זיין טויט און אוועקגעהן פון דער וועלט פאַרבונדען מיט פּאָעטישע שילדערונגען און אויך מיט ערהאַבענע לעגענדען. און ווי באַלד משה איז געווען דער „לא קם בישראל״ — נאָך איהם איז קיין אַנדערער ניט אויפגעשטאַנען, וואָס זאָל איהם קענען פאָלשטענדיג פאַר־טרעטען און ממלא מקומו זיין, ווייל אַנדערע אַנטקעגען איהם זיינען געווען פונקט ווי די לבנה אַנטקעגען דער זון, איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס וועגען זיין טויט זיינען דאָ וואונדערבאַרע פּאָעטישע שילדע־רונגען, אַרומגעוויקעלט מיט שעהנע לעגענדען.

אַלע מדרשים און אגדתא׳ס דערצעהלען אונז דעם צער פון דעם מלאך המות, וועלכער האָט געמוזט טאָן זיין שליחות און געהן נעהמען משה׳ס נשמה. אָבער דאָ האָט זיך דער וועלט מלאך המות אַנגעשלאָגען אָן אַ פעלזען־שטיין. משה האָט איהם פון זיין הויז געטריבען; משה האָט איהם ניט געשאָנעוועט און האָט איהם שאַרפע אַרגומענטען דער־

לאנגט; ביז וואנען משה האָט אויסגעפיהרט: ער איז ניט געשטאָרבען דורך דער האַנד פון מלאך המות, נאָר זיין טויט איז געווען „בנשיקה" — כביכול אַליין האָט געהייסען משה'ן ער זאָל צומאַכען זיינע אויגען, ער זאָל אוועקלייגען זיינע הענד אויף דער ברוסט און אויסציהען די פיס. משה האָט אַלעס אויסגעפאָלגט. (מ"ר, ברכה).

דער מלאך המות קען דאַן זיין שליחות אויספיהרען, ווען ער איז פריהער אַ יצר הרע און אַ שטן פאַר דעם מענשען. פריהער מוז ער דעם מענשען אָנריידען צו אַלע עבירות און נאָכהער מוז ער דעם מענשען פאַר'מסר'ן אין די הימלען און דאַן ערשט קריגט ער דאָס רעכט צו זיין דעם מענשענס מלאך המות — „הוא שטן, הוא יצר הרע, הוא מלאך המות"... (ב"ב, ט"ז). און דאָס מיינען די חז"ל, ווען זיי זאָגען „אין מיתה בלא חטא" (שבת, נ"ה) — ווען דער מענש וואָלט ניט געזינדיגט, וואָלט ער אויף זיך דעם טויט ניט געבראַכט...

„א"ל הקב"ה למלאך המות לך והבא לי נשמתו של משה" — גאָט זאָגט צום מלאך המות: „געה, ברענג מיר משה'ס נשמה." „הלך ועמד לפניו וא"ל משה תן לי נשמתך" — און דער מלאך המות געהט צו משה'ן און זאָגט צו איהם: „גיב מיר דיין נשמה". „א"ל במקום שאני יושב אין לך רשות לעמוד ואתה אומר תן לי נשמתך?" — ווי וואַגסטו, מלאך המות, צו קומען צו מיר אינגאַנצען? אין דעם פּלאַץ, וואו איך זיץ, האָסטו דאָך קיינמאָל ניט געהאַט דאָס רעכט צו שטעהן, קיינמאָל האָסטו דאָך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זיין מיין יצר הרע און כאַפּען מיך ביי אַן עבירה, און יעצט קומסטו מיט אַזאַ חוצפה און זאָגסט „משה, גיב מיר דיין נשמה"?! אַרויס זאָלסטו געהן פון מיין הויז! איבער מיר קענסטו קיין שליטה ניט האָבען; דיין שליטה קענסטו נאָר אויסניצען איבער קליינע מענשען, וואָס לאָזען זיך פון דיר פאַרפיהרען ביי זייער לעבען, אָבער ניט איבער מיר, וואָס מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבען „איש אלקים"... און דער מלאך המות האָט זיך געמוזט אָפּטראָגען מיט נזיפה...

„הלך מלאך המות והשיב דבריו לפני הגבורה" — דער מלאך המות איז געקומען צוריק צו גאָט און האָט אַלעס דערצעהלט. „וחזר וא"ל הקב"ה למ"ה לך והבא לי נשמתו של משה" — אָבער גאָט זאָגט צום מלאך המות: דו מוזט אויספיהרען דיין שליחות, אויף וועלכער דו ביסט געשאַפען געוואָרען; דו מוזט ברענגען משה'ס נשמה; און אויב דו

קענסט ניט נעהמען זיין נשמה, סיידען דו זאָלסט פריהער איבערצייגען, אַז משה איז באַגאַנגען אַן עוולה, דאַן ליגט אויף דיר אַ פליכט אויסצו־זוכען עוולות אפילו אויף משה'ן, און אַז מען זוכט, געפינט מען...

„הלך למקומו ובקשו ולא מצאו" — האָט דער מלאך המות געפאָלגט דעם אָנזאָג פון גאָט און האָט זיך אַרויסגעלאָזען זוכען עוולות ביי משה'ס אייגענער פאַמיליע. דער מלאך המות האָט געטראַכט: עס זיינען דאָ געװיס גרויסע מענשען, וועלכע שפּילען אַ ראָלע אין דער וועלט פאַר צדיקים און בעלי צדקה און אויך פאַר גרויסע מנהיגים; אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אָבער שלעכט צו זייערע פרויען און קינדער, שלעכט און אכזריות'דיג צו זייערע קרובים און פריינד. דער מלאך המות האָט זיך אָבער אָפּגענאַרט. ער איז געגאַנגען צו משה'ס פּלאַץ און האָט דאָרטען געזוכט. ער האָט אָבער קיין היימישע עוולות ניט געפונען. משה האָט זיין פרוי און קינדער גוט באַהאַנדעלט, אויך זיינע קרובים און פריינד האָט ער מקרב געוועזען...

„הלך אצל הים, א"ל ראית את משה?" — דאַן איז דער מלאך המות אַוועק זוכען עוולות אויף משה'ן אין דער גרויסער וועלט. מען האָט דאָך משה'ן אַלעמאָל קריטיקירט; עס איז דאָך געוועזען אימער דער „והביטו אחרי משה"... אפשר איז משה געוועזען אַ פיהרער, אום אויסצוניצען דאָס פאָלק פאַר זיינע אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסען — אום רייך צו ווערען. דאָס פאָלק האָט דאָך שוין לאַנג געמורמעלט אויף איהם, אַז זיין קאַרק און האַלז זיינען דיק פון פאָלק'ס רייכטום, און אַז ער איז נתעשר געוואָרען פון די פסולת פון די לוחות... האָט דער מלאך המות געדענקט, אַז משה איז אַזאַ טיפּ מענש, וואָס קען זיך קיינ־מאָל ניט באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, נאָר ער האָט די מדה פון דעם ים, „כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא" — אַלע טייכען געהען אין ים אַריין, און דער ים ווערט ניט אָנגעפילט. פּונקט אַזוי, הייסט עס, איז משה: ער איז קיינמאָל ניט געוועזען צופרידען מיט וואָס גאָט האָט איהם געבענשט. דאָס פאָלק האָט אפשר רעכט, וואָס זיי זיינען איהם חושד... אָבער דער מלאך המות זעהט איין, אַז אויך אין דיזען הינזיכט האָט משה קיין חטא באַגאַנגען. אויב ער איז געוועזען אַן עושר, האָט ער אַלעם כשר פאַרדינט. און ווען דער מלאך המות פרעגט דעם ים: „האָסטו משה'ן געזעהן?" — ענטפערט דער ים: „מיום שהעביר את ישראל בתוכי, שוב לא ראיתיו" — איך קען איהם

נאָר פאַר אַ געטריי איבערגעבען קינד פון זיין פאָלק. ער שפּאַלט ימים פאַר זיי און פיהרט זיי אין דער טריקעניש. איך קען איהם פון זיין מסירות נפש, וואָס ער האָט דאָ ביי מיר געציינט. אָבער פון דאַן אָן האָב איך איהם מעהר ניט געזעהן...

„הלך אצל הרים וגבעות, א״ל ראיתם את משה?״ — דאַן האָט דער מלאך המות גערעכענט: עס קען טאַקע זיין, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט צו רייכטום און געלד-ענינים איז משה ריין און ניט ווי זיינע קריטיקער האָבען אויף איהם אויסגעטראַכט, אָבער עס קען דאָך אויך זיין, אַז אַלעס, וואָס ער האָט געטאָן, איז געוועזן נאָר צוליב כבוד; כדי צו שטעהן העכער פון אַלעמען, האָט משה געאַרבייט פאַר זיין פאָלק — פונקט ווי די בערג, וועלכע האַלטען זיך גרויס און מיט שטאָלץ קוקען זיי אַראָפּ צו די נידעריגע פעלדער. און דעריבער פרעגט דער מלאך המות די ריזיגע בערג: אפשר האָט איהר צווישען אייערע בעלי גאוה און כבוד-זוכער אויך געזעהן משה'ן? „א״ל מיום שקבל ישראל את התורה שוב לא ראינו אותו״ — האָבען איהם די בערג געענטפערט: משה קען ניט זיין קיין בעל גאוה און כבוד-זוכער, ווייל ער האָט דאָ ביי מתן תורה איינגעזעהן, אַז גאָט גלייכט נאָר דעם יעניגען, וואָס איז גראַדע, אַן עניו און אַ שפל. ווען מיר בערג האָבען זיך צוטאַנצט און מיר האָבען גע־דענקט, ווייל מיר זיינען אַזוי ריזיג-גרויס, וועט געוויס גאָט אויף אונז געבען די תורה, האָט גאָט אונז אויסגעבראַקירט פאַר אונזער גאוה און שטאָלץ און האָט גראַדע אויסגעקליבען דעם קלענסטען באַרג, דעם הר סיני, וועלכער איז אַ קאַרליק אַנטקעגען אונז; וואָרים גאָט האָט ליב דעם פאַרשטויסענעם, דעם עניו... און משה, דער קבל תורה מסיני, האָט געוויס געלערענט פון דעם אַ לעקציע צו זיין דער גרויסער עניו און ניט נאָכיאָגען זיך נאָך כבוד און גאוה. און די תורה אַליין זאָגט אויף איהם עדות „והאיש משה עניו מאד מכל האדם״... ניין, הערר מלאך המות! זינט מען האָט די תורה אויף דעם באַרג סיני געגעבען, האָבען מיר משה'ן צווישען אונז, גרויסע בערג, ניט געזעהן...

„הלך אצל גיהנם, א״ל ראית את משה?״ — וויסענדיג ווי ווייט משה האָט געליטען פון די אידען, אויף יעדען שריט און טריט האָבען זיי געהאַלטען אין איין קריגען אויף איהם, און אַזוי ווייט האָבען זיי זיך איינגעגעסען, אַז משה האָט אויסגעשריען „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם!״ — האָט דער מלאך המות געדענקט: ווי קען דאָס

זיין, אז משה זאל האבען אין זיך אזא גרויסע סבלנות און זאל קיינמאל ניט אין כעס ווערען אויף זיי, און כעס איז דאך די שענדליכסטע מדה, „כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו" (נדרים, כ"ב) — דער, וואס ווערט אין כעס, געוועלטיגען דאך אין איהם אלע גיהנם'ס. דעריבער איז ער געגאנגען פרעגען ביי דעם גיהנם „האסטו אפשר משה'ן געזעהן?" „א"ל שמו שמעתי ואותו לא ראיתי" — האט דער גיהנם געענטפערט: זיין נאמען איז מיר באקאנט. עס האט זיך יא אמאל געמאכט, אז ער איז געקומען אין אויפרעגונג. ווען דאס פאלק האט איהם שרעקליך דערצערענט, האט ער זיך צו זיי געווענדעט: „שמעו נא המורים"... אבער דאס מיינט נאך ניט, אז די מדה פון כעס איז ביי איהם געווען א שטענדיגע. זיין גרימצארן איז געווען, אום די אידען איינצושרעקען, זיי זאלען זיך בעסער אויפפיהרען, פון דער בחינה „זרוק מרה בתלמידים". אבער אין דער אמת'ן האט ער זיין פאלק ליב געהאט מיט זיין גאנצער נשמה. פאר זיי אין די אויגען האט ער געצייגט כעס, אבער ווען ער איז געקומען פאר גאט, האט ער זיי, די אידען, פארטיידיגט אונטער אלע אומשטענדען... יא, הערר מלאך המות! זיין נאמען האבען מיר יא געהערט, אבער איהם אליין האבען מיר קיינמאל ניט געזעהן...

„הלך אצל מלאכי השרת, א"ל ראיתם את משה?" — דאן, ניט געפינענדיג קיין חטאים ופשעים אויף משה'ן אויף דער זינדיגער ערד, האט זיך דער מלאך המות אוועקגעלאזען אין די הימלען צו די מלאכים: אפשר איז משה גאר געווען א מלאך און דעריבער האט ער ניט געזינ־דיגט; אפשר איז ער גאר בבחינת „איש" ניט געווען; און אויב אזוי, איז דאך גאר קיין וואונדער ניט, וואס ער איז א צדיק. ער קען זיך דאך ניט באריהמען ווי יעקב „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי" — די הויפט־זאך, וואס מאכט א מענשען גרויס, איז, ווען אפילו ער לעבט אויף דער גרויסער זינדיגער וועלט, דאך בלייבט ער א צדיק. „נח איש צדיק תמים היה בדורותיו" — נח בלייבט א צדיק און א תמים, אפילו ווען דער גאנצער דור זיינען רשעים. און דעריבער פרעגט דער מלאך המות די מלאכי השרת: „פיליכט האט איהר געזעהן משה'ן?" „א"ל אלקים הבין את דרכו והוא ידע את מקומו" — און די מלאכים זאגען צום מלאך המות: אומזיסט דיין ארבייט פון זוכען אויף משה'ן חטאים. דו וועסט קיינמאל ניט קענען זיך דערגרונטעווען, ווער משה איז. דא איז ער מענש און דא איז ער מלאך — „מחציו ולמעלה מלאך ומחציו

ולמטה איש" (מ"ר, ברכה). און דענק ניט, מלאך המות, אַז משה איז נאָר אַ צדיק אויפ'ן הימעל און איז אינגאַנצען אַ מלאך, וואָס האָט מיט דער וועלט גאָר ניט צו טאָן. „משה מה"ת מנין — בשגם הוא בשר" (חולין, קל"ט) — די גרויסקייט פון משה'ן, דעם נותן התורה, איז, וואָס ער אַליין איז געווען אַ בשר ודם און פונדעסטוועגען האָט ער זיך אויסגעאַרבייט צו זיין דער „איש אלקים"; און פון די זינדיגע מענשען איז ער ניט אַנטלאָפען, פאַרקעהרט, ער איז געקומען מיט זיי אין פאַרבינדונג און געזוכט מיטלען זיי מחזיר למוטב זיין. דאָס צייגען די הספדים, וואָס מען האָט אויף איהם געהאַלטען. ווען די ערד קלאָגט און זאָגט: „וישר באָדם אין", און ווען די הימלען קלאָגען און זאָגען: „אבד חסיד מן הארץ", דאַן זאָגט גאָט זיין הספד אויף משה'ן: „מי יקום לי עם מרעים, מי יתיצב לי עם פועלי און" (מ"ר, ברכה) — קלאָגט ניט אויף משה'ן, אַז מיט איהם איז אַוועק דער „ישר" און דער „חסיד", עס וועלען אויפשטעהן אַנדערע ישרים און חסידים. דער הויפּט-קלאָג איז, ווער וועט פאַרנעהמען זיין פּלאַץ צו געהן קעמפען מיט די מרעים און מיט די פועלי און, וועלכע קומען פאַרניכטען דאָס אידענטום. דער איינציגער ריכטיגער קעמפער איז געווען משה. מלאך המות, געה ניט זוכען קיין זאַך אויף משה'ן. גאָט אַליין קען פאַרשטעהן זיינע וועגען און ער אַליין ווייסט דעם פּלאַץ, וואו איהם צו טרעפען און נעהמען זיין נשמה. דו אָבער וועסט איהם קיינמאָל ניט געפינען. מעגסט לויפען צו בערג און צו טאָלען, צו ימים און צו גהינם'ס און אפילו צו מלאכים, וועט דיר גאָר ניט העלפען. לאָז איהם, מלאך המות, איבער אין די הענד פון גאָט, און וואָס גאָט וועט מיט איהם טאָן, זאָל ער טאָן...

דער מלאך המות האָט געפאָלגט און איז צוריק אין זיין פּלאַץ אַוועק. פאַר די משה'ס מוז דער מלאך המות אָפּטרעטען!

„בשבעה באדר מת משה ובשבעה באדר נולד משה" (מגילה, י"ג) — ווען דער נאַרישער המן פרעהט זיך און דענקט, אַז דער מאָנאַט אדר איז צוגעפּאַסט צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, ווייל אין דעם דאָזיגען מאָנאַט איז דאָך משה געשטאָרבען, ווייסט אָבער ניט דער נאַרישער אַנטיסעמיט, המן, אַז ווען דער מלאך המות האָט געדענקט, אַז אָט-אָט און משה וועט זיין טויט, האָט זיך מיטאַמאָל דער מלאך המות אַרומגעזעהן, אַז אנשטאָט משה'ן צו טויטען, ווערט גאָר משה צוריק געבוירען. און אויב דער מלאך המות האָט זיך מיט משה'ן קיין עצה ניט געגעבען,

וועט המן אודאי ניט קענען אויספיהרען זיין גזר פון להשמיד ולאבד את כל היהודים. און ווען המן רעדט זיך איין, אז אט־אט און דער איד איז פארלוירען, זעהט ער זיך מיטאמאל ארום, אז דער איד ווערט צוריק געבוירען...

דער איינציגער, וואס קען נעהמען משה׳ס נשמה, איז גאט. אין זיינע הענד זיינען אלע משה׳ס פון אלע דורות. און אויב ער וויל, אז מיר זאלען עקזיסטירען, דאן וועלען אלע המנ׳ס פארניכטעט ווערען, און דאס אידישע פאלק וועט אייביג בלייבען. — אמן!

# עמלק והנחשלים
## לפ׳ זכור

„בדרך בצאתכם ממצרים״, אמר רבי לוי על הדרך בא עליהם כליסטין מלה״ד למלך שהיה לו כרם והקיפו גדר והושיב בו המלך כלב נשכן, אמר המלך כל מי שיבוא ויפרוץ את הגדר ישכנו הכלב, לימים בא בנו של מלך פרץ את הגדר נשכו הכלב. כ״ז שהיה המלך מבקש להזכיר חטא של בנו שפרץ הגדר, א״ל זכור אתה היאך נשכך הכלב. כך כל זמן שהקב״ה מבקש להזכיר חטאן של ישראל שחטאו ברפידים שנאמר (שמות י״ז ז׳) היש ה׳ בקרבינו, א״ל זכור את אשר עשה לך עמלק.
(מ״ת, תצא ט׳).

דער היינטיגער שבת טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „פרשת זכור״, ווייל מיר לייענען היינט דעם אָנזאָג פון דער תורה „זכור את אשר עשה לך עמלק״ — געדענק, וואָס עמלק האָט צו דיר געטאָן!

מיר האַלטען יעצט פאַר פורים. מיר וועלען באַלד פייערען דעם גרויסען זיעג, וואָס מרדכי האָט געהאַט איבער המנ׳ען מיט אַריבער צוויי טויזענד יאָהר צוריק. און אַזוי ווי המן אַליין שטאַמט דאָך אויך אָפּ פון די עמלקים, און ווי די אַמאָליגע עמלקים, איז ער אויך געקומען צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, דעריבער לייענען מיר היינט וועגען דעם באַריהמטען עמלק, וואָס מיר טאָרען איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אויב דאָס אידישע פאָלק זאָל דאַרפען פראַווען אַ פרשה-זכור פאַר יעדען עמלק און המן, וועלכע זיינען געווען אין אַלע דורות, וואָלטען די שבתים און טעג פון אַ גאַנץ יאָהר געווען וויניג. און די שאלה איז, וואָרום האָט עס נאָר עמלק זוכה געווען, אַז מען זאָל צוליב איהם פראַווען אַ פרשה-זכור, און מיר זאָלען אימער געדענקען, וואָס ער האָט אונז געטאָן?

אין דער הפטרה, וואָס מיר לייענען היינט, ווערט דערצעהלט, אַז דער ערשטער אידישער קייזער, שאול, האָט זיך שרעקליך פאַרזינדיגט ביי גאָט מיט דעם, וואָס ער האָט ניט מקיים געווען דעם „מחה תמחה זכר עמלק״.

שמואל הנביא זאָגט צו שאול המלך: „פקדתי את אשר עשה עמלק לישראל אשר שם לו בדרך בעלותו ממצרים; עתה לך והכיתה את עמלק והחרמתם את כל אשר לו ולא תחמול עליו, והמתה מאיש עד אשה,

מעולל ועד יונק, משור ועד שה, מגמל ועד חמור" (שמואל א׳, ט"ו) — איך האב זיך דערמאנט, זאגט גאט, וואס עמלק האט געטאן צו די אידען אויפ'ן וועג פון זייער ארויסגעהן פון מצרים; און יעצט געה און שלאג עמלק'ן און דו זאלסט פארוויסטען אלעס, וואס עס געהערט צו איהם, און דו זאלסט אויף איהם קיין רחמנות האבען, און דו זאלסט טויטען פון א מאן ביז א פרוי, פון דעם קליינעם קינד ביז דעם זויג-קינד, פון אקס ביז דער שעפס, פון קעמל ביז'ן אייזעל...

שאול אבער האט ניט געפאלגט, ווי גאט האט געהייסען. צוליב זיין גוטהערציגקייט (עי׳ יומא כ"ב), האט ער געלאזט לעבען אגג'ן און ער האט ניט פארניכטעט די בעסטע שאף און רינדער. צוליב דעם האט ער גאט'ס צארן ערוועקט. און גאט זאגט צו שמואל הנביא: „איך האב חרטה, וואס איך האב שאול'ן געמאכט פאר א מלך".

שמואל זאגט שאול'ן שארפען מוסר. שאול פארענטפערט זיך, אז ער האט איבערגעלאזט די בעסטע שאף און רינדער, ווייל ער האט זיי געוואלט ברענגען אלס קרבן צו גאט דאן שטורעמט אויף איהם שמואל: „החפץ לה׳ בעלות וזבחים כשמע בקול ה׳ הנה שמע מזבח טוב להקשיב מחלב אילים" — גאט וויל דען עלות און זבחים? ווען מען פאלגט אוים, וואס גאט הייסט, איז דאס בעסער פון קרבנות און פון די פעטס פון בארענעס... „יען מאסת את דבר ה׳ וימאסך ממלך" — ווייל דו האסט פאראומווירדיגט גאט'ס ווארט, האט דיך גאט גע'פסל'ט צו זיין א מלך...

דא זעהען מיר איין די גאנצע הארבקייט און די גרויסע שטראף, וואס עס קומט, ווען איינער איז ניט מקיים פאלשטענדיג דעם „זכור את אשר עשה לך עמלק" און אויך דעם „מחה תמחה". אפילו דער ערשטער אידישער קייזער, שאול, האט צוליב דעם פארלארען זיין קרוין. און די פראגע איז: פארוואס איז די נקמה פון גאט אזוי גרוים נאר געגען עמלק'ן, אז ווען איינער איז ניט מקיים די נקמה גענוי ווי עס דארף צו זיין, ווערט ער באלד באשטראפט?

די תורה זאגט: „זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים" (דברים, כ"ה י"ז) — דער הויפט-פארברעכען, וואס עמלק האט באגאנגען, איז, וואס ער האט מלחמה געהאלטען מיט די אידען אין דער צייט, ווען די אידען זיינען געוועזן אין דעם העכסטען גליקליכען צו-שטאנד; אין דער צייט, ווען זיי זיינען ארוים פון מצרים מיט אזעלכע

גלאַררייכע נסים, אַז ימים האָבען זיך פאַר זיי געשפּאָלטען, די זון האָט זייער ברויט געבאַקען, די פייגעלאַך האָבען זיי פלייש געגעבען, און די ביטערסטע וואַסער איז פאַר זייערטוועגען זיס געוואָרען, און פון הימעל האָט גערעגענט מיט מן, און די גאַנצע וועלט איז צו זייער דינסט גע־קומען — אַזוי וויט, אַז פון באַגייסטערונג האָבען די אידען אַ פּראַכט־פאָלע שירה געזונגען, וואו עס ווערט דערמאָנט, אַז אַלע מעכטיגע פעל־קען האָבען אין שרעק געלעבט פאַר דעם אידישען פאָלק און זיין גאָט, „אָז נבהלו אלופי אדום, אילי מואב יאחזמו רעד, נמגו כל יושבי כנען“ *)— דאַמאָלס זיינען די האַרצען פון אדום דערשראָקען געוואָרען, די שטאַרקע פון מואב האָט אַ ציטערניש אָנגענומען, פון שרעק זיינען צוגאַנגען די איינוואוינער פון כנען, — אין דער דאָזיגער גלאַררייכער צייט האָט עמלק געוואַגט אַרויסגעהן קעמפען געגען דעם אידישען פאָלק און זיין גאָט! אויף דעם גלענצענדען וועג, וואָס די אידען זיינען געגאַנגען פון מצרים אַרויס, איז עמלק געקומען! „בצאתכם ממצרים, בשעת גאולתכם מהו אומר שמעו עמים ירגזון, אבל זה—ולא ירא אלקים“ (ספרי) — אין דער צייט פון דער גאולה פון אידישען פאָלק, זיינען אַלע פעלקער פאַר־ציטערט געוואָרען, אָבער עמלק — האָט פאַר גאָט קיין מורא ניט...

עמלק איז ניט נאָר געקומען מיט פיזישער מאַכט צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, נאָר זיין הויפּט-שטרעבען איז געווען צו פאַרניכטען זיי גייסטיג, אָפּטויטען אין זיי די הייליגע געפיהלען צו דעם בורא עולם און זיינע נסים. כדי דאָס צו דערגרייכען, האָט ער געזוכט צו פאַרדאַר־בען די אידישע מאָראַלישע מדות, פאַראומווירדיגען זיי מיט אַלערליי טומאות און אָפּשייליכע תאוות. „אשר קרך בדרך—רבי יהודה אומר קרך טמאך כמו דאמרת אשר לא יהיה טהור מקרה לילה, רבי נחמיה אומר קרך ממש“... (מ"ת שם) — רבי יהודה זאָגט, אַז די מיינונג פון „קרך“ איז, אַז עמלק האָט געזוכט גובר צו זיין דאָס אידישע פאָלק מיט פאַרשיידענע טומאות, און רבי נחמיה זאָגט, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט געלאָזען רופען די אידען צו זיך, איז ער אויסען געווען זיי גייסטיג אָפּ־צוטויטען...

צום באַדויערען איז דאָס אידישע פאָלק דאַן ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך, וואָס עס האָט געדאַרפט שטעהן. נאָך אַ שירה זינגען און נאָך אַזוי פיל נסים, וואָס גאָט האָט מיט זיי געטאָן, פרעגען

*) שמות ט"ו ט"ו.

זיי נאך אלץ „היש ה׳ בקרבנו אם אין?״ — צי גאט איז דא צווישען, אונז; צי אלעס, וואס מיר האבען געזעהן, איז אין דעם טאקע גאט׳ס האנד, אדער דאס אלץ געשעהט דורך די פארשיידענע קרעפטען פון דער נאטור? עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואס עמלק׳ן איז גרינג אנגעקומען צו פארפיהרען אלע שוואכלינגען פון אידישען פאלק דורך אלע טומאות — „ויזנב בך כל הנחשלים אחריך...

ווען דאס נארישע קינד ווערט געטראגען אויף די אקסלען פון זיין פאטער, אריבער זומפען און בלאטעס, און פאר׳ן פאטער איז ניט שווער איינצובייגען זיך אלע ווײלע, ווען דאס קינד בעט איהם אויפצוהויבען געוויסע זאכען צו שפילען זיך מיט זיי, צום סוף פרעגט דאס אומדאנק־בארע קינד א דורכגעהער: „האסטו אפשר געזעהן מיין פאטער?״ — איז דער פאטער אריין אין צארן און האט צו זיין קינד געזאגט: „דו ווייסט ניט ווער דיין פאטער איז? איך וועל דיר באלד צייגען, אז דו ווייסט יא, אז איך בין דיין פאטער.״ גלייך האט ער זיין קינד פון די אקסלען אראפגעווארפען, און א בייזער הונט האט עס באפאלען. דאן האט דאס קינד גענומען שרייען: „פאטער, ראטעווע מיך! פאטער, ראטעווע מיך!״ (עי׳ רש״י שם). — ווען דער אלמעכטיגער גאט טראגט דאס אידישע פאלק אויף די כנפי נשרים און טוט מיט זיי אזוי פיל נסים ונפלאות, שפרינגט מיט זיי אריבער ימים און מדבריות — נאך דעם אלעם פרעגט דאס אידישע פאלק: היש ה׳ בקרבנו?״ — צי איז גאט מיט אונז? דאן זאגט דער בורא עולם: דו ווייסט ניט וואו דיין פאטער איז? האט ער דאס אידישע פאלק פון זיין אקסלען אראפגעווארפען, און דער וועלט־הונט איז גלייך געקומען — ויבא עמלק...

משה זאגט צו יהושע׳ן: „בחר לנו אנשים (שמות י״ז ט׳) — אנשים גבורים, אנשים יראי חטא (מכילתא) — קלייב אוים פון אידישען פאלק זיינע העלדען — מענשען, וועלכע זיינען קערפערליך שטארק און אויך שטארק אין גייסט — די, וועלכע לאזען זיך ניט בייגען און זיינען ניט אונטערטעניג פאר די עמלקים; „וצא הלחם בעמלק״ — און צוזאמען מיט זיי געה דו ארוים און האלט מלחמה מיט עמלק׳ן!

„ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפני חרב — חתך ראשי גבוריו ולא השאיר אלא חלשים שבהם״ (תנחומא ועי׳ רש״י שם) — יהושע האט אנדערש געהאנדעלט ווי די עמלקים. זיי, די עמלקים, האבען די אידישע שוואכלינגען באפאלען און זיי געזוכט צו פארניכטען און די

אידישע העלדען און גבורים האָבען זיי געזוכט אויסצומיידען, אָבער יהושע האָט גראָדע אויסגע׳הרג׳עט די גבורים און די שוואַכע און אומבאַהאָלפענע האָט ער איבערגעלאָזען...

די פרשה זכור איז געשאַפען, אַז די אידען זאָלען זיך דערמאָנען, ווי ווייט זיי אַליין זיינען געווען שולדיג אין דעם, וואָס עמלק איז געקומען מיט זיי מלחמה האַלטען. דאָס, וואָס מיר לייענען „זכור את אשר עשה לך עמלק“, איז ניט בלויז צו דערמאָנען די רשעות פון די עמלקים, נאָר דער עיקר צו דערמאָנען די אידען אָן זייער אייגענער שולד. „בדרך בצאתכם ממצרים, א״ר לוי על הדרך בא עליהם כליסטין מלה״ד למלך שהיה לו כרם והקיפו בו גדר והושיב בו המלך כלב נשכן, אָמר המלך כל מי שיבוא ויפרוץ את הגדר ישכנו הכלב. לימים בא בנו של מלך פרץ את הגדר, נשכו הכלב. כל זמן שהיה המלך מבקש להזכיר חטא של בנו שפרץ הגדר, א״ל זכור אתה האיך נשכך הכלב?“ — ר׳ לוי זאָגט, אַז עמלק האָט באַפאַלען די אידען אויפ׳ן וועג, ווי אַ גזלן. און דאָס לייענען די פרשה זכור איז געגליכען צו דעם פאָלגענדען: אַ קייזער האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען, האָט ער איהם אַרומגעצאַמט און דאָרטען אַריינגעזעצט אַ בייזען, בייסענדיגען הונט, און דער קייזער האָט געוואָרענט: „דער יעניגער, וואָס וועט דורכברעכען דעם צאַם, וועט איהם דער הונט ביי־סען.“ אין אַ צייט אַרום האָט זיך גראָד געטראָפען, אַז דעם קייזער׳ס זוהן האָט דורכגעבראָכען דעם צאַם. איז דער הונט אויף איהם אָנגע־פאַלען און געביסען. נאָך דעם, ווען נאָר דער קייזער האָט געוואָלט זיין זוהן דערמאָנען די זינד און פאַרברעכען, וואָס ער האָט באַגאַנגען, האָט איהם דער קייזער געפרעגט: „געדענקסטו, ווי אַזוי דער הונט האָט דיך געביסען?“ „כך כל זמן שהקב״ה מבקש להזכיר חטאן של ישראל שחטאו ברפידים ואמרו „היש ה׳ בקרבנו“, א״ל זכור את אשר עשה לך עמלק“ — אַזוי אויך, ווען גאָט וויל דערמאָנען די זינד פון די אידען אין רפידים, בעת זיי האָבען געזאָגט „צי איז פאַראַן גאָט צווישען אונז“, דאַן זאָגט ער צו דעם אידישען פאָלק: „געדענק, וואָס עמלק האָט צו דיר געטאָן!“...

און דעריבער פייערען מיר יאָהר־איין, יאָהר־אויס אַ ספּעציעלען שבת, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פון זכירת עמלק, כדי מיר זאָלען געדענקען, אַז די פאַרשיידענע עמלקים, וואָס קומען אויף אונז אין יעדען דור, איז דאָס אַ דאַנק אונזער אייגענער שולד, וואָרים מיר האָבען אַליין

צובראכען אלע גדרים, די צאמען, וואס גאט האט פאר אונז געשאפען אפצוהיטען זיין שעהנעם וויינגארטען. און ווען מיר זיינען פורץ גדר, באפאלען אונז די פארשיידענע כלבים, די עמלקים און אנדערע פעלקער, וואס זיינען אונזערע שונאים. אויך קומט די פרשה זכור אונז לערנען, אז מיט די עמלקים זיינען מיר קיינמאל ניט זיכער. אפילו אין דער צייט, ווען מיר דענקען, אז מיר זיינען אין דעם גליקליכסטען צושטאנד, ווען אלע פעלקער שרעקען זיך פאר אונז און האבען פאר אונז דעם גרעסטען רעספעקט, באפאלען אונז פלוצלונג די עמלקים און פארניכטען די שוואכלינגען פון אונזער פאלק...

די אידען אין שושן האבען אויך געדענקט, אז זיי זיינען די גליק־ליכסטע אויף גאט'ס ערד. דער קייזער אחשורש האט די אידען געלא־דען צו זיין דריי־יעהריגען קייזער־יובילעאום, וואס איז געפייערט געווא־רען מיט דעם גרעסטען פראכט און גלאנץ. די פארטרעטער פון אלע פעלקער זיינען אנוועזענד געוועזען, ווארים אחשורש האט געצייגט צו זיין דער גרעסטער ליבעראל. „כי כן יסד המלך על כל רב ביתו לעשות כרצון איש ואיש“ (אסתר, א' ח') — דער קייזער האט אנגעזאגט יעדען עלטסטען פון זיין הויז צו טאן דעם ווילען פון יעדען מענש... צוליב דעם דאזיגען ליבעראליזם האבען די אידען פורץ גדר געווען געגען זייער תורה און זיי האבען זיך געלאזט וואוילגעהן ביי אחשורש'ס באנקעט און האבען הנאה געהאט פון אלע מאכלים, מיט וועלכע מען האט זיי מכבד געוועזען (עי' מגילה י"ב). דאס אלץ האבען זיי געטאן, ווייל אחשורש האט זיי געצייגט „פריינדליכקייט“. זיי האבען אבער ניט פארשטאנען, אז אחשורש'ס ליבעראליזם איז א היפאקריטישער און פאל־שער, אז דאס איז ער אויסען בלויז צו מאכען דעם אנשטעל, אז ער באהאנדעלט אלע פעלקער גלייך. „כרצון איש ואיש — כרצון מרדכי והמן, מרדכי דכתיב ביה איש יהודי, והמן דכתיב איש צר ואויב“ (מגילה י"ב). דאס ערקלעהרען אונז די חז"ל ווי ווייט עס האט געגרייכט דער זאגענאנטער ליבעראליזם פון דעם „כרצון איש ואיש“. אט דאכט זיך, טוט מען דעם ווילען פון דעם אידען, מרדכי, און מיטאמאל ווערט אלעס איבערגעדרעהט, און מען טוט שוין דעם ווילען פון המנ'ען, דעם צר ואויב פון דעם אידישען פאלק. „וכי יכול אתה לצאת ידי שניהם אלא שאתה מרומם לזה וצולב לזה“ (מ"ר שם) — ווי קען מען יוצא זיין פאר ביידען, פאר מרדכי דעם אידען, און אויך פאר המנ'ען דעם צורר? איז

דער תירוץ, אַז המן ווערט דערהויבען, און אויף דעם אידען ווארפט מען אַרויף די גזירה פון להשמיד ולהרוג ולאבד...

אויך היינט-צו-טאָג דאַרפען מיר לערנען די אַלטע מגילה פון אסתר און מיר דאַרפען באַגרייפען, אַז דער ליבעראַליזם און די פרייהייט פאַר דעם אידישען פאָלק איז מעהר ניט ווי אַ מאַסקע צו פאַרדעקען די רשעות פון דעם האַרצען, וואָס דיזעלבע פעלקער טראָגען געגען אונז. דער אונטערשייד פון די המנ׳ס ביז די אחשורש׳ס איז נאָר אין דעם, וואָס המנ׳ס שנאה איז אַן אָפענע און ברוטאַלע, און אחשורש׳ס שנאה איז אַ באַהאַלטענע, אַ פאַרמאַסקירטע; אָבער אין אמת׳ן האָבען די אחשורש׳ס פיינט דאָס אידישע פאָלק נאָך מעהר ווי די המנ׳ס. „ויסר המלך את טבעתו, רבנן אמרי אחשורש שונא את ישראל יותר מהמן הרשע“ (מ״ר שם)...

זאָל די פרשה זכור זיין אַ דערמאָנונג פאַר אונז אַמעריקאַנער אידען און אויך פאַר די אידען, וועלכע לעבען אין די ליבעראַלע לענדער, און וועלכע דענקען אויך פונקט ווי די אידען אין שושן, אַז אחשורש איז אַ מלך פון חסד, און צוליב דעם דאַרף מען פאַרלייקענען גאָט און זיין תורה און מיט דער צייט זיך אַסימילירען אינגאַנצען מיט די פעלקער, וועלכע זיינען אַזוי גוט און ליבליך, — זאָל דאָס זיין אַ דערמאָנונג, אַז ווען מיר צוברעכען שוין אַלע צאַמען פון אידענטום און מיר זאָגען „נהיה ככל הגוים“, דאַן שיקט אויף אונז גאָט דעם וועלט-כלב, עמלק׳ן, און ער ווייזט אונז זיינע ריכטיגע ציינער.

צוליב די אַלע דערמאָנטע סבות, זאָגען מיר אין אַלע דורות „זכור את אשר עשה לך עמלק“...

# שקליהם לשקליו
## לפורים

אמר ריש לקיש גלוי וידוע למי שאמר והיה העולם,
שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים
שקליהם לשקליו, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין
על השקלים ועל הכלאים.
(מגילה, י"ג).

די הויפט זאך, וואס די המנ'ס פון אלע צייטען האבען געהאט אויסצוזעצען געגען דעם אידישען פאלק, איז געוועז און איז, אז די אידען זיינען א געלד-גייציג פאלק; פאר געלד, זאגען זיי, איז ביים אידען רעכט צו באגעהן די גרעסטע פאלשקייט און שווינדלעריי. די אידישע שונאים האבען אימער מקטרג געווען, אז דער איד איז דער שונא פון יעדען לאנד, וואו ער איז אן איינוואוינער; דער איד מיט זיין קלוג-שאפט און פעהיגקייט פארכאפט די בעסטע געשעפטען פון לאנד, און פאר די ארימע בירגער, נעבאך, בלייבט איבער ניט מעהר ווי די ערד צו באארבייטען...

אברהם האט שוין געהערט די ווערטער פון דעם מלך סדום: „תן לי הנפש והרכוש קח לך" — דו, אברהם, ביסט דאך איבערהויפט איבער-געבען נאר צו רייכטום; דיינע אייניקלאך און אור-אייניקלאך וועלען דאך זיין דאס פאלק פון שאכער-מאכער; אלץ אין דער וועלט וועלען זיי טאן פאר געלד, — טא צו וואס טויגען דיר די נפשות, וואס דו האסט געפאנגען? דיין גאנצע כונה איז דאך דער רכוש, דאס רייכטום; טא נעם דאס דיר, אברהם, און די נפשות גיב מיר...

אברהם ענטפערט גלייך אויף די דאזיגע שטעך-ווערטער: „אם מחוט ועד שרוך נעל" — איך וועל פון דיר, מלך סדום, ניט נעהמען אפילו דעם ווערט פון א פאדעם אדער א שוך-בענדעל, ווייל איך קען אייך, די מלכים פון סדום, גאנץ גוט. אייער טענה איז אימער געגען די אברהם'ס, אז פון אייך ווערען זיי רייך און נאר אייך צו פארדאנקען לעבען די אברהם'ס אין רייכטום און אין לוקסוס. „ולא תאמר אני העשרתי את אברהם" — איך, אברהם, וועל דיר אבער די געלעגענהייט ניט געבען, אז דו זאלסט זיך קענען באריהמען „איך האב רייך געמאכט אברהמ'ען".

יצחק קומט אין גרר, געפינט דעם באַדען דאָרטען ניט קולטיווירט, די ערד איז וויסט און פאַרטריקענט, און דער יאָהר אין אַלגעמיין איז ניט קיין געראָטענער. יצחק שרעקט זיך פאַר דעם אַלעם ניט אָפּ; ער אַקערט און באַארבייט די פעלדער אונטער די גרעסטע שוועריגקייטען. גאָט שיקט זיין ברכה: יצחק ווערט רייך און גרויס. און דאָ קומט די קנאה־שנאה פון די אַרומיגע שכנים, די פלשתים. מען פאַרגינט ניט דעם פרעמדען, דעם אימיגראַנט, זיין אויסגעהאָרעוועט רייכטום און מען פאַרשיט די ברונימער, וועלכע זיינען געגראָבען געוואָרען דורך יצחק'ן. מען זוכט צו פאַרמאַכען פאַר דעם אימיגראַנט יצחק'ן אַלע צנורות פון פרנסה; אפשר וועט עסווירקען אויף יצחק'ן, אַז ער זאָל אָפּטרעטען פון גרר. אָבער יצחק קומט דורך אַלע שוועריגקייטען און בלייבט עקשנות'דיג זיצען אויף זיין פּלאַץ, ביז וואַנען אבימלך איז געצוואונגען אַרויס־צוזאָגען דעם אמת צו יצחק'ן: „לך מעמנו!" — געה אַוועק פון אונז! דו ביסט אין גרר אַ פרעמדער, און אַלעס, וואָס דו האָסט און פאַרמאָגסט, „כי עשרת ממנו", איז דאָס פון אונז. דורך באַטרוג און שווינדעל איז דיר דאָס אַלעס געקומען. און פאַר אַזעלכע איז ביי אונז קיין פּלאַץ ניטאָ.

מיט יצחק'ס אַוועקגעהן ווערט אָבער דאָס לאַנד פאַרארימט. עס זיינען מעהר ניטאָ די יצחק'ס, וועלכע ברענגען אריין לעבען אין יעדער אונטערנעהמונג. שפּעטער קומען די אבימלך'ס מיט זייערע מיניסטאָרען און בעטען זיך ביי די יצחק'ס „ונכרתה ברית" — קום צוריק אין לאַנד, זאָלען מיר ווערען צוריק גוטע פריינד. און ווען יצחק וואונדערט זיך און פרעגט: פאַרוואָס זייט איהר געקומען צו מיר? איהר האָט דאָך מיך פיינט געהאַט און אַוועקגעשיקט פון אייך! איהר האָט דאָך אויף מיר געזאָגט, אַז איך בין דאָס אומגליק פון אייער לאַנד, און אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, געהערט צו אייך! — מוזען די אבימלך'ס צוגעבען: מיר האָבען געזעהן, אַז גאָט איז מיט דיר, יצחק, אין אַלעס, וואָס דו טוסט. דעריבער ווילען מיר מיט דיר לעבען אין פרידען... (אַ ריכטיגע קאָפּיע פון שפּאַניען מיט איהר אַרויסטרייבען אידען און נאָכהער צוריק־רופען זיי).

יעקב קומט אָן צו לבנ'ען. אַרבייט שווער צוואַנציג יאָהר. בייטאָג ווערט ער פאַרברענט פון היץ און ביינאַכט פון קעלט; דערעסט ניט און דערשלאָפט ניט. לבן ווערט רייך דורך יעקב'ס איבערגעבענהייט. אָם ענדע הערט יעקב ווי לבנ'ס קינדער ריידען: „יעקב האָט אַלעם צוּ־

גענומען און איז רייך געוואָרען אויף דעם חשבון פון אונזער פאָטער לבן, און נאָר דעם פאָטער אונזערען צו פאַרדאַנקען איז ער רייך געוואָרען.״

יוסף ראַטעוועט דאָס לאַנד מצרים אין די הונגער־יאָהרען. פרעה אַליין מוז צוגעבען, אַז יוסף איז דער גרעסטער מענש, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. „אין נבון וחכם כמוך״ — אַזאַ פאַרשטענדליכער און קלוגער ווי יוסף איז גאָר אין מצרים ניטאָ. ווען ניט יוסף, וואָלט דאָס לאַנד אונטערגעגאַנגען אין דעם שרעקליכען זיבען־יעהריגען הונגער. צום סוף שטעהט אויף אַ נייער פרעה און ער פאַרגעסט אַלעס, וואָס יוסף האָט געטאָן, און ער זאָגט צו זיין פאָלק: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו״ — דאָס, וואָס דאָס אידישע פאָלק אין מצרים איז מעכטיג, רייך און שטאַרק, איז אַלץ „ממנו״, פון אונז מצריים... דאָס בעסטע איז אַרויפ־צולייגען אויף אַזאַ פאָלק שווערע נאַלאָגען און אָפּצאָלונגען, אום מיט דער צייט זאָל זיי ווערען אַזוי שלעכט עקאָנאָמיש, אַז עס וועט זיין „ועלה מן הארץ״ — עס וועט געצוואונגען ווערען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד מצרים און זוכען פאַר זיך אַנדערע לענדער.

בלק לויפט צו בלעמ׳ען מיט שרעק און בעט זיך ביי איהם, ער זאָל קומען פאַרשעלטען דאָס פאָלק, וואָס איז אַרוים פון מצרים. די הויפּט־זאַך, וואָס איהם שרעקט, איז „ועתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחך השור את ירק השדה״ — דאָס אידישע פאָלק וועט אונז אַרומעסען, פונקט ווי דער אָקס עסט אַרום די גרינס פון די פעלדער. פאַר אַ צווייטען בלייבט שוין דאָן גאָרניט. אַזוי זיינען די אידען, זיי נעהמען אַוועק דאָס בעסטע פון אַ לאַנד, און פאַר די איינוואוינער בלייבט גאָרניט צו טאָן. אַזאַ פאָלק איז אַ מצוה און אַ הייליגע פליכט צו פאַרשעלטען...

אַלע המנ׳ס האָבען פאַר איין זאַך מורא, און דאָס איז די אידישע עשירות און פעהיגקייט. אויך דער המן פון אחשורש׳ס צייטען קומט מיט דער טענה: ולמלך אין שוה להניחם״ — פאַר דעם קעניג באַצאָלט זיך ניט צו האַלטען די אידען אין שושן הבירה און אין די אַנדערע לענ־דער, ווייל „דאכלו ושתו ומבזו למלכא״ (מגילה, י״ג) — דער עיקר פאַר־דריסט המנ׳ן, וואָס אידען עסען און טרינקען צו זאַט און זיינען ניט געטריי דעם קעניג פאַר זייער רייכטום. דעריבער איז ניטאָ קיין אַנדער מיטעל, נאָר אויסצוראָטען די אידען און זיי פאַרניכטען.

פון יענער צייט ביז היינט זיינען שוין פאַרלאָפען יאָהר־הונדערטער.

אָבער די הײַנטיגע המנ׳ס פון פוילען, רומעניען און אונגאַרן האָבען נאָך אַלץ דעם שרעק פון „דאכלו ושתו“, וואָס אידען עסען און טרינקען צו זאַט, וואָס אידען זײַנען רײַך, זײַנען באַנקירען, גרויסע געשעפֿטסלײַט, וואָס אידען זײַנען שטאַרק פאַרטראַטען אין די לעהר־אַנשטאַלטען און גיבען פון זיך אַרויס גרויסע יוריסטען, דאָקטוירים, אינזשעניערען, וועלכע ווערען רײַך. די הײַנטיגע אַנטיסעמיטען זאָגען אויך, אַז עס איז „ממנו“, אַלעס, וואָס די אידען האָבען, קומט פון זיי. די אידען עסען אָפּ דאָס לאַנד ווי די אָקסען, נעהמען צו אַלעס פאַר זיך. דער בעסטער מיטעל איז, אַלזאָ, אַרויפצוליייגען שווערע גאַלאָגען און אָפּצאָלונגען, און דאָס וועט פיהרען צו „ועלה מן הארץ“ — ער וועט דאַן פאַרלאָזען פוילען, רומעניען און אונגאַרן. מען איז דערוויייל מקיים דעם אַלטען „ארה לי“ און „קבה לי“ — מען שעלט און מען שלאָגט אידישע סטודענטען. דאָ, אין אַמעריקאַ, טרײַבט מען די אידען ניט אַרויס, אָבער מען לאָזט זיי אויך ניט אַרײַן...

דאָס אַלעס קומט פון קנאה צום אידישען רײַכטום און פעהיגקייט. ניט אומזיסט האָט יעקב אָנגעזאָגט זײַנע קינדער „אל תראו עצמכם כשאתם שבעים לא בפני עשו ולא בפני ישמעאל כדי שלא יקנאו בכם“ (תענית י׳) — זיי זאָלען זיך ניט צײַגען, ווען זיי זײַנען זאַט, ניט פאַר די עשו׳ס און אויך ניט פאַר די ישמעאל׳ס, כדי זיי זאָלען ניט מקנא זײַן און פײַנט האָבען דאָס אידישע פאָלק.

איין זאַך אָבער, וואָס די גרעסטע שונאים פון אידישען פאָלק האָבען געמוזט צוגעבען אין אַלע צײַטען, איז דאָס, וואָס אידען ביי זייער רײַכ־טום בלײַבען אָבער גיט ענגהערציג אין באַצוג צו זייערע אָרימע ברידער. די אידען האָבען אימער אָנגעהאַלטען דעם שעהנעם מנהג פון „נתן תתן“ און „פתח תפתח את ידך“ — זיי גיבען צו יעדער צייט און פאַר אַלעם; און די דאָזיגע צדקה איז תרומם גוי — דאָס אידישע פאָלק האָט ביי די גרעסטע שונאים אַרויסגערופען דעם רעספעקט פאַר זייַנע וואוילטאַטען.

די אידישע אָרימעלײַט פאַלען קיינעם ניט צו לאַסט. פון דעם ערשטען מאָמענט, ווען זיי קומען אָן אין פרעמדען לאַנד, איז שוין פאַר זיי אָנגעגרייט אַ הכנסת אורחים, אַן עמפּלאָימענט ביוראָ, וואָס זוכט פאַר זיי באַשעפטיגונג. ווערען זיי אָרים, איז דאָ פאַר זיי אַ גמלות חסדים; ווערען זיי קראַנק, איז דאָ אַ אידישער האָספּיטאַל; ווערען זיי אַלט, איז דאָ אַ מושב זקנים; פאַר זייערע קינדער זײַנען דאָ תלמוד

תורה'ס און ישיבות; פאַר יתומים זיינען דאָ בתי־יתומים; עס זיינען אויך דאָ דעי גוירסעריים; און איבער הונדערט און צוואנציג יאָהר, איז דאָ אפילו אַנגעגרייט פאַר דעם אומגליקליכען איד אַ „חסד של אמת", און ער דאַרף ניט געהן אויף „פּאַטערס פיעלד" צו קריגען פרייע קרקע... מיט איין וואָרט, אויף דעם פעלד פון צדקה איז ניטאָ קיין איין פאָלק, וואָס זאָל קענען אַריבעריאָגען דעם אידען. און דאָס שטעכט אוים די אויגען פון די אַנטיסעמיטען. עס איבערצייגט אַלעמען, אַז דער איד איז ניט אַזוי שרעקליך געלד־גייציג, ווי זיי, די אַנטיסעמיטען, טראַכטען אויף איהם אוים. אידען גיבען צדקה אין די מיליאָנען דאָלאַר, פונטען, מאַרקען און פראַנקען...

אידען זיינען שוין אַריבער די מאָס פון גוטסקייט: זיי גיבען אויך אויף אַזעלכע זאַכען, וואָס זיי האָבען ניט געדאַרפט געבען. דער אַלטער כלל „נתבעין למשכן ונותנין נתבעין לעגל ונותנין" האַלט נאָך אָן היינט גאַנץ שטאַרק...

אָט דאָס לערענט אונז ריש לקיש (מגילה, י"ג) „גלוי וידוע למי שאָמר והיה העולם" — עס איז געווען אַנטפּלעקט און באַוואוסט צו דעם יעני־גען, וואָס מיט זיין וואָרט איז די וועלט געוואָרען, „שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל" — דער גאַנצער כח פון קטרוג און שנאה אויף דעם אידישען פאָלק פון די פאַרשיידענע המנ'ס אין אַלע צייטען וועט זיך איבערהויפּט נעהמען פון דעם, וואָס די שונאים וועלען וועגען און מעס־טען די שקלים, דאָס רייכטום, וואָס אידען באַזיצען; און דאָס דאָזיגע וועט זיין די הויפּט־אורזאַך פון אַלע בלבולים, וואָס וועלען געמאַכט ווערען אויף דעם אידישען פאָלק, אַז זיי זיינען געלד־גייציג, שווינדלער און בעטריגער.

„לפיכך הקדים שקליהם לשקליו" — דעריבער האָט גאָט אַנגעזאָגט, אַז די אידען זאָלען אימער האַלטען פון „נתן תתן" און פון „משלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים" — זיי זאָלען האַלטען אין איין געבען פון זייער פאַרמעגען פאַר אַלע הייליגע צוועקען, כדי מיט די דאָזיגע צדקה־דאָלאַרס צו פאַרכאַפּען דעם וועג פון די דאָלאַרס, וועלכע ברענגען שנאה און האַס אויף דעם אידישען פאָלק; און מיט דעם פאַרמאַכען די מיילער פון די אַנטיסעמיטען.

„והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים" — דעריבער לער־נען מיר, אַז דעם ערשטען טאָג אין אדר לאָזט מען אויסרופען און הערען,

אַז אידען זאָלען ברענגען זייערע שקלים, אום די המנ'ס זאָלען ניט קענען מקטרג זיין פאַר די אַלערליי אחשורש'ס.

אין דערזועלבער צייט, ווען מען רופט אוים, אַז אידען זאָלען ברענגען שקלים און געבען זיי אויף פאָלקס-צוועקען, רופט מען אויך אוים „ועל הכלאים" — גיט אַ איד צדקה, זאָל ער זיך אָבער היטען פון „כלאים", ניט צוזאַמענמישען „מין בשאינו מינו", ניט געבען פאַר אַזעלכע צוועקען, וואָס קומען צו צוברעכען אַלע הייליגטימער פון דעם אידישען פאָלק.

די פייערונג פון פורים איז דעריבער ניט נאָר צוליב דעם זיעג איבער דעם המן פון אחשורש'ס צייטען, נאָר דאָס פייערען מיר דעם זיעג איבער אַלע המנ'ס פון אַלע צייטען — פון דעם מלך סדום, דער המן פון אברהם'ס צייטען, ביז די המנ'ס פון היינט!...

# חקת הפסח והפרה
## לפרשת פרה

יהי לבי תמים בחקיך זה חקת הפסח וחקת פרה אדומה, למה ששניהן דומין זה לזה, בזה נאמר זאת חקת הפסח ובזה נאמר זאת חקת התורה, ואי אתה יודע איזו חקה גדולה מזו, משל לשתי מטרוניות דומות שהיו מהלכות שתיהן כאחת נראות שוות, מי גדולה מזו אותה שחברתה מלוה אותה עד ביתה והולכת אחריה. כך בפסח נאמר בו חקה ובפרה נאמר בה חקה ומי גדולה הפרה שאוכלי פסח צריכין לה שנאמר ולקחו לטמא מעפר שריפת החטאת.

(ש״ר, י״ט ב׳).

דער היינטיגער שבת טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „פרשת פרה", ווייל מיר לייענען היינט וועגען דעם אומפאַרשטענדליכען חיק פון דער „פרה אדומה". בעפאָר דער פרייהייטס-יום-טוב, פסח, קומט, לאָזט מען אונז וויסען דעם דין, ווי אַזוי אַ טמא מת קען זיך מטהר זיין. „בשלישית פרה אדומה" (מגילה, כ״ט) „להזהיר את ישראל לטהר שיעשו פסחיהן בטהרה" (רש״י שם) — דער דריטער שבת איז פרשת „פרה אדומה", כדי אָנצוזאָגען די אידען, זיי זאָלען זיך רייניגען און מקריב זיין זייערע קרבן פסח׳ם בטהרה...

ווען דאָס בית המקדש איז געווען, און דאָס אידישע פאָלק האָט געפייערט זיין פרייהייטס-יום-טוב מיט פראַכט און גלאַנץ אין ירושלים, און דער עיקר פון דער פייערונג איז געווען דאָס מקריב זיין דעם קרבן פסח — אויב איינער האָט זיך מטמא געווען ביי אַ מת מצוה אָדער ער איז געווען אין אַ ווייטען וועג, צוליב וואָס ער האָט דעם קרבן פסח ניט געקענט מקריב זיין דעם פערצענטען ניסן, האָט די תורה (במדבר, ט׳) איהם ערלויבט צו פייערען אַ צווייטען פסח מיט אַ מאָנאַט שפּעטער.

די באַדייטונג פון דעם קרבן פסח איז צו לערנען יעדען איינציגען אידען, אַז גאָט איז דער משגיח אויף זיין פאָלק ישראל. אין דער צייט, ווען דער משחית קריגט דאָס רעכט צו פאַרניכטען און טויטען די בכורים אין מצרים, האָט אָבער דער משחית קיין שליטה ניט איבער דעם אידי־שען פאָלק — „ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף"...

ניט נאָר אין מצרים איז דער דאָזיגער נס געשעהן, נאָר אויך אין

אַלע לענדער. די מעכטיגסטע מלכים, וועלכע האָבען לענדער און פעל־קער אָפּגעווישט פון דער וועלט־מאַפּע, האָבען פונדעסטוועגען, מיט זייערע אַלע גבורות און בלוט־פאַרגיסונגען, ניט געקענט אָפּמעקען דעם אידען פון דעם ערד־קוגעל; און ביים היינטיגען טאָג זיינען מיר אַ פאָלק פון מיליאָנען מענשען. און כאָטש מיר זיינען צושפּרייט צווישען אַלע פעלקער, איז דער איינפלוס פון די אידען אין יעדען לאַנד אומגעהויער גרויס...

עס זיינען דאָ אידען, וועלכע האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער גלויבען אין גאָט און אין זיין תורה. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געקומען אין באַריהרונג מיט מתים, מיט אַזעלכע מענשען, וואָס ביי זייער לעבען זיינען זיי פאַררעכענט פאַר אָפּגעשטאָרבענע גלידער פון דעם אידישען קערפּער, וואָס אויף זיי ווערט געזאָגט „רשעים בחייהם קרואים מתים" — שלעכטע מענשען ווערען אָנגערופען מתים אפילו ביי זייער לעבען; וואָרים זיי שאַפען ניט און גיבען גאָרניט דער וועלט...

עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע אידען, וואָס ניט נאָר זיינען זיי פרעמד פון דער אידישער רעליגיע, נאָר זיי זיינען אויך ווייט אַוועק אין דעם דרך רחוקה — זיי האָבען זיך דערווייטערט אינגאַנצען פון דעם אידישען פאָלק, זיי ווילען ניט וויסען פון זיין פרייד און צער און באַ־טייליגען זיך ניט אין זיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אַזעלכע אידען ווערען פאַרשטויסען פונ׳ם כלל ישראל און מיט דער צייט אַסימילירען זיי זיך און ווערען אינגאַנצען פאַרשוואונדען. זיי פייערען שוין ניט דעם פסח צוזאַמען מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק, נאָר זיי האָבען זייערע „פסח שני׳ס", זיי פרייען זיך מיט די פייערונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם לעבען פון אַנדערע פעלקער. אויף זיי איז מקוים געוואָרען „שמוני נטרה את הכרמים וכרמי שלי לא נטרתי" (שה"ש) — זיי האָבען מיך געמאַכט צו היטען פרעמדע וויינגערטנער, אָבער מיין אייגענעם וויינגאָרטען האָב איך ניט געהיט...

די דאָזיגע אידען נויטיגען זיך אין פאָלקס־לעהרער, וועלכע זאָלען זיי אויפקלעהרען די אמת׳ע באַדייטונג פון קרבן פסח און אויך פון דער פרה אדומה.

„והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם" — ווען אייערע קינדער, די רשעים, וועלען זאָגען צו אייך: וואָס ברויכט איהר די גאַנצע אַרבייט? צו וואָס דאַרפט איהר האָבען די מצות המעשיות?

פאַרוואָס בענקט איהר אַזוי נאָך אייער לאַנד, ארץ ישראל, איז אייך דען שלעכט אין די פרייע גלות־לענדער? וואָס זייט איהר זיך אַזוי מקריב, אום אָנצוהאַלטען אייער זאָגענאַנטע היילינע שפּראַך, העברע־איש, וואָס געפעלען אייך ניט די שפּראַכען פון אַנדערע פעלקער? „ואמרתם זבח פסח הוא לה׳ אשר פסח על בתי בני ישראל בנגפו את מצרים ואת בתינו הציל, ויקד העם וישתחו" — זאָלט איהר זיי זאָגען, אַז די באַדייטונג פון דעם קרבן פסח איז, וואָס גאָט האָט אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער, וואו דאָס אידישע פאָלק איז פאַרשפּרייט, איבער־געהיפּט די אידישע הייזער, אַז אין זיי זאָל דער וועלט־משחית ניט אַריינקומען. פילע פעלקער האָט דער וועלט־משחית אומגעבראַכט, אָבער דאָס אידישע פאָלק איז פאַרבליבען פעלזען־שטאַרק.

דאָס, וואָס דער איד האָט איבערגעלעבט אַלע זיינע שונאים פון אַמאָל, דאַרף איבערצייגען די אַסימילאַטאָרישע אידען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס גיט אויף דעם אידישען פאָלק אַכטונג; ווי אַ געטרייער שומר היט ער זיי. און אַ דאַנק גאָט׳ס תורה, וואָס פאַרמאָגט אין זיך די מצות המעשיות, זיינען די אידען געוואָרען פעלזען־שטאַרק; און צוליב ארץ ישראל און לשון הקודש האָבען די אידען ניט פאַרצווייפעלט אין די גלות־לענדער. אימער האָבען זיי געהאָפט, אַז זיי וועלען צוריק ווערען דאָס אתה־בחרתנו־פאָלק אין זייער אייגען לאַנד, ריידענדיג זייער נביאים־שפּראַך...

מען דאַרף לערנען מיט די פאַרפרעמדטע קינדער פון דעם אידישען פאָלק, אַז ניט נאָר איז וויכטיג, וואָס „ובתינו הציל", וואָס די אידישע הייזער זיינען גערעטעט געוואָרען, נאָר דער הויפּט־נס איז דער „בנגפו את מצרים" — וואָס די פאַרשיידענע פעלקער זיינען פאָלשטענדיג גע־שלאָגען געוואָרען...

„פרה אדומה תמימה אשר אין בה מום אשר עלה עליה עול. פרה — זו מצרים, אדומה — זו בבל, תמימה — זו מדי, אשר אין בה מום — זו יון, אשר לא עלה עול — זו מלכות רביעית שלא קבלו עליהן עול שקהקב"ה" (ילקוט). — די טמאי מתים דאַרף מען לערנען די פרשה פון פרה אדומה, זיי זאָלען איינזעהן, אַז מצרים, בבל, מדי, יון און אדום — די אַלע מעכטיגע אימפּעריעס זיינען פאַרברענט און כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרען פון דעם ערד־קוגעל. דאָס ציינט די מעכטיגע האַנט פון גאָט. און ווען זיי וועלען אין דעם אַלעם זיך גוט פאַרטיפען — „ויקד העם

וישתחוו" — וועלען זיי זיך בוקען מיט עהרען־שרעק פאר דעם גרויסען גאָט פון ישראל און אויך פאר זיין תורה, זיין לאַנד און שפראך...

„יהי לבי תמים בחוקיך" (תהלים קי"ט) „זה חקת הפסח וחקת פרה אדומה למה ששניהן דומין זה לזה, בזה נאמר זאת חקת הפסח ובזה נאמר זאת חקת התורה ואי אתה יודע איז זו חקה גדולה מזו?" — דוד המלך בעט זיך: זאָל מיין האַרץ זיין גאַנץ מיט דיינע חוקים; גיב מיר אַ האַרץ פון פאַרשטענדליכקייט, אום אַריינצודרינגען אין די טיפע כונות פון די חוקים פון פסח און פון דער פרה אדומה. דער קרבן פסח צייגט דאָך אויף „ובתינו הציל" און די פרה אדומה אויף „בנגפו מצרים", קוקט דאָך אויס אויבערפלעכליך, אַז זיי זיינען ביידע גלייך, זיי האָבען דיזעלבע באַדייטונג, און איינער איז ניט גרעסער פאַר דעם צווייטען...

„משל לשתי מטרוניות דומות שהיו מהלכות שתיהן כאחת נראות שוות מי גדולה מזו אותה שחברתה מלוה אותה עד ביתה והולכת אחריה, כך בפסח נאמר בו חקה ובפרה נאמר בה חקה ומי גדולה הפרת שאוכלי פסח צריכין לה שנא' ולקחו לטמא מעפר שרפת החטאת". — עס איז אַ משל צו צוויי פרינצעסינס, וואָס האָבען דעמזעלבען אויסזעהן און ביידע זיינען געגאַנגען, און מען האָט ניט געוואוסט, ווער עס שטעהט גייסטיג העכער. ווען מען זעהט אָבער, אַז איינע האָט באַגלייט איהר פריינדין אַהיים, איז צו פאַרשטעהן, אַז די, וועלכע איז באַגלייט געוואָרען, שטעהט גייסטיג העכער פון איהר פרינצעסין־פריינדין...

מיט „פסח" און „פרה" איז אויך אַזוי: ביי ביידען געפינט זיך דער אויסדריק „חקה", און מיר ווייסען ניט ווער עס איז גרעסער און וויכטיגער. נאָר ווייל די, וועלכע דאַרפען עסען פונ'ם קרבן פסח און זיי קענען ניט צוליב טומאה, ערוואַרטען, אַז די פרה אדומה זאָל זיי מטהר זיין, איז אַ באַווייז, אַז די „פרת אדומה" איז וויכטיגער און באַדייטענדער...

די אידען, וועלכע זיינען טמא געוואָרען צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געקומען אין באַריהרונג מיט די גייסטיג־אָפּגעשטאָרבענע פון דעם אידישען פאָלק, און זיי זיינען אַוועק אין אַ „דרך רחוקה", דערווייטערט זיך פון אַלעם, וואָס איז אידיש, — די דאָזיגע אידען פייערען ניט דעם זמן חרותינו פון חג הפסח צוגלייך מיט אַלע אידען. זיי גלויבען ניט אין די אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ימים טובים פון זייער פאָלק, נאָר זיי האָבען זייערע אייגענע פסח שנית — זיי פרעהען זיך מיט אַנ־

דערע, פרעמדע, נאַציאָנאַלע פייער־טעג. אָט פאַר די אידען מוז מען האָבען פאַר פסח אַ שבת „פרשת פרה“, אום זיי זאָלען באַגרייפען, אַז די „פרה אדומה תמימה אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול“ איז דער סימבאָל און פאָרשטעלונג פון אַלע וויכטיגע נאַציאָנען, ווי מצרים, בבל, מדי, יון און אדום, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרען און פאַר־שוואונדען אין דער אייביגקייט. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען גאָט האָט דעם „בנגפו מצרים“ אויסגעפיהרט, האָט ער דעם „ובתינו הציל“ מקיים געווען; און דאָס אידישע פֿאָלק עקזיסטירט און לעבט אין די מיליאָנען ביז היינטיגען טאָג.

דער חוק פון קרבן פסח און דער חוק פון פרה אדומה זיינען פאַר אונז חוקים, וואָס מיר קענען זיי ניט משיג זיין מיט אונזער שכל. אי־בערהויפט שטעהט העכער און גרעסער אין אומפאַרשטענדליכקייט די פרשת פרה אדומה. און דאָס דאַרף עפענען די אויגען פון אונזערע אַלע טמאי מתים, אַז זיי זאָלען זיך מטהר זיין באַצייטענס, אום צו פייערען אונזערע נאַציאָנאַלע ימים טובים צוגלייך מיט דעם אידישען פֿאָלק און ניט דאַרפען נדחה ווערען צו פייערען פרעמדע פסח שנית...

# החודש הזה לכם

## פרשת החודש

מוציא אסירים בכושרות (תהלים ס"ח) מהו בכושרות אלא כיון שיצאו ישראל ממצרים לא יצאו אלא בכושרות אר"ע לא הוציאן אלא בחודש כשר לצאת לא בתמוז מפני השרב ולא בטבת מפני הצנה אלא בניסן שהוא כשר לצאת בו לדרך לא חמה קשה ולא צנה קשה, וא"ת תשרי הרי יש בו עונת גשמים הוי בכושרות.
(מ"ר, במדבר ג' ד').

דער מאָנאַט ניסן איז דער אויסדערוויילטער פון אַלע מאָנאַטען, דער יחסן. אין דעם מאָנאַט טאָר מען ניט טרויערען און אפילו קיין תחנון ניט זאָגען. אין מאָנאַט ניסן איז געפייערט געוואָרען דער חנוכת המשכן, און די נשיאים האָבען מקריב געווען קרבנות, יעדער איינער אין זיין טאָג.

דער מאָנאַט ניסן איז אָבער אַממעהרסטען באַריהמט צוליב די היסטאָרישע געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין איהם. אין ניסן איז דאָס אידישע פאָלק באַפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי, אָרונ־טערגעוואָרפען די קייטען פון אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט און מיט שטאָלץ און ווירדע האָבען די אידען פאַרלאָזען דאָס שקלאַפען־לאַנד מצרים. — „ובני ישראל יוצאים ביד רמה"...

דער שבת פאַר דעם חודש ניסן ווערט גערופען „פרשת החודש", ווייל מיר לייענען דעם שבת די ווערטער פון דער תורה „החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה" — דער דאָזיגער מאָנאַט איז דער קאָפּ און דער חשוב'סטער פון אַלע מאָנאַטען פון יאָהר. דעריי־בער קומט איהם דער כבוד צו ווערען דער ערשטער פון אַלע מאָנאַטען.

ר' לוי זאָגט: פילעס האָט גאָט באַשאַפען אין זיין וועלט און אויס־געקליבען האָט ער מעהר ניט ווי איינצעלנע זאַכען. גאָט האָט באַשאַפען זיבען טעג און אויסדערוועהלט — דעם שבת. פון די יאָהרען איז דער שמיטה־יאָהר דער הייליגסטער. נאָך זיבען שמיטות איז דער פופציג־סטער יאָהר געווען דער יובל. גאָט האָט אַלע לענדער באַשאַפען און פון זיי פאַרהייליגט ארץ ישראל. פון אַלע שבטים איז גאָט געפעלען געוואָרען אַמבעסטען דער שבט לוי (שם במ"ר). און עס ווייזט אויס,

אז פון אלע מאנאטען האט גאט אויסגעקליבען אלס זיין ליבלינג — דעם מאנאט ניסן.

נאך דעם שרעקליכען ווינטער, ווען אלעס אין דער נאטור איז געווען ווי אפגעשטארבען. דער באדען איז געווען באדעקט מיט שניי; די בוימער זיינען געשטאנען ווי אבלים און געטרויערט נאך זייערע בלעטער און בלומען, וועלכע זיינען פארשוואונדען; די טייכעלאך האבען אויפגעהערט צו באוועגען זיך און אויסארבייטען פון זייער אויבער־פלאך די חנ'עוודיגע פאלבען, ווארים די גרויזאמע קעלט האט זיי פאר־גליווערט און זיי אין שטיקער אייז פארוואנדעלט; אויך די ליבע פויגעלאך האבען אריבערגעטראגען זייער וואונדערבאר טרעלען־געזאנג אין די ווארימע לענדער, און אויף זייער פלאץ זיינען אנגעקומען די שווארצע ווארענעס מיט זייערע ווילדע אויסגעשרייען „קראו! קראו!" — נאכ'ן דאזיגען שרעקליכען ווינטער קומט דער ליבלינג־מאנאט — ניסן, וועלכער ברענגט מיט זיך דעם הערליכען פריהלינג, ווען די נאטור לעבט צוריק אויף, און אלעס אין דער נאטור זינגט שירה צו דעם אל־מעכטיגען גאט. און זעהר פראקטיש האבען געטאן אונזערע חכמים, וועלכע האבען מתקן געווען צו זאגען א ספעציעלע ברכה אין דעם חודש. „היוצא בימי ניסן וראה אילנות שמוציאין פרח אומר בא"י אמ"ה שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות ואילנות טובות ליהנות בהם בני אדם". (או"ח רכ"ו) — דער, וואס געהט ארוים אין די טעג פון ניסן, און ער זעהט בוימער, וועלכע ברענגען ארוים בלומען־שפראצונגען, דארף ער זאגען „געלויבט ביסטו, גאט, וואס אין דיין וועלט פעהלט גארניט, וואס דו האסט באשאפען גוטע באשעפענישען און אויך גוטע בוימער, אז מענשען זאלען פון זיי הנאה האבען"...

אוין' דאס אידישע פאלק האט דורכגעמאכט א שרעקליכען ווינטער אין מצרים. אויף אלעס האט געהערשט א טויט־שטילקייט. א טיפער, קאלטער שניי האט די אידישע קעפ באדעקט, און אלע זייערע פלאנ־צונגען זיינען נאקעט און הויל געשטאנען. די קערפערליכע און גייס־טיגע שקלאפעריי האט זיי געמאכט פאר א געצענדינעריש פאלק.

אין דעם מאנאט ניסן, ווען די גאנצע נאטור ווערט באפרייט פון דעם קאלטען ווינטער און אלעס לעבט אויף צוריק, — אין דעם דאזיגען מאנאט האט גאט'ס שטימע אויסגעשריען: „קומי לך רעיתי יפתי ולכי

לך!" — שטעה אויף, מיין שעהנע געליבטע, וואַרף אַראָפּ פון דיר די קייטען פון שקלאַפעריי און געה אין דיין אייגען לאַנד!...

„כי הנה הסתו עבר הגשם חלף הלך לו" (שה"ש ב' י") — דער ווינטער איז שוין אַוועק, און דער רעגען־סעזאָן איז פאַראיבער. „הסתו עבר" אלו ארבעים שנה שעשו ישראל במדבר, אלו שבעים שנה שעשו ישראל בגולה בימי עזרא, אלו מאתים ועשר שנים שנשתעבדו במצרים (מ"ר שם) — די צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר פון גלות מצרים, די פערציג יאָהר אין מדבר, די זיבעציג יאָהר פון גלות בבל, — די אַלע ווינטערס, וואָס די אידען האָבען דורכגעמאַכט, זיינען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

„הנצנים נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו, הגיע זמנו של ביהמ"ק להבנות בימי עזרא, הגיע זמנם של ישראל להגאל, הגיע זמנה של מלכות שמים להגלות, הגיע זמן של ים סוף להבקע, הגיע זמן שתעשו זמרות להקב"ה שנא' עזי וזמרת יה, הגיע זמנה של ארץ ישראל להחלק" (מ"ר שם) — די שפּראָצונגען האָבען זיך גענומען צייגען און די פייגעלאַך פאַרהילכען די לופט מיט זייערע געזאַנגען, און אויך די שטים פון די טייבעלאַך לאָזט זיך הערען; און דאָס מיינט, אַז אויך פאַר דעם אידישען פאָלק איז געקומען די צייט פון אויפלעבונג, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערען אין דער צייט פון עזרא'ן, די הערליכ־קייט פון דער גאָטהייט זאָל אין איהר גלאַנץ אַנטפּלעקט ווערען, ימים זאָלען געשפּאָלטען ווערען, און ארץ ישראל זאָל צוגעטיילט ווערען צו די שבטים, אום די אידען זאָלען קענען זינגען די גרויסע שירה צום אַלמעכטיגען גאָט...

„קול התור נשמע בארצנו", א"ר יוחנן קול תייר נשמע בארצנו — זה קולו של משה... זה קולו של יהושע... זה קולו של כורש... זה קולו של מלך המשיח... (מ"ר שם) — כדי אַרויסצורייסען זיך פון דעם שרעק־ליכען ווינטער־גלות און אַריינגעהן אין דעם גאולה־פריהלינג־מאָנאַט, מוז מען האָבען גרויסע וועקערס און פיהרער, ווי משה, וועלכער האָט געזאָגט דעם היסטאָרישען „כה אמר ה' כחצות הלילה"... ווי יהושע, וועלכער האָט געזאָגט „עברו בקרב המחנה"... און אויך אַ גוטהערציגען קייזער, ווי כורש, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען די גרויסע דעקלאַראַציע: „מי בכם מכל עמו יהי ה' אלהיו עמו ויעל לירושלים אשר ביהודה"...

און אם ענדע מוז מען האָבען דעם גרויסען משיח, וועלכער זאָל אויס־רופען דעם גרויסען אָנזאָג: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר“...

אַלע קולות האָט שוין דאָס אידישע פאָלק געהערט: פון משה׳ן, פון יהושע׳ן, פון כורש׳ן. אָבער דאָס לעצטע קול פון דעם יעצטיגען משיח ווערט שטאַרק פאַרטומעלט. זיין שטים טראָגט זיך גאַנץ שווער. די גרעסטע צאָהל פון דעם אידישען פאָלק פאַרמאַכען זייערע אויערען און ווילען ניט הערען די געטליכע שטים, וואָס טראָגט זיך צו אונז פון דער אתחלתא דגאולה דורך אַ באַלפור־דעקלאַראַציע, דורך אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, דורך אידישע פיאָנערען אין דעם הייליגען לאַנד...

דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל מיר האָבען אין דעם אידישען לאַגער צוויי עקסטרעמען, איינער שלעפּט צו דער ערד, דער צווייטער צום הימעל — ווי זכריה האָט דאָס געזעהן אין זיין צייט: „ותשאנה את האיפה בין הארץ ובין השמים“ (זכריה, ה׳). — איין טייל זוכט זיך אינגאַנצען צו אַסימילירען און זיי זיינען אריינגעטאָן אין אַלעם, וואָס איז ערדיש און מאַטעריאַליסטיש, און דער אַנדערער טייל ציהט צום הימעל, זיי ווילען קיין זאַך ניט טאָן צו העלפען מקרב זיין די גאולה. זיי פאַרלאָזען זיך נאָר אויף גאָט און אַליין ווילען זיי זיצען במנוחה אין גלות...

די אַסימילאַטאָרען זיינען פראַקטיג־קאַלט צו דער אידישער גאולה, פונקט ווי די שנייע און אייז פון דעם ווינטערדיגען טבת; און די „אגודת ישראל׳ניקעס“ און אַנדערע אמת׳ע פרומע אידען זיינען אַזוי ווייט וואַ־רים פאַר דער אידישער אמונה און גאָט (פונקט ווי די וואַרימקייט און היץ פון תמוז), אַז זיי ווילען ניט אפילו מיט אַ פינגער אַ ריהר טאָן, אום מקרב צו זיין די אידישע גאולה, און זיי לאָזען אַלעם איבער צו דעם כביכול...

צו די אַסימילאַטאָרען האָבען מיר געדאַרפט האָבען אַ זכריה הנביא, וועלכער זאָל אויסשרייען ווי אַמאָל: „אל תהיו כאבותיכם!“ און „שובו נא מדרכיכם הרעים!“ און צו די אמת׳ע פרומע אידען וואָלטען געווען גוט די סאַרקאַסטישע ווערטער פון חגי הנביא: „העת לכם אתם לשבת בבתיכם ספונים והבית הזה חרב?“ (חגי, א׳) — צי דען איז יעצט די צייט, אַז איהר זאָלט זיצען רוהיג אין אייערע הייזער, און גאָט׳ס הויז, דער בית המקדש, זאָל זיין חרוב?...

די טבת- און תמוז-אידען שטעהען פּאַרלויפיג פון ווייטען, ווען ארץ ישראל דאַרף געבויט ווערען. די איינציגע, וועלכע געהען ביז מסירות נפש פאַר דער אויפבויאונג פון דעם הייליגען לאַנד, זיינען די בינונים, וועלכע האַלטען זיך אָן דעם כלל, אַז „לעולם יהלך אָדם באמצע הדרך" — שטענדיג זאָל אַ מענש געהן אויף דעם מיטען וועג. זיי האַלטען, אַז דער שעהנסטער מאָנאַט פון יאָהר איז — ניסן, ווייל אין איהם איז ניט צו היים און אויך ניט צו קאַלט — מיטעלמעסיג און זעהר אנגענעהם.

„מוציא אסירים בכושרות, א"ר עקיבא לא הוציאן אלא בחדש כשר לצאת, לא בתמוז מפני השרב ולא בטבת מפני הצנה, אלא בניסן שהוא כשר לצאת בו לדרך, לא חמה קשה ולא צנה קשה". — גאָט האָט בכיון אויסגעקליבען, אַז דער גאולה-מאָנאַט זאָל זיין דער מילדער און הערליכער ניסן און ניט די מאָנאַטען תמוז און טבת, צו צייגען, אַז די בעסטע צייט פאַר דער גאולה איז נאָר אין אַ מאָנאַט, ווען עס איז ניט צו היים און אויך ניט צו קאַלט, אָבער ניט אין די מאָנאַטען, וועלכע ברענגען מיט זייער היץ אָדער פאַרקיהלען דאָס בלוט מיט זייער פראָסטיגקייט...

„החודש הזה לכם ראש חדשים" — דער דאָזיגער מאָנאַט, זאָגט גאָט, ליגט אין אייערע הענט, אַז ער זאָל צוריק ווערען דער גאולה-חודש. „כשבחר הקב"ה ביעקב ובניו, קבע להם ראש חדש של גאולה, שבו נגאלו ישראל ממצרים, ובו עתידים להגאל, ורמז להם שהוא ראש להם לתשועה שנא' ראשון הוא לכם לחדשי השנה" (שמות רבה, פ' ט"ו) — ווען גאָט האָט אויסדערוועהלט יעקב'ן און זיינע קינדער, האָט ער זיי אין דערזעלבער צייט אָפּגעשטעלט אַ גאולה-מאָנאַט, וואָס אין איהם זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים און אין איהם וועלען זיי אויך אין דער צוקונפט באַפרייט ווערען.

נאָר דער מאָנאַט ניסן מיט זיין מילדען וואונדערבאַרען וועטער איז פעהיג צו זיין דער גאולה-מאָנאַט אין אַלע צייטען. און אויך דאָס מאָל וועט גאָט ברענגען די אידישע גאולה אין דעם „החודש הזה" — אין דעם מאָנאַט ניסן... זאָלען מיר צו דעם זוכה זיין אינגיכען!

# שלש קדושותהן
## לשבת הגדול

שלש קדושות הן, קדושת שמו של הקב"ה, שנאמר ואתה קדוש יושב תהלות ישראל, קדושת שבת שנאמר ושמרתם את השבת כי קודש היא לכם, וקדושתן של ישראל שנאמר קדש ישראל לה'.

(ילקוט, ואתחנן תת"ל).

דער היינטיגער שבת איז געקרוינט מיט דעם נאָמען „שבת הגדול" — דער גרויסער שבת.

פאַרשיידענע טעמים גיט מען אָן, פאַרוואָס דער דאָזיגער שבת איז אַזוי דערהויבען געוואָרען איבער אַלע שבתים פון יאָהר, אָבער די הויפּט־אורזאַך איז, וואָס אין דעם שבת איז אין מצרים געשעהן אַ גרויסער נס.

דער צעהנטער טאָג אין ניסן, ווען לויט דער תורה דאַרף יעדער איד זיך אָנגרייטען מיט אַ שעפּס פאַר אַ קרבן פּסח, איז גראָדע אוים־געקומען אין יענעם יאָהר, ווען די אידען זיינען אַרוים פון מצרים, אין דעם טאָג פון שבת. און ווען די בכורים פון מצרים האָבען געפרעגט די אידען צו וואָס דאַרפען זיי די שעפּסען, און די אידען האָבען זיי ער־קלערט, אַז זיי דאַרפען די שעפּסען פאַר קרבנות, און אַז גאָט וועט טויטען די בכורים פון מצרים, זיינען די בכורים צוגעשטאַנען צו זייערע עלטערען און צו פּרעה'ן, אַז זיי זאָלען אַרויסשיקען די אידען פון לאַנד. ווען די בקשה פון די בכורים איז אָנטזאָגט געוואָרען, איז צווישען זיי אוים־געבראָכען אַ שלאַכט, און פילע זיינען געפאַלען טויט. דעריבער איז געשריבען „למכה מצרים בבכוריהם"... (תוס', שבת פ"ז ובמדרש ש"ר, פ' ב' א').

יענעם שבת האָבען די אידען אַרויסגעוויזען גרוים מסירות נפש, פיהרענדיג די שעפּסען אין די גאַסען פאַר די אויגען פון די מצריים, וועלכע האָבען די שעפּסען פאַרהייליגט אַלס זייערע געטער; און מיט רעכט האָבען די אידען געזאָגט: „הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו?!" (שמות, ח') — צי דען וועלען מיר שעכטען זייער גאָט אין דער עפענטליכקייט, און די מצריים וועלען אונז ניט פאַרשטיינען?...

די דאָזיגע טעמים שטעלען אָבער ניט צופרידען אונזערע געלע־רענטע, און זיי פרעגען מיט רעכט: אויב דאָס זיינען אורזאַכען, צוליב

וועלכע דער שבת רופט זיך „שבת הגדול“, האָט מען דאָך דעם צעהנטען טאָג אין ניסן, אויב ער קומט אוים אין אַ וואָכעדיגען טאָג, געדאַרפט רופען יום הגדול — דער גרויסער היסטאָרישער טאָג? ...

דער ערשטער, וועלכער האָט באַגריפען, אַז אַ פאָלק קען ניט עקזיס־טירען אָהן קיין רוה־טאָג, איז געווען משה. נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען, אַז ער האָט געזעהן ווי שווער זיינע ברידער אַרבייטען און האָבען אפילו ניט קיין איין טאָג אין דער וואָך זיך אויסצורוהען, האָט עס איהם שרעק־ליך אויפגערעגט, און ער איז ער גלייך אַוועק צו פרעה'ן מיט אַ מעכ־טיגען פראָטעסט און האָט פאַרלאַנגט אַ רוה־טאָג.

„וירא בסבלותם“, ראה שאין להם מנוחה, הלך ואמר לפרעה מי שיש לו עבד אם אינו נח יום אחד בשבוע הוא מת, ואלו עבדיך אם אין אתה מניח להם יום אחד בשבוע הם מתים. א"ל לך ועשה להן כמו שתאמר. הלך משה ותקן להם את השבת לנוח" (ש"ר, א' ל"ב) — משה האָט געזעהן, אַז די אידען האָבען ניט קיין רוה, איז ער געגאַנגען צו פרעה'ן און האָט איהם געמאַכט אויפמערקזאַם: אויב איינער האָט אַ קנעכט און ער גיט איהם ניט אַ טאָג אין דער וואָך זיך אויסצורוהען, וועט דאָך דער קנעכט אַוועקשטאַרבען. איז דאָך דאָסזעלבע מיט די אידען, אויב זיי וועלען ניט האָבען קיין רוה־טאָג, וועלען זיי דאָך אויסגעהן פון דער שווערער אַרבייט. האָט פרעה געגעבען משה'ן די ערלויבעניש איינצו־שטעלען אַ רוה־טאָג אין דער וואָך. האָט משה איינגעשטעלט דעם רוה־טאָג פאַר די אידען אין מצרים — שבת.

שבת, וואָס אידען רוהען אין איהם, איז אַנדערש פון אַלע רוה־טעג, וואָס אַנדערע פעלקער האָבען. דער אידישער שבת איז אי פאַר דעם קערפער, אי פאַר דער נשמה. אַלע אַנדערע רוה־טעג אָבער זיינען בלויז פאַר דעם גוף, די נשמה געניסט פון זיי גאַנץ ווייניג...

מיר היטען שבת, ווייל גאָט האָט די וועלט געשאַפען אין זעקס טעג, דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט. ווען אַ איד אַלזאָ איז אַ שומר שבת, גלויבט ער אין בריאת העולם, אין השגחה און אויך אין שכר ועונש. אין דעם דאָזיגען טאָג פאַרטיפט ער זיך אין אַלע דינים און אָנזאָגען פון דער תורה, ווייל דער טאָג שבת איז אינגאַנצען פאַרבונדען מיט אמונה, מיט'ן גלויבען אין איין גאָט. און דעריבער זאָגט ר' יוחנן, אַז ווען אַ איד היט שבת ווי עס דאַרף צו זיין, ווען אפילו ער איז נכשל געוואָרען אין אַזאַ שרעקליכער זינד ווי עבודה זרה, איז מען איהם אויך

מוחל (שבת, קי"ט), ווייל מיט דער צייט וועט דער דאָזיגער איד געווים אָוועקוואַרפען געצענדינערײ, באַגרייפענדיג, אַז דער שבת לערענט אונז, אַז עס איז דאָ בלויז איין גאָט, וואָס האָט אַלעס געשאַפען, און ער רעגירט איבער דעם.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ טעם פאַר שבת, און דאָס איז יציאת מצרים — „דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געוועזען אין מצרים, און גאָט האָט דיך פון דאָרטען אַרויסגענומען מיט אַ שטאַרקער האַנט. און דעריבער זאָגט דיר גאָט אַן צו מאַכען און צו היטען דעם טאָג פון שבת". (דברים, ה').

דאָס איז דער אָנזאָג, אַז שבת דאַרף מען רוהען קערפּערליך. אַזוי ווי די אידען פון מצרים זיינען אויסגעלייזט געוואָרען דורך גאָט פון שקלאַפעריי און פון שווערער אַרבייט, אַזוי איז אויך דער טאָג שבת אַן ערלייזונג פון אַלע שווערע אַרבייט און זאָרג, און אַלע מלאכות זיינען אין איהם פאַרווערט, אום דער קערפּער זאָל זיך פאָלשטענדיג אויסרוהען.

אין די ערשטע דברות איז געשריבען „זכור את יום השבת לקדשו" (שמות, כ') — געדענק דעם שבת צו הייליגען. ווייל ווען עס קומט צו דער פראַגע פון בריאת העולם, השגחה, שכר ועונש, מוז מען אימער דענקען און טראַכטען. ווען עס קומט אָבער אין די לעצטע דברות, וואָס דאָרטען איז שוין דער טעם פון יציאת מצרים, איז דער אויסדריק „שמור את יום השבת לקדשו" — היט זיך אוים פון אַלע אַרבייטען, אום דו זאָלסט דעם שבת הייליג האַלטען.

דער רוה-טאָג שבת פאַראייניגט אין זיך דעם גוף און די נשמה. „זכור ושמור בדבור אחד נאמרו" (שבועות, כ') — סיי „זכור", וואָס דער אָנזאָג איז צוליב בריאת עולם, און סיי „שמור", וואָס דער אָנזאָג איז צוליב יציאת מצרים, זיינען אין איין וואָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרען, און מען טאָר זיי ניט פאַנאַנדערטיילען — זיי דאַרפען ביידע געהן האַנט-אין-האַנט...

ביז היינטיגען טאָג פאַראייניגט אין זיך דער טאָג שבת די רוה פאַר'ן קערפּער דורך עסען און טרינקען פון דאָס בעסטע און אויך די רוה פאַר דער נשמה דורך לערנען און דרשות הערען און אויך מתפלל זיין.

„די אידען באַשעפטיגען זיך אין זייער אַרבייט זעקס טעג, אָבער אין דעם טאָג פון שבת, גאַנץ פריה, קומען זיי אין שוהל און לייענען

קריאת שמע און אין דער תורה און אויך אין דעם נביא, און גאָט זאָגט צו זיי: קינדער מיינע! הויבט אויף אייער שטים, אום די מלאכים זאָלען הערען, אָבער זייט פאַרזיכטיג, אַז איהר זאָלט ניט פיינט האָבען און ניט מקנא זיין און ניט אַרומקריגען זיך און אויך ניט פאַרשעהמען איינער דעם אַנדערען, אום די מלאכים זאָלען ניט זאָגען, רבש"ע, די תורה, וואָס דו האָסט געגעבען צו די אידען, באַשעפטיגען זיי זיך מיט איהר גאָר ניט"... (מ"ר ש"ה ט"ו).

דער שבת, וואָס משה האָט אויסגעווירקט פון פרעה'ן פאַר די אידען פון מצרים, איז געווען אַממעהרסטען נאָר רוה פאַר דעם קערפּער. דער שבת האָט זיי גייסטיג העכער ניט געמאַכט. זיי זיינען אַלץ פאַרבליבען דיזעלבע שקלאַפען קערפּערליך און גייסטיג. זיי האָבען געגלויבט פונקט ווי די מצריים, אַז דער שעפּס טראָגט אין זיך געטליכקייט. און ווען משה און אהרן קומען זיי באַפרייען, גלויבען זיי ניט אין גאָט'ס שליחות צו שטאַרק, און משה איז געצוואונגען צו פרעגען ביי גאָט זיין ריכטיגען נאָמען, ווייל ביז דאַן האָבען זיי נאָך די גאָטהייט ניט פאַר־שטאַנען...

ווען עס איז אָבער געקומען דער צעהנטער טאָג אין ניסן — דאַמאָלס גראַדע אום שבת — און משה האָט געזאָגט צו די עלטסטע פון די אידען: „משכו וקחו לכם צאן" — „ר' יוסי הגלילי אומר משכו מעבודת כוכבים והדבקו במצוה" (מכילתא) — גענוג שוין פאַר אייך, פאַרשקלאַפט פאָלק, צו פאַרגעטערען דעם שעפּס, ציהט זיך צוריק פון דעם, אַנטלויפט פון געצענדינסט און באַהעפט זיך בעסער צו דינען אייער אמת'ן גאָט! — האָבען די אידען געפאָלגט און מיט שטאָלצע קעפּ האָבען זיי אין דער עפענטליכקייט געפיהרט די נעכטיגע אָפּגעטער, די שעפּסען, מקריב צו זיין זיי פאַר דעם אמת'ן גאָט.

אין יענעם שבת האָבען זיי זיך צום ערשטען מאָל דערהויבען צו זייער הויך. זיי האָבען צובראָכען די קייטען פון שקלאַפעריי און אַרויס־געריסען פון זייער נשמה דעם גלויבען אין געטשקעס. דער דאָזיגער שבת איז געוואָרען דער „שבת הגדול", דער גרויסער שבת, וואָרים אין איהם האָבען זיי זיך באַפרייט קערפּערליך און גייסטיג; און ערשט דאַן האָבען זיי באַגריפען דעם ריכטיגען עונג שבת, סיי פאַר'ן גוף און סיי פאַר דער נשמה. און דורך דעם שבת זיינען זיי מיט פרייד געגאַנגען

צום באַרג סיני און האָבען גענומען די תורה מיט'ן אויסגעשריי „נעשה ונשמע!"...

„שלש קדושות הן, קדושת שמו של הקב"ה... קדושת שבת... וקדושתן של ישראל..." — דריי הייליגקייטען זיינען דאָ: די הייליגקייט פון גאָט'ס נאָמען, די הייליגקייט פון שבת און די הייליגקייט פונ'ם אידישען פאָלק. און די דאָזיגע דריי הייליגקייטען מוזען געהן האַנט-אין-האַנט. ווען איז דאָס אידישע פאָלק הייליג און ריין, ווען עס איז פאַראייניגט מיט גאָט; און דאָס קען דאָס פאָלק ערדרייכען, ווען דער שבת שטעהט אין מיטען — צווישען גאָט און די אידען. דער שבת איז דער וועלט-שדכן, וואָס ברענגט די שכינה אין די אידישע הייזער. ווען אָבער אידען וואַרפען אַרויס דעם שבת, דאַן ווערט די שכינה אָפּגעטאָן, און דאָס לעבען ווערט ביליג, און דאָס אידישע פאָלק ווערט וואָכעדיג און אַסימי-לירט זיך מיט אַנדערע פעלקער...

ביז היינטיגען טאָג נויטיגען מיר זיך אין אַ שבת הגדול, וועלכער זאָל אונז אַרויסשלעפּען פון קערפּערליכער און גייסטיגער שקלאַפערייי. איבערהויפּט דאָ אין אַמעריקא, וואו מיר האָבען אפילו ניט אַ שבת ווי די אידען פון מצרים האָבען געהאַט. זעקס טעג, אריינגערעכענט דעם שבת, שקלאַפּט מען אין געשעפט און ביי דער אַרבייט; און אַז דער זונטאָג קומט — דער יום-טוב שני של גלות — לאָזט מען זיך אריין אין אַלע קערפּערליכע פאַרגעניגענס, און די נשמה ווערט פאַרטריקענט און געהט אויס פון פראָסטקייט און פאַרדאָרבענקייט...

זאָלען מיר אין דעם שבת הגדול פאַרברענען און פאַרניכטען דעם חמץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אויף אונזער מח און האַרץ. און ווען מיר געהען פייערען דעם גרויסען נאַציאָנאַלען יום-טוב פסח, זאָלען מיר אויך באַפרייט ווערען פון די פאַרשיידענע עבודה-זרה'ס און מיט שטאָל-צע קעפּ געהן מקריב זיין קרבנות פאַר דעם אמת'ן גאָט, פאַר זיין תורה און לאַנד!

# ארבעה בנים
## לחג הפסח

והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת — בשורה רעה נתבשרו ישראל באותה שעה שסוף התורה עתידה להשתכח בישראל; ויש אומרים בשורה טובה נתבשרו שעתידים לראות בנים ובני בנים.
(מכילתא, י״ב).

דער יום טוב פסח איז געקרוינט מיט דעם נאָמען „זמן חרותנו״ — די צייט פון אונזער פרייהייט. מיר פייערען דעם יום־טוב מיט פראַכט און גלאַנץ אַלס אָנדענקונג פון דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז באפרייט געוואָרען פון זיינע אונטערדריקער — די מצריים.

דער יום־טוב פסח איז אויך דער „זמן חרותנו״ פאַר אונזערע הייזער און וואוינונגען, וועלכע ווערען באַפרייט פון יעדען סאָרט אומריינקייט. דער אָנזאָג פון אויסראַמען דעם חמץ פון יעדען ווינקעלע, אַז קיין ברעקעל חמץ טאָר זיך אין קיין פּלאַץ ניט געפינען, האָט מיטגעבראַכט, אַז אפילו אין די אָרימסטע וואוינונגען, וואו אַ גאַנץ יאָהר איז מען ניט מדקדק אויף זויבערקייט, ווי נאָר אָבער עס קומט דער הערליכסטער גאַסט, דער יום־טוב פסח, אַזוי ווערט געקאַלכט, געוואַשען, געפּוצט, געשייערט און גע׳כשר׳ט.

עס איז אויך דער „זמן חרותנו״ פון די מענשליכע מדות, ווי די חז״ל זאָגען „חייב אָדם לטהר את עצמו ברגל״ — ערב יום־טוב דאַרף אַ איד האָבען אַ חשבון הנפש און ערב פסח דאַרף ער אינערליך אין זיין האַרץ בודק חמץ זיין. כשר׳ן די הענט צו זיין אַ נקי כפיים; שייערען און פּוצען דאָס האַרץ, צו זיין אַ בר־לבב; רייניגען דעם מח פון שלעכטע געדאַנקען, צו מאַכען פּלאַץ פאַר מחשבות קדושות... מיט איין וואָרט, דער יום־טוב פסח איז דער פאָלשטענדיגער זמן חרותנו, ווען מיר באַפרייען זיך פון אַלעם, וואָס שטערט אונזער קערפּער און גייסט.

דער יום־טוב איז אָבער הויפּטזעכליך דער „חנוך הבנים יום־טוב״ — דעם הויפּט־פּלאַץ אין די דאָזיגע פייער־טעג פאַרנעהמען די קינדער. די תורה זאָגט אונז „והגדת לבנך״ — דו זאָלסט זאָגען און ערקלעהרען דיין זוהן. „והיה כי ישאלך בנך״ — און עס וועט זיין, ווען דיין זוהן, וועט דיך פרעגען, וואָס איז דאָס אַזוינס דער יום־טוב פּסח; דאַן זאָלסטו

איהם ערקלעהרען, אז „מיט א שטארקער האנט האט אונז גאט פון מצרים ארויסגענומען, פון דעם הויז פון קנעכטשאפט; און ווען פרעה האט ניט געוואלט די אידען באפרייען, האט גאט אויסגע׳הרג׳עט די בכורים פון מצרים“.

ביי דעם קעניגליכען סדר, וואו יעדער פאטער איז א מלך און יעדע מוטער א מלכה, זיינען די קינדער די פרינצען, די הויפט-סטארס.

אין דער אגדה פארנעהמען זיי דעם וויכטיגסטען פלאץ. מען דארף צוליב זיי גרייטען די טישען, ווען עס איז נאך ליכטיג; אין שוהל ביי דעם דאוונען דארף מען אויך ניט מאריך זיין, אום מען זאל קענען פרא־ווען דעם סדר פאר פריה, אז די קינדער זאלען ניט איינשלאפען איידער דער סדר ענדיגט זיך. (או״ח, תע״ב א׳).

מען האט געזאגט אויף ר׳ עקיבא׳ן, אז ער פלעגט טיילען געברענטע קערנער און ניס צו די קינדער, אום זיי אויפצוהאלטען וואכעדיג און אויך כדי זיי זאלען פרעגען די קשיות. אויך לערענט אונז רבי אליעזר, אז מען דארף אויפהויבען דעם טעלער מיט מצות, אום די קינדער זאלען זיך וואונדערען און פרעגען „מה נשתנה“ (פסחים, ק״ט).

דאס אלעס צייגט, ווי ווייט אונזערע גרעסטע חכמי התלמוד האבען געזוכט פארשיידענע מיטלען, אז די קינדער זאלען באגרייפען די הייליג־קייט און ערליכקייט פון דעם יום-טוב פסח, און אויך לערנען זיי די וויכטיגקייט פון אלע נסים, וואס גאט האט געטאן מיט זיין פאלק ישראל אין אלע צייטען.

דער בעל-הגדה האט צוליב די קינדער פארפאסט א שעהן אנציהענד געשיכטעלע, דעם חד גדיא, אום די קינדער זאלען זיך אמוזירען און פרעגלען פון נחת, ווי אזוי יעדער איינציגער קריגט זיין פסק און שטראף, ווארים מען האט פארטשעפעט „דאס ציגעלע, וואס דער טאטע האט געקויפט פאר צוויי גילדען“... דאסזעלבע איז וועגען אידען. אלע, וועלכע האבען געשלאגען, געביסען, געברענט, דערטרונקען און געשאכ־טען גאט׳ס ציגעלע, זיין ליבלינג דעם עם ישראל, וואס דער פאטער אין הימעל האט איהם געקויפט פאר די צוויי מתנות, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה, וועלען סוף-כל-סוף קריגען די שטראף פון דעם אל־מעכטיגען גאט...

אויך האט דער בעל-הגדה געלערענט דעם פאטער צו פארהערען זיינע קינדער אין דער סדר-נאכט. און דער פאטער פרעגט: „ווער ווייסט

איינס? ווער ווייסט צוויי?" און די קינדערלאַך ענטפערען מיט שמחה:
„איך ווייס איינס! איך ווייס צוויי!" — „איין גאָט אין הימעל"...
„צוויי לוחות הברית"... און אַזוי ווייטער.

דער בעל הגדה טיילט איין די קינדער אין פיער קלאַסען: חכם, רשע, תם, שאינו יודע לשאול.

דער חכם איז דער יעניגער, וואָס פון זיין יוגענד אָן קען מען איינזעהן, אַז ער זוכט צו גריבלען זיך און זוכען טעמים אין יעדער זאַך, וואָס ס'איז דאָ אין דער תורה. און אויב זיין שכל באַגרייפט ניט די עדות, חוקים און משפטים, הויבט ער אָן אין זיי צו צווייפלען. אין גאָט גלויבט ער, ווייל ער רופט איהם דאָך „אונזער גאָט". ווען עס קומט אָבער צו די מצות המעשיות, דאַרטען באַנוצט ער זיך שוין מיט דעם אויסדריק „אתכם" — וואָס מען האָט אייך אָנגעזאָגט. ער האַלט זיך שוין קליגער פון אַלעמען און גלויבט ניט בלינד. ער מוז וויסען טעמים — פאַרוואָס.

צו אַזאַ חכם מוז מען ענטפערען דעם דין ווי מען האָט זיך נוהג געווען ביי דעם קרבן פסח, און דאָס איז די קליינע משנה אין פסחים (קי"ט) „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן", וואָס די באַדייטונג נאָך רב'ן איז, אַז דער קרבן פסח מוז געגעסען ווערען אין איין חבורה, מען טאָר זיך ניט אָפּטיילען פון איין חבורה צו דער צווייטער. דאָסזעלבע איז מיט די זאָגענאַנטע חכמים, וואָס טשעפּען זיך צו די מצות המעשיות פון דער תורה. זייער כונה איז ניט נאָר צו קריטיקירען די תורה, נאָר דער עיקר זיינען זיי מיט דעם אויסען צו פאַנאַנדערטיילען די אידען אין חבורות, עס זאָלען זיין ניט בלויז אָרטאָדאָקסען, וועלכע גלויבען אין אַלע מצות, נאָר עס זאָל זיין אַ קאָנסערוואַטיווע אידענטום און אַ רעפאָרמירט אידענטום. אָבער דער קרבן פסח לערענט אונז „שלא יעקרו מחבורה לחבורה" — מען טאָר זיך ניט פאַנאַנדערבייסען אין חבורות. איין חבורה דאַרף זיין פאַר אַלעמען...

שמואל זאָגט, אַז די באַדייטונג פון דער משנה איז, אַז „מען טאָר ניט עסען קיין זאַך נאָך דעם קרבן פסח, אום דער געשמאַק פון קרבן פסח זאָל בלייבען אין מויל". און דאָס איז די באַדייטונג פון דעם ענטפער צו די חכמים, וואָס זייער גרעסטער טייל זיינען פריהער געווען מחובשי בית-המדרש און געוואַלגערט זיך, כדי צו לערנען תורה, און נאָכהער, נאָשענדיג פון דער השכלה, זיינען זיי געוואָרען די „שנו ופירשו", וועלכע האָבען זיך אָפּגעשיידט פון לערנען און פון דעם בית-

המדרש; און זיי זיינען דאס די ביבעל-קריטיקער, וואס קומען פאלמעסען די תורה. ווען זיי וואלטען ביי דעם לערנען פון דער תורה פארבליבען, וואלט דער תורה-טעם פארבליבען אין זייער מויל, און זיי וואלטען גע־ווען צופרידען מיט איהר. יעצט אבער, ווען זיי האבען פארביסען מיט דער נאכשפייז פון השכלה, איז ביי זיי דער כפירה-טעם פארבליבען אין מויל...

דער רשע איז אבער שוין גאר אן אנדערער. ער זוכט ניט ווי דער חכם צו גריבלען זיך אין די טעמי המצות, ווייל אויף דעם האט ער ווינציג געלערענט. זיין גאנצען חנוך האט ער געקראגען ביז בר מצוה. נאך דעם האט זיין פאטער איהם אוועקגעריסען צו לערנען א טרייד, אום ער זאל איהם געלד ברענגען.

נאך אזא חנוך פון זיינע עלטערען איז קיין וואונדער ניט, וואס דער רשע לאזט זיך אריין אין אלע תאוות און האסט אלע מצות פון דער תורה, וועלכע זיינען געגען זיינע תאוות; און ער האלט יעדע מצוה פאר א גרויסע לאסט. און דעריבער פרעגט ער: „מה העבודה הזאת לכם?" — וואס פאר אן ארבייט און לאסט איז דאס?

„ואף אתה הקהה את שיניו" — דו, פאטער, האסט אפגעטעמפט די ציינער פון דיין קינד. „אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה" (יחזקאל י"ח ב')—ווען עלטערען עסען אומצייטיגע פרוכט, ווען עלטערען האבען ניט קיין געדולד צו ווארטען ביז וואנען זייער פרוכט, די קינדער וועלען פאר־טיג ווערען און ערצויגען ווערען פאלשטענדיג אלס אידען, נאר זיי רייסען אראפ די פרוכט, ווען זי איז נאך ניט צייטיג, און זיי ווילען פון דעם הנאה האבען, דאן ווערען די ציינער פון די קינדער טעמפ — זיי וואקסען אויס ניט צו גאט און ניט צו לייט און ברענגען שאנדע צו זייערע על־טערען און צו זייער פאלק.

דער איינציגער ענטפער, וואס מען קען אזעלכע קינדער געבען, איז צו זאגען זיי, אז אידען וועלען אויסגעלייזט ווערען פון זייערע גלות׳ן אהן די דאזיגע רשעים. זיי, די רשעים, וועלען בלייבען אין גלות, פאר־זונקען אין מ"ט שערי טומאה; און זייערע קינדער וועלען זיך אסימי־לירען מיט די אנדערע פעלקער. „אלו היה שם לא היה נגאל" — ווען דער דאזיגער רשע וואלט געווען אין דער צייט פון יציאת מצרים, וואלט ער געווים ניט אויסגעלייזט געווארען. פאר איהם וואלט בעסער

געוועז צו בלייבען אין דעם טומאה'דיגען מצרים איידער געהן אין דעם היילינגען ארץ ישראל...

„תם" — דאָס איז דער יעניגער, וועלכער גלויבט בשלמות אין גאָט, אין זיין תורה און מצות און באַמיהט זיך אַלעס אויסצופאָלגען. און אויב עס איז איהם אַ זאַך שווער צו פאַרשטעהן אין פשטיות, פרעגט ער: „מה זאת?" — וואָס איז דאָס? איהם דאַרף מען צייגען, אַז אַזוי שטעהט אין דער תורה און געזונג. ווייל מעהר ווי דאָס פאַרלאַנגט ער ניט. דעריבער זאָג איהם, אַז „מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונז גאָט אַרויס־בראַכט פון מצרים — דאָס הויז פון קנעכטשאַפט".

דער „שאינו יודע לשאול" איז דאָס אומגליקליכסטע קינד אויף גאָט'ס ערד. דאָס איז דאָס קינד, וואָס איז געפאַנגען געוואָרען צווישען גוים. זיינע עלטערען האָבען איהם ניט געצייגט די צורה פון אַן אות. פאַר די דאָזיגע קינדער זיינען פאַרמאַכט אַלע אוצרות פון דער אידישער תורה, און זיי ווייסען ניט די געשיכטע פון זייער פאָלק — ניט פון זייער פאַרגאַנגענהייט און ניט פון זייער געגענוואַרט. זיי ווייסען נאָר, אַז זיי זיינען געבוירען געוואָרען אַלס אידען.

ווען אַזאַ אָפּגעפרעמדטער אידישער זוהן קומט צווישען אידען, פיהלט ער זיך שרעקליך געקוועלט. ער פאַרשטעהט ניט זייער שפּראַך, פאַרשטעהט ניט זייערע מאַניערען. רופט מען איהם אויף צו דער תורה ווען ער איז אַ חתן, מוז מיט איהם דער שמש מאַכען אַ ברכה איבער דער תורה; שטאַרבען זיינע עלטערען, מוז מען מיט איהם קדיש זאָגען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. איז עס טאַקע אַ מצוה און אַ הייליגע פליכט מקיים צו זיין ביי דעם „שאינו יודע לשאול", וואָס ווייסט נעבאַך ניט ווי צו פרעגען און וואָס צו פרעגען, דעם „את פתח לו" — יעדער איינציגער דאַרף איהם דעם מויל עפענען; איהם לערנען ווי ווייט מעגליך, אַז אַלעס ווערט געטאָן דורך גאָט; און זאָל ער לכל הפחות פאַרשטעהן דעם „עשה ה' לי", וואָס פאַר אַ חסדים גאָט טוט מיט איהם; און ער וועט איהם דאַנקבאַר זיין.

„והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם?" — „בשורה רעה נתבשרו ישראל באותה שעה שסוף התורה עתידה להשתכח מישראל" — דאָס, וואָס די קינדער וועלען פרעגען „וואָס ברויכט איהר די דאָזיגע שווערע אַרבייט?" צו וואָס האָט איהר גענומען אויף זיך אַזוי פיל מצות מקיים צו זיין? — דאָס וועט מיינען אַ שלעכטע בשורה

פאַר די אידען, נעמליך, אַז די תורה וועט סוף־כל־סוף פאַרגעסען ווערען פון דעם אידישען פאָלק.

„ויש אומרים בשורה טובה נתבשרו שעתידים לראות בנים ובני בנים" — די „יש אומרים" זאָגען אָבער פאַרקעהרט, נעמליך, אויב די קינדער האָבען נאָך די מעלה פון פרעגען און פאַרשען, זיי זוכען טעמים פאַרוואָס מען דאַרף מקיים זיין די מצות, זיי קריטיקירען געוויסע אויס־דריקען אין דער תורה, — צייגט דאָס דאָך, אַז זיי וויסען די תורה, זיי פאַראינטערעסירען זיך מיט איהר; און כאָטש זיי זיינען קאַלט צו געוויסע מצות, וועלען זיי אָבער טראָץ דעם מחנך זיין זייערע קינדער אַז זיי זאָלען וויסען די תורה און ליב האָבען זייער פאָלק. און פון זיי ערוואַרטען מיר אייניקלאַך און אוראייניקלאַך, וואָס וועלען געהן אין גאָט'ס וועג. „והיה כי ישאלך בנך", איז „והיה" אַ שמחה...

אַנדערש איז אָבער מיט די „שאינו יודע לשאול'ס". זיי זיינען דאָך שטום, זיי פרעגען דאָך גאָר ניט, זיי אינטערעסירען דאָך גאָר ניט די הייליגטימער, זיי אַרט ניט צי די תורה האָט רעכט אָדער ניט, זיי האָבען מיט איהר גאָר ניט צו טאָן, זיי לאָזען זייערע עלטערען צו רוה, זיי פרעג־גען ניט קיין קשיות און ערוואַרטען ניט קיין תרוצים... אין אַט אַזאַ דור, אין אַ דור פון „שאינו יודע לשאול'ס", איז די סכנה זעהר גרויס, אַז די תורה זאָל אויף אַן אמת פאַרגעסען ווערען.

דער יום־טוב פסח איז איינער פון די גרעסטע ערציהונגס־מאָמענטען, וואָס מיר האָבען. זאָלען די עלטערען איהם אויסנוצען צו לערנען זייערע קינדער, איבערהויפט די „שאינו יודע לשאול'ס", וועגען דער הויכקייט און גרויסקייט פון אונזער תורה, פון אונזער פאָלק און אונזער שפּראַך און אויך פון אונזער לאַנד — ארץ ישראל!

# אחרון של פסח

## ליזכור

כשבנה שלמה את בית המקדש, ביקש להכניס ארון לבית קדשי הקדשים, דבקו שערים זה בזה, אמר שלמה עשרים וארבעה רננות ולא נענה פתח ואמר (תהלים, כ"ד) שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד, רהטו בתריה למיבלעיה, אמרו מי הוא זה מלך הכבוד?... כיון שאמר (ד"ה ב' ו') ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה... ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה.

(שבת, ל').

הײנט איז דער לעצטער טאָג פון דעם הערליכען נאַציאָנאַלען יום-טוב פסח, און אנשטאט צו באַגלײטען איהם מיט יובעל און פרײד, זעגענען מיר זיך מיט איהם מיט צובראָכענע הערצער און מיט טרעהרען אין די אויגען.

ווי קענען מיר זאָגען „יזכור" און דערמאָנען אונזערע ליבסטע און טײערסטע, װעלכע זײנען פון אונז אװעקגעריסען געװאָרען אויף קײנ־מאָל ניט צוריקצוקומען אויף דער דאָזיגער זינדיגער װעלט, און אונזערע הערצער זאָלען ניט פיהלען דעם טיפען שמערץ און צער, און אונזערע אויגען זאָלען ניט פאַרגיסען טרעהרען?...

ערשט ניט לאַנג װי עס האָט זיך געטומעלט אין דער אידישער גאַס מיט דעם ערב פסח. קײן יום-טוב װערט ניט אַזױ פּראַכטפאָל אויפגע־נומען װי דער יום-טוב פסח: מיט די בעסטע עסענװאַרג, מיט די טײער־סטע געטראַנקען, מיט דער שעהנסטער קלײדונג, מיט די װאונדערבאַר־סטע צערעמאָניעס.

מיט א װאָך צוריק זײנען מיר אַלע געזעסען בײ די „סדרים" און געזאָגט די היסטאָרישע הגדה פון יציאת מצרים; און דער „ליל שמורים" האָט פאַראײניגט די הערצער פון עלטערען מיט קינדער און אויך די הערצער פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. און הײנט איז שוין „אחרון של פסח", דער לעצטער טאָג פון פסח. און אַלעס, װאָס עס איז פאַר־געקומען מיט א װאָך און צװײ צוריק, זעהט אויס װי א פאַנטאַסטישער חלום...

דאָסזעלבע איז מיט אונז. אַט ערשט ווי מיר האָבען געהאַט אונזער ערב פסח. מיר האָבען זיך געפרעהט מיט דעם פריהלינג, מיט דעם „חודש האביב“ פון אונזער יוגענד, און מיר האָבען זיך געגרייט פאַר דער צוקונפט, ווער מיט בילדונג און ווער מיט אַרבייט און געשעפט. און אַט זיצען מיר שוין מיט אַ פאַמיליע און פראַווען די „סדרים“ און מיר טיילען איין חלקים צו יעדען פון אונזער הויז-געזינד... און עס לויפען די טעג און יאָהרען... און מיט אַמאָל זעהען מיר זיך אַרום, אַז מיר זיינען אַלט און צובראָכען, און דער „אחרון של פסח“ קומט אָן... די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אונזערע זעהט אויס ווי אַ פאַרוויאַנעטע בלום און ווי אַ פאַרפלויגענער חלום...

אין דעם דאָזיגען „אחרון של פסח“ דערמאָנען מיר די פאַרשטאָרבענע. און די טרעהרען, וואָס מיר פאַרגיסען, קומען פון די חרטה-געפיהלען, וואָס נאָגען אונזערע נשמות, ווען מיר באַטראַכטען, אַז ביי דעם לעבען פון אונזערע עלטערען האָבען מיר זיי ניט אָפּגעגעבען דעם כבוד און רעספּעקט, וואָס עס איז זיי געקומען.

„האבות עטרה לבנים והבנים עטרה לאבות“ (ב"ר, ס"ג) — די עלטערען זיינען די קרוין פון די קינדער, און די קינדער זיינען די קרוין פון די עלטערען. וואָס אַנבאַלאַנגט די עלטערען, זיינען זיי אימער שטאָלץ מיט זייערע זיהן און טעכטער, און פאַר זיי איז קיין זאַך ניט צו שווער צו טאָן פאַר זייערע קינדער. אַנדערש איז אָבער מיט קינדער. ניט אַלע מאָל באַגרייפען זיי, וואָס זייער פאָטער און מוטער האָבען געטאָן פאַר זיי. און פילע קינדער שעהמען זיך מיט זייערע אַלטע עלטערען, און זיי זיינען ווייט צו זיין די קרוין פון זייערע עלטערענס קעפּ.

ווען מיר זאָגען יעצט „יזכור“ און דערמאָנען די יעניגע, וואָס רוהען שוין אין זייער אייביגען שלאָף, זאָלען מיר אויך אָפּריכטען אַ „יזכור“ צו דערמאָנען זיך אויף דער הייליגער פליכט פון „כבד את אביך ואת אמך“ — עהרליך צו האַלטען און רעספּעקטירען די עלטערען, וועלכע זיינען מיט אונז.

די עלטערען ביי דעם לעבען בעטען זיך ביי זייערע זיהן און טעכטער, אַז זיי זאָלען זייערע הייזער פיהרען בכשרות, אום זיי, די עלטערען זאָלען קענען האָבען דעם גייסטיגען פאַרגעניגען צו עסען און צו טרינקען, ווען זיי קומען צו די קינדער זייערע. אָבער צו זייער געבעט הערט מען זיך ניט צו. די קיך, דער פאַמיליען-לעבען און אויך אַלע אַנדערע ענינים

אין הויז ווערען געפיהרט געגען דער אידישער טראַדיציע. די אַלטע פאַטער און מוטער ערגערען זיך דערפון. זיי ווערען שוואַך פון האַרץ־וועהטאָג און פאַרדרוס, און זיי געהען פון דער וועלט פאַר דער צייט.

אַז די עלטערען שטאַרבען, נעמט דער זוהן די תפילין און לויפט אין שוהל אַריין דאַווענען און קדיש זאָגען; ס׳הויז ווערט אידישער; פילע פון די אבלים ווערען דורך דעם צוגעצויגען צו אידישקייט און מיט דער צייט ווערען זיי שוהל־אידען. דאָס אַלץ האָט אויפגעטאָן דער טויטער פאַטער אָדער מוטער. וואָס זיי האָבען ניט געקענט פועל׳ן ביי דעם לעבען מיט מוסר זאָגען, מיט שטראָף־רייד און מיט תחנונים, נעמליך, אַז די קינדער זאָלען זיי ראַטעווען און דעם לעבען דערהאַלטען און אַריינגעהן אין אַ שוהל, האָבען די עלטערען אויסגעפיהרט מיט זייער טויט. אָבער זיי קענען דאָס ניט זעהן מיט זייערע אויגען און האָבען דערפון דעם גרויסען נחת און פאַרגעניגען...

„כשבנה שלמה את בית המקדש ביקש להכנים ארון לבית קדשי הקדשים, דבקו שערים זה בזה“ — דער קלוגער און איינפלוסרייכער קעניג שלמה זוכט מיט אַלע מיטלען אַריינצוברענגען דעם ארון אין קדשי קדשים. דאָס האַרץ איז דער קדשי קדשים פון מענשען: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם“ — מאַכט מיר אַ מקדש, אָבער דער צוועק זאָל זיין, אַז איך, גאָט, זאָל רוהען אין זייערע הערצער. אַלע קלוגע און געראָטענע שלמה׳ס זוכען מיט זייער גאַנצען איינפלוס אַריינצוברענגען דעם ארון מיט זיינע הייליגטימער אין דעם קדשי קדשים — אין די הערצער פון זייערע זיהן און טעכטער. „דבקו שערים זה בזה“ — אָבער זיי געפינען גאָר אויס, אַז די טויערען פון האַרץ זיינען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען.

„אָמר שלמה כ״ד רננות ולא נענה“ — וואָס טוט ניט שלמה צו עפענען די הערצער פון זיינע קינדער? ער זאָגט אַלע פאַרשיידענע תפלות און זוכט אַלע מיטלען. אָבער די הערצער בלייבען פאַרמאַכט. „פתח ואָמר שאו שערים ראשיכם... ויבֹא מלך הכבוד“ — און שלמה נעמט זיך פאַר דעם לעצטען מיטעל: אָויב מען קען ניט איינפלאַנצען אַלע תרי״ג מצות אין די קינדער׳ס הערצער, זאָל לכל הפחות איין זאַך אין זיי פאַרבלייבען, נעמליך, די ליבע, איבערגעבענהייט און גלויבען אין איין גאָט. און שלמה שרייט אויס פון דער טיפעניש פון זיין נשמה:

„הויבט אויף, פאַרשלאָסענע טויערען, אייערע קעפּ און לאָזט אַריין דעם מלך הכבוד!"...

„רהטו בתריה למבלעיה" — אָבער ווען די לעבעדיגע שלמה'ס זוכען מיט צוואַנג איינצופלאַנצען ליבע צו גאָט אין די הערצער פון זייערע קינדער, ווילען די אייגענע זיהן און טעכטער זייערע עלטערען איינשליגען. זיי ווערען די עלטערען שונאים, זיי קוקען אויף די עלטערען ווי אויף פאַנאַטיקער און פינסטערלינגע, וועלכע קומען שטערען זייער רוהיג לעבען. אַזעלכע פאָטער און מוטער קען מען ביי זיך אין הויז ניט האַלטען און מען מוז זיי אין מושב זקנים אַריינגעבען...

„כיון שאָמר ה' אלקים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה" — ווען אָבער שלמה נעמט צו הילף זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דוד, ווערט ער באַלד גערעטעוועט... ווען שלמה אַפּעלירט אין נאָמען פון פאַרשטאָרבענע, אַז די טויערען פון קדשי קדשים זאָלען זיך עפענען פאַר דעם ארון, דאַן עפענען זיך די טויערען גאַנץ ברייט, און דער ארון מיט אַלע זיינע הייליגטימער קומען אַריין...

מעג זיין שלמה ווי קלוג און איינפלוסרייך, צו זיינע ווערטער הערט מען זיך ניט צו, און די טויערען פון הארץ — פון דעם מענשליכען קדשי הקדשים — בלייבען פאַרשלאָסען פאַר דעם ארון. ווען אָבער מען רעדט צו זיי אין נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם דוד, דאַן עפענען זיך די טויערען פון הארץ גאַנץ ברייט און מען נעמט אַריין דעם ארון — מען פאַנגט אָן צו לייגען תפילין, צו זאָגען קדיש, ס'הויז ווערט גע'כשר'ט, און דאָס פאַמיליען-לעבען ווערט הייליג, און מען לויפט אין די שוהלען — זאָגען יזכור...

„ולא יפה אָמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה" — האָט ניט שלמה המלך רעכט, ווען ער זאָגט: „איך לויב די טויטע, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען, מעהר ווי די לעבעדיגע, וועלכע לעבען נאָך מיט אונז"?...

זאָלען מיר אין אַמעריקא שאַפען אַ לעבעדיג אידענטום און ניט אַ אידענטום, וועלכעס זאָל זיך שטיצען און אויפהאַלטען אויף דעם טויט — אויף קדיש און יזכור זאָגען...

זאָלען מיר ניט וואַרטען צו ווערען אידען ערשט דאַן, ווען דער „אחרון של פסח“ קלאַפּט שוין אין אונזערע טירען, נאָר ווען מיר זיינען אין דעם ריכטיגען „ערב פסח“, אין אונזער ספרינג-יוגענד, זאָלען מיר די דינים און מנהגים היטען און זיין איבערגעגעבען צו אַלעם, וואָס איז הייליג און טייער ביי דעם אידישען פאָלק; און מיט דעם פאַרלענגערען די יאָהרען פון אונזערע עלטערען, אַז זיי זאָלען האָבען נחת און גליק פון זייערע קינדער ביי דעם לעבען!... אָמן!

# נעשה ונשמע
## לחג השבועות

ר"א המודעי אומר מתן תורה שמע ובא, שכשנתנה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו וכל מלכי עובדי כוכבים אחזתן רעדה בהיכליהן ואמרו שירה שנא׳ ובהיכלו כלו אומר כבוד, נתקבצו כלם אצל בלעם הרשע ואמרו לו מה קול ההמון אשר שמענו שמא מבול בא לעולם? וכו׳ אמרו לו מבול של מים אינו מביא אבל מבול של אש מביא? וכו׳ אמר להן כבר נשבע שאינו משחית כל בשר, ומה קול ההמון הזה ששמענו? א"ל חמדה טובה שיש לו בבית גנזיו שהיתה גנוזה אצלו תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם ובקש ליתנה לבניו שנא׳ ה׳ עוז לעמו יתן, מיד פתחו כולם ואמרו ה׳ יברך את עמו בשלום.

(זבחים, קט"ז).

די שעהנקייט פון דעם יום-טוב שבועות, וועלכען דאס אידישע פאלק פייערט אלס דעם טאג פון מתן תורה, באשטעהט אין דעם, וואס די אידען, בשעת זיי זיינען געשטאנען נעבען דעם בארג סיני, האבען אלע ווי איינער ארויסגעשריען מיט דער גרעסטער התלהבות: „נעשה ונשמע!" — מיר וועלען טאן און הערען!

די „פראקטישע" אומות העולם האבען די תורה ניט געוואלט נעה־מען בלינדערהייד. ווען גאט ווענדט זיך צו זיי און וויל זיי מהנה זיין מיט זיין שעהנער טאכטער, די ברתא דמלכא, זיי זאלען זי פאר׳קנס׳ן און מיט איהר הייראטען — קומט דער ענטפער פון די פארשיידענע אדום׳ס און ישמעאל׳ס: „מה כתיב בה?" — מיר ווילען פריהער וויסען מיט ועמען מיר הייראטען און פארבינדען זיך אויף אונזער גאנץ לעבען. זאג-זשע אונז וואס אין דיין תורה איז געשריבען, און וואס פאר א געבא־טען דו האסט דארטען.

גאט איז געצוואונגען ארויסצורעכענען א טייל פון די געבאטען פון זיין תורה. אלע פארטרעטער פון די פעלקער האבען צוגעלייגט זייערע אויערען און האבען זיך צוגעהערט צו די פארשיידענע מוסטערען פון דער הימלישער סחורה. אבער איינעם געפעלט ניט דער „לא תרצח" — זיין פאטער זעלבסט האט איהם געבענשט מיט דער ברכה „ועל חרבך תחיה" און זיין לעבען באשטעהט נאר אויף דעם שווערד, אויף מלחמה

פיהרען און פאַרגיסען בלוט. אַ צווייטען געפעלט ניט דער אָנזאָג פון „לא תגנוב". אַ דריטען געפעלט ניט דער „לא תחמוד". — דאָס איז אַלץ פאַר זיי ניט קיין סחורה. זיי ווילען נעהמען די תורה, נאָר מיט דעם תנאי, אַז וואו עס שטעהט „לא", זאָל מען עס אויסמעקען, און ס'זאָל בלייבען „תרצח", „תגנוב", „תנאף", „תחמוד" און אַזוי ווייטער. און דער שידוך פון גאָט און זיין תורה מיט די פעלקער געהט פאַנאַנדער, ווערט צו גאָרנישט.

דאַן האָט גאָט פאַרגעשלאָגען דעם שידוך דורך דעם וועלט-שדכן, משה רבינו: ער זאָל געהן קיין מצרים, דאָרטען איז דאָ אַן אָרים-בחור, וואָס שמאַכט אונטער דעם יאָך פון שקלאַפעריי און האָט גראָדע אַ שעה-נעם יחוס, אַן עלטער-זיידען — אברהם, אַ זיידען — יצחק און אַ שעהנעם פאָטער — יעקב; און עס איז גאַנץ פּאַסיג, אַז די געטליכע טאָכטער זאָל גענומען ווערען פונ'ם דאָזיגען אָרים-בחור, וועלכער הייסט—ישראל.

גאָט, דער רייכער שווער, פאַרשפּרעכט פון כלה'ס צד אַ גאַנץ שעה-נעם נדן — אַרויסצונעהמען דעם אָרים-בחור פון שקלאַפעריי און אויס-האַלטען איהם פערציג יאָהר מיט קעסט, און נאָך וואָס פאַר אַ קעסט! ער וועט איהם געבען אַזאַ זאַך, וואָס הייסט „מן", אַן אַרטיקעל, וואָס נאָר די הימלען פאַרמאָגען דאָס, און אין איהם זיינען דאָ אַלערליי מטעמים. אויך וועט ער איהם געבען טייערע בראָטענס פון אַזאַ פויגעל, וואָס הייסט „שלו". וואַסער וועט איהם ניט פעהלען. און אַפילו דעם ים וועט ער פאַר זיין איידעם טרוקען מאַכען דורכצוגעהן. ביז ער וועט איהם סוף-כל-סוף אין אייגענע פיער ווינקעלעך אַריינברענגען און בויען פאַר איהם אַ הויז, וואָס וועט זיין אויסגעריכט מיט דעם טייערסטען און בעסטען. די פעלדער אַרום דעם הויז ווילען אַרויסברענגען די שעהנסטע פרוכטען, דער קלימאַט וועט דאָרט זיין וואונדערבאַר, און דער בית המקדש וועט דערקוויקען דעם גייסט און די נשמה. דאָס אַלץ וועט ער קריגען, ווען ער וועט הייראַטען גאָט'ס טאָכטער — די תורה הקדושה...

און ווען דער וועלט-שדכן, משה, איז געקומען צו דעם אָרים-בחור, געפינענדיג איהם ביי דער „טאַטשקע" ליים און ציגעל, פאַרשוויצט און פאַרשוואַרצט, און ער האָט דעם אָרים-בחור, ישראל, אָנגעזאָגט די גרוי-סע שמחה, אַז עס האָט זיך געפונען אַ רייכער שווער, וועלכער האָט איינגעזעהן די אידישע אָרימקייט און פּיין, און דער רייכער שווער איז

וויליג אַרויסצונעהמען איהם, ישראל'ן, פון שקלאַפעריי און ברענגען איהם אין אַ לאַנד פון מילך און האָניג און מאַכען איהם גליקליך; נאָך דאָס אַלץ וועט געשעהן, ווען ר' ישראל וועט וועלען הייראַטען די טאָכ־טער, די בת־השמים — די הייליגע תורה, — האָט צום אָנפאַנג דער אָרים־בחור געצווייפעלט אין דער גאַנצער געשיכטע. עס איז עפּעס צופיל גליק מיטאַמאָל: אַרויסצוגעהן פון שקלאַפעריי נאָך אַזאַ לאַנגען גלות און נאָך קריגען פערציג יאָהר גוטע קעסט; מדבריות זאָלען אויס־געטריקענט ווערען פון זיינעטוועגען, ימים זאָלען געשפּאַלטען ווערען, עמודי אש און ענני כבוד זאָלען פאַראויסגעהן; און נאָך דעם אלעם אריינקומען אין גן־עדן לאַנד — דאָס איז עפּעס אַ צו גרויס גליק... אַ זאַך פון אוממעגליכקייט.

דאַן האָט משה געצייגט, אַז דער „רייכער שווער" איז מקיים דאָס, וואָס ער פאַרשפּרעכט, און ער וועט באַצאָלען דעם נדן ביז אַ פּרוטה. גלייך האָט ער דעם אָרים־בחור פון מצרים אַרויסגענומען מיט דעם גרעס־טען פּאַראַד, וואָס האָט געמאַכט די וועלט אויפציטערען. ער האָט איהם אין דעם גרויסען מדבר געבראַכט און פאַר איהם טאַקע ימים געשפּאַלטען... דאַמאָלס האָט דער אָרים־בחור שוין גענומען גלויבען באמונה שלימה, אַז דער רייכער שווער האַלט וואָרט.

מען האָט דעם אָרים־בחור, ר' ישראל'ן, צו דער חופּה געבראַכט. אויף דעם באַרג סיני איז געווען פרעהליך: די צבא השמים האָבען זיך אין מוזיקאַנטען פאַרוואַנדעלט, די הימלען האָבען זיך פאַנאַנדערגעווי־קעלט, און דער רייכער שווער האָט זיך אין זיין גאַנצען גלאַנץ באַוויזען, מיט זיינע טויזענדער גענעראַלען און פאַרשיידענע מיניסטאָרען. דער אָרים־בחור איז געשטאַנען דערשראָקען; ער האָט אויף אַלעם געקוקט און עס האָט זיך איהם ניט געגלויבט, אַז דאָס קומט פאָר אין דער ווירקליכקייט...

דאַן הייסט דער רייכער שווער, אַז משה רבינו זאָל אָנפרעגען דעם אָרים־בחור, ר' ישראל'ן, צי ער איז פאַרטיג מקדש צו זיין זיין לעבענס־באַגלייטערין נאָך איידער ער האָט איהר אָנגעזעהן, און אויב ער וועט זי נאָכהער פאָלגען און ניט שטעלען צוערשט די שאלה פון אַלע פעלקער — „מה כתיב בה?"

דער אָרים־בחור, ניט איבערטראַכטענדיג אַ מינוט, שרייט אויס מיט דעם גאַנצען כח זיינעם: „נעשה ונשמע!" — איך וועל טאָן און הערען!

פריהער טאָן און נאָכדעם הערען. איך גלויב דיר, רייכער שווער, אויף דיין וואָרט. ווען דו זאָגסט, אַז דיין טאָכטער איז גוט פאַר מיר, איז זי מן הסתם אַ גערעטענע און מיט אַלע מעלות: שעהן, קלוג און מיט אַ גוטען כאַראַקטער...

אַט אויף דעם, וואָס דער אָרים-בחור האָט גלייך געזאָגט „נעשה" נאָך פאַר דעם „נשמע", קען איהם די וועלט ניט מוחל זיין; אַזאַ נאַריש-קייט האָבען זיי זיך גאָר ניט גערעכט אויף דעם קלוגען ר' ישראל'ן.

מען האָט איהם דערפאַר געקרוינט מיט דעם צונאָמען „עמא פזיזא" — אַן איילענד פאָלק, וואָס האָט קיין געדולד ניט איבערצודענקען אַ זאַך ריכטיג, איידער עם טוט עס; אַ פאָלק פון פלוטען, ביי ווען דאָס מויל איז אימער פריהער פון דעם אויער. איידער מען נעהמט אויף זיך פליכטען, דאַרף מען דאָך פריהער הערען מיט די אויערען אין וואָס די פליכטען באַשטעהען!

דער אָרים-בחור האָט אָבער פאַר די אַלע קריטיקער אַ ריכטיגען ענט-פער: אנן דסגינן בשלימותא כתיב (משלי י"א ג') תומת ישרים תנחם, הנך אינשי דסגן בעלילותא כתיב בהו וסלף בוגדים ישדם (שבת פ"ח) — מיר, די אמת'ע אידען, וואָס מיינען ערנסט, פאַרלאָזען זיך אויף אונזער תמימות און מיר מאַכען קיין טעות ניט; איהר אָבער, וואָס זוכט פריי-טשעפּקעס, איהר ווערט פאַרפיהרט אויפ'ן פאַלשען וועג. אייער כונה איז קיינמאָל ניט אויסצופאָלגען גאָט'ס וואָרט, דעריבער זוכט איהר אויס אַלערליי תירוצים...

די אידען האָבען ניט געמאַכט קיין טעות, וואָס זיי האָבען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק מקבל געווען די תורה און זיי האָבען געזאָגט „נעשה" פאַר „נשמע". מיט דעם האָבען זיי זיך גראָד אַרויסגעצייגט צו זיין אַ פראַקטיש פאָלק, און זיי דאַרפען ניט אָנגערופען ווערען מיט דעם נאָמען „עמא פזיזא"...

דער פראַקטישער און אויסגערעכענטער יתרו איז געווען דער ערש-טער, וואָס האָט פאַרלאָזען זיין פאָלק און איז געקומען זיך באַהעפטען אָן דעם גלויבען פון דעם אידישען פאָלק. „וישמע יתרו כהן מדין"; „מה שמועה שמע ובא ונתגייר? ר' אלעזר המודעי אומר מתן תורה שמע ובא" — ר' אלעזר זאָגט, אַז יתרו האָט זיך פאַרליבט אין דעם אידישען פאָלק, ווייל איהם איז געפעלען געוואָרען ווי אַזוי די אידען האָבען די תורה גענומען.

„כשנתנה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו" — ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען, איז די שטימע איהרע געטראָגען געוואָרען פון איין ברעג וועלט צו דעם צווייטען, צו איבער־צייגען, אַז כאָטש די תורה איז געגעבען געוואָרען אויף דעם קליינעם באַרג, סיני, און אין מדבר, ווילען איהרע ווערטער און אָנזאָגען זיך פאַר־שפּרייטען אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל...

„וכל מלכי עובדי כוכבים אחזתן רעדה בהיכליהן ואמרו שירה" — אַלע פעלקער, וועלכע דינען צו פאַרשידענע געטער, האָט אָנגענומען אַ ציטערניש, און זיי האָבען באַגריפען, אַז די דאָזיגע „ציטערניש פאַר דער תורה" איז אַן ערהאַבענע, און מיט דער צייט וועט די דאָזיגע שרעק פאַר דער תורה פאַרטרייבען אַלע עבודות זרות און אַלע ווילען גלויבען אין איין גאָט. עס האָט זיי באַהערשט אַ געפיהל פון אַכטונג און רעספּעקט און זיי האָבען געזאָגט שירה...

אָבער פאַר איין זאַך האָבען זיך די פעלקער געשראָקען, נעמליך, אַז די תורה זאָל ניט אַרויסרופען קיין מבול'ם פון וואַסער אָדער פייער. וויסענדיג, אַז אַלע אויסגעטראַכטע תורות זיינען אַריינגעקומען אין פאָלק נאָר מיט מבול'ם פון מענשליכע קרבנות, אַז מיט גוואַלדטאַטען האָט מען איינגעפלאַנצט די גלויבענס אין די פאָלקס־מחות, האָבען זיי גע־דענקט, אַז אַזוי וועט אויך זיין מיט גאָט'ס תורה. און זיי קומען צו זייער געלערענטען, בלעם, און פרעגען ביי איהם: „שמא מבול בא לעולם?"...

„אמר להם חמדה טובה יש לו בבית גנזיו שהיתה גנוזה אצלו תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם וביקש ליתנה לבניו, שנא' ה' עוז לעמו יתן" — בלעם זאָגט צו די פעלקער: שרעקט זיך ניט פאַר קיין מבול'ם. גאָט וועט זיין שעהנע וועלט מעהר ניט פאַרניכטען. און דער טומעל און רעש, וואָס איהר הערט יעצט, איז ווייל דער אַלמעכטיגער גאָט גיט זיין ליבלינג־תורה, וועלכע איז געוועזען באַהאַלטען אין זיינע אוצרות פאַר יאָהר־הונדערטער נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, צו זיינע ליבע קינדער, דעם עם ישראל, אום מיט דעם מאַכען זיי פעלזען־שטאַרק, אַז קיין פאָלק זאָל זיי ניט קענען פאַרניכטען... „מיד פתחו כולם ואמרו ה' יברך את עמו בשלום" — האָבען אַלע פעל־קער צוגעגעבען, אַז די תורה איז די רעטונגס־שוץ פון דעם אידישען

פאָלק; און מיט דעם, וואָס די אידען האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע", זיינען זיי געבענשט געוואָרען מיט פרידען פאַר אימער און אייביג.

מיר פייערען היינט ניט אונזער „חג הקציר" און אויך ניט דעם „חג הביכורים", נאָר דעם „זמן מתן תורתנו". די תורה איז פאַרבליבען אונזער איינציגע זאַך אויף דער וועלט. אַלעס האָט מען פון אונז אַוועק-געריבט: אונזער לאַנד און אונזער שפראַך; אָבער די תורה, וואָס מיר האָבען אויף דעם באַרג סיני גענומען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, איז מיט אונז אַ גאַנצע פאַרבליבען. קיין איין אות פעהלט ניט פון איהר. מיר האָבען איהר דורך מבול'ס פון פייער און וואַסער דורכגעטראָגען. די מבול'ס זיינען ניט געקומען פון הימעל, נאָר טאַקע פון די פעלקער, וועלכע האָבען געפרעגט „שמא מבול מביא לעולם?" — זיי האָבען די אידען אין פייער און אין וואַסער געוואָרפען. אָבער דער איד איז גע-בליבען פעסט ביי זיין גלויבען און תורה.

„ה' עוז לעמו יתן" — גאָט האָט געגעבען די תורה צו זיין די שטאַר-קייט פון דעם אידען; „ה' יברך את עמו בשלום" — און מיט דעם גע-בענשט זיין פאָלק מיט אייביגען פרידען!

# להקים שם המת

## יזכור לחג השבועות

„ממשפחת אלימלך ושמו בועז", הרשעים הן קודמין לשמן, גלית שמו, נבל שמו, שבע בן בכרי שמו, אבל הצדיקים שמן קודמין, ושמו קיש, ושמו שאול, ושמו ישי, ושמו מרדכי, ושמו אלקנה, ושמו בועז...

(מ"ר רות ד' ה').

**א**ין דעם יום טוב פון „חג הקציר" און „יום הבכורים" און אויך ווען מיר פייערען דעם יובילעאום פון מתן תורה, דערמאָנען מיר אונזערע פאַרשטאָרבענע. מיר וועלען באַלד זאָגען דעם טרויעריגען „יזכור אלהים נשמת אבי מורי"... „יזכור נשמת אמי מורתי"... און אונזערע הערצער ווערען צובראָכען און פון די אויגען שטראָמען טייכען טרעהרען...

אונזערע אַלע פרעהליכע ימים טובים זיינען אויסגעמישט מיט טרויער דורך דעם, וואָס מיר דאַרפען זאָגען יזכור, און אויך וואָס מיר דערמאָנען זיך, אַז מיר וועלען אויך מוזען קומען צו דעם לעצטען טאָג און דאַרפען זאָגען דעם לעצטען גוד-באַי צו דער דאָזיגער שעהנער, ליכטיגער וועלט.

די באַריהמטע חכמי התלמוד האָבען אין דעם גרעסטען מאָמענט פון פרייד ניט פאַרגעסען צו האָבען אַ חשבון הנפש. און ווען די מוזיק שפּילט און די מאַסען זיינען גליקליך, דאַן פרעגען זיי די אַנגעוועהטאָגטע פראַגע: „ולשמחה מה זו עושה?" — וואָס איז דאָ פאַראַן צו פרעהען זיך? ווען דער מענשליכער לעבען איז אַזוי קורץ און נאָכדעם דאַרף מען געבען דין וחשבון פאַר אַלע טהאַטען, וואָס מען האָט ביי דעם לעבען געטאָן!...

ווען מיר פייערען מיט יובעל און פרייד אונזערע נאַציאָנאַלע ימים טובים, טאָרען מיר אָבער אויף אַ מאָמענט ניט פאַרגעסען צו האָבען אַן אינערליכען חשבון הנפש און באַטראַכטען די נישטיגקייט פון אונזער גאַנצען לעבען. און ווען מיר דערמאָנען די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע, דאַרפען מיר זיך אַריינטראַכטען וועגען אונזערע אייגענע נשמות — צי האַלטען מיר זיי הייליג און ריין, צי וועלען מיר זיי אָוועקגעבען צו גאָט ניט פאַרפלעקט פון זינד און שלעכטס...

מיר האָבען היינט געלייענט אַ וואונדערבאַרע ערצעהלונג אין דער מגילת רות, וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער קאָנטראַסט פון צוויי פּערזאָן — פון אלימלך און בועז; ביידע האָבען זיי געשטאַמט פון איין גרויסער, חשוב'ער פאַמיליע. נאָר אלימלך האָט ניט פאַרשטאַנען די פילאָזאָפיע פון לעבען און איז טראַגיש געשטאָרבען אין אַ פרעמד לאַנד און גע־בראַכט אָרימקייט און אומגליק אויף זיין גאַנצער פאַמיליע. בועז אָבער מיט זיין גוטהערציגקייט און אויסרעכענונג אין לעבען האָט זיין נאָמען אין דער אידישער היסטאָריע מיט גאָלדענע בוכשטאַבען פאַראייביגט.

אין דער צייט, ווען קיין ריכטיגער אידישער פיהרער איז ניט געווען, און יעדער איינער האָט געטאָן, וואָס זיין הארץ האָט געגלוסט, — אין דער דאָזיגער צייט ברעכט אוים אַ שרעקליכער הונגער אין ארץ ישראל; מענשען פאַלען אין די גאַסען, ווייל זיי האָבען ניט מיט וואָס זיך צו ערנעהרען...

אלימלך, דער רייכסטער איד, אנשטאַט צו העלפען זיינע ברידער אין דעם שרעקליכען הונגער, נעמט ער גאָר צונויף זיין רייכטום און זיין פאַמיליע און פאַרלאָזט דאָס הייליגע לאַנד ארץ ישראל, און געהט זיך באַזעצען אין די פעלדער פון דעם פרעמדען לאַנד — מואָב.

אָבער פון גאָט קען מען ניט אַנטלויפען. דאָרטען, אין דעם גלות־לאַנד פון מואב, שטאַרבט אָפּ אלימלך און אויך זיינע זיהן, מחלון און כליון; און די באַריהמטע פרוי, נעמי, בלייבט שרעקליך עלענד, אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער; אויך איז זי אָרים, וואָרים דאָס גאַנצע רייכטום פון אלימלך איז אַוועק ווי אַ רויך...

ווען זי קומט צוריק אין דעם לאַנד פון יהודה, האָבען אַלע אידען געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: „הזאת נעמי?" — אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזען פון דער באַריהמטער נעמי?

„איז דאָס דיזעלבע נעמי, וואָס איהרע טהאַטען זיינען געווען שעהן און אנגענעהם? איז דאָס דיזעלבע נעמי, וואָס אַמאָל האָט זי געטראָגען די בעסטע שיך און זיידענע קליידער און היינט געהט זי באָרוועס און אין שמאַטעס? איז דאָס דיזעלבע נעמי, וואָס אַמאָל איז איהר געזיכט געווען שעהן און רויט און היינט קוקט זי אוים געל און גרין פון הונ־גער?" (מ"ר שם).

און די צובראָכענע נעמי ענטפערט: „רופט מיך ניט נעמי, נאָר — „מרה", ווייל דער אַלמעכטיגער גאָט האָט מיר מיין לעבען פאַרביטערט.

אוועקגעגאנגען פון ארץ ישראל מיט א מאַן און קינדער און מיט גרויס רייכטום, געקומען אָבער צוריק ליידיג, עלענד און פאַראָרימט"...

בועז אָבער איז די גוטהערציגקייט אליין. ווען ער טרעפט די אָרימע און עלענדע רות, קלייבענדיג זאנגען אין זיין פעלד, צייגט ער אַרויס די גרויסע פריינדשאפט און ער בעט איהר, אַז נאָר אין זיין פעלד זאָל זי קלייבען, און אַז זי וועט דאָרשטיג זיין, זאָל זי טרינקען וואסער צוגלייך מיט אַלע אַרבייטער פון פעלד. און בועז בענשט רות'ן פאַר דעם גרויסען טהאַט איהרען ניט צו פאַרלאָזען דער עלענדער נעמי, און אויך וואָס זי האָט זיך באהעפט אַן דעם אידישען פאָלק און זיין גלויבען...

ווען דער נאָהענטסטער גואל אַנטזאָגט זיך אויסצולייזען די נחלאות פון דעם פאַרשטאָרבענעם אלימלך און זיינע זיהן און צו הייראַטען מיט דער עלענדער רות, ווייל דעם גואל איז ניט אַנגעשטאַנען צו נעהמען אַ טאָכטער פון די מואבים, דאַן קומט דער פריינדליכער בועז און לייזט אויס אַלע נחלאות און הייראַט מיט דער גוטהערציגער רות; און פון זיי איז אַרויסגעקומען דער באַריהמטער דוד המלך, דער אידישער געט־ליכער משורר און קעמפער.

אלימלך איז געווען אַ גרויסער עגאָאיסט. ער האָט געזוכט נאָר זיך אַליין און זיין פאַמיליע צו באַשיצען. פאַר אַ גוטען נאָמען צו לאָזען אויף דער וועלט האָט איהם ניט געאַרט. בועז אָבער האָט נאָר פאַר אַ שם טוב געקוקט. פריהער פון אַלץ איז ביי איהם געווען אַ שעהנעם, גוטען נאָמען צו האָבען; און דעריבער איז ער צו יעדען איינעם אַזוי גוט געווען.

„ממשפחת אלימלך ושמו בועז", הרשעים הן קודמין לשמן, גלית שמו, נבל שמו, שבע בן בכרי שמו" — די רשעים און שלעכטע מענשען זיינען גרויסע עגאָאיסטען און האָבען נאָר זיך אַליין אין זינען. פריהער פאַר אַלץ קומט „גלית", דער שופך־דם'ניק; „שמו" — וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער צו לאָזען אַ גוטען נאָמען, איז ביי גלית'ן פון די קליינינגקייטען, און עס קומט צו לעצט... דיזעלבע זאַך איז מיט נבל, דעם אכזר, און שבע בן בכרי, דעם אינטריגאַנט...

„אבל הצדיקים שמן קודמין" — די צדיקים אָבער זעהען פריהער פון אַלץ צו האָבען און צו לאָזען אַ גוטען נאָמען, און דאַן ערשט זאָרגען זיי זיך פאַר זייערע אנגעלעגענהייטען און עקזיסטענץ. „ושמו" — פריהער

איז דער נאָמען און נאָכדעם — קיש. אַזוי זיינען אויך שאול, ישי, מרדכי, אלקנה און בועז...

זאָלען מיר אַלע ביי דעם דאָזיגען ערנסטען מאָמענט, ווען מיר דערמאָנען אונזערע ליבסטע און טייערסטע, אויסקלייבען פאַר זיך דעם וועג, וואָס בועז איז געגאַנגען. און אַזוי ווי בועז האָט געזוכט אויסצו־לייזען די נחלאות און צו הייראַטען רות, „להקים שם המת על נחלתו ולא יכרת שם המת מעם אחיו ומשער מקומו" (רות ד') — אום נאָר אויפצו־שטעלען דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם אויף זיין נחלה, אַז דער נאָמען פון מת זאָל ניט פאַרשניטען און פאַרגעסען ווערען פון זיינע ברידער און אַלע איינוואוינער, — אַזוי זאָלען מיר, די זיהן און טעכטער, אָנהאַלטען אַלעם, וואָס איז הייליג און טייער ביי דעם אידישען פאָלק. די אַלע שעהנע מדות, וואָס אונזערע עלטערען האָבען איינגעפלאַנצט אין אונ־זערע הערצער זאָלען מיר זעהן ניט צו פאַרגעסען; די תפילין און ציצית, וואָס אונזערע פאָטערס האָבען אונז אָנגעטאָן, זאָלען מיר ניט אַוועקוואַרפען; די כשר'ע קיך און דאָס הייליגע פאַמיליען־לעבען און די פרייטאָג־צו־נאַכט־ליכט, וואָס אונזערע הייליגע מוטערס האָבען אונז געלאָזען, זאָלען מיר האַלטען הייליג אין אונזערע הייזער, — אום מיט דעם אויפשטעלען די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע, יעדען איינציגען אויף זיין פּלאַץ, עס זאָל ניט פאַרגעסען ווערען דער אָנדענקען פון אונ־זערע ליבסטע און טייערסטע פאַר אימער און אייביג...

זאָלען מיר זאָגען „יזכור" נאָך די פאַרשטאָרבענע, אָבער אין דער־וועלבער צייט זיך דערמאָנען אָן די אייגענע נשמות, וואָס זיינען אין אונז — אַז דער גוטער נאָמען זאָל קומען פריהער פאַר אַלעם; און מיר זאָלען זיין פון די בועז'ס און ניט פון די אלימלך'ס...

# על מה אבדה הארץ
## לשבת חזון

> אמר רב יהודה אמר רב מאי דכתיב מי האיש החכם ויבן את זאת... על מה אבדה הארץ? דבר זה אמרו חכמים ולא פירשוהו, אמרו נביאים ולא פירשוהו, עד שפירשו הקב"ה בעצמו שנא' „ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם" (ירמי' ט') — שלא ברכו בתורה תחילה.
>
> (בבא מציעא פ"ה, נדרים פ"א).

דער טרויעריגסטער שבת אין יאהר איז היינט. מען הערט ניט די פרעהליכע נגונים, וועלכע ווערען געזונגען יעדען שבת. אויף יעדען אידישען געזיכט איז פארצויגען א וואלקען פון זארג. דאס אלץ איז דערפאר, ווייל מיר ריכטען אפ די טרויער־טעג. און ווייל מיר לייענען היינט די שטראף־רייד פון דעם נביא ישעיהו, וועלכע פאנגען זיך אן מיט די ווערטער „חזון ישעיהו", טראגט דער היינטיגער שבת דעם נאמען „שבת חזון"...

די הויפט־אנקלאגען געגען דעם אידישען פאלק איז „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי" — זיהן, וועמען איך האב גרויס געמאכט און דערהויבען איבער אלע פעלקער, און זיי האבען געזינדיגט געגען מיר. „ידע שור קנהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן" — דער אקס ווייסט ווער עס האט איהם געקויפט און אפילו דער אייזעל דערקענט די קארעטע פון זיין בעל־הבית; דער איד אבער וויל פון דעם ניט וויסען — מיין פאלק וויל ניט פארשטעהן.

דער איד האט פארלארען זיין שטאלץ. ער האלט ניט פון דעם „גדלתי ורוממתי", אז גאט האט דאס אידישע פאלק אויסגעקליבען פון אלע פעלקער און דערהויבען העכער איבער אלע אומות. „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהשוו קטן כגדול" (שבת' קי"ט) — ירושלים איז חרוב געווארען נאר צוליב דעם, וואס ביי די אידען איז ניט געווען קליין און גרויס. אלע פעלקער זיינע גלייכע יחסנים, און איין פאלק האט זיך ניט מיט וואס גרויס צו האלטען איבער א צווייט פאלק...

ביי די אידען, וועלכע פארלייקענען די עקזיסטענץ פון א אידיש פאלק, זיינען די אידען פארעכענט פאר א רעליגיעזער סעקטע, און זיי

דענקען, אז דער איד האָט ניט מיט וואָס צו שטאָלצירען איבער אַנדערע פעלקער; פאַרקעהרט גאָר, דער איד דאַרף זיך לערנען שעהנע מדות און מנהגים פון די גוים. „היו צריה לראש א״ר יצחק אָמר הקב״ה לישראל אלו זכיתם הייתם קורא בתורה „ונתנך ה׳ לראש״, ועכשיו שלא זכיתם הרי אתם קוראים בתורה „היו צריה לראש״ (מ״ר שם) — גאָט זאָגט צו די אידען: ווען איהר וואָלט זוכה געווען, וואָלט איהר געלערענט אין דער תורה, אז „גאָט האָט דיך געגעבען פאַר דעם עלטסטען״, אָבער איצט, אז איהר האָט ניט קיין זכות, לייענט איהר אין דער תורה „איהרע פיינד זיינען געוואָרען די פיהרער און עלטסטע״...

א פאָלק, וואָס ערנידעריגט זיך אַליין און שטעלט אַנדערע פעלקער העכער פון זיך, אַזאַ פאָלק רופט גאָט אָן „קציני סדום״ און „עם עמורה״. און ווען זיי ברענגען קרבנות און זיי קומען אין די טעמפּלען מתפלל זיין, הערט זיך גאָט׳ס פּראָטעסט:

„ווען איהר קומט זעהן מיין געזיכט, ווער בעט עס פון אייך צו טרעטען אויף דעם באָדען פון מיין הויף? !״ „גענוג צו ברענגען פאַלשע מנחות. אייערע קטורת זיינען אומווירדיג! אייערע שבתים און חדשים, ווען איהר האָט כלומר׳שט אספות פאַר דעם בענעפיט פון די אידען, קען איך, גאָט, שוין מעהר ניט פאַרטראָגען, ווייל זיי זיינען פאַרוויקעלט מיט אומרעכט.״ „ווען איהר פאַרשפּרייט אייערע הענט, פאַרדעק איך מיינע אויגען פון אייך; ווען איהר זאָגט אייערע פילע תפלות, וויל איך זיך ניט צוהערען, ווייל אייערע הענט זיינען אָנגעפילט מיט בלוט!״...

ווען מען מאַכט זיך נידעריג פאַר יעדען עם „לא היה״, ווען מען פאַראַכטעט אַלעם וואָס איז הייליג און מען פאַרגעטערט אַלעם וואָס איז פרעמד, ווען מען לויפט אין פרעמדע קעניגליכע הויפען און מען טראָגט אַהין מיט אונטערטעניגקייט אַלערליי נאַלאָגען און שטייערען, — איז דען אַ וואונדער, וואָס עס לאָזט זיך אוים, וואָס „ארצכם שממה עריכם שרופות אש, אדמתכם לנגדיכם זרים אוכלים אותה ושממה כמהפכת זרים״? — אייער לאַנד איז וויסט, די שטעט זיינען פאַרברענט, די ערד איז נעבען אייך, אָבער פרעמדע עסען פון איהר, און די וויסטקייט איז אַזאַ, ווי פרעמדע וואָלטען אַלץ איבערגעקעהרט און פאַרניכטעט...

אריבער אַכצעהן הונדערט יאָהר ווי מיר קלאָגען אויף דעם חורבן און מיר פראַווען „שבת חזון״, און מיר לייענען די ווערטער פון אונזערע גרויסע נביאים, וועלכע דערצעהלען אונז גאַנץ דייטליך וועגען די גרויסע

פארברעכענס פון די אידען פון אמאל, וואס צוליב זיי זיינען מיר פאר־טריבען געווארען פון אונזער לאנד, „ועדין לא שבנו מטעותינו" — און מיר האבען זיך נאך אלץ ניט אומגעקעהרט פון אונזערע טעות'ן. ביז היינטיגען טאג בויגען מיר זיך פאר יעדען פאלק, און זייערע מנהגים און מדות שטעהען ביי אונז גאנץ הויך. ביז היינטיגען טאג שפרינגען מיר קדוש פאר יעדען דעמאגאג פון די אומות העולם, און אונזערע חנוכת הבית'ן און „ווינקעל שטיינער" ווערען נימ געפייערט כל זמן א קריסט גיט ניט די הסכמה...

אבער דאס אלץ איז די פרוכט פון דעם לאנגען גלות, און ר' שמעון בן גמליאל האט רעכט, ווען ער זאגט אויף דעם פסוק „בנפשנו נביא לחמנו" אם הראשונים על ידי שהריחו מקצת צרות של גליות קצרה רוחן שנאמר (פ' חקת) ותקצר נפש העם בדרך, דניאל אמר אתכרית רוחי אנה, ישעיה אמר על כן מלאו מתני חלחלה, ירמיה אמר בנפשנו נביא לחמנו — אנו שנתונים בגלות על אחת כמה וכמה (מ"ר שם) — אויב די ערשטע וואס האבען מעהר ניט דערשמעקט עטוואס פון דעם גלות, איז שוין זייער גייסט קורץ געווארען, און אזעלכע ריזען ווי דניאל, ישעיה און ירמיה, באקלאגען זיך גאנץ שטארק אויף דער שרעקליכקייט פון דעם יאך פון פרעמדע פעלקער — הייגט מיר, דאס אידישע פאלק, וואס מיר זיינען פאר יאהרהונדערטער אין גלות, איז דאך קיין פראגע ניט, אז אונזער גייסט איז צובראכען און אונזער שטאלץ איז אוועק!...

„מי האיש החכם ויבן את זאת — על מה אבדה הארץ?" — ווער איז דער קלוגער און געלערענטער מענש, וועלכער זאל קענען פארענט־פערען די אלטע אנגעוועהטאגטע פראגע „פארוואס איז די ערד פאר־ניכטעט געווארען?"

מיר האבען דורכגעמאכט א שרעקליכען וועלט-קריג. מיליאנען מענשען האבען זייערע לעבענס פארלארען. שטעט און לענדער זיינען פארניכטעט געווארען. אבער וואס זעהען מיר יעצט נאך א פארלויף פון איין צעהנדליג יאהר? — אלע לענדער און שטעט ווערען צוריק אויפגעבוימ; די פעלדער בליהען און ברענגען ארוים פרוכט און תבואה; און אלעס ווערט צוריקגעשטעלט ווי פאר'ן קריג. און ווען עס וועט אוועקגעהן נאך א צעהנדליג יאהרען, וועט פארגעסען ווערען, אז אזא שרעקליכע מלחמה איז אויף דער וועלט געוועזן.

אין לאנד איז אָבער דאָ, וואָס עס איז פאַרבליבען חרוב און וויסט פאַר יאָהרהונדערטער. טראָץ דעם וואָס ארץ ישראל, דאָס אַמאָליגע ארץ־כנען, איז געווען איינס פון די פרוכטבאַרסטע לענדער, וואָס אין איהם האָט קיין זאַך ניט געפעהלט, אָבער זינט אידען זיינען פון איהם פאַרטריבען געוואָרען, איז דאָס לאַנד פאַר אַלע יאָהרהונדערטער גע־בליבען עלענד און וויסט. ביז היינטיגען טאָג זעהען מיר זיין חרוב־דיגקייט. און די אידען, וועלכע באַזעצען זיך דאָרט יעצט, קומט אָן מיט די גרעסטע שוועריגקייטען צוריק אויפצולעבען דעם באָדען...

אָט די שווערע שאלה: „על מה אבדה הארץ?" — פאַרוואָס איז דער באָדען חרוב פאַרבליבען? „אמרו חכמים ולא פירשוהו, אמרו נביאים ולא פירשוהו" — געלערענטע און אפילו נביאים האָבען דעם וואונדער ניט געקענט פאַרענטפערען. אַ לאַנד, וואָס ביי אַלע פעלקער איז עס פאַרהייליגט; אַ לאַנד, נאָך וועלכען אַלע נאַציאָנען בענקען — און דאָך איז עס פאַרבליבען פוסט און וויסט!...

„עד שפירשו הקב"ה בעצמו ויאמר ה' על עזבם את תורתי... — על שלא ברכו בתורה תחלה" — גאָט אַליין האָט דאָס געמוזט אויפקלערען: דאָס איז דערפאַר, ווייל די אידען האָבען די תורה פאַרלאָזען און זיי האָבען זייער שטאָלץ צוליב דעם פאַרלאָרען. זיי האַלטען זיך שוין ניט פאַר דעם „אתה בחרתנו מכל העמים"... זיי שטעלען די פעלקער העכער פון זיך אַליין. ווען אפילו זיי לערנען די תורה, מאַכען זיי שוין ניט די ערשטע ברכה אויף איהר; זיי זאָגען ניט דעם „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו; זיי גלויבען ניט, אַז גאָט האָט אונז אויסגע־קליבען פון אַלע פעלקער מיט דעם, וואָס ער האָט אונז זיין תורה געגע־בען; זייער טענה איז, אַז אַלע פעלקער זיינען גלייך...

גאָט האָט אָבער געוואָלט איבערצייגען די אידען, אַז זיי זיינען פאַרבליבען דאָס אתה־בחרתנו־פאָלק, איז ארץ ישראל פאַרבליבען חרוב כל זמן אידען זיינען דאָרטען ניט געווען. דאָס אויסדערוועהלטע לאַנד וואַרט פיל הונדערטער יאָהרען, ביז וואַנען דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק וועט קומען און זיך באַזעצען. צו פרעמדע פעלקער, וואָס זיינען ניט דער „בחר בנו מכל העמים", האָט דאָס הייליגע לאַנד זיך ניט געלאָזען אנער־קענען. טראָץ דעם וואָס הונדערטער טויזענדער פון די פעלקער זיינען געזעסען אויף זיין באָדען פאַר יאָהרהונדערטער, איז דער באָדען פאַר־בליבען וויסט און לעהר.

אמר רבי אבא אין לך קץ מגולה מזה שנא׳ (יחזקאל ל״ו) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל (סנה׳, צ״ח) — ר׳ אבא זאגט, אז עס איז ניטאָ קיין בעסערער אַנטפּלעקטער קץ ווי דער, וואָס יחזקאל גיט אָן: „איהר אידישע בערג, אייערע צווייגען וועט איהר אַרויסגעבען און די פּרוכט וועט איהר אַנטקעגענטראָגען נאָר פאַר מיין אידיש פאָלק, אָבער ניט פאַר אַנדערע פעלקער“...

זאָלען מיר אוסניצען דעם היינטיגען שבת חזון פאַר אַ נאַציאָנאַלען חשבון הנפש; זאָלען מיר גוט באַטראַכטען אַלע פעהלערען, וואָס די אידען זיינען באַגאַנגען אין ארץ־ישראל, צוליב וועלכע דער חורבן איז געקומען; זאָלען מיר די אַלע פעהלערען מתקן זיין און זאָלען מיר קודם כל אונזער שטאָלץ צוריקקריגען און ניט מאַכען זיך אונטערטעניג פאַר יעדען עם לא היה... זאָלען מיר זיך האַלטען פאַר דעם אמת׳ן אתה־בחרתנו־פאָלק. און ווען מיר געהען צו צו דער תורה, זאָל דאָס זיין מיט דעם גרעסטען יראת הכבוד, ווייל די תורה האָט אונז געמאַכט פאַר דעם אויסדערוועהלטען פאָלק אויף גאָט׳ס ערד!...

# השביעני במרורים
## לתשעה באב

השביעני במרורים. הרוני לענה, מה שהשביעני בליל
יו"ט הראשון של פסח הרוני בליל ט"ב לענה.
(מ"ר איכה, ג' י"ג).

דער העכסטער אויסדריק פון טרויער און יאָמער איז דער טאָג פון תשעה באב. דעם ניינטען אב איז דאָס אידישע פאָלק אַ גרויסער אָבל געוואָרען. עס זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען די גרויסע לייכטטורעמס — די צווי בתי מקדשים, די גרויסע צענטערס, וועלכע האָבען פאַרשפּרייט ליכט אין אַלע ווינקעלאַך, וואו אידען האָבען זיך געפונען.

ארץ ישראל איז דאָס לאַנד פון דעם אידישען פאָלק; און די אידען האָבען עס געמאַכט צו זיין אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניג. אָבער די נשמה פון דעם לאַנד און פאָלק איז געוועזען דער בית המקדש. דריי מאָל אין יאָהר זיינען געקומען די אידען צופוס צו געהן פון די ווייטסטע געגענדען פון לאַנד אין דער הייליגער שטאָט ירושלים, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, און געבראַכט מתנות צו גאָט פון דעם בעסטען און שענסטען, וואָס דאָס לאַנד האָט פאַרמאָגט.

מיר זיצען היינט אויף דער ערד מיט באָרוועסע פיס. מיר פאַסטען אַ גאַנצען טאָג. אונזערע געזיכטער זיינען ניט געוואַשען. מיר זאָגען ניט איינע די אַנדערע אפילו קיין גוט-מאָרגען. אין שוהל הערשט אַ שטילקייט, וואו ניט וואו צאַנקט אַ ליכט, און אידען לייענען די שרעקליכע מגילה פון „איכה", וואו דער נביא אַליין פרעגט פאַרוואונדערט, „ווי אַזוי איז דאָס געשעהן, אַז אַ שטאָט, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע צאָהל איינוואוינער, זאָל אַם ענדע בלייבען עלענד ווי אַן אלמנה? די באַריהמטסטע צווישען די פעלקער, די הערשערין פון די לענדער, זאָל געצוואונגען זיין צו צאָלען נאָלאָגען און שטייערען?"

ניט נאָר מיר אַליין קלאָגען און יאָמערען, נאָר אַלעס קלאָגט מיט, אפילו דער כביכול אַליין. „בכה תבכה" — בוכה ומבכה אחריה עמה, מבכה הקב"ה... מבכה מלאכי השרת עמה... מבכה שמים וארץ... מבכה הרים וגבעות... (מ"ר שם) — אויף דעם גרויסען בראַך וואָס ס'האָט געטראָפען דעם אידישען פאָלק אין דעם טאָג פון תשעה באב, יאָמערט

די שכינה, די מלאכים, הימעל און ערד, בערג און טאָלען. מיט דעם אונטערגאַנג פון דעם הייליגען לאַנד און זיין בית המקדש, און אויך וואָס די אידען זיינען צושפרייט געוואָרען אין אַלע עקען וועלט — האָט די גאַנצע בריאה פאַרלוירען איהר תכלית...

ווען עס שטאַרבט איינער פון די נאָהענטסטע און ליבסטע, איז ביי אונז אַ שעהנער און ערהאַבענער מנהג פון נחום-אבילם — מען קומט אין דעם טרויער-הויז און מען זוכט וועגען און מיטלען ווי אַזוי צו ברענגען עטוואָס טרייסט פאַר די צובראָכענע געמיטער. דאָס אידישע פאָלק, דער גרויסער וועלט-אָבל, מוז זוכען און פראָווען זיין „שבעה" און „שלשים", און קיינע „מנחמים" קומען ניט. „אין לה מנחם מכל אהביה כל רעיה בגדו בה היו לה לאויבים" (איכה א') — זי האָט ניט קיין טרייסטער פון אַלע איהרע זאָגענאַנטע ליבהאָבער פון אמאָל; אַלע פריינד איהרע האָבען זיך אַרויסגעצייגט צו זיין פאַלש און אַ ענדע זיינען זיי איהרע פיינד געוואָרען...

„גלתה יהודה מעוני" — יהודה איז פאַרטריבען געוואָרען פון אָרימקייט. ניט נאָר עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, נאָר דער עיקר אָרים אין גייסט. „אלו זכיתם הייתם קוראים בתורה וישבתם לבטח ועכשיו שלא זכיתם הרי אתם קוראים גלתה יהודה מעוני" (מ"ר שם) — ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט פאַרשטאַנען ווי טייער צו האַלטען די פרייהייט וואָס גאָט האָט איהם געשאָנקען: פון מצרים אַרויסגענומען, דורך אַ מדבר בשלום דורכגעפיהרט, ימים געשפּאָלטען, מלכים באַקעמפט און אַם ענדע אין אַ הערליכען וואונדערבאַרען לאַנד זיי געבראַכט — וואָלטען זיי ביז היינטיגען טאָג געלייענט „וישבתם לבטח" — זיי וואָלטען אין ארץ ישראל געזעסען גאַנץ רוהיג; אָבער אַז מען פאַרשטעהט ניט, לאָזט זיך אויס, אַז מען לייענט „גלתה יהודה מעוני" — יהודה איז פאַרטריבען געוואָרען פון אָרימקייט...

„איכה, רבי אבהו פתח למגילת איכה, „והמה כאדם עברו ברית" (הושע ו') מהו כאדם? כאדם הראשון, אמר הקב"ה אדה"ר הכנסתיו לגן-עדן וצויתיו ועבר על צוויי וגרשתיו ושלחתיו וקוננתי עליו איכה — כדכתיב „ויאמר לו איכה?" — איכה כתיב, אף בניו הכנסתיו לא"י וצויתים ועברו על צוויי וגרשתים וקוננתי עליהם איכה" (מ"ר שם).

אָדם הראשון האָט אויך ניט באַגריפען וואָס גאָט האָט מיט איהם געטאָן. אין דעם שעהנסטען גן-עדן איז ער מיט חוה'ן געווען. פון

אלעם האָבן זיי געמעגט הנאה האָבן חוץ פון דעם עץ הדעת. זיי האָבן אָבער זייער פרייהייט ניט פאַרשטאַנען און האָבן גאָט׳ס אָנזאָג ניט אויסגעפאָלגט. זיינען זיי פון דעם גן־עדן שנעל פאַרטריבן געוואָרען. און גאָט פרעגט איהם: „אָדם, איכה?״ — וואו ביסטו, מיין העלד אָדם?... אַזוי האָט גאָט אויך דאָס אידישע פאָלק אין אַ גן־עדן לאַנד אַריינגע־בראַכט און האָט איהם מיט דעם שטרענגען וואָרט אָנגעזאָגט, אַז עס זאָל די געבאָטען פון דער תורה היטען. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט ניט אויסגעפאָלגט, און גאָט האָט די אידען פון דעם גן־עדן לאַנד פאַר־טריבען און ער פרעגט זיי אויך: „איכה?״ — ווי אַזוי איז דאָס אַלעם געשעהן?...

פסח — דער שעהנסטער נאַציאָנאַלער יום־טוב אין יאָהר, וועלכער דערמאָנט אונז אויף אונזער זמן חרותנו — ווען מיר זיינען באַפרייט געוואָרען פון מצרים, ווען מיר זיינען געוואָרען דאָס אתה־בחרתנו־פאָלק, ווען מיר זיצען ביי די סדרים ווי פרינצען און טרינקען די פיער כוסות מיט דער גרעסטער פרייד, — אָט־דער הערליכער, פרעהליכער יום־טוב פסח —— אין דעמזעלבען טאָג פון דער וואָך, וואָס זיין ערשטער טאָג יום־טוב איז, איז אויך אימער דער טאָג פון תשעה באב, דער טאָג פון טרויער און יאָמער... דערפון איז צו דרינגען, אַז אויב מען באַגרייפט ניט וואָס דער זמן חרותנו איז, אויב מען פאַרשטעהט ניט ווי אויסצוניצען די אמת׳ע פרייהייט, קען פון דעם גאַנצען פרעהליכען סדר אַרויסקומען אַ ביטערער יאָמערטאָל...

די באַדייטונג פון פרייהייט מיינט ניט אָראָפּצוואַרפען אַלע יאָכען פון זיך, אפילו דעם יאָך פון דער גאָטהייט, ווי דאָס פאַרשטעהען יעצט אונזערע יעווסעקען אין רוסלאַנד, וועלכע זוכען צו פאַרניכטען אַלע היי־ליגטימער פון דעם אידישען פאָלק, נאָר פרייהייט אין דעם אמת׳ן זין — דאָס הייסט, ניט צו זיין אונטערדריקט עקאָנאָמיש און פאָליטיש און אויך ניט זיין פאַרשקלאַפט צו קיין עקעלהאַפטע תאוות, ניט אַריינצו־לאָזען זיך אין אַ לעבען פון שמוץ, וואָס פאַרשקלאַפט דעם מענשען ערגער ווי אַלע שקלאַפערייען אין דער וועלט. „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״ — דער אמת׳ער פרייער מענש איז דער יעניגער, וואָס פאָלגט אויס די תורה. דאַן איז מען פריי קערפערליך און אויך גייסטיג...

„רבן גמליאל היה אומר כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח,

לא יצא ידי חובתו, ואלו הן, פסח, מצה ומרור" (פסחים קל"ז) — רבן גמליאל זאגט: דער יעניגער, וואס זאגט ניט די דאזיגע דריי זאכען, פסח, מצה און מרור, אין דעם יום־טוב פסח, האט ער זיין ריכטיגע פליכט ניט געטאן.

אייגענטליך האט מען פריהער פון אלץ געדארפט דערמאנען — מרור, ווייל דאס איז אן אנדענקונג, אז די מצריים האבען פארביטערט דעם לעבען פון די אידען. נאכהער קומט פסח און מצה, וועלכע זיינען אן אנדייטונג אויף דעם קרבן פסח און אכילת מצה, וואס צייגט אויף דער אידישער ערלייזונג פון די מצריים. רבן גמליאל זאגט אבער, אז מען מוז זאגען פסח, מצה, מרור, ווייל פון פסח און מצה, וועלכע צייגען אויף דער „פרייהייט", קומען ארויס אלע מרור'ס אויף דער וועלט... צוליב דעם, וואס מענשען באגרייפען ניט וואס פרייהייט מיינט, צוברע־כען זיי אלע סיגים פון מענשליכקייט; און דאס פיהרט צו אלע חורבנות און ביטערקייט...

„השביעני במרורים, הרוני לענה, מה שהשביעני בליל יו"ט הראשון של פסח הרוני בליל ט"ב לענה הוי ליל יו"ט הראשון של פסח הוא ליל תשעה באב" — מיט דעם אנזעטיגען אונז אין דער ערשטער נאכט פון פסח מיט ביטערע קרייטיכער, איז מען אויסען צו צייגען, אז אויב מען פארשטעהט ניט ווי זיך צו באנוצען מיט דעם „זמן חרותנו", דאן קומט עס צו א „תשעה באב" — מען קלאגט אויף דעם חורבן פון לאנד, פון בית המקדש און פון פאלק...

„בתשעה באב נולד משיח". פון דעם טרויער־טאג דארף מען לער־נען און באגרייפען וואס אלע פאלשע פרייהייטען האבען מיטגעבראכט. און זאלען מיר ניט נאר זיצען אויף דער ערד און קינות זאגען, נאר אויך זעהן, אז פון דעם דאזיגען טאג זאל זיך די גאולה אנפאנגען. וואס מעהר מיר קלאגען אויף דעם חורבן, אלץ מעהר וועלען מיר באגרייפען ווי נויטיג עס איז פאר אונז צו האבען אן אייגען לאנד.

זאלען אלע קלאסען און שיכטען פון דעם אידישען פאלק זיך בא־פרייען פון די אלע זאגענאנטע פרעמדע זמן חרותנו'ס, וועלכע ברענגען פאר אונז דעם שרעקליכען מרור און דאן אויך דעם גרויסען תשעה באב. זאלען מיר מיט פאראייניגטע כחות קעמפען פאר דעם אמת'ן חרות, פאר'ן עראבערען אונזער לאנד און צוריק אויפלעבען אלס פאלק מיט אונזער תורה און שפראך!

# נחמו נחמו עמי

„אם אשכחך ירושלים" א"ר אלעזר הקפר תורתי בידכם, והקץ בידי, ושנינו צריכים זה לזה, אם אתם צריכים לי להביא את הקץ אף אני צריך לכם שתשמרו את תורתי כדי לקרב בנין ביתי ואת ירושלים, וכשם שא"א לי מלהשכיח את הקץ שהוא תשכח ימיני, כך אף אתם אין לכם רשות לשכח את התורה שכתוב מימינו אש דת למו.

(פסיקתא רבתי פל"א).

מיט איינינע טעג צוריק האָבען מיר געקלאָגט אויף דעם חורבן הארץ. גאַנצע דריי וואָכען איז געווען אומעטיג אין דער אידי־שער גאַס; קיין שמחות און קיין פרייד איז אין די אידישע הייזער ניט געווען. און מיטאַמאָל איז צוריק געוואָרען פרעהליך אין אַלע אידישע ווינקעלאַך. אידישע קינדער ווערען פאַרהייראַט; די געזיכטער קוקען אוים צו זיין מונטערער; און די אידישע פרויען זיינען באַשעפטיגט ביים אָנגרייטען פון דעם בעסטען פאַר דעם הערליכען שבת.

די פראַגע איז אָבער: לשמחה מה זו עושה? — וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרען פרעהליך ביי אידען? איז היינט בעסער געוואָרען די לאַגע אויף דער וועלט ווי מיט אַ וואָך צוריק, ווען די אידען האָבען געיאָמערט און געקלאָגט? פאַרוואָס איז מען לעצטען שבת געווען פאַראומערט און מען האָט אפילו די שבת'דיגע בגדים ניט אָנגעטאָן און די זמרות ניט געזונגען ווי אַלע מאָל; און היינט, מיט איין וואָך שפּעטער, טראָגען מיר די בעסטע קליידער לכבוד שבת, און די פרייד פון שבת באַהערשט יעדער אידען; און די בעסטע עסענוואַרג און געטראַנקען, ווי גאָט האָט געבאָטען, פעהלען ניט ביים טיש?

דער ענטפער איז, אַז לעצטען שבת האָט מען געלייענט „חזון ישעיהו" און היינטיגען שבת לייענט מען — „נחמו נחמו עמי". מיט אַ וואָך צוריק האָבען מיר געהערט די שטראָף־ווערטער פון דעם גרויסען ישעיה: „הוי גוי חטא עם כבד עון זרע מרעים"... — וועה געשריען, איהר זייט דאָך געוואָרען אַ פאָלק, וואָס איז אָנגעלאָדען מיט שווערע זינד... און היינטיגע וואָך רעדט צו אונז דערזעלבער נביא גוטע, האַרציגע טרייסט־ווערטער: „דברו על לב ירושלים וקראו אליה כי מלאה צבאה

כי נרצה עונה"... — רעדט און טרייסט דאס הארץ פון ירושלים און זאגט צו איהר, אז געגוג איז זי אפגעקומען פאר איהרע פארברעכענס, און אלעס איז שוין פארגעבען געווארען...

אזוי פראווען מיר שבת חזון און שבת נחמו פאר אריבער אכצעהן הונדערט יאהר. איין שבת — שרעקליך אומעטיג און דעם צווייטען שבת — שמחה וששון. און מיר בלייבען א גלות-פאלק, צושפרייט אין אלע עקען וועלט, וואו מען לעבט אין דער גרעסטער ארימקייט; וואו מען לאזט ניט דעם אידען אויפהויבען זיין קאפ; וואו מען שלאגט אידי-שע סטודענטען פאר דעם איינציגען חטא, וואס זיי ווילען געניסען פון דעם עץ-הדעת; וואו מען לייגט ארויף די גרעסטע שטייערען אויף אידישע ארימע געשעפטס-לייט, אום אוועקצונעהמען פון זיי דעם ביסען ברויט פון מויל; און פון די מעהרסטע פעלקער זיינען מיר פארהאסט און פאראכטעט... און די שאלה איז: ווי לאנג וועלען מיר זיך שפילען אין ווערטער? ווי לאנג וועלען מיר לייענען „נחמו נחמו עמי" — טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאלק! — און אין דערזעלבער צייט דערשטיקט ווערען פון דער געטא-לופט?!...

ירושלים איז פארצווייפעלט און זי לאזט זיך ניט טרייסטען פון אלעמען, מעגען די טרייסטער זיין די גרעסטע פון דעם אידישען פאלק. „נחמו נחמו עמי, אמר הקב"ה לאברהם לך ונחם את ירושלים שמא תקבל תנחומין ממך, הלך אברהם ואמר קבלו ממני תנחומין, א"ל איך אקבל ממך תנחומין שעשתני כהר שנא' בהר ה' יראה, אמר ליצחק הלך יצחק... איך אקבל ממך תנחומין שיצא ממך עשו הרשע ועשאני כשדה שנא' ויצא עשו השדה, אמר ליעקב... איך אקבל ממך תנחומין שעשתני כלא היה שנא' אין זה כי אם בית ה', אמר למשה... איך אקבל ממך תנחומין שכתבת עלי קללות וגזירות קשות, מיד שבו כולם ואמרו לפני הקב"ה לא קבלה ממנו תנחומין שנא' עניה סוערה לא נוחמה, מיד אמר הקב"ה עלי לנחם את ירושלים שכך כתבתי „שלם ישלם המבעיר את הבערה", אני הציתי באש שנאמר „ממרום שלח אש", אני מנחם אותה שנאמר „ואני אהיה לה נאום ה' חומת אש" (ילקוט, ישעיה מ').

גאט זאגט צו אברהמ'ען: געה און טרייסט ירושלים, פיליכט וועט ירושלים געטרייסט ווערען דורך דיר. אברהם געהט און בעט זיך ביי ירושלים זי זאל אננעהמען זיינע טרייסט-ווערטער, און ירושלים ענט-פערט: ווי קאן איך פון דיר, אברהם, געטרייסט ווערען, ווען דו האסט

מיך געמאַכט פאַר דעם היסטאָרישען באַרג, וואו עלטערען ברענגען זייערע זיהן צו עקידה'ס; ביז היינטיגען טאָג ווערט דאָס אידישע פאָלק געבראַכט אַלס וועלט-קרבן, און זיינע זיהן און טעכטער זיינען זיך מפקיר ניט פאַר גאָט, נאָר פאַר פרעמדע אידעאַלען און אָפּגעטער...

אויך יצחק זוכט צו טרייסטען, און ירושלים וויזט צוריק זיינע ווערטער: ווי קענסטו מיך טרייסטען, ווען פון דיר איז אַרויסגעקומען דער בלוטיגער עשו, וואָס האָט מיך רואינירט און מיין לאַנד געמאַכט הפקר ווי אַ פעלד, און מיינע קינדער צוטריבען?...

אויך יעקב קריגט אַ שאַרפען אָפּזאָג: ווי קענסטו מיך טרייסטען, ווען דו האָסט זיך אויסגעדריקט „אין זה כי אם בית ה'" „אכן יש ה' במקום הזה?" — עס איז מעהר ניט דאָ ווי גאָט'ס הויז; איז טאַקע ווירקליך דאָ גאָט אויף דעם דאָזיגען פלאַץ? — און מיט דעם, מיך, ירושלים געמאַכט צו גאָרנישט ביי דיינע אייניקלאך און אוראייניקלאך, וועלכע פרעגען „אכן יש ה' במקום הזה?" — איז דאָ ווירקליך גאָט'ס שכינה? און אַ טייל זאָגען גאָר, אַז ירושלים איז ניט אַ פלאַץ צו באַזעצען זיך, נאָר בלויז תפלה צו טאָן דאָרטען...

אויך משה האָט ניט געקענט טרייסטען ירושלים, צוליב דער טענה, אַז משה האָט אין דער תורה צופיל קללות און גזירות אַרויסגערעדט, און דורך דעם ליידט ירושלים ביז היינטיגען טאָג.

אברהם, יצחק, יעקב און משה קומען צוריק און זאָגען צו גאָט: ירושלים לאָזט זיך ניט טרייסטען פון אונז — „עניה סוערה לא נוחמה"...

דאַן זאָגט גאָט: אויף מיר ליגט די פליכט צו טרייסטען ירושלים, ווייל אַזוי האָב איך געשריבען אין דער תורה: „שלם ישלם המבעיר את הבערה" — דער וואָס האָט אָנגעצונדען אַ פייער און מיט דעם געטאָן שאָדען, מוז ער באַצאָלען. איך, גאָט, האָב דאָך אַראָפּגעשיקט אַ פייער פון הימעל און פאַרברענט און חרוב געמאַכט ירושלים און דאָס הייליגע לאַנד — איז עס מיין פליכט צו טרייסטען איהר און זאָגען, אַז איך וועל זיין פאַר אימער און אייביג אַ פייערדיגע פעסטונג פאַר דעם הייליגען לאַנד. קיין פאָלק וועט ניט פאַרנעהמען דאָס, וואָס ס'באַלאַנגט צו מיין ליבלינג-שטאָט ירושלים. און עס וועט קומען די צייט, ווען דאָס פאָלק אָהן אַ לאַנד וועט זיך צוריקקעהרען צו דעם לאַנד אָהן אַ פאָלק...

„על הר גבה עלי-לך מבשרת ציון, הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים, אל-תיראי אמרי לערי יהודה הנה אלהיכם" (ישעיה מ') —

דו אַנזאָגער פון ציון, געה אַרויף אויף דעם העכסטען באַרג און הויב אויף דיין שטים מיט דער גרעסטער קראַפט, דו אַנזאָגער פון ירושלים. שרעק זיך פאַר קיינעם ניט און זאָג גאַנץ קלאָהר צו די שטעט פון יהודה — אָט איז אייער גאָט!

מיר דאַרפען האָבען די ריכטיגע וועקערס און אַנזאָגערס פאַר ציון, וועלכע זאָלען שטעהן אויף דער ריכטיגער הויך און ריידען קלאָהרע און שטאַרקע ווערטער, און קומען צום הייליגען לאַנד און צום אידישען פאָלק און אַרויסזאָגען דעם „הנה אלהיכם“!

„ויאמר אך עמי המה בנים לא ישקרו ויהי להם למושיע“ (ישעיה ס"א) — ווען איהר וועט אויף אַן אמת זיין מיין פאָלק און קינדער וואָס פעלשען ניט, וועל איך, גאָט, זיין צו אייער הילף.

„נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם“ — ווען איהר וועט געטרייסט ווע־רען צוויי מאָל, קערפערליך און גייסטיג, — ווען איהר וועט ווערען מיין פאָלק מיט אַן אמת; און דאַן וועט געזאָגט ווערען דער „אלהיכם“, אַז גאָט איז אייער גאָט...

א"ר אלעזר הקפר תורתי בידכם והקץ בידי ושניהם צריכים זל"ז, אם אתם צריכים לי להביא את הקץ אף אני צריך לכם שתשמרו את תורתי, כדי לקרב את בנין ביתי ואת ירשולים, וכשם שאי אפשר לי מלהשכיח את הקץ שהוא תשכח ימיני, כך אתם אין לכם רשות מלשכח את התורה שכתב מימינו אש דת למו“ — רבי אלעזר הקפר זאָגט: מיין תורה איז אין אייערע הענט און דער קץ, די אידישע ערלייזונג פון גלות, איז אין מיינע הענט; און דער קץ אָהן דער תורה קען ניט זיין, זיי מוזען האָבען איינע די אַנדערע; אויב איהר דאַרפט מיך האָבען איך זאָל ברענגען די גאולה, דאַרף איך, גאָט, אייך, דאָס אידישע פאָלק, האָבען איהר זאָלט היטען מיין תורה און מיט דעם מקרב זיין די אויפריכטונג פון בית המקדש און ירושלים. און אַזוי ווי איך, גאָט, קען ניט פאַרגעסען דעם גאולה־טאָג, ווייל אויף דעם איז דאָ די אַלטע שבועה פון תשכח ימיני... אַזוי אויך איהר, אידען, טאָרט ניט פאַרגעסען די תורה, וואָס אויף איהר ווערט געזאָגט „מימינו אש דת למו“...

עס ליגט אין אונזערע הענט צו פייערען דעם אמת'ן שבת נחמו. דאָס וועט זיין, ווען מיר וועלען זיך אַלע פאַראייניגען צו האַלטען די תורה, כדי מיט דעם מקרב זיין די אידישע גאולה. מען קען ניט בויען אַ לאַנד און די תורה אין גלות לאָזען; תורה און לאַנד געהען האַנט־אין־

האַנט. מען קען אָבער אויך ניט אוועקשטויסען די אידישע גאולה און האַלטען זיך נאָר אָן דער תורה; די תורה קען נאָר דאַן ריכטיג אָפּגעהיט ווערען, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט האָבען זיין הייליג לאַנד.

די סמנים פאַר דעם אמת'ן שבת נחמו זעהען זיך שוין. נאָך דעם טרויעריגען שבת חזון קומט ביסלעכווייז דער פרעהליכער אָנזאָג פאַר דעם שבת פון טרייסט, פאַר דעם שבת פון נחמה. „שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך בניך מרחוק יבאו ובנתיך על צד תאמנה" (ישעיה ס') — הויב אויף, ציון אונזער מוטער, דיינע אויגען און זעה, אַלע האָבען זיך צונויפגעקליבען און קומען צו דיר; די קינדער דיינע, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פון דיר, זיינען ענדליך צוריקגעקומען און דיינע טעכטער ווערען געטראָגען אויף די הענט און געבראַכט צו דיר...

מיט איין וואָרט, ווילען מיר האָבען אַן אמת'ן „שבת נחמו", דאַן מוז זיין, אַז „עמי" און „אלהיכם" זאָלען זיין פאַראייניגט, אַז רעליגיע און נאַציאָנאַליזם זאָלען זיין ניט צוטיילט, איינער זאָל ניט זוכען צו באַ־קעמפען דעם צווייטען. און דאַן וועט צוריקקומען דאָס גרויסע פאָלק מיט זיין הייליגער תורה אין דעם באַריהמטען הייליגען לאַנד — ארץ ישראל!

# משכנותיך ישראל
## לחנוכת בית הכנסת

אילן שנעקר והסלע עמו, שטפו נהר והסלע עמו, אם יכול לחיות פטור ואם לאו חייב. נעקר הסלע מצדו, או שזעזעתו המחרישה, או שזעזעו ועשאו כעפר אם יכול לחיות פטור ואם לאו חייב.

(ערלה א׳ ג׳).

**די וועלט** זאָגט אַ וואָרט: „דער גוי האָט מזל.״ און עס ווייזט אויס, אַז עס איז טאַקע אַזוי, אַז ניט נאָר האָט דער גוי מזל אין אַלעם וואו ער קעהרט זיך און ווענדט זיך, נאָר זיין מזל גרייכט אַזש צום אידישען — סדור; אויך דאָרטען פאַרנעמט ער דעם אויבען־אָן...

ווען מען קומט אַריין אין שוהל, אנשטאָט צו באַגריסען דעם מקום קדוש מיט ווערטער, וואָס משה רבינו אָדער אַן אַנדער אידישער נביא האָט גערעדט, זאָגט מען „מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל״ — וואָס ס׳האָט געזאָגט איינער פון די אומות העולם, בלעם הרשע, וועלכער איז געוועזען דער גרעסטער צורר און האָט געזוכט מיט פאַרשידענע מיטלען אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק.

ווען בלק דערשרעקט זיך פאַר די אידען, איינזעהענדיג וואָס זיי האָבען שוין געטאָן צו דעם אמורי און יעצט קומען זיי „ווי די אָקסען אָפּצועסען די בעסטע גראָזען״ אַזוי, אַז פאַר די מואבים וועט גאָרניט בלייבען, זוכט ער אַ וועג פון רעטונג און ער שיקט נאָך זיין גוטען פריינד בלעם, און מאַכט איהם זיין באַריהמטען פאָרשלאַג — „ארה לי וקבה לי ישראל״ — אַז בלעם זאָל פאַרשעלטען דאָס אידישע פאָלק...

בלעם, איינער פון די באַריהמטסטע געלערנטע פון די אומות העולם, האָט אויסגעפונען, אַז די שטאַרקייט פון דעם אידישען פאָלק ליגט אין זיינע פעסטונגען — די שוהלען. אידען, וואו זיי זיינען, אפילו אין די מדבריות, די ערשטע זאַך, וואָס זיי גרינדען, איז בתי כנסיות און בתי מדרשות. דעריבער, אנשטאָט שעלטען די אידען, האָט ער זיי געבענשט: „מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל״ — ווי גוט זיינען דיינע געצעלטען, יעקב, און דיינע משכנ׳ס, ישראל! „א״ר יוחנן מברכתו של אותו רשע אתה למד מה היה בלבו, בקש לומר שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות — מה טובו אוהליך יעקב — לא תשרה שכינה עליהם, משכנותיך ישראל — לא תהא מלכותן נמשכת״ (סנהדרין ק״ה).

— ר׳ יוחנן זאָגט, אין דער ברכה פון יענעם רשע, בלעם, קענען מיר לערנען, וואָס ער האָט געטראַכט אין זיין האַרץ, נעמליך, אַז אידען זאָלען קיין שוהלען ניט האָבען, דאַן וועט די שכינה אויף זיי ניט רוהען, און ממילא וועט זייער מלוכה זיך לאַנג ניט האַלטען... בלעם זאָגט צו בלק׳ן, אַז מיט „ארה" און „קבה" וועט ער דאָס אידישע פאָלק ניט פאַר־ניכטען. וואָס מעהר די בלק׳ס שעלטען דאָס אידישע פאָלק, אַלץ גיכער וועלען זיי לויפען אין די שוהלען און האַלטען זיך פעסט שטאַרק אָן זייער תורה און גאָט. דער איינציגער מיטעל אויסצוראָטען דאָס אידישע פאָלק איז צו פאַרניכטען זייערע פעסטונגען — די בתי כנסיות און בתי מדרשות...

דעריבער, ווען דער איד קומט אַריין אין שוהל, באַגריסט ער איהר מיט „מה טובו אוהליך יעקב" — די ווערטער פון דעם גרויסען רשע, בלעם, צו צייגען פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אַלע שונאי ישראל, וועלכע זוכען צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק, אַז קוים בויט דער איד שוהלען, וועלען זיי דעם אידען ניט קענען באַזיגען.

פון דעם אוהל מועד אין מדבר און די בתי מקדשים אין ארץ ישראל ביז דעם היינטיגען טאָג, וואו מיר זאָלען ניט קומען, בויען מיר אונזערע בתי מקדש מעט — די שוהלען.

אנשטאַט צו בויען אוהלים פון יריעות, בויען מיר היינט פראַכט־פאָלע געביידעס וואָס קאָסטען אָפּ ריזיגע פאַרמעגענס; און אידען גיבען ניט אַ „מחצית השקל", נאָר זיי גיבען נדרים און נדבות, וואָס טרעפען אָן שווערע הונדערטער און טויזענדער דאָלאַר. מיר זעהען דאָס טאָקע היינט ביי אונזער חנוכת הבית פון דעם בית הכנסת: די געביידע איז געבויט געוואָרען לויט׳ן לעצטען וואָרט פון ארכיטעקטור, און די באַ־פוצונגען טרעפען אָן אַ גרויס פאַרמעגען. און דאָ האָט מען ניט געהאַנ־דעלט ווי אין מדבר „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — די אָרימעלייט האָבען געטאָן נאָך זייער מעגליכקייט און די עשירים האָבען געגעבען מיט ליבשאַפט די שווערע און גרויסע נדבות.

דאָ אין אַמעריקא מוזען מיר אונזערע שוהלען מאַכען שעהן און אנציהענד, ווייל אונזערע וואוינונגען זיינען אויך שעהן און אנציהענד; און מיר טאָרען ניט צולאָזען דעם חלול השם, אַז אונזערע הייזער זאָלען זיין שעהנער פאַר גאָט׳ס הויז.

„אָמר רב חמא בר גוריא אָמר רב כל עיר שגגותיה גבוהין מבית

הכנסת לסוף חרבה שנא׳ (עזרא ט׳) לרומם את בית אלהינו ולהעמיד את חרבותיו״ (שבת י״א) — יעדע שטאט, וואס די דעכער איהרע זיינען העכער פון דער שוהל, מוז חרוב ווערען. און אזוי איז דער דין (או״ח סי׳ פ״ג א׳), אז א שוהל מוז געבויט ווערען אין דעם העכסטען פלאץ פון שטאט, כדי די שוהל זאל זיך ארויסצייגען העכער פון אלע געביידעס.

מיר אין אמעריקא און איבערהויפט די אידען, וועלכע לעבען אין די גרויסע שטעט, וואו עס ווערען געבויט ריזיגע געביידעס פון צעהנד־ליגער שטאקען הויך, ביי אונזער בעסטען ווילען קענען מיר ניט מקיים זיין דעם דין, אז „די שוהל זאל זיין העכער פון אלע בנינים״, און פונ־דעסטוועגען איז ניו יארק און אנדערע ריזיגע שטעט ניט חרוב גע־ווארען...

דער ריכטיגער פשט איז, אז יעדער איד דארף שטרעבען, אז גאט׳ס הויז זאל ביי איהם שטעהן העכער פון זיין אייגען הויז, ווען אין זיין הויז זאל זיין די שעהנסטע און בעסטע מעבעל און אין שוהל זאלען שטעהן אלטע צובראכענע בענק און שטענדערס, אז זיין הויז זאל זיין אויסגעפוצט אין רייכטום און דער בית הכנסת זאל אויסזעהן ארים... אויב עס געפינען זיך אידען, וואס זייערע הייזער שטעהען ביי זיי העכער ווי די שוהלען, דאן וועט אזא קהלה חרוב ווערען גייסטיג. אויב עלטערען האבען ניט קיין גרויסע ליבע צו דער שוהל און זיי גיבען ניט די גרויסע נדבות צו בויען איהר שעהן און פראכטפאל, איז דאס א באוויז, אז זיי האבען אויך ניט ליב די תורה און ממילא ערציהען זיי ניט זייערע קינ־דער, אז זיי זאלען אויסוואקסען פאלשטענדיגע אידען. פון דעם אלעמען לאזט זיך אוים, אז אזא קהלה ווערט חרוב. עס פיהרט צו אסימילאציע און צו שמד; און דאס מיינט ממילא דער חורבן פון דער אידישער שטאט...

„מי שהגביה ביתו יותר מב״ה י״א שכופין אותו להשפילו״ (או״ח שם) — אויב איינער בויט העכער זיין הויז ווי די שוהל, דארף מען איהם צווינגען, אז ער זאל זיין הויז נידעריגער מאכען. אויב איינער קארגט איין אויף דער שוהל, כדי זיין הויז רייכער צו מאכען, ליגט א פליכט אויף קהל אזא מענשען אויפצוקלעהרען, אז די שוהל דארף שטעהן העכער ווי זיין וואוינונג — ער דארף קארגען פון זיין הויז צו העלפען שאפען א שעהנע שוהל.

די שוהל באגלייט דעם מענשען פון וויגעלע ביז׳ן קבר. אין דער

אַלטער וועלט, ווען אַ אינגעל איז געבוירען געוואָרען, האָט מען דאָס קינד געטראָגען אין אַ קישען אין שוהל אַריין, וואו דער עולם האָט געזאָגט „אָז ישיר" פסוק ביי פסוק, און דער ברית איז דאָרטען געפּראַוועט געוואָרען. איז דאָס קינד גרעסער געוואָרען, האָט מען איהם אין אַ טלית איינגעוויקעלט און אין שוהל געבראַכט און דאָרטען מיט איהם דעם אלף־בית אָנגעפאַנגען; דערביי האָבען „מלאכים" פון דער הויך מטבעות געוואָרפען... איז מען אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, האָט דער בר מצוה בחור געזאָגט אַ שעהנעם פּלפּול און דרשה אין שוהל. אַז ס'איז געקומען צו דער חתונה, האָט מען די חופה געשטעלט אויף דעם שוהל־הויף, און דער חתן האָט געפּראַוועט די „אויפרופעניש" אין דער שוהל שבת נאָך דער חתונה. און אַז עס איז געקומען דער לעצטער מאָמענט, ווען מען האָט צו דער וועלט דעם לעצטען „גוד־באַי" געזאָגט, האָט מען דעם קערפּער געפיהרט פאַרביי דער שוהל, וואו תלמוד־תורה־קינדער האָבען מיט אַן אומעטיגען נגון געזאָגט „צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו"...

אין אַמעריקא איז מען ניט צוגעבונדען צו דער שוהל פון וויגעלע ביז'ן קבר. און אַ איד, וואָס געהט ניט ביי דעם לעבען אין שוהל, פיהרט מען איהם פונדעסטוועגען נאָך זיין טויט פאַרביי דער שוהל, ווייל אַ איד קען צו קבר ישראל ניט קומען, אויב ער איז אין קיין שוהל קיינמאָל ניט געוועזען.

אָבער דער עיקר פון דער שוהל זיינען ניט די ווענט און ניט די רייכע באַפּוצונגען. גאָט זוכט ניט צו זיין אַ רייכער ריעל־עסטייטניק. גאָט באַטראַכט זיך „לי הכסף ולי הזהב" און זוכט ניט פון וואַנען רייך צו ווערען. די איינציגע זאַך וואָס גאָט פאַרלאַנגט איז, אַז אין אַזאַ שעהנעם קערפּער זאָל זיך אויך געפינען אַ רייכע נשמה.

די שוהל דאַרף פאַרשפּרייטען קדושה אין אַלע ווינקעלאַך, וואו אידען געפינען זיך. די שוהל איז דער רעזערוואואַר פון אַלע הייליגע מדות און גוטסקייט, און פון דאָרטען דאַרפען זיי אַריבערגעטראָגען ווערען אין די אידישע הייזער. ווען אָבער די שוהל איז אַ באַזונדערע זאַך פאַר זיך, און מען קומט אַהינצו בלויז איינמאָל אין וואָך אָפּדאַווענען, און נאָכדעם ווערט זי פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען און זי איבט ניט אויס קיין השפעה אויף דעם אידישען לעבען, — אַזאַ שוהל איז ניט דער ריכטיגער בית הכנסת און בית המדרש.

„הנה באר בשדה — זו בהכנ"ס, ושלשה עדרי צאן — ג' קרואים, כי מן הבאר ישקו העדרים — שמשם היו שומעין את התורה" (ב"ר פ"ע) — די שוהל איז גלייך צו דעם ברונעם וואָס איז אין פעלד — דאָרטען ווערען אויפגערופען אידען צו דער תורה, און דער עיקר וואָס דאָרטען הערען אידען תורה. „וגללו את האבן מעל פי הבאר — זה היה"ר" (שם) — און דורך דעם נעהמען זיי אַרונטער דעם גרויסען שטיין, דעם יצר הרע, פון זיך און זיי פיהרען זיך אין די וועגען פון יושר און צדק.

דער עיקר פון דער שוהל איז דער בית המדרש, וואו אידען זיצען און לערנען אַ פּרק משניות און אַ בלאַט גמרא. „מותר לעשות מבה"כ בהמ"ד אבל לא מבהמ"ד בה"כ" (או"ח קנ"ג א', מגילה כ"ז) — פון אַ בית הכנסת אַ בית המדרש מעג מען מאַכען, אָבער פון אַ בית המדרש אַ בית הכנסת טאָר מען ניט מאַכען, ווייל דער בית המדרש שטעהט העכער אין הייליגטום ווי דער בית הכנסת, וואָס איז געמאַכט געוואָרען בלויז צום דאַוונען.

„אילן שנעקר והסלע עמו, שטפו נהר והסלע עמו" — אַ בוים, וואָס דער ווינט אָדער אַ שטראָם וואַסער האָט איהם אויסגעריסען פון דעם אָרט און אַריבערגעטראָגען אין אַן אַנדער פּלאַץ; „אם יכול לחיות פטור" — אויב די הארטע ערד וואָס איז אַרום די וואָרצלען איז פאַר־בליבען גאַנץ, און טראָץ דעם וואָס ביי דעם איבערפלאַנצען גיט מען צו נייע ערד, קען דער בוים לעבען מיט דעם ביסעל הארטע ערד וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דעם אַלטען פּלאַץ וואו ער האָט אַמאָל געוואַקסען, — איז דער בוים פּטור פון ערלה, ווייל ער האָט דורכגעמאַכט די מצוה פון ערלה אין דעם אַלטען פּלאַץ, און דאָס אַריבערטראָגען זיך דורך ווינט און שטורעם מאַכט איהם ניט פאַר קיין נייעם בוים; „ואם לאו" — ווי איז אָבער אַז דער בוים קען ניט לעבען מיט דער אַלטער ערד וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, נאָר זיין גאַנץ חיות ציהט ער פון דער נייער ערד וואָס מען האָט צוגעגעבען, — דאַן ווערט דער אַריבערגעטראָגענער בוים פאַררעכענט פאַר אַ נייע פלאַנצונג און ער איז חייב אין ערלה.

„כי האדם עץ השדה" — דער מענש איז גלייך צו אַ בוים. די מעהרסטע פון אונז זיינען מיט גוואַלד אַרויסגעריסען געוואָרען פון די לענדער פון וואַנען מיר קומען. פילע פון אונז זיינען געקומען אַהער אין דער פרייער אַמעריקא ניט מיט דעם גוטען ווילען. פאַרשידענע ווינטען און שטורעמס האָבען אונז אַרויסגעריסען פון דער אַלטער ערד.

אָבער קומענדיג אַהער אין דעם נייעם לאַנד, האָבען מיר מיטגעבראַכט היימישע האַרטע ערד, וואָס קען זיך ניט שיידען מיט אונז — מיר האָבען אַהער געבראַכט די שוהלען, דעם טלית און תפילין. אָבוואָהל דאָס לעבען אין דער נייער מדינה האָט אויף אונז זעהר פיל געווירקט, און מיר זיינען אַנדערש ווי מיר זיינען אַמאָל געווען, אָבער טראָץ דעם אַלעמען, ווען די אַמעריקאַנער שוהלען ציהען נאָך דעם חיות פון די אַלטע פלעצער וואָס מיר האָבען זיי אַמאָל פאַרלאָזען, — דערזעלבער ערנסטער דאַוונען, דיזעלבע חברה משניות און גמרא, דיזעלבע מנהגים — דאַן ווערען מיר פאַררעכענט פאַר „היימישע אידען" און ניט פאַר קיין „אַמעריקאַנער אידען". מיר זוכען ניט צו לעבען אַנדערש ווי אונזערע על־טערען האָבען זיך געפיהרט. ווען אָבער מיר וואַרפען אַוועק די אַלטע ערד וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים און מיר לעבען שוין אַנדערש ווי אַמאָל, פון די שוהלען ווערט האַלבע און גאַנצע טעמפּ־לען, דאַן איז דאָס אַ נייע פלאַנצונג און עס האָט מיט דעם אַלטען אידענ־טום גאָרניט צו טאָן.

„נעקר הסלע מצדן, או שזועזתו המחרישה, או שזעזעו ועשאו כעפר — אם יכול לחיות פטור ואם לאו חייב" — ניט אַלע אידען זיינען גע־בענשט אין דעם נייעם לאַנד צו פאַרבלייבען אימער דער „היימישער איד". די אַלטע האַרטע ערד איז פון זיי אָראָפּגעפאַלען, אָדער דער אַקער האָט אויפגעטרייסעלט דעם באָדען און די ערד איז צוברעקעלט געוואָרען — די אומשטענדען פון פרנסה און אַנדערע דאגות האָבען מיטגעבראַכט, אַז מען איז אָפּגעטראָטען פון דעם דרך התורה, מען ווערט נכשל אין פילע עבירות צוליב פרנסה; אָבער די שרשים ציהען זיך אַלץ צו דער אמת'ער אָרטאָדאָקסישער שוהל, מען באַלאַנגט נאָך אַלץ צו דער אמת'ער אידישער פעסטונג און מען קומט אַהין אַמאָל אַריין; און דאָס האַרץ ווערט דערקוויקט מיט אַן אמת'ער ערנסטער אידישער תפלה אָדער פון אַ דבר תורה. דאַן הייסט מען נאָך אַלץ אַ איד, וואָס לעבט מיט דעמזעלבען גייסט פון זיינע עלטערען און אורעלטערען. ווען אָבער אַ איד פאַרלאָזט די אמת'ע פרומע שוהל און זוכט פאַר זיך אויס נייע במות, מיט נייע קלינגענדע נעמען און מיט נייע פאַרשיידענע פאַר־שטעהער וואָס פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דעם עכטען היימישען רב, — אַזאַ איד איז פאַררעכענט פאַר אַ נייע פלאַנצונג אין דעם אַמעריקאַנער

אידענטום און ער איז חייב פאר דעם אונטערגאנג פון דעם עכטען רע־ליגיעזען לעבען אין דעם לאנד.

איהר מעגט זיך אמת משמח זיין מיט דעם חנוכת הבית פון אייער פראכטפאלער שוהל, ווייל דא וועט דער בית המדרש שטעהן העכער פאר דעם בית הכנסת; ווארים די מעהרסטע וועלכע האבען די שוהל געבויט, זיינען פון די יעניגע, וואס זייערע שרשים ציהען נאך די יניקה פון דער אלטער היים, פון די יעניגע וועלכע געדענקען גאנץ שטארק די גרויסע שוהלען, וואס מיר האבען פארמאגט אין אנדערע לענדער, וואו תורה און עבודה האבען פארנומען דעם אויבען־אן. און דעמזעלבען גייסט געהט איהר פארפלאנצען אין דער נייער וועלט דורך דעם דאזיגען שעהנעם בית הכנסת, וואו חברה ש״ס וועלען לערנען א בלאט גמרא, און חברה משניות וועלען לערנען א פרק יעדען טאג, און פון וואנען עס וועט אויך קומען שטיצע פאר אלע מקומות התורה. און דעריבער באגרים איך אייך פון מיין טיפען הארצען און איך ווינש אייך מזל טוב. עס זאל מקוים ווערען דער ברוך אתה בבואך — על תנאי בבואך לבתי כנסיות ולבתי מדרשות, וברוך אתה בצאתך — מבתי כנסיות ומבתי מדרשות (מ״ת כי תבא) — געבענשט זאלט איהר זיין אין אייער אריינ־קומען אין דעם נייעם לאנד — אבער מיט דעם תנאי, אז די מזל־ברכה זאל אייך ניט פארטרייבען פון דעם מקום קדוש, נאר פארקעהרט, טראץ דער הצלחה וועט איהר אין די שוהלען קומען. און געבענשט וועט איהר דאן זיין איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, ווען איהר וועט ארויסגעהן פון דער וועלט. אייער ארויסגעהן וועט זיין פון דער שוהל — פון דעם מקום קדוש.

און איך ענדיג מיט דער ברכה יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. — אמן! אמן!

# נעל בפניה כראוי
## לחנוכת הבית של ת״ת או ישיבה

הכונס צאן לדיר ונעל בפניה כראוי, ויצאה והזיקה פטור, לא נעל בפניה כראוי ויצאה והזיקה חייב, נפרצה בלילה או שפרצוה לסטים ויצאה והזיקה פטור, הניחה בחמה או שמסרה לחרש שוטה וקטן ויצאה והזיקה חייב.
(ב״ק, נ״ה).

דאָס גרעסטע פּראָבלעם יעצט אין דעם לאַנד און אויך אין אַנדערע ציוויליזירטע לענדער איז די אַנגעוועהטאַגטע פראַגע — די יוגענד.

טאָג-איין, טאָג-אויס ווערט מען אויפגעשוידערט לעזענדיג די נייעס פון רויב און מערדערייען, וואָס ווערען באַגאַנגען אין די צעהנדליגער, און דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין די הויפּט-גאַסען, וואו עס שוויבעלט מיט מענשען; און די מעהרסטע האָלד-אַפּניקעס זיינען יונגע בחורים און מיידלאַך נאָך פאַר צוואַנציג יאָהר.

אַלע ריידען און דרש'ענען און שרייבען איבער דעם. איינִיגע וואַרפען די שולד אויף די לייכטע געזעצען אין באַצוג צו דער שטראָף, וואָס מען גיט פאַרברעכער. נאָך זייער מיינונג, דאַרף מען שאַפען אינקוויזיציע-שטראָפען פאַר יעדען איינציגען וואָס ווערט געכאַפּט פאַר מאָרד און רויב. דאָס וועט אָפּשרעקען די יוגענד, אַז זיי זאָלען אין אַזעלכע ריזיקאַלישע וועגען ניט געהן. אַנדערע וואַרפען די שולד אויף דער פּאָליציי. זיי זיינען ניט גענוג ענערגיש צו כאַפּען די פאַרברעכער און ברענגען זיי צו גערעכטיגקייט. נאָך אַנדערע פאַרטיידיגען די פּאָליציי און וואַרפען די שולד אויף די שטאָט-באַאמטע, וועלכע פאַרזאָרגען ניט גענוג פּאָליציי-לייט, וואָס זאָלען זיך געפינען אין די גאַסען, כדי די מערדער און רויבער זאָלען ניט טוען זייערע געפעהרליכע פאַרברעכענס אין דער עפענטליכקייט און אַנטלויפען פריי ווי די פייגעלאַך...

מען האָט שוין אָנגענומען די אַלע מיטלען. ספּעציעלע שטרענגע געזעצען זיינען אָנגענומען געוואָרען. מעהר פּאָליציי איז צוגעגעבען געוואָרען, און די פאַרשיידענע שטאָט-היטער כאַפּען אַלע טאָג רויבער און מערדער אין די גאַסען. פילע פון זיי באַצאָלען מיט'ן לעבען אויף

דעם עלעקטריק טשעיר און אויף דער תליה. אבער דאס אלץ שרעקט ניט אפ די פארברעכער, און יעדען טאג ווערען באגאנגען נייע ווילדע מערדערייען און רויבערייען אין די גאסען. און אלע געהען ארום ווי צוטומעלט און מען ווייסט ניט ווי אויסצוראטען די דאזיגע געפעהר־ליכע פלאג...

מיר האבען א ספעציעלע פרשה אין דער תורה, וועלכע פארנעמט זיך מיט דעם בן סורר ומורה — דער יעניגער, וואס איננו שמע בקול אביו ובקול אמו, ויסרו אותו ולא ישמע אליהם — ער הערט ניט וואס פאטער און מוטער זאגען, און אפילו ווען זיי שטראפען איהם, פאלגט ער ניט, און טוט ווייטער וואס זיין הארץ גלוסט.

די הויפט־אורזאך פון וואנען עס נעהמען זיך אזעלכע בן סורר ומורה׳ס איז, וואס זיי לאזען זיך אריין אין א לעבען פון וואוילטאג און פאר־געניגען. זיי האבע פאר זיך ניט די אויסרעכענונג פון תכלית החיים. זיי לעבען נאר צוליב דעם לעבען זעלבסט. און דעריבער ווילען זיי געניסען פון דעם לעבענס־בעכער מיט דער פולער האנט. „בן סורר ומורה אינו חייב עד שיגנוב ויאכל תרטימר בשר וישתה חצי לוג יין שנאמר זולל וסובא ואע״פ שאין ראי׳ לדבר זכר לדבר שנאמר (משלי כ״ג) אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר למו״ (סנהדרין ע׳. ורש״י שם).

ווען מען לאזט זיך אריין אין א לעבען פון זויפען, טרינקען און פרעסען — קוים קען מען דאס אלעס ניט דערגרייכען אויף דעם ארענט־ליכען וועג, זוכט מען עס צו קריגען דורך פארשיידענע פארברעכערישע מעשים. „סוף שמכלה ממון אביו ומבקש לימודו ואינו מוצא ועומד בפרשת דרכים ומלסטם את הבריות״ (רש״י שם) — דאס שלעכטע קינד פארניכטעט און פטר׳ט אויף הולטאיסטווא זיין פאטער׳ס פארמעגען, און דאן ווען ער זוכט ווייטער צו לעבען א טאג און ער האט ניט מיט וואס, געהט ער אין די גאסען און בארויבט מענשען און באגעהט די גרעסטע פארברעכענס.

א בן סורר ומורה קומט ניט פלוצלונג, אהן קיין אורזאכען. עס זיינען דא געוויסע סבות, וועלכע ברענגען מיט, אז עס זאלען אויסוואקסען אזעלכע קינדער, וואס הערען ניט צו פאטער און מוטער און לאזען זיך אריין אין א לעבען פון שארלאטאנסטווא.

די אלע אורזאכען זיינען גאנץ קלאהר ארויסגעבראכט געווארען אין דער סדרה פון כי תצא. אמאל פלעגען שידוכים געשלאסען ווערען

זעהר פאַרזיכטיג און אין גרויס ערנסט. מען פלעגט נאָכזוכען צו נעהמען א טאָכטער פון יחוס, וואָס ממילא איז זי ערצויגען געוואָרען עכט אידיש און מיט שעהנע גוטע מדות. היינט אָבער שפּילט דאָס אויג די גרעסטע ראָלע. „וראית בשביה אשת יפת תואר" — ווי מען דערזעהט אַ יפת תואר, דאַן פאַנגט זיך אָן דער „וחשקת בה" — פאַרליבט מען זיך איבער די אויערען און מען וויל ניט הערען די עלטערענס מיינונג, גוט צי שלעכט, און מען איז מקיים דעם „ולקחת לך לאשה" — מען ווערט פאַרהייראַט אין אַ מזל'דיגער שעה...

נאָך דעם ווי דער יונגערמאַן איז מקיים דעם „והבאתה אל תוך ביתך" — ברענגט איהר אַריין אין אַ פּראַכטפאָלער היים פון „לייטעסט סטייל פּוירניטשור", פאַנגט זיך אָן דער „וגלחה את ראשה ועשתה את צפרניה" — אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צום באַרבער „באָבען" די האָר און אין ביוטי־פּאַרלאָר צו מאַניקיורען די נעגעל, און מען טרעפט זיך מיט קאָמפּאַניע און מען געהט שפּילען אַ קערטעל...

פון דעם קומט אַרויס מחלוקת. מען לויפט אין די פאַרשיידענע קאָורטס, מען וואַרפט שמוץ איינע אויף די אַנדערע, און די צייטונגען פרעגלען זיך פון סענסיישאָן־נחת. און דערפון נעמט זיך דער „כי תהיינה לאיש שתי נשים האחת אהובה והאחת שנואה" — עס פאַנגט זיך אָן דאָס אמת'ע אויסגעלאַסענע לעבען. אנשטאָט איין פרוי האָט מען פילע פון זיי און מען זינקט עד שאול תחתיה...

פון אַזאַ לעבען איז דאָך קיין וואונדער ניט „כי יהיה לאיש בן סורר ומורה" — אַז דאָס קינד, וואָס זיי האָבען געבראַכט אויף דער וועלט, וואַקסט אויס אַ פאַרברעכער און אַ הולטאַי. זיינע עלטערען זעלבסט האָבען דאָך פאַר איהם דעם וועג אויסגעטראָטען. דער זוהן וואַקסט אַלזאָ אויס אַ קרימינעלער פאַרברעכער. און דער סוף איז „וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת" — ער באַצאָלט מיט זיין לעבען אויף דעם עלעקטריק טשער אָדער אויף דער תליה.

דעריבער איז עס אַ הייליגע פליכט ביי דער יעצטיגער צייט צו בויען ריכטיגע ערציהונגס־אנשטאַלטען, וואו די הייליגע תורה און איהרע מצות זאָלען געלערענט ווערען; וואו מ'לערענט דעם מענשען מדות, יושר און צדק. און קינדער, וועלכע האָבען געקראָגען אַ גוטע ערצי־הונג אין אַ תלמוד תורה און ישיבה, וועלען ניט אויסוואַקסען קיין בנים סוררים ומורים. „לא תראה את שור אחיך או את שיו נדחים

והתעלמת מהם" — דו טאָרסט ניט צוקוקען ווי דער אָקס און דאָס שעפּסעלע פון דיין ברודער ווערען פארשטויסען אין שאול תחתיה, און זיך מאַכען ניט זעהענדיג און זאָגען „וואָס אַרט עס מיך, עס איז דאָך ניט מיינס"; „השב תשיבם לאחיך" — ניין! עס ליגט אויף דיר דער חוב צו לערנען דאָס קינד און אַזוי אַרום אומקעהרען איהם צו זיינע ברידער און צו זיין פאָלק.

אין אַלע צייטען האָבען זיך מוטער און פאָטער איינגעטיילט אין דער ערציהונג פון זייערע קינדער. די מוטער האָט אַכטונג געגעבען אויף די קערפּערס פון די קינדער, זיי זאָלען זיין זאַט און באַקליידט; דער פאָטער פלעגט אַכטונג געבען אויף דעם קינד'ס נשמה, פאַרזאָרגען דאָס קינד מיט אַ גוטען רבי'ן און חדר, פאַרהערען דאָס קינד יעדען שבת, נעהמען דאָס קינד אין שוהל. דעריבער זיינען מיר אַלע אויסגעוואקסען פאַלשטענדיגע אידען.

אַנדערש איז אָבער דאָ, אין דעם לאַנד פון דאָלאַר, וואו דער פאָטער זאָרגט זיך נאָר וועגען געלד און אַ לעבען צו מאַכען. דאָ האָבען זיך די עלטערען „פאַרביטען מיט די יוֹצרות": דער פאָטער געהט קויפען פאַר דעם קינד אַ סוט און אַנדערע הצטרכות, און די מוטער איז די יעניגע וואָס זוכט אַ מלמד און אַ תלמוד תורה פאַר דעם קינד; און ביי איהר שפּילט די ראָלע, אַז עס זאָל קאָסטען וואָס ביליגער און דאָס קינד וואָס ווינציגער מוטשען. דעריבער זאָגט די תורה „לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה" — עלטערען, פאַרבייט זיך ניט מיט אייער קליידונג און מיט אייערע ראָלעס... די תורה שטורעמט און שרייט: ווען דו טרעפסט אַ נעסט פון פייגעלאַך, „לא תקח האם על הבנים" — פאָטער! נעם ניט אויף די מוטער אַלס די גייסטיגע פיהרערין פון דיינע קינדער. „שלח תשלח את האם" — שיק אַוועק די מוטער צו איהרע פליכטען „ואת הבנים תקח לך" — און דיינע קינדער נעם מיט זיך אין שוהל און אין דער ישיבה.

„אל תראוני שאני שחרחורת" — דאָס אַמעריקאַנער אידענטום זאָגט: דאָס וואָס איך בין אין דעם לאַנד שוואַרץ געוואָרען און פאַרלאָרען מיין ריכטיג געשטאַלט, קומט פון דעם וואָס, „ששזפתני השמש" — די זון, דאָס רייכטום און פּראָספּעריטי פון לעבען האָבען מיטגעבראַכט, אַז „בני אמי נחרו בי" — דער מאַמעס קינדער ברענגען צו אַלע צרות. צוליב מיין געלט און רייכטום האָב איך פאַרנאַכלעסיגט די ערציהונג

פון מיינע קינדער און איך האָב דאָס איבערגעלאָזען פאַר דער מוטער; און דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז „שמוני נטרה את הכרמים וכרמי שלי לא נטרתי" — אַלע וויינגערטנער האָב איך געהיט און מיין אייגענעם וויינגאָרטען האָב איך פאַרנאַכלעסיגט.

אויב די אידישע שוהלען און בתי מדרשים זיינען אונזערע פעסטונ־גען, זיינען די תלמוד תורה'ס און ישיבות אונזערע קאַנאָנען, און די קינ־דערלאַך, די תלמידים, זיינען אונזערע אַרמייען. „כחצים ביד גבור כן בני הנעורים" — ווי די פיילען אין דער האַנט פון גבור, אַזוי איז די יוגענד אונזער אַמוניציע. און דעריבער קען קיין אומה ולשון אונז ניט באַזיגען.

אין דער צייט, ווען המן האָט אַרויסגעגעבען זיין גזירה „להשמיד ולהרוג את היהודים" — צו פאַרניכטען אַלע אידען פון שושן הבירה, איז מרדכי געלאָפען גלייך אין די חדרים, וואו די אידישע קינדער לערנען, און האָט געפרעגט יעדעס קינד וואָס ער האָט היינט געלערענט. יעדעס קינד באַזונדער האָט איהם געזאָגט אַ פסוק: „אל תירא מפחד פתאום... עצו עצה ותופר... וגם עד זקנה אני הוא..." — די קינדערלאַך האָבען מרדכי'ן אריינגעגעבען מוט צו באַקעמפען דעם שרעקליכען המן און זיי האָבען איהם געהייסען ניט שרעקען זיך פאַר קיינעם און אויך ניט פאַר די שלעכטע עצות, וואָס ווערען געזוכט געגען דעם אידישען פאָלק, ווייל דער אַלטער גאָט איז מיט אונז שטענדיג. מרדכי הערענדיג ווי די קינדערלאַך לערנען אין דער תורה, האָט ער זיך געפרעהט און איז געוועזען זיכער, אַז קוים האָט דאָס אידישע פאָלק אַזעלכע קינדער, דאַרף מען זיך ניט שרעקען פאַר קיין המנ'ס. (מ"ר אסתר ז').

„הכונס צאן לדיר ונעל בפניה כראוי ויצאה והזיקה פטור" — אויב איינער ברענגט אַריין זיינע שעפּסען אין אַ ריכטיג פאַרצאַמטען פלאַץ און ער האָט ריכטיג פאַרשלאָסען, און טראָץ דעם איז אַ שעפּס אַרויס־געגאַנגען פון שטאַל און האָט געטאָן שאָדען, איז דער בעל הבית פטור, וואָרים וואָס נאָך האָט ער געקענט טאָן? דאָסזעלבע איז מיט די קינדער (די אידען זיינען פיעל מאָל צוגעגליכען געוואָרען צו שעפּסען: „ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה"), ווען די עלטערען האָבען אין דער יוגענד גוט מחנך געווען, גענומען פאַר זיי די בעסטע מלמדים, זיי געשיקט אין די גרעסטע ישיבות. עס טרעפט דאָך, אַז טראָץ דעם אַלעמען איז דאָס קינד אַרויס לתרבות רעה און האָט מזיק געווען מיט

זיין שלעכטער אויפפיהרונג זיינע עלטערען און אויך דעם אידישען פאָלק — אין אזא פאַל איז דער פאָטער פטור, ווייל ער האָט מעהר ניט געקענט טאָן. ער האָט דאָך דאָס קינד ריכטיג פאַרצאַמט און אָויפגעהאַנגען א גוטען שלאָס. דאָס איז די שולד פונ'ם קינד און ניט פון די עלטערען.

„לא נעל בפניה כראוי ויצאה והזיקה חייב" — ווי איז אָבער, אַז די עלטערען האָבען זייער קינד ניט מחנך געווען ווי עס דאַרף צו זיין, און דאָס קינד איז אַרוים לתרבות רעה? אין דעם פאַל זיינען די עלטערען שולדיג אין אַלע פאַרברעכענס פון זייער קינד.

„נפרצה בלילה או שפרצוה לסטים ויצאה והזיקה פטור" — ווען אָבער די עלטערען האָבען אַלעס געטאָן, נאָר אין דער פינסטערער נאַכט פון גלות אָדער סתם צוליב רויבער און שלעכטער קאָמפּאַניע איז דאָס קינד פאַרפיהרט געוואָרען אויף שלעכטע וועגען — אויך אין דעם פאַל איז דער פאָטער ניט שולדיג — ער האָט געטאָן אַלעס, וואָס איז געווען אין זיין מאַכט צו טאָן.

„הניחה בחמה או שמסרה לחרש שוטה וקטן ויצאה והזיקה חייב" — ווען אָבער די עלטערען האָבען איבערגעלאָזען זייערע קינדער אויף הפקר, און די קינדער וואַלגערען זיך גאַנצע טעג אין די גאַסען אונטער דער ברענענדיגער זון, און מען שיקט זיי גאָר ניט אין קיין תלמוד תורה אָדער ישיבה, אָדער מען האָט איבערגעגעבען די קינדער צו לערנען ביי אַן אומפעהיגען מלמד, וועלכער שמאַיעט אַרום מיט א סדור אין האַנד, אָבער זיין חנוך איז גאָרניט ווערט, ווייל די מעהרסטע פון אַזעלכע לעהרער זיינען פון דער קאַטעגאָריע חרש שוטה וקטן, — אויב די קינדער זיינען ערצויגען געוואָרען אין אַזא סאָרט וועג און נאָך דעם זיינען די דאָזיגע בנים משחיתים אַרוים און האָבען מזיק געווען, זיינען די עלטערען די שולדיגע און זיי זיינען חייב פאַר אַלע פאַרברעכענס פון זייערע קינדער.

די היינטיגע שמחה פון דעם חנוכת הבית פון אַזא שעהנער, פּראַכט־פאָלער געביידע פאַר א תלמוד תורה און ישיבה איז אַן אמת'ע פרייד פאַר אַלעמען, וועלכע באַגרייפען ווי ווייט נויטיג עס איז צו האָבען אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס מעהר, ווייל אין אַזא פּלאַץ וועלען די שעפּסעלאַך ריכטיג איינגעשלאָסען ווערען צו האַלטען זיך אין די ראַמען פון דער תורה הקדושה. און מיר האָפען, אַז ווען די קינדער וועלען פון דאַנען אַרויס, וועלען זיי קיינעם ניט מזיק זיין; פאַרקעהרט, זיי וועלען

דער וועלט פיל גוטעס ברענגען. זיי וועלען זיין די יעניגע, וועלכע וועלען פיהרען ווייטער דעם אידישען וואגען אין דער צוקונפט; זיי וועלען איבערנעהמען די טייערע ירושה פון אונזערע אבות און וועלען דאס איבערגעבען צו זייערע קינדער; זיי וועלען זיין דער אוואנגארד פון אונזער פאלק אין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ, סיי אין גלות און סיי אין ארץ ישראל...

יעדער איינער דארף היינט זיין פון די גליקליכע און העלפען אונטערשפארען דעם עץ חיים — די תורה הקדושה. „עץ חיים היא למחזיקים בה" — די תורה גיט לעבען צו אלע די יעניגע וואס האלטען זיך אן איהר; „ותומכיה מאושר" — און די יעניגע, וועלכע שפארען אונטער דעם עץ החיים, די יעניגע וועלכע זעהען צו פארשטארקען די ישיבות און זיינען זיי מחזק, די זיינען פון די אמת'ע גליקליכע, ווייל זיי טוען מיט דעם איינעם פון די גרעסטע טאטען אין זייער לעבען.

עס ליגט א הייליגע פליכט אויף די פיהרער פון דער דאזיגער אינסטיטוציע צו זעהן, אז יעדע מינוט, וואס די קינדער וועלען דא פארברענגען, זאלען זיי וואקסע אין תורה און אין אלע למודים; די צייט זאל ניט פארניצט ווערען אויף נארישקייטען, ווייל די היגע קינדער האלטען זיך ניט לאנג אין די בתי חנוך; זיי פארלאזען די תלמוד-תורה'ס גלייך ווי זיי ווערען גרויס. דעריבער איז זעהר וויכטיג צו לערנען מיט זיי וואס מעהר אין דעם ביסעל צייט, וואס זיי פארברענגען דא. און די הויפט-זאך איז איינצופלאנצען אין די הערצער פון די תלמידים און תלמידות אמת'ע יראת שמים, לערנען זיי די מצות המעשיות, איינפלאנצען אין זיי די מדה פון מסירות נפש פאר אלע קדשי האומה. דאן וועט זיין דער הייליגער בנין לשם ולתהילה ולתפארת; און די נעמען פון די, וועלכע האבען געבויט אזא בנין, וועלען פארשריבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין דער אידישער געשיכטע פון אמעריקא. און עס וועט מקוים ווערען דער „וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך" — ווען אלע דיינע קינדער וועלען לערנען די גאטהייט, דאן וועלען זיי אויסוואקסען אין שלום און אין נחת. זיי וועלען חם ושלום די עלטערען און דעם אידישען פאלק קיין שמערצען און אומ'כבוד ניט פארשאפען.

איך ווינש אייך מזל טוב און איך זאג — זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו! — אמן!

# ימי הזקנה
## לחנוכת הבית של מושב זקנים

„ואברהם זקן" א"ר יהושע בר נחמני מפני ד' דברים הזקנה קופצת על אדם, מפני היראה, ומפני כעס בנים, ומפני אשה רעה, ומפני המלחמות, מפני היראה מדוד... מפני כעס בנים מעלי... מפני המלחמות מיהושע... מפני אשה רעה משלמה... אבל אברהם אשתו מכבדתו וקוראתו אדוני שנא' ואדוני זקן, ועליה נאמר אשת חיל עטרת בעלה... לפיכך כתיב ביה וה' ברך את אברהם בכל.

(מ"ת, חיי שרה ב').

די מעהרסטע מענשען בעטען גאָט אויף אריכות ימים — לאַנג לעבען. די תורה זאָגט צו פאַר פילע מצות דעם שכר פון והארכת ימים. אָבער פאַר פיעלע איז די דאָזיגע ברכה אַ שרעקליכע קללה. ווען די הויכע עלטער קומט, זעהען זיי זיך אַרום ווי ווייט עלענד און הילפלאָז זיי זיינען. זייערע כחות האָבען זיי פאַרלאָרען אויף אַלעם וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט אין זייער לעבען; זייער פאַרמעגען איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם ווינט. די איינציגע האָפענונג איז זיי פאַרבליבען — אויף זייערע קינדער. אויב זיי זיינען גוטהערציגע, לעבט מען דורך ווי עס איז די עלטער; זיינען זיי אָבער שלעכט און אפילו אויף אייגענע טאַטע-מאַמע האָבען זיי ניט קיין רחמנות, דאַן איז די עלטער די אומגליקליכסטע יאָהרען, וואָס אַ מענש מאַכט דורך אויף דער וועלט. דעררייבער זאָגט שלמה המלך: „עד אשר לא יבואו ימי הרעה והגיעו שנים אשר תאמר אין-לי בהם חפץ" (קהלת י"ב א') — פאַרזאָרג זיך, מענש מיט אַלעם אין דער יוגענד, איידער עס קומען אָן די שלעכטע טעג און יאָהרען, ווען דו וועסט זאָגען: איך וויל זיי ניט קענען...

דוד המלך, דער יעניגער וועלכער האָט זיך ניט אָנגעשראָקען פאַר די גרעסטע מלכים און מעכטיגסטע פעלקער, אָט דער דוד שרעקט זיך זעהר פאַר דער עלטער און ער בעט זיך ביי גאָט: „אל תשליכני לעת זקנה ככלות כחי אל תעזבני" — פאַרוואַרף מיך ניט, גאָט, אין דער צייט, ווען די כחות פאַרלאָזען מיך און די עלטער קומט; „וגם עד זקנה ושיבה אלקים אל תעזבני"... (תהלים ע"א).

דער גרויסער ר׳ יהושע בן חנניה, דער יעניגער, וואָס האָט געפיהרט די גרעסטע וכוחים, אום צו פאַרטיידיגען די תורה געגען איהרע פאַר־לוימדער, ווען ער ווערט אַלט, און דער קיסר פרעגט איהם: „מ״ט לא אתית לבי אבידן? — פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צו דעם וכוח פון די צדוקים און בייתוסים? האָט ר׳ יהושע געענטפערט: „טור תלג, סחרוני גלידין, כלבוהי לא נבחין, טחנוהי לא טוחנין״ (שבת קי״ב) — דער באַרג איז געוואָרען שניי — די האָר פון קאָפּ זיינען געוואָרען גרוי און ווייס ווי שניי, אַרום דעם באַרג איז געוואָרען אייז — די באָרד און די וואָנצען זיינען אויךּ־ווייס געוואָרען... די הינט בילען ניט — מיין שטימע איז שוין שווער צו הערען, און מיינע ציין מאָלען שוין ניט... מיין ליבער קיסר! — זאָגט ר׳ יהושע — עס איז שוין געקומען די הויכע עלטער, און מען קען שוין ניט קומען אין אַלע פלעצער; ווער שמועסט נאָךּ אָנפיהרען וכוחים מיט צדוקים און בייתוסים... מיט איין וואָרט, די עלטער צו־ברעכט אפילו אַזאַ גבור ווי דוד און אַזאַ געלערענטען ווי ר׳ יהושע בן חנניה...

וויפיל פרייד פאַרשאַפט פאָטער און מוטער, ווען זיי דערזעהן ביי זייער קינד אַ ציינדעלע... די פרוי לויפט באַגעגענען איהר מאַן, אום אָנ־זאָגען איהם די גרויסע בשורה, אַז זייער קינד, זייער ליבלינג האָט שוין מיט מזל געקראָגען אַ ציינדעלע. און ווען דאָס קינד פאַנגט אָן געהן אויף זיינע פיס, דאַן זיינען די עלטערען די גליקליכסטע אויף דער וועלט...

דאָס אַלעס ווערט אויף דער עלטער פאַרוואַנדעלט אין אומגליק. די שנור קלאָגט זיךּ, אַז איהר שוויגער־פאָטער עסט צופיל און זיינע ציין דינען איהם נאָךּ צו גוט. און ווען דער אַלטער געהט, קלאָגט זי זיךּ, אַז „ער קריכט נאָךּ אויף זיינע פיס״... „דער אַלטער רעדט צו פיל און מישט זיךּ אין אַלעס״... „ינקותא כלילא דוורדא סבותא כלילא דחילפא״ (שם) — די זאַכען וואָס אין דער יוגענד זיינען זיי פאַררעכענט פאַר אַ קרוין פון בלומען און בשמים, ווערען פאַרביטען אין דער הויכער עלטער צו אַ קרוין פון דערנער...

אַן אַלטער מוטער איז נאָךּ ניט אַזוי שלעכט ווי אַן אַלטען פאָטער. די טאָכטער און שנור באַנוצען זיךּ מיט זייער מוטער און שוויגער. זי ניאַנטשעט די קינדער, זי העלפט אַרבייטען אין הויז, זי געהט אין גאַס איינקויפען — זי פאַרדינט כשר איהר עסען און טרינקען. אָבער אַן אַלטער פאָטער, וואָס קען דאָס אַלץ ניט טאָן, איהם איז זעהר ביטער

און פינסטער זיין לעבען. יעדען טאג הייסט מען איהם מופען פון הויז, ער איז צו גרויס ביי אלעמען אין די אויגען. „מאי שנא נקבה דכי מיזקנא קיימא אתילתא ומאי שנא זכר דלא קאי אתילתא? אמר חזקיה אמרי אינשי סבא בביתא פאחא בביתא סבתא בביתא סימא בביתא" (ערכין י"ט) — פארוואס איז עס אז א נקבה ווערט אלט אריבער זעכציג יאהר, בלייבט זי אין איהר שאצונג א דריטעל די ווערט פון איהר יוגענד: אין דער יוגענד — דרייסיג שקלים און אויף דער עלטער — צעהן שקלים; און אז א זכר ווערט אלט אריבער זעכציג יאהר, בלייבט ניט זיין אפשאצונג אויף א דריטעל די ווערט ווי אין זיין יוגענד: אין דער יוגענד — פופציג שקלים און אויף דער עלטער מעהר ניט ווי פופצעהן שקלים? האט חזקיה גענאגט: דער שכל איז דער, ווייל אן „אלטער" אין הויז איז א בראך, א צרה, און דעריבער פאלט זיין ווערט... אבער אן „אלטע" איז אן אוצר אין הויז: „מטמון שיכולה לטרוח ולעשות מלאכה בזקנותה" (רש"י שם) — זי קען דאך אלעס טאן אין הויז...

אויסגעדינטע סאלדאטען, וועלכע האבען לאנג געטריי געדינט דער רעגירונג, קריגען א פענסיע אויף דער עלטער. זיי זיינען בארעכטיגט אויף די עלטערע יאהרען זיך אויסצורוהען פון די שווערע ארבייטען, וואס זיי האבען געטאן אין דער פארגאנגענהייט. דאסזעלבע איז מיט אלע אונזערע זקנים און זקנות, וועלכע זיינען אויך געווען געטרייע סאלדאטען צו דער אלגעמיינער מענשהייט און זיי האבען בארייכערט די וועלט מיט זייער ארבייט און וויסענשאפט. זיי זיינען בארעכטיגט, אז די אלגעמיינע מענשהייט זאל זיי שטעלען אונטער א פענסיע, אז אויף דער עלטער, ווען זיי האבען ניט קיין אייגענע היים און די קינדער ווילען פון זיי ניט וויסען, זאלען מיר זיי פארזארגען מיט שעהנע היימען, וואו זיי זאלען געפינען רוה, א בעט צום שלאפען, א טיש צום עסען און א שוהל צום דאווענען און אויך אלע הצטרכות'ן וואס זיי ברויכען.

פיער זאכען ברענגען אויף דעם מענשען אלטקייט פאר דער צייט — „מפני ד' דברים הזקנה קופצת על אדם": מפני היראה — שרעק און זארג, וואס א מענש דארף אזוי פיל דורכמאכען פון וויגעלע ביז'ן קבר, וואס אונזער דוד האט זיי אזוי פלייסיג דורכגעטראגען און צום סוף — ודוד זקן — דוד איז אלט געווארען.

„מפני כעס בנים" — מען ווערט אלט און גרוי פאר דער צייט פון קינדער. וויפיל שמערצען און יסורים פארשאפען זיי די עלטערן, ביז

וואַנען מען מאַכט זיי פאַר מענשען! ווערען זיי אָבער זעלבסטשטענדיג, פאַרגעסען זיי אַן זייערע ליבסטע און טייערסטע, און די עלטערען בלייבען עלענד און זייער זאָרג און צער איז אין לשער. און ווען די קינדער פיהרען זיך אויף ניט אנשטענדיג, דאַן פאַרשוואַרצען זיי איינגאַנצען די עלטערענס פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט, און די עלטערען געהען אַרום צובראָכען און געהען פריהצייטיג אין קבר. „ועלי זקן מאד" — עלי, דער נביא, ווערט זעהר אַלט, ושמע את כל אשר יעשון בניו לכל ישראל" — ווייל ער הערט, אַז זיינע קינדער טוען ניט ווי עס דאַרף צו זיין צו די אידען...

„מפני המלחמות" — אויך פון פיהרען מלחמות אין לעבען ווערט מען אַלט. די מלחמת החיים איז אויף אַלע געביטען זעהר שווער. די פרנסה נעמט אַוועק ביי דעם מענשען געזונד און ענערגיע. מען מוז צוליב דעם שפּרייזען איבער ימים און מדבריות, מען מוז דעם אייגענעם לעבען איינשטעלען אין סכנה. „בנפשו יביא לחמו" — איז אַן אַלטער קלאָג. און דאָס האָט דורכגעמאַכט יהושע, ווען ער האָט געקעמפּט מיט איין און דרייסיג מלכים. און צם סוף — „ויהושע זקן בא בימים"... (יהושע כ"ג).

„ומפני אשה רעה" — אַמאָל קומט די עלטער פאַר דער צייט צוליב פאַמיליען-לעבען. פיל מענשען געהען אַרום אַלט און צובראָכען, ווייל זיי האָבען קיינמאָל קיין מנוחה ניט געהאַט אין זייער היים. זייער הויז איז געווען זייער גיהנם. קריג און קללות איז געווען זייער פריהשטיק און אויך זייער אָווענד-ברויט. די פרוי, די ניט-ריכטיגע באַשערטע, האָט זייער קאָפּ פאַרדרעהט און זיי זיינען פון דעם דרך הישר אַרונטער; און היינט זיינען זיי אַלט און צובראָכען. „ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו" — אויף דער עלטער האָבען די פרויען דעם מעכטיגען שלמה אָפּגענייגט זיין האַרץ... און דורך דעם איז שלמה אַרומגעגאַנגען אַ צובראָכענער און האָט פאַר אַלעמען זיך פאַרגעשטעלט: „אני קהלת הייתי מלך בירושלים"... און האָט אַרויסגעזאָגט: „הבל הבלים הכל הבל"...

אָט פאַר די אַלע אַלטע צובראָכענע, וועלכע קומען פון די פאַרשיידענע שלאַכט-פעלדער, מוזען מיר שאַפען אַ היים, וואו אויף די עלטערע יאָהרען זאָלען זיי געפינען מנוחה פאַר זייערע קערפּערליכע ליידען, און אויך אַ רוה-פּלאַץ פאַר זייער נשמה, זיי זאָלען אין די לעצטע

יאָהרען קענען מתקן זיין אַלעס וואָס זיי האָבען געטאָן אין דער פאַר־גאַנגענהייט, אום צו קומען פאַר גאָט הייליג און ריין...

„ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל״ — אברהם האָט זוכה געווען צו אַ גליקליכער עלטער. ער איז ניט אַלט געוואָרען פאַר דער צייט. ער האָט ניט געדאַרפט אָנקומען אויף דער עלטער צו קינדער; פאַרקעהרט, ער האָט זיינע קינדער רייך געמאַכט און זיי גוט פאַרהייראַט. זיין פרוי, שרה, איז געווען זיין אמת׳ע לעבענס־באַגלייטערין, און אין אַלע מלחמות פון לעבען איז ער אַרוים דער זיגער.

צו דעם אַלעם האָט אברהם זוכה געווען, ווייל ער איז געווען אַ בעל־צדקה און אַ גוטהערציגער. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם יתום, דעם אַלטען עלענדען, דעם קראַנקען. זיין הויז איז געווען אָפען פאַר אַלעמען צו עסען און צו טרינקען. „עטרת תפארת שיבה בדרך צדקה תמצא״ (משלי ט״ז) „ממי אתה למד? מאברהם שכתוב בו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט זכה לזקנה ואברהם זקן בא בימים״ (ב״ר נ״ט) — ווייל מען זוכה זיין צו אַ שעהנער קרוין פון אַלטקייט, דאַן זאָל מען געבען צדקה. דאָס לערנען מיר אָפּ פון אברהם׳ען: ווייל ער האָט גע־געבען צדקה און געטאָן משפט, האָט ער זוכה געווען צו דעם „בא בימים״...

דער מושב זקנים, וועמענס חנוכת הבית מיר פייערען היינט, וועט פאַרזיסען דאָס לעבען פון הונדערטער אַלטע, עלענדע מענשען, וואָרים זיי וועלען דאָ געפינען אַ ריכטיגע היים און איבערהויפּט — אמת׳ע צערטליכקייט. די וועלכע וועלען נעהמען אויפזיכט אויף די זקנים און זקנות, וועלען געווים באַגרייפען די טראַגעדיע פון די דאָזיגע מענשען, וועלכע דאַרפען אויף דער עלטער זוכען אַ מנוחה־אָרט און זיי זיינען אַזוי הילפלאָז פונקט ווי קליינע קינדער — „כדהוינא זוטרא לגברי השתא דקשישנא לדרדקא״ (ב״ק צ״ב).

איהר אַלע, ווירדיגע באַאַמטע און מעמבערס, וועלכע האָבען אַזוי פיל געלט בייגעשטייערט פאַר אַזאַ פּראַכטפול הויז אויסצובויען, און אויך וועלכע גיבען זייערע נדבות מיט ליבשאַפט אויסצוהאַלטען די זקנים מיט אַלעם נויטיגען, איהר וועט קריגען אברהם׳ס ברכות, דעם „וה׳ ברך את אברהם בכל״ — דער אַלמעכטיגער גאָט וועט אייך בענשען מיט אריכות ימים וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַר אייך. איהר האָט זיך דאָס פאַרדינט — מדה כנגד מדה — פאַר דעם זכות וואָס איהר זוכט צו העלפען דעם אַלטען און צובראָכענעם. — אָמן! אָמן!

# אבי יתומים

## לחנוכת בית היתומים

אלה בני בתיה בת פרעה (ד"ה א' ד') ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר לה הקב"ה לבתיה בת פרעה, משה לא היה בנך וקראתו בנך, אף את לא את בתי ואני קורא אותך בתי, שנא' ואלה בני בתיה — בת־יה... אמר לו הקב"ה למשה חייך מכל שמות שנקרא לך איני קורא אותך אלא בשם שקראתך בתיה בת פרעה — ותקרא שמו משה — ויקרא אל משה.

(מ"ר ויקרא פ"א ג').

גאָט וועלכער האָט די גרויסע און שעהנע וועלט באַשאַפען און איז איהר מנהיג, האָט זיין נאָמען „פאָטער" צו קיין זאַך געגעבען, אויסער צו דעם עלענדען קינד, פון וועמען די עלטערען זיינען אוועקגעריסען געוואָרען. גאָט איז דער אמת'ער אבי יתומים (תהלים ס"ח). מיט די שטרענגסטע ווערטער זאָגט גאָט אין זיין תורה: „כל אלמנה ויתום לא תענון, אם ענה תענה אתו כי אם צעק יצעק אלי, שמע אשמע צעקתו, וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתומים" (שמות כ"ב) — קיין אלמנה און יתומים זאָלט איהר ניט פּייניגען. אויב איהר וועט מיין אָנזאָג ניט היטען, און דער יתום וועט יאָ געפּייניגט ווערען און ער וועט שרייען צו מיר פאַר הילף, וועל איך צוהערען זיינע געשרייען און איהר וועט קריגען דעם שרעקליכען פּסק — אַ שווערד וועט קומען אויף אייך און וועט אייך טויטען, און אייערע פרויען וועלען פאַרבלייבען אלמנות און די קינדער אייערע — יתומים...

ביי קיין אַנדערע עלענדע און אונטערדריקטע זאָגט ניט די תורה אַזעלכע האַרבע ווערטער און שטראָף־רייד ווי ביי דעם יתום, ווייל זיין טראַגעדיע איז די שרעקליכסטע: דער יתום איז מורא'דיג געשטראָפט געוואָרען פון גאָט — ער האָט זיין פאָטער אָדער מוטער אָדער ביידען פון איהם אַוועקגענומען. דעריבער ווען איינער קומט נאָך און פּייניגט דעם יתום קערפּערליך אָדער גייסטיג, איז זיין פאַרברעכען אין לשער, און זיין שטראָף איז גרויס.

אַז דוד וויל שעלטען זיינע ערגסטע שונאים אין לעבען, ווינשט ער זיי די שרעקליכע קללה: „יהיו ימיו מעטים פקדתו יקח אחר" — זיינע טעג און יאָהרען זאָלען זיין געצעהלטע און זיין פאַרמעגען זאָלען אַנדערע

אוועקנעהמען; „יהיו בניו יתומים ואשתו אלמנה, ונוע ינועו בניו ושאלו ודרשו מחרבותיהם" (תהלים ק"ט) — און זיינע קינדער זאָלען פאַר־בלייבען יתומים און זיין פרוי אַן אלמנה, און די קינדער זאָלען דאַרפען אַרומוואַגלען פון אָרט צו אָרט און בעטלען אַ שטיקעל ברויט...

נאָך דעם גרויסען עונש וואָס מען קריגט פאַר פייניגען און ניט העלפען דעם יתום, פאַרשטעהען מיר דעם גרויסען שכר וואָס עס קומט, ווען מען העלפט יאָ דעם יתום און מען ברענגט אַריין טרייסט און האָפע־נונג אין זיין פינסטערען לעבען. „אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת" (תהלים ק"ו) — גליקליך זיינען די יעניגע, וואָס היטען משפט און טוען צדקה צו יעדער צייט. אויף דעם פרעגט דער תלמוד: „וכי אפשר לעשות צדקה בכל עת?" — ווי קען מען דאָס טאָן צדקה צו יעדער צייט? „רשב"ג אומר זה המגדל יתום ויתומה בתוך ביתו ומשיאן", דאָס קען געזאָגט ווערען נאָר וועגען דעם יעניגען, וועלכער האָדעוועט אַ יתום אָדער אַ יתומה ביז וואַנען ער פאַרהייראַט זיי — אַזאַ צדקה איז אַ שטענדיגע. אַזעלכע גוטע מענשען האָט דער יתום און יתומה צו פאַרדאַנקען וואָס זיי זיינען אויסגעוואַקסען פאָלשטענדיגע מענשען, צו גאָט און צו לייט; און פאַר יעדער מינוט פון זייער עקזיסטענץ דאַרף דער יתום און יתומה דאַנקבאַר זיין זייערע אויפזעהער און ערציהער. דעריבער איז אַזאַ צדקה און וואָהלטאַט שטענדיג און אייביג... (כתובות נ').

די פליכט צום יתום ענדיגט זיך נאָר דאַן, ווען ער ווערט פאָלשטענ־דיג געסעטעלט אין לעבען. ווען אפילו דער יתום איז שוין דערוואַקסען און ער געהט חתונה האָבען, איז אויך די פליכט פונ'ם פאָלק צו העלפען שאַפען אַ היים פאַר איהם און זיין פרוי — „יתום שבא לישא שוכרין לו בית מציעין לו מטה וכל כלי תשמישו ואח"כ משיאין לו אשה"... (כתובות ס"ז).

אָבער מיט דעם, וואָס מען טוט פאַר דעם יתום צו אַנטוויקלען איהם פיזיש און העלפען איהם מאַטעריעל, איז מען נאָך ניט יוצא. די הויפט זאַך איז דעם יתום גייסטיג גוט צו ערציהען. מען מוז דעם יתום לערנען די אידישע תורה און רעליגיע, מען מוז אין איהם איינפלאַנצע יראת שמים און אויך די מדות פון יושר און צדק. און דער גרעסטער פאַר־ברעכען איז פון די יעניגע „אָרפען אסיילומס", וועלכע ערציהען ניט די יתומים אין דעם אמת'ן אידישען וועג, אַז זיי זאָלען אויסוואַקסען

פאַלשטענדיגע אידען, נאָר זיי גיבען די יתומים טריפה און נבילה צו עסען. די גאַנצע אידישקייט, וואָס זיי לערנען די יתומים, באַשטעהט אין זאָגען שמע ישראל און אַ פרייער אינדערפריה און ביינאַכט, און דאָס נאָר אין דער ענגלישער שפּראַך. די קינדער וואַקסען אוים עמי־הארצים און זיינען פרעמד צו זייער פאָלק און צו זייער אייגענער הייליגער שפּראַך, העברעאיש. דעריבער זאָגען אונז די חז״ל: „כל המגדל יתום ויתומה בתוך ביתו כאלו ילדו״ (סנהדרין י״ט) — אַז נאָר די יעניגע (אינסיטושאַנס) וועלכע ערציהען דעם יתום און יתומה פּונקט ווי זיי, די יתומים, וואָלטען ערצויגען געוואָרען אין זייערע אייגענע עלטערענס היימען ווען זייערע עלטערען וואָלטען געלעבט, — אַזעלכע ערציהער און פּעדאַגאָגען זיינען די אמת׳ע גייסטיגע עלטערען פון די קינדער, און זיי זיינען פאַררעכענט פּונקט ווי זיי אַליין וואָלטען די קינדער אויף דער וועלט געבראַכט.

„אל תסג גבול עולם ובשדי יתומים אל תבא, כי גאלם חזק, הוא יריב את ריבם אתך״ (משלי כ״ג) — טרעט ניט אַריבער דעם וועלט־גרענעץ און רייס זיך ניט אַריין אין דעם פעלד פון די יתומים. דו האָסט ניט קיין רעכט צו ערציהען דעם יתום אַנדערש ווי זיינע עלטערען און אור־עלטערען האָבען זיך געפיהרט ביי זייער לעבען. אויב דו טוסט אַזוי, דאַן רייסטו זיך אַריין אין דעם פעלד פון יתומים, וואָס קיינער האָט דיר אויף דעם קיין רעכט ניט געגעבען. „הביאה למוסר לבך ואזניך לאמרי דעת, אל תמנע מנער מוסר כי תכנו בשבט לא ימות, אתה בשבט תכנו ונפשו משאול תציל״ (שם) — מוסר אוים דיין אייגען האַרץ און דיינע אויערען זאָלען הערען וויסענשאַפטליכע ווערטער, דאַן וועסטו ניט פאַרמיידען פון דעם עלענדען יתום קיין מוסר און לערנונג; און שרעק זיך ניט אַמאָל איהם צו באַשטראָפען מיט אַ רוט, ווייל דאָס וועט איהם רעטען פון דעם אָפּגרונט.

צוליב דעם חנוכת הבית פון דעם דאָזיגען שעהנען און באַקוועמען בית יתומים, וואָס מיר פייערען היינט, וועט איהר אַלע געוויס ווערען פאַררעכענט ביי דעם אַלמעכטיגען גאָט פאַר די אמת׳ע גייסטיגע עלטערען פון די הונדערטער יתומים און יתומות, וואָס וועלען דאָ אַ פאַלשטענדיגע היים האָבען. ווייל אויסער וואָס די יתומים וועלען דאָ קריגען עסען און טרינקען און אַלעם וואָס זיי ברויכען, וועלען זיי דער עיקר ערצויגען ווערען עכט אידיש; עס וועלען דאָ זיין ריכטיגע מלמדים

וועלכע וועלען לערנען מיט די קינדער; און אויך וועלען זיי קריגען מאכלים כשרים. די עלטערען פון די קברים וועלען אייך שיקען ברכות פאר אייער וואונדערליכער איבערגעבענהייט צו זייערע עלענדע קינדער.

ווען אונזער גרויסער משה רבינו איז נאך א קינד געווען, און זיינע עלטערען, צוליב די שווערע גזירות פון די מצריים, זיינען געצוואונגען געווען איהם אויף הפקר צו לאזען, אויף דעם טייך נילוס, האט פרעה'ס טאכטער, בתיה, משה'ן פון וואסער ארויסגענומען און האט איהם ער־צויגען ווי איהרם אן אייגענעם זוהן. „א"ל הקב"ה לבתיה בת פרעה: משה לא היה בנך וקראת אותו בנך, אף את לא את בתי ואני קורא אותך בתי שנא' ואלה בני בתיה — בת־יה — האט גאט געזאגט צו בתיה, די טאכטער פון פרעה: משה איז ניט געווען דיין זוהן און דו האסט איהם גערופען „מיין זוהן", אזוי וועל איך דיך אויך רופען „מיין טאכ־טער" כאטש דו ביסט ניט מיין טאכטער און דו ביסט פון א פרעמד פאלק. בתיה — בת־יה — גאט'ס טאכטער.

אט דאס איז די גרויסקייט ווען מען ערציהט אן עלענד קינד. אפילו פרעה'ס טאכטער ווערט ביי גאט אנגערופען „מיין טאכטער" דערפאר, ווייל זי האט געראטעוועט א קינד, וואס האט געשוואומען עלענד און הילפלאז איבער דער אויבערפלעכע פון וואסער.

און ווען איהר, אידישע טעכטער און זיהן, נעמט אויף זיך אזוי פיל משה'לאך, וועלכע וואלגערען זיך ארום הפקר און שווימען ארום אין דעם גרויסען ים החיים הילפלאז, און איהר גיט זיי אזא שעהנע, פראכט־פאלע היים און איהר ווערט זייערע גייסטיגע עלטערען, זייט איהר דאך געווים פארדעכענט אלע פאר גאט'ס זיהן און טעכטער!

„א"ל הקב"ה למשה חייך מכל השמות שנקרא לך איני קורא אותך אלא בשם שקראתך בתיה בת פרעה ותקרא שמו משה — ויקרא אל משה" — און גאט זאגט צו משה'ן: איך שווער דיר ביי דיין לעבען, אז פון אלע נעמען, וואס מען האט דיר געגעבען, וועל איך דיך רופען נאר מיט דעם נאמען, וואס פרעה'ס טאכטער האט דיר געגעבען. „משה כי מן המים משיתיהו" — ווייל זי האט איהם פון וואסער ארויסגעצוי־גען; אט ביי דעם דאזיגען נאמען וועסטו פארבלייבען — משה. מעגען דיך אנדערע רופען מיט פיל אנדערע „נעמען", אבער דער נאמען משה בלייבט דער עיקר, ווייל ווען ניט בתיה, וואלסטו אויף דער וועלט ניט

געוועזן; און נאָר איהר צו פאַרדאַנקען ביסטו דער גרויסער משה פאַר־בליבען...

מעגען די יתומים האָבען פאַרשיידענע נעמען, נאָך דעם ווי זיי וועלען די אינסטיטוציע פאַרלאָזען, אָבער דעם נאָמען וואָס איהר וועט זיי געבען, ביי דעם נאָמען וועלען זיי פאַרבלייבען. וועט איהר זיי גוט ערציהען, וועט דאָס ביי זיי פאַרבלייבען אויף זייער גאַנצען לעבען. וועט איהר אין זייערע הערצער גאָט׳ס מצות פאַרפלאַנצען, מעגען זיי נאָך דעם געהן וואו זיי ווילען און טאָן וואָס זיי ווילען, וועלען זיי אָבער אימער געדענקען, אַז אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע האָט מען זיי געלערענט, אַז דער עיקר איז צו פאַרבלייבען אידען; און ביי דעם דאָזיגען נאָמען מוזען זיי זיך רופען זייער גאַנצען לעבען.

בזכות דעם, וואָס איהר וועט העלפען אויפהאַלטען די דאָזיגע אינ־סטיטוציע, וועט אייך גאָט בענשען, אַז איהר וועט אימער פאַרבלייבען עלטערען צו אייערע קינדער. „וחנותי את אשר אחון, באותה שעה הראה לו הקב״ה את כל אוצרות של מתן שכר; שהן מתוקנין לצדיקים והוא אומר האוצר הזה של מי הוא? והוא אומר של עושה מצות. והאוצר הזה של מי הוא? של מגדלי יתומים״ (מ״ר שמות סוף פרשה מ״ה) — ווען גאָט האָט געצייגט משה׳ן אַלע אוצרות פון שכר, וואָס זיינען אָנגע־גרייט פאַר די צדיקים, זיינען זיי געקומען צו אַן אוצר, וואָס איז זעהר גרויס. האָט משה געפרעגט: פאַר וועמען איז דער דאָזיגער אוצר?״ האָט איהם גאָט געענטפערט: דאָס איז פאַר די יעניגע, וואָס ערציהען יתומים...

דער אוצר פון שכר איז פאַר אייך זעהר גרויס אָנגעגרייט פון גאָט אַליין. און גליקליך זייט איהר, וואָס איהר אַלע וועט פון איהם געניסען. איבערהויפט איז אייער גליק, וואָס מיט דעם הייסט איהר גאָט׳ס זיהן און טעכטער.

**געהט און באַגליקט און זאָל גאָט זיין מיט אייך. — אָמן!**

# בקור חולים

## לחנוכת הבית של בית החולים

יעקב תבע את החולי, אמר לפניו רבון העולמים אדם מת בלא חולי אינו מיישב בין בניו, מתוך שהוא חולה שנים או ג' ימים הוא מיישב בין בניו, א"ל הקב"ה חייך דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל. „ויאמר ליוסף הנה אביך חולה" (בראשית מ"ח א').

(בר"ר ס"ה ד', ב"מ פ"ז).

עס איז ניטאָ אַזעלכעס, וואָס איז אינגאַנצען שלעכט, פּונקט ווי עס איז ניטאָ אַזעלכעס, וואָס איז אינגאַנצען גוט. ווען אַ געוויסע געשעהעניש פאַרשאַפט אונז שרעקליכע יסורים, און מיר דענקען, אַז קיין ערגערס פון דעם איז שוין ניטאָ, מאַכען מיר אַ טעות. וואָרים ווען מיר טראַכטען זיך אריין גאַנץ טיף, זעהען מיר איין, אַז די יסורים און וועהטאָגען, ווי שווער זיי זאָלען ניט זיין, האָבען זיי דאָך אין זיך איין חלק, וואָס איז גוט.

די ערגסטע זאַך אויף דער וועלט איז צו זיין קראַנק און ליידען שרעקליכע קערפּערליכע און גייסטיגע יסורים. וואָרים אויסער די וועהטאָגען און פּיין, וואָס דער קראַנקער מענש ליידט, מאַטערט איהם די שרעק, טאָמער איז די קראַנקהייט אַן אָנזאָג אויף זיין לעצטען טאָג. און מעגען איהם די דאָקטוירים טרייסטען, אַז די קראַנקהייט איז ניט קיין געפעהרליכע און איהם געבען די בעסטע האָפענונגען, אַז זיין לעבען איז זיכער, דוכט זיך דעם חולה, אַז די אַלע ווערטער ווערען נאָר געזאָגט, אום איהם מוט צו געבען, ער זאָל ניט פאַרצווייפלען...

צו פאַרלייכטערען דעם קראַנקענס יסורים און זאָרג, האָט מען אונז אָנגעזאָגט וועגען דער הייליגקייט פון בקור חולים — אַז דאָס איז פון די מצות, וואָס אַ מענש עסט די פּירות אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט אויף שטענדיג — אויף יענער וועלט.

ווען עס קומען אריין אמת'ע גוטע פריינד צו באַזוכען דעם קראַנקען און יעדער איינציגער זאָגט זיין טרייסט-וואָרט, באַוועגט דאָס דעם חולה, אַז ער אַליין זאָל אָנפאַנגען דענקען, אַז זיין וועלט איז נאָך ניט צו קיין ענדע געקומען. יעדע ברכה פון זיינע באַזוכער דערקוויקט זיין שוואַך האַרץ און מיט מוט טראָגט ער אריבער זיינע יסורים. און דעריבער

זאָגט אונז ר׳ אחא בר חנינא: „כל המבקר את החולה נוטל אחד מששים בצערו“ (נדרים מ׳) — דער יעניגער, וואָס באַזוכט אַ קראַנקען, נעמט אַוועק אַ זעכציגסט חלק פון דעם חולה׳ס צער און יסורים...

קיין אַנדער שכר האָבען די תלמודיסטען ניט אויסגעפונען צו באַצאָלען דעם יעניגען, וואָס האָט מקיים געווען די מצוה פון בקור חולים, נאָר אַז אין דעם זכות וועט ער נצול ווערען פון גיהנם. „כל המבקר את החולה נצול מדינה של גיהנם“ (שם) — מדה כנגד מדה: דער מענש איז געגאַנגען מבקר חולה זיין און דורך דעם האָט ער פאַרלייכטערט די שמערצען און יסורים, וועלכע זיינען פאַר דעם קראַנקען ערגער ווי אַלע גיהנם׳ס, דערפאַר וועט דער מענש, וואָס האָט געטאָן אַזאַ גרויסען טהאָט און פאַרלייכטערט יענעמס גיהנם, אַליין געראַטעוועט ווערען פון זיין אייגענעם גיהנם...

די מצוה פון בקור חולים, וואָס דער שכר איהרער איז אַזוי גרויס, באַשטעהט ניט נאָר אין דעם, וואָס מ׳קומט אַריין און מ׳זיצט אַ ווײַלע און מ׳גיט אַ ברכה, אַז גאָט זאָל העלפען, נאָר די אמת׳ע באַדייטונג פון דער מצוה איז, אַז מ׳זאָל נאָכזוכען וואָס דער קראַנקער ברויכט. אויב דער קראַנקער איז אַן אָרימער מענש און האָט ניט אויף קיין דאָקטאָר אָדער מעדיצין אָדער אַנדערע הצטרכות, מוז מען זעהן, אַז ער זאָל דאָס אַלעם קריגען. אָט דאָס איז דער אמת׳ער זין פון „בקור חולים“ — נאָכפאָרשען די קראַנקע...

ווען איינער פון די תלמידים פון רבי עקיבא איז קראַנק געוואָרען, און די אַנדערע תלמידי חכמים זיינען ניט אַריינגעגאַנגען איהם מבקר חולה זיין. „נכנס רבי עקיבא לבקרו ובשביל שכבדו ורבצו לפניו היה א״ל רבי החייתני יצא רבי עקיבא ודרש כל שאינו מבקר את החולה כאלו שופך דמים“ (שם) — איז ר׳ עקיבא אַליין איהם געגאַנגען באַזוכען. און רבי עקיבא האָט ניט געקוקט אויף זיין כבוד, האָט אַליין אויפגערוימט און אין אָרדענונג געבראַכט זיין צימער און אויך איבערגעלייגט דעם קראַנקען תלמיד אויף ריינע בעטגעוואַנט. ווען דער תלמיד האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געזעהן, וואָס זיין גרויסער רבי האָט פאַר איהם געטאָן, האָט ער געזאָגט מיט זיינע גאַנצע קרעפטען: „רבי החייתני!“ — רבי, האָסט אין מיר נייעם לעבען אַריינגעגעבען! איך פיהל זיך בעסער און שטאַרקער, און דאָס גיט מיר קרעפטען איבערצוטראָגען מיין גאַנצע קראַנקהייט. דאַן איז רבי עקיבא אַרויסגעקומען אין דער עפענט-

ליבקייט און האָט געדרש'ענט: דער, וואָס זוכט ניט נאָך דעם קראַנ־קען, וואָס ער ברויכט, און דער וואָס געהט אינגאַנצען ניט אריין צום קראַנקען, איז גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ שופך דמים, ווייל אַזעלכע נאַכלעסיגקייטען פון געזונטע מענשען צו קראַנקע ברענגען מיט, אַז די קראַנקע זאָלען פאַר דער צייט פון דער וועלט געהן. די געזונטע זיינען דאַן שולדיג אין'ם טויט פון די קראַנקע, און ס'איז פונקט ווי זיי וואָלטען בלוט פאַרגאָסען...

דער אמת, אַז ניט יעדער איינציגער פון אונז קען געהן יעדען טאָג באַזוכען קראַנקע. נאָר אַזוי ווי עס זיינען דאָ פילע קראַנקע, וואָס האָבען ניט קיין קרובים און גואלים און זיי ליגען דעריבער אויף זייערע קראַנקע בעטען עלענד און הילפלאָז, וואָלטען דאָך מיר אַלע צוליב דעם געקענט פאַררעכענט ווערען פאַר אַזעלכע שרעקליכע פאַרברעכער, ווי שופך־דמים'ניקעס — האָבען מיר דעריבער געשאַפען אַן אינסטיטוציע, וואו קראַנקע זאָלען זיך ווענדען פאַר הילף, וואו זיי קריגען גאַנץ פריי אַ דאָק־טאָר, מעדיצין און אַ שעהנעם, ריינעם צימער. און ווען יעדער איינצי־גער פון אונז העלפט בויען אַזעלכע אינסטיטוציעס און העלפט אויך צו זיי אויפהאַלטען, זיינען מיר אַלע מקיים די מצוה פון בקור חולים און מיר אַלע זיינען גורם, אַז די יאָהרען פון פילע מענשען זאָלען פאַרלענ־גערט ווערען; און דער שכר איז אין לשער. „ה' ישמרהו ויחיהו ויאושר בארץ ואל תתנהו בנפש אויביו" (תהלים מ"א) „ה' ישמרהו מיצר הרע ויחייהו מן היסורים ויאושר בארץ שיהו הכל מכבדים אותו, ואל תתנהו בנפש אויביו שיזדמנו לו רעים כנעמן שרפאוהו מצרעתו ואל יזדמנו לו רעים כרחבעם שחלקו מלכותו" (נדרים מ') — גאָט וועט איהם אויסהי־טען פון דעם יצר הרע. איינזעהענדיג די יסורים פון דעם קראַנקען, וועט דער יצר הרע ממילא קיין שליטה ניט האָבען אויף דעם מענשען, נעמענ־דיג אַ מוסר: וואָס עס קען זיך טרעפען מיט יענעם, קען זיך דאָך טרע־פען מיט איהם זעלבסט. און אויך וועט איהם גאָט בענשען, אַז פון אַלע זיינע יסורים וועט ער געהיילט ווערען; און ער וועט זיך גליקליך שעצען, ווייל אַלע וועלען איהם רעספעקטירען און כבוד געבען פאַר זיינע גרויסע וואָהלטהאַטען. און זיינע שונאים וועלען איהם קיין שלעכטס נישט קענען טאָן, ווייל אימער וועט איהם גאָט צושיקען אַזעלכע פריינד — ווי נעמן האָט געטראָפען — וואָס וועלען איהם היילען פון אַלע זיינע קראַנקהייטען, און איהם וועט זיך ניט טרעפען אַזעלכע זאָגענאַנטע

פריינד ווי רחבעם'ען האט זיך געמאכט, וואס זייער עצה האט מיטגע־בראכט, אז זיין מלוכה זאל צוטיילט ווערען...

מיט דעם קראנקען אבער מוז מען זיין זעהר פארזיכטיג. מען מוז זיך אימער רעכענען, אז מען האט צו טאן מיט א מענשען, וואס איז א בעל יסורים און מען מוז איהם איידעל און דעליקאט באהאנדלען. מען מוז איהם אימער פריינדליך אויפנעהמען, מען מוז איהם מיט צערטליכ־קייט באדינען און מיט זיסע אנגענעהמע רייד איהם טרייסטען. א"ר יונה אשרי נותן לדל אין כתיב כאן אלא אשרי משכיל אל דל הוי מסתכל בו האיך לזכות עמו" (ויקרא רבה פ' ל"ד) — ר' יונה זאגט: גליקליך איז דער, וואס גיט צו קראנקע־ארימע, איז ניט געשריבען, נאר עס ווערט געזאגט „גליקליך איז דער יעניגער, וואס קליגט זיך צו דעם ארימען קראנקען". דאס מיינט, אז מען מוז גוט באטראכטען יעדען שריט, אום דער קראנקער זאל פיהלען, אז ער איז ניט קיין לאסט פאר קיינעם; פארקערט, אז מיט'ן בעסטען ווילען טוט מען פאר איהם אלץ, וואס ער ברויכט. און מיט דעם איז מען זוכה צו אלע ברכות, וואס מיר האבען פריהער אויסגערעכענט.

די האספיטאלס, וועלכע באהאנדלען ניט מיט צערטליכקייט דעם קראנ־קען און וועלכע גיבען טריפה עסענס צו אזעלכע מענשען, וואס זייער גאנצען לעבען האבען זיי זיך אויסגעהיט פון מאכלות אסורות, אזעלכע בתי חולים טוען ניט זייער אמת'ע פליכט און זיינען ניט מקיים די מצוה פון בקור חולים אין דעם ריכטיגען וועג. זייער צדקה און רחמנות איז אן אויבערפלעכליכע און א קאלטע. דער טהאט פארמאגט ניט אין זיך דעם חותם פון דער נשמה.

ווען דער מענש איז קראנק, ווערען זיינע געדאנקען הייליג און ריין. טראץ זיינע יסורים, זיינען די מחשבות פארנומען מיט חשבון הנפש. מען באטראכט אלע יאהרען, וואס מען האט געלעבט אויף גאט'ס ערד, מען וויל אלעס גוט מאכען אין דער צייט, וואס דער קערפער איז אפגע־שוואכט; וויל מען דעריבער, אז אלעס, וואס מ'נעמט אין מויל, זאל זיין בתכלית הכשרות, ס'זאל שטימען מיט דעם געזעץ פון דער תורה. און ווען מען דערלאנגט דעם קראנקען טריפה און נבילה, ווערט זיין נשמה און געוויסען אויפגערעגט, און אנשטאט די עסענס זאלען דעם קראנקען שטארקען, מאכען זיי איהם נאך מעהר קראנק.

אין די קראנקהייט־יסורים געפינט זיך אויך עטוואס גוטעס, דאס

איז דער אַנזאָג צו דעם מענשען, אַז ער זאָל אַלעס אין אָרדענונג ברענגען. האָט איינער פאַרמעגען, זאָל ער מאַכען אַ צואה, כדי די קינדער זאָלען נאָך זיין טויט ניט דאַרפען אָנקומען צו קאָורטס און פיהרען צווישען זיך מחלוקות, צוליב וואָס דער נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם ווערט גע־לעסטערט. אויך איז די צייט פון קראַנקהייט אַן אָנזאָג, אַז דער מענש זאָל מאַכען זיין חשבון הנפש און זאָל אין דער קורצער צייט תשובה טאָן אויף אַלע פאַרברעכענס און נאַרישקייטען, וואָס ער איז באַגאַנגען, ווען ער איז געוועזען פריש און געזונט און מיט אַלע כחות.

אַנדערש איז אָבער ווען מען שטאַרבט פּלוצלונג. עס איז אַ מעלה, וואָס מ'פאַרשפאַרט יסורים צו ליידען פון פאַרשיידענע קראַנקהייטען, אָבער צו דערזעלבער צייט פאַרלאָזען מיר די וועלט אָהן חשבון און אָהן ישוב הדעת, מען האָט אפילו קיין צייט ניט צו זעגענען זיך מיט די ליבסטע און טייערסטע; און די פאַמיליע פיהלט זיך מיט אַמאָל אָפּגע־ריסען פון זייער ליבלינג...

„יעקב תבע את החולי, אמר לפניו רבון העולמים אדם מת בלא חולי אינו מיישב בין בניו, מתוך שהוא חולה ב' או ג' ימים הוא מיישב בין בניו, א"ל הקב"ה דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל ויאמר ליוסף הנה אביך חולה" — יעקב האָט געמאָנט פון גאָט, אַז אַ מענש זאָל ניט שטאַרבען פּלוצלונג, נאָר פריהער זאָל מען זיין קראַנק צוויי אָדער דריי טעג, וואָרים אין דער דאָזיגער צייט האָט מען דעם ריכטיגען חשבון הנפש און מ'קען איבערלאָזען אַ צוואה די קינדער. האָט גאָט געזאָגט: יעקב, האָסט אַ ריכטיגע זאַך פאַרלאַנגט און איך וועל דאָס טאַקע אָנפאַנ־גען צו פּראַקטיצירען פון דיר זעלבסט. און יעקב איז געוועזען דער ערש־טער חולה אויף דער וועלט. דורך דעם איז ער אַזוי שעהן געשטאָרבען און האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער, וואָס זיי זאָלען טאָן מיט זיין קערפּער און אויך יעדען קינד געזאָגט זיינע מעלות און חסרונות. „ויכל יעקב לצות את בניו ויאסוף רגליו אל המטה ויגוע ויאסף אל עמיו" (בראשית מ"ט ל"ג) — ווען יעקב האָט אַלעס פאַרענדיגט, האָט ער אריינגענומען זיינע פיס אין בעט און איז אויסגעגאַנגען און געבראַכט געוואָרען צו זיין פאָלק.

דער דאָזיגער האָספּיטאַל, ווענעמס חנוכת הבית מיר פייערען יעצט, איז אַ פּראַכטפאָלער. די געביידע איז איינע פון די שעהנסטע. אין דעם האָספּיטאַל וועלען די חולאים ערפרישט ווערען פון דער לופטיגקייט פון

די צימערען, און יעדער איינציגער פון די פאציענטען וועט באהאנדעלט ווערען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און איבערגעבענהייט. די קיך וועט געפיהרט ווערען סטריקטלי כשר, ווייל אויסער דעם, וואס די פיהרער פון דער דאזיגער גלארדייכער אינסטיטוציע זיינען מענשען מיט גוטע הערצער, און זייערע צדקות ווערען געטאן מיט הארץ און געפיהל, זיינען זיי אויך פאלשטענדיגע אידען, און אין זייערע הייזער ווערט כשרות אפגעהיט. דעריבער באגרייפען זיי, אז אזא אנשטאלט, וואו ס'וועלען זיך אויך געפינען פרומע אידען, מוז און זאל זיין אמת כשר.

איך באגרים יעדען איינעם, וואס האט געהאלפען, אז די דאזיגע שעהנע געביידע זאל אויפגעבויט ווערען. איך באגרים אויך די אלע מענשען, וואס וועלען העלפען אויפהאלטען דעם דאזיגען הייליגען אנשטאלט. אייער שכר פון גאט איז אין לשער. די אלע ברכות פון אונזערע גרויסע תלמוד'יסטען וועלען אויף אייך מקוים ווערען. און די מצוה פון דעם אמת'ן בקור חולים, וואס איהר זייט מקיים, וועט אויף אייך מגין זיין, אז איהר אלע וועט פון קראנקהייט ניט וויסען. און גאט, דער רופא חולים, זאל שיקען זיין אמת'ע רפואה צו אלע קראנקע, וואס וועלען זיך דא געפינען. — אמן!

# בעצב תלדי בנים

## חנוכת הבית של מטוירניטי האָספּיטאַל

ואל האשה אמר הרבה ארבה עצבונך והרונך בעצב תלדי בנים (בראשית ג׳ ט״ז): עצבונך — זה צער העבור, והרונך—זה צער העדוי, בעצב—זה צער הנפלים, תלדי —זה צער הלידה, בנים—זה צער גידול בנים. אמר ראב״ש נוח לו לאדם לגדל לגיון אחד משל זיתים בגליל ולא לגדל תינוק אחד בארץ ישראל.

(בראשית רבה כ׳ ט״ו).

איינער פון די וויכטיגסטע אנשטאַלטען, וואָס איז איינגעפיהרט געװאָרען אין דעם נייעם לאַנד אַמעריקא, איז דער „מאַטוירניטי האָספּיטאַל — אַ פּלאַץ, וואו יעדע פרוי קען ענטבונדען ווערען, וואו זי קריגט די מיטהילף פון די גרעסטע און בעסטע דאָקטוירים, וואו זי ווערט אָפּגעהיט פון אַ פעהיגער איבערגעבענער נוירס און וואו זי רוהט זיך אויס פאַר איניגע וואָכען און קומט אַהיים מיט אַ לעבעדיג קינד און אַליין פריי און מונטער צו ערציהען איהר קינד.

איבערהויפּט איז דער דאָזיגער אַנשטאַלט וואונדערבאַר פאַר די אָרימעלייט, וועלכע וואַלגערען זיך אין אָרימע און ענגע צימערען, וואו קיין לופט קומט ניט אריין, און וואו דער מומעל איז זעהר גרוים פון די קינדער, וואָס זיינען אין הויז; און וועלכע האָבען ניט די מעגליכקייט צו נעהמען גוטע דאָקטוירים, ווען זייערע פרויען דאַרפען געלעגען ווע־רען, און זיי קענען אויך ניט האַלטען קיין נוירס אָדער „וואַטש פרוי, וועלכע זאָל אכטונג געבען אויף דער שוואַכער, הילפלאָזער קימפּעטאָרין, אַז זי זאָל ניט פאַר׳חלש׳ן, און אַז אַלעס זאָל געטאָן ווערען ווי עס דאַרף צו זיין, אום די מוטער זאָל שפּעטער ניט דאַרפען ליידען. מיט איין וואָרט, דער „מאַטוירניטי האָספּיטאַל" איז דער מלאך המושיע פון אַלע צרות. די אָרימע פרוי ווערט אַריינגענומען אָהן געצאָלט, ווערט באַ־האַנדעלט מיט פריינדליכקייט און צערטליכקייט און ווערט אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַז זי און איהר קינד זאָלען אַרויסגעהן פון האָספּיטאַל פאַלשטענדיג געזונד.

ווען פּרעה האָט אַרויסגעגעבען זיין שרעקליכע גזירה פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" — אַז יעדער אידישער זוהן, וואָס ווערט גע־

בוירען, זאָל מען איהם אין טייך ווארפען, און די דאָזיגע גזירה האָט פינקטליך געדאַרפט אויסגעפאָלגט ווערען פון די אידישע פרויען־אַקושאָרען, שפרה און פועה, האָבען די דאָזיגע גוטע פרויען פרעה׳ן ניט געפאָלגט — „ותיראן המילדת את האלקים ולא עשו כאשר דבר אליהן מלך מצרים ותחיין את הילדים" — זיי האָבען מורא געהאַט פאַר גאָט מעהר ווי פאַר פרעה הרשע און זיי האָבען די אידישע עופה׳לאַך ניט נאָר ניט געטויטעט, נאָר זיי האָבען די אידישע בייבעלאַך אויפגעהאַלטען מיט וואַסער און שפייז — „תנא לא דיין שלא המיתו אותם אלא שהיו מספיקות להם מים ומזון" (סוטה י"א).

די דאָזיגע צוויי פרויען־אַקושאָרען, וואָס אין דער תורה טראָגען זיי די נעמען שפרה און פועה, זיינען אין דער אמת׳ן די באַוואוסטע היסטאָרישע פרויען — יוכבד, משה׳ס מוטער, און מרים, משה׳ס שוועסטער. „ולמה נקרא שמה שפרה שמשפרת את הולד, ולמה נקרא שמה פועה שהיתה פועה לולד" (שם) — נאָר פאַר וואָס האָט די ערשטע געטראָגען דעם נאָמען שפרה? ווייל זי האָט זיך באַמיהט, אַז דאָס קינד זאָל אויסזעהן וואָס שעהנער, אַז אַלע אברים אין דעם קינד זאָלען וואַקסען גלייך און שטאַרק. און די צווייטע, מרים, האָט געהייסען פועה, ווייל זי פלעגט צו דעם קינד ריידען און זינגען און טאָן אַלעס מעגליכע, אַז דאָס קינד זאָל ניט שרייען.

יוכבד און מרים האָבען זייער לעבען איינגעשטעלט אין סכנה. און ווען ניט זייערע קלוגע ענטפערס צו פרעה׳ן, ווען ער האָט זיי געפרעגט: „מדוע עשיתן את הדבר הזה ותחיין את הילדים?" — ווארום האָט איהר געלאָזט לעבען די קינדער? — וואָלטען זיי באַצאָלט מיט זייערע לעבענס. אָבער אום אויפצוהאַלטען אידישע קינדער ביי דעם לעבען און אויך צו זעהן, אַז אידישע מוטערס זאָלען פון זייערע קינדער ניט אָפּגעריסען ווערען, איז ביי זיי אַלעס רעכט געווען, אפילו ביז מסירות נפש געהן.

די באַצאָלונג זייערע איז אָבער געווען גרויס פון גאָט — פון זיי זיינען אַרויסגעקומען בתי כהונה און אויך בתי מלכות. די דאָזיגע צוויי פרויען, יוכבד און מרים, האָבען זוכה געווען, אַז פון זיי זאָלען אַרויסקומען משה און אהרן און אויך דוד המלך...

דערפון קענען מיר אָפּלערנען ווי גרויס עס איז דער שכר, ווען מען ראַטעוועט אידישע קינדערלאַך פון אונטערגאַנג. אמת, מיר האָבען היינט ניט קיין ווילדע פרעה׳ס, וועלכע זאָלען אַזעלכע שרעקליכע גזירות

ארויסגעבען. מיר לעבען, גאָט צו דאַנקען, אין אַ לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט. אָבער אויב די סכנה פאַר די אידישע קינדערלאַך מצד די פּרעה׳ס איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז דאָך דער אַלטער שונא — די אָרימקייט — פאַרבליבען, און פילע מאָל טרעפט זיך, אַז צוליב אָרימקייט ווערען פילע קינדערלאַך און יונגע מוטערס געוואָרפען אין די טייכען — זיי געהען אוועק פאַר דער צייט. צוליב פאַרשיידענע נאַכלעסיגקייטען, ווינציג פלעגע און ניט גענוג אויפפאַסונג, ווערען פילע מוטערס פאַרקריפּעלט אויף זייער גאַנצען לעבען, און פילע עופה׳לאַך געהען אוועק פון דער וועלט פריה-צייטיג.

איהר, ווירדיגע בעאַמטע און מעמבערס פון דער דאָזיגער פּראַכט-פאָלער אינסטיטוציע, זייט די מאָדערנע יוכבד׳ס און מרים׳ס, איהר האָט מורא פאַר גאָט און זייט מקיים דעם „ותחיין את הילדים" — איהר העלפט אויפלעבען די עופה׳לאַך פון די אָרימעלייט; איהר העלפט די עופה׳לאַך, אַז זיי זאָלען האָבען זייערע מוטערס געזונדע. און דערפאַר וועט איהר זוכה זיין געבענשט צו ווערען מיט רייכטום און מיט גוטע קינדער, וועלכע וועלען אייך פאַרזיסען דאָס לעבען.

ווען מיר טראַכטען זיך אַריין, וויפיל יסורים און פּיין אַ מוטער האָט, ביז וואַנען זי ברענגט אַרוים איהר פרוכט פון אונטער׳ן האַרץ אויף דער וועלט, דאַן ווערט אונזער האַרץ צובראָכען; און יעדער איינ-ציגער מוז צו אַזאַ פרוי אַרויסצייגען מיטהילף און סימפּאַטיע.

די מאוים׳דיגע געשרייען און קרעכצען פון די הייליגע מוטערס, ווען זיי דאַרפען געלעגען ווערען, מאַכען אונז אַלעמען אויפשווידערען. דער גרויסער משורר, ר׳ יהודה הלוי, געפינט ניט קיין אַנדער קלאָג פאַר ציון, נאָר „אלי ציון ועריה כמו אשה בצריה" — ציון און איהרע שטעט זאָלען קלאָגען אַזוי ווי די פרוי אין איהרע געבורט-וועהטאָגען...

אונזער מוטער רבקה, ווען זי האָט געטראָגען דעם היסטאָרישען צווילינג אונטער איהר האַרץ, און די קינדער האָבען זיך ניט רוהיג געהאַלטען, האָט פון שמערצען אויסגעשריען: „אם כן למה זה אנוכי?" אויב דער צער פון טראָגען איז אַזוי שווער, צו וואָס האָב איך דאָס געברויכט איינגאַנצען?!...

אונזער מוטער רחל האָט באַצאָלט מיט איהר יונגען לעבען, צוליב אַ קינד ברענגען אויף דער וועלט, און פאַר איהר טויט האָט זי דעם קינד איהרען דעם ריכטיגען נאָמען געגעבען — „בן אוני" — אַ זוהן פון מיינע

לעצטע קרעפטען, אַ זוהן, וואָס מיר איז ער אָנגעקומען מיט מיין לעצטען אָטעם-צוג...

די פרוי און מוטער ליידען נאָך אַלץ פון דער קללה פון דער ערשטער פרוי אויף דער וועלט. פאַר איהר נאַרישען שריט עובר צו זיין אויף גאָט'ס וואָרט האָט זיך אַ קללה אַרויסגעריסען פון דעם אַלמעכטיגען: „בעצב תלדי בנים" — מיט טרויער און צער וועסטו קינדער אויף דער וועלט ברענגען. און ביז היינטיגע טאָג ליידען די מאָדערנע חוה'ס פון דעם דאָזיגען פלוך. מיט גרויס אַנגסט און שמערצען ברענגען זיי זייערע קינדער אויף דער וועלט, און אַ טייל פון זיי פאַרלירען זייער לעבען דערביי...

אונזערע געלערטע שילדערען גאַנץ ריכטיג וואָס אַ מוטער דאַרף דורכמאַכען, ביז וואַנען זי זעהט איהר קינד פאַלשטענדיג אויסגעוואַקסען: „עצבונך — זה צער העבור והרונך — זה צער העדוי" — פריהער קומען די פאַרשיידענע בלוט-ליידען און נאָכהער קומט דער צער פון טראָגען. „בעצב — זה צער הנפלים" — און אַמאָל טראָגט מען און מ'האָט פיל צער און אָם ענדע איז די מוטער גאָר ניט זוכה צו זעהן אַ לעבעדיג וועזען, נאָר זי איז מפיל איהר פרוכט פאַר דער צייט. „תלדי — זה צער הלידה" — און די, וועלכע איז שוין אַ גליקליכע און טראָגט אוים דאָס קינד די גאַנצע ניין מאָנאַטען, האָט צום סאַמע סוף דעם גרויסען צער פון געבוירען דאָס קינד. „בנים — זה גדול בנים" — און דאַן פאַנגען זיך ערשט אָן יאָהרען פון גרויס עגמת נפש, וואָס קינדער פאַרשאַפען זייערע עלטערען מיט זייער אויפברענגען און ערציהונג.

ר' אלעזר דערצעהלט, אַז ס'איז גרינגער אויסצוהאָדעווען און אויפצוהאַלטען אַ גאַנצען לעגיאָן סאָלדאַטען אויף די טייטלען, וואָס וואַקסען אין דעם גליל, איידער אויפצוהאָדעווען און ערציהען איין קינד אין ארץ ישראל...

ווען מיר טראַכטען זיך אַריין אין דעם אַלעמען, ווי ווייט אונזערע מוטערס מוטשען זיך, דאַן מוזען מיר לכל הפחות שאַפען פלעצער, וואו זייער צער און שמערצען זאָלען עטוואָס פאַרלייכטערט ווערען. און דעריבער איז אייער טהאַט פון בויען אַזאַ פראַכטפאָלען האָספיטאַל מיט אַלע באַקוועמליכקייטען פאַר אָרימע קימפעטאָרינס — איינע פון די שעהנסטע זאַכען, וואָס איהר האָט ווען געקענט טאָן.

איך זעה שוין פאַר זיך די טויזענדער בייבעלאַך, וואָס קומען אויף

דער וועלט אין דעם אנשטאלט. פון די דאזיגע בייבעלאך וועלען דאך ארויסקומען אונזערע פיהרער פון דעם קומענדען דור. און ווער ווייסט, ווער ס׳קען אין אייער אינסטיטוציע געבוירען ווערען! ס׳קען אמאל זיין, אז פון די בייבעלאך זאל ארויסקומען איינער, וועלכער זאל פאר־שיינען די וועלט מיט זיין וויסענשאפט און בילדונג אדער מיט זיין גוטסקייט און מדות...

מיט איין ווארט, אויף דער דאזיגער אינסטיטוציע דארף זיין אויס־געקריצט מיט גאלדענע בוכשטאבען „אם הבנים שמחה“ — די מוטער מיט די קינדער זיינען פרעהליך. די מוטער געהט אריין אהער פאר־צווייפעלט און צובראכען; זי געהט אבער פון דאנען ארויס שטאלץ און מונטער, און טראגט אהיים א לעבעדיג קינד און זי לאזט איבער ברכות פאר אייך אלעמען.

איך ווינש אייך מזל טוב און איך וועל זאגען ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!...

# דירה נאה
## לחנוכת הבית

הבונה בית חדש כיצד צריך לברך? כך שנו רבותינו הבונה בית חדש מברך שהחיינו כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו.

(מ"ת בראשית ד').

מיר פייערען היינט דעם חנוכת הבית פון אונזערען אַ גוטען פריינד, וועמען גאָט האָט געהאָלפען, אַז ער האָט דערלעבט אויסצובויען אַן אייגענע היים, און דערצו אַ פּראַכטפאָלע היים מיט שעהנע, באַקוועמע צימערען, וואו ליכט און זון־שיין רעגירען מאַיעסטעטיש אין אַלע ווינ־קעלאַך, און צו די גרויסע, ברייטע צימערען איז צוגעפּאַסט געוואָרען די אויסגעצייכענטע קאָסטבאַרע מעבעל, וואָס גיבען צו פּראַכט און גלאַנץ צו דער שעהנער וואוינונג.

אונזערע חכמי התלמוד האָבען זעהר פיל געהאַלטען פון אַ שעהנער, באַקוועמער דירה און זיי האָבען זיך אויסגעדריקט: „ג' דברים מרחיבין דעתו של אָדם — דירה נאה ואשה נאה וכלים נאים" (ברכות נ"ז) — דריי זאַכען ווירקען אויף דעם מענשען, אַז ער זאָל זיך אימער פיהלען מונטער און פרעהליך: אַ שעהנע וואוינונג, אַ שעהנע פרוי און שעהנע כלים אין הויז.

די הויפּט־זאַך פון די אַלע דריי איז געווים די שעהנע, באַקוועמע וואוינונג, ווייל אַלע זאַכען ווענדען זיך אַן דעם. מעג די פרוי זיין ווי שעהן און פול מיט חן, ווען אָבער די דירה איז אַן אָרימע און אָפּגעלאָ־זענע, ווערט די פרוי — די עקרת הבית — פאַרשוואַרצט, אַרבייטענדיג און אָוועקלייגענדיג די פאַרשיידענע זאַכען פון הויז פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, און יעדען טאָג האָט זי די שווערע אַרבייט פון אויפקליינען איהרע פיער ווינקעלאַך, ווייל ווען עס איז ענג, ווערט יעדען טאָג דאָס הויז איבערגעקערט, און זי, די פרוי, מוז אַלע מאָל ברענגען די צימערען אין אָרדענונג. דורך דעם ווערט זי שוואַך און צובראָכען און מיט דער צייט פאַרלירט זי איהר שעהנעם אויסזעהן און איהר חן.

דאָסזעלבע איז וועגען כלים נאים. אויב די צימערען זיינען ברייט און גרוים און שעהן, דאַן איז דאָס ביליגסטע מעבעל אויך גוט, ווייל די באַקוועמקייט פון די צימערען גיט זיי צו דעם חן פון שעהנקייט. אַנ־

דערש איז אָבער ווען די וואוינונג איז אַן ענגע און פינסטערע, און די ווענט זיינען שוואַרץ און אַרומגעריסען, דאַן האָבען די בעסטע „סעטס“ פון די לעצטע „סטיילס פֿוירניטשור“ קיין באַטרעף ניט און פאַרלירען זייער גלאַנץ.

אויף יענער זייט ים האָט מען גערופען דעם חשוב'ן איינוואוינער פון דער קהלה מיט דעם נאָמען בעל־הבית, ווייל דער יעניגער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגען הויז, איז געווען פאַררעכענט פון די וויכטיגסטע תושבים פון דער שטאָדט. ביי איהם האָט מען געפרעגט וועגען דער הנהגה פון דער געמיינדע, וועגען אויפנעהמען אַ רב, חזן, שוחט און אַנדערע הצטרכות פון דער קהלה. אויף זיינעם אַ וועקסעל פלעגט מען אין דער געשעפטס־וועלט ניט פרעגען צי זיין אחריות איז גוט גענוג, וואָרים קוים האָט ער אַ הויז, קען דער וועקסעל אַנגענומען ווערען אי־בעראַל. און אַזאַ בעל הבית פלעגט קריגען דעם אויבען־אַן אין שוהל...

דאָ, אין דעם לאַנד, האָט דער נאָמען „בעל הבית“ פאַרלוירען זיין אינהאַלט. עס זיינען דאָ פאַראַן מענשען, וועלכע זיינען גאַנץ רייך און זיי וואוינען גראַדע אין געדונגענע דירות, און אויך פאַרקערט, ס'זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע זיינען גאַנץ ווייט פון צו זיין רייך און זיי האָבען דוקא אייגענע וואוינונגען. דעריבער מעסט מען דאָ ניט די בעל הבית'־קייט פון איינעם צי ער האָט אַן אייגען הויז צי ניט, נאָר מען מעסט דעם מענשען נאָך זיין ריכטיגען ווערט אין דער געשעפטס־וועלט...

דאָס אַלץ קען ניט אַוועקנעהמען די הערליכקייט פון דער פייערונג פון דעם היינטיגען חנוכת הבית. אפילו אין דעם דאָזיגען לאַנד איז אויך בעסער צו זיין דער שורר בביתו, איידער צו זיין אַ שכן אין דעם שעהנסטען און רייכסטען הויז, וואו ניט ווילענדיג מוז מען זיך יעדען טאָג טרעפען מיט פילע מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין גלייכען...

די וויכטיגקייט פון מחנך זיין אַ נייע הויז איז אַזוי גרוים, אַז אפילו אין קריגס־צייט, ווען יעדער איינציגער מענש איז נויטיג פאַר דער אַרמיי, זאָגט אונז דאָך די תורה, אַז די עלטסטע פֿלעגען אויסרופען: „מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנו“ (דברים כ') — דער יעניגער, וואָס האָט געבויט אַ הויז און האָט עס ניט מחנך געווען, זאָל ער געהן צוריק אַהיים, ווייל פיליכט וועט ער אין דער מלחמה שטאַרבען און אַן אַנדערער וועט דאָס הויז מחנך זיין.

אום זוכה צו זיין צו אַן אייגענער שעהנער וואוינונג, מוז מען אין דעם אַלמעכטיגען גאָט און אין זיין תורה גלויבען. ווען מען געהט יעדען טאָג אַרוים פון הויז און מ'לייגט אַוועק די האַנד אויף דער מזוזה און מען גלויבט, אַז אַלץ וואָס מען פאַרמאָגט, און אויך אַלעס, וואָס מען קען ערווייכען, ווענדט זיך אָן דער בענשונג פון הימעל, — אָט אַזעלכע מענשען שיקט גאָט זיין ברכה, אַז זיי זאָלען מיט דער צייט זוכה זיין צו אַן אייגענער, שעהנער, באַקוועמער וואוינונג און קלאַפּען די מזוזה'ס אויף אייגענע ווענט... „הזהיר במזוזה זוכה לדירה נאה" (שבת כ"ג:).

דער בעל שמחה, וועלכער האָט זוכה געווען צו האָבען אַן אייגענע שעהנע וואוינונג און אויך אַ ווירדיגע אשת משכלת פּאַר אַ פּרוי און אויך געראָטענע קינדער, האָט אויך זוכה געווען צו פיהרען זיך שעהן פאַר גאָט און לייט. אַלעס, וואָס דער בעל שמחה פאַרמאָגט, איז איהם אָנגעקומען מיט דער אַרבייט פון זיינע צעהן פינגער. זיין הויז און רייכטום איז ניט געבויט אויף דעם חשבון פון פרעמדע פאַרמעגענס. אויף איהם קען מען ניט זאָגען די ווערטער פון דעם נביא: „הוי בונה ביתו בלא צדק ועליותיו בלא משפט ברעהו יעבוד חנם ופעלו לא יתן לו" (ירמיה כ"ב) — ווען צו דעם יעניגען, וואָס בויט זיין הויז און אויבערשטיבעל אָהן גערעכטיגקייט און אָהן דין. זיין פריינד צווינגט ער צו אַרבייטען אומזיסט און גיט ניט פאַר זיין אַרבייט דעם ריכטיגען לוין. „האומר אבנה לי בית מדות ועליות מרוחים וקרע לו חלוני וספון בארז ומשוח בששר" (שם) — ווען צו דעם יעניגען, וואָס זאָגט: איך וועל בויען אַ הויז מיט באַקוועמע ברייטע אויבער-שטיבלאַך, און מיינע פענסטער וועלען געעפענט ווערען גאַנץ ברייט פאַר זונען-שיין און ליכט, און פאַר דעם צודעק פון הויז וועל איך באַנוצען דעם בעסטען טענענבוים, און די ווענט וועלען זיין אויסגעפלאַסטערט מיט די טייערסטע פאַרבען און קאָלירען, — און דאָס אַלעס וועט געמאַכט ווערען מיט פרעמדער אַרבייט און פאַרמעגען!...

אויסער וואָס מען דאַרף אין אַ הויז אַריינברענגען די שעהנע כלים און פּראַכטפאָלע מעבעל, דאַרף מען דאָס הויז אויך מאַכען פאַר אַ פּלאַץ פון לערנונג און וואו מדות טובות רעגירען. „בחכמה יבנה בית ובתבונה יתכונן, ובדעת חדרים ימלאו כל הון יקר ונעים" (משלי כ"ד) — מיט קלוגשאַפט ווערט אַ הויז געבויט און מיט פאַרשטענדליכקייט ווערט עס אויפגעריכט — ווען אין די פּראַכטפאָלע צימערען ווערט אויך אַריינגע-

נומען וויסענשאפט און לעהרע, דאן האט מען אלעס, וואס רייכטום קען געבען. און דעריבער איז די שמחה דא א גאנצע, ווייל דאס הויז וועט זיין א בית ועד לחכמים, און אין דעם הויז וועט דער אידישער ספר אויך געפינען זיין מקום מנוחה. דא וועט זיך אפשפיגלען דאס אמאליגע אמת'ע בעל הבית'שע הויז, וואו ביי די מעהרסטע איז געווען א שאפע פון ספרים, וועלכע איז געווען דער שטאלץ פון די איינוואוינער; און ניט ווי היינט: אלעס טרעפען מיר אין די הייזער, נאר דעם אידישען ספר האט מען אויסגעראמט און מקיים געווען דעם בערתי הקודש מן הבית... (דברים כ"ו י"ג).

דאס איז די ערקלעהרונג פון אונזערע געלערנטע, ווען זיי האבען געפרעגט: „הבונה בית חדש כיצד צריך לברך? כך שנו רבותינו הבונה בית חדש צריך לברך שהחיינו כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו" (ילקוט שמעוני דברים) — אז איינער בויט א נייע הויז, וואס פאר א ברכה זאל ער מאכען? האבען אונזערע געלערנטע געזאגט, אז איינער בויט א נייע הויז זאל ער מאכען די ברכה „שהחיינו" און דאנקען דעם אלמעכטיגען גאט, וואס ער האט דערלעבט צו האבען אן אייגענע, שעהנע, באקוועמע היים, און זאל ניט דענקען, אז דאס האט ער נאר זיינע פעהיגקייטען א שבח צו געבען, ווארים נאר דורך גאט האט ער אלעס ערררייכט. מיר זעהען פילע מענשען, וועלכע זיינען גאנץ פעהיג און געראטען און אויך געלערנט און זיי וואלגערען זיך אהן א היים און האבען אפילו ניט צו באצאלען זייערע ארימע דירה-געלט. מוזען מיר דעריבער גלויבען, אז אלעס איז א גאט-בענשונג און דערפאר דארף מען איהם אויך פאר-שאפען א נחת רוח מיט דעם, וואס מען וועט א שהחיינו מאכען, און אויך מיט דעם, וואס אין דעם הויז וועט געמאכט ווערען א פלאץ פאר דער שכינה. און דאן איז די שמחה פון חנוכת הבית אן אמת'ע, א האר-ציגע — וואס טראץ דעם, וואס דאס הויז שטעהט אויף דער ערד, אבער זיין הויך גרייכט צו די הימלען...

איך ווינש דעם בעל שמחה און אויך זיין פאמיליע א הארציגען מזל טוב און איך בענש זיי, אז אין דעם הויז זאל אימער הערשען פרייד און שמחות. פון דעם דאזיגען הויז זאלט איהר אייערע קינדער באַ-גלייטען צו דער חופה מיט פרעהליכע הערצער; און איהר זאלט אימער האבען אלעס, וואס איהר פארלאנגט. אמן!

# מרחם הקדשתיך
## חנוכת בית הטבילה

וַיִטַע ה' אלקים גן בעדן מקדם דבי רבי ינאי אמרין למה הוא מזכיר שם מלא בנטיעת הגן? שמתחלת ברייתה היא צריכה כוון קודם עד שלא נוצרה ממעי אמה, אדם צריך לכוון את רוחותיה הה"ד ישבעו עצי ה' ארזי לבנון אשר נטע.

(בראשית רבה, ט"ו א').

מיר האָבען זיך אַלע פאַרזאַמעלט צו אַ פייערונג פון אַ חנוכת בית הטבילה — אַ פלאַץ, וואו די אידישע טעכטער וועלען קומען זיך טובל זיין; אַ פלאַץ, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פאַר קדושה און טהרה, פאַר הייליגטום און ריינקייט.

ווען איך זעה, אַז אידען האָבען זיך פאַראייניגט פאַר דער הייליגער מצוה פון טהרת המשפחה און פאַר דעם צוועק אויסגעבויט אַ שעהנע באַקוועמע מקוה, וואו אַלעס איז אַזוי איינגעאָרדענט מיט טאַקט און אויסרעכענונג, אַז די העכסטע אריסטאָקראַטישע פרויען קענען קומען זיך טובל זיין, — דאַן באַגרים איך אייך פון מיין טיפען הארצען און איך זאָג: געבענשט זאָלט איהר זיין, וואָס איהר האָט זיך אָנגענומען קנאת ה' צבאות און איהר האָט קיין געלד און אַרבייט ניט געשפּאָרט, ביז וואַנען איהר האָט פאַרפאָלקאָמט דעם דאָזיגען שעהנעם הייליגען פלאַץ.

„הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל" (זהר נשא קל"ד) — דער זוהר זאָגט, אַז אַלעס ווענדט זיך אָן מזל אפילו אַ ספר תורה אין ארון הקודש דאַרף אויך האָבען מזל. און עס איז גאַנץ ריכטיג געזאָגט. אָט זעהען מיר פאַרשיידענע ספרי תורה שטעהען אין היכל און אַלע זיינען פאָלשטענדיג כשר, אָבער אייניגע האָבען מזל און אַנדערע ניט. אייניגע פון זיי פוצט מען אויס מיט שעהנע מענטעלאַך, און זיי טראָגען אויף זיך גאָלדענע און זילבערנע קרוינען, און מען נעמט זיי אויס יעדען שבת און מ'קושט זיי און מ'האַלזט זיי. אין דערזעלבער צייט שטעהען די אַנדערע כשר'ע ספרי תורה פאַררוקט אין ארון הקודש, מיט גאַנץ איינפאַכע מענטעלאַך, און מ'נעמט זיי אַרויס בלויז שמחת תורה צו הקפות...

דאָסזעלבע איז מיט די פאַרשיידענע מצות דאָ אין לאַנד. מיר זעהען, ווען עס קומט צו שוהלען בויען, שיטען אידען מיט געלד: מען

בויט בתי תפלה, וועלכע קאסטען הונדערטער טויזענדער דאלאר; מען בויט זיי אין אזעלכע געגענדען, וואו עס איז שוין דא גענוג שוהלען. אויך בויען אידען ישיבות און תלמוד תורה׳ס. נאר איין הייליג הויז, וואס איז שרעקליך פארנאכלעסיגט געווארען, איז דאס בית הטבילה. עס איז נאך אלץ פארבליבען אין די אונטערערדישע סעלערס, וואו אלעס ווערט געפיהרט ווי אין דער אלטער היים, ארים און אפגעלאזען. אהין דארף דאס אראפגעהן די אמעריקאנער „אפ-טו-דעיט ליידי" צו קריגען טהרה און קדושה... און צווישען די פילע אידען, וועלכע בויען שוהלען, תלמוד תורה׳ס און ישיבות, געפינען זיך דאך ניט אזעלכע, וועלכע זאלען אויך בויען ספעציעלע שעהנע באקוועמע געביידעס פאר דעם דאזיגען צוועק.

איך קען ניט באגרייפען דעם סארט אידען, וועלכע פארשטעהען צו מחזק זיין די תורה אויף אלע געביטען, נאר אויף דעם איינציגען געביט האבען זיי זיך צוריקגעצויגען, און עס ארט זיי ניט, אז די דאזיגע הייליגע גרויסע מצוה געהט דא אינגאנצען אונטער.

אויב זיי זיינען אידען, וואס גלויבען אין דער תורה, איז דאך די פראגע, וואס איז דער אונטערשייד פון דער מצוה ביז אן אנדערער? און עס איז דאך אלעמען באקאנט, אז די דאזיגע מצוה איז גראד די הייליגסטע פון די הייליגע; דער עונש אויף דעם איז דאך — כרת! און על פי דין דארף מען דאך פארקויפען א בית הכנסת, אום צו בויען א בית הטבילה!

נאר דער תירוץ איז, אז עס פעהלט אויפקלעהרונג וועגען דער דאזיגער גרויסער מצוה, וואס פארנעמט אזוי פיל פלאץ אין דער תורה, און וועגען וועלכער עס איז דא די מסכת נדה און די מסכת מקואות און אזוי פיל דינים אין אונזער שולחן ערוך.

פילע דענקען, אז חנוך הבנים והבנות פאנגט זיך אן פון פינף יאהר, און קוים געהט דאס קינד אין דער תלמוד תורה און ישיבה און לערענט, ווערט דאס קינד שוין מיט דעם אליין געהייליגט. אבער דער אמת איז ניט אזוי. דאס קינד מוז געהייליגט ווערען, איידער עס קומט אויף דער וועלט. פאטער און מוטער מוזען באגרייפען, אז כדי דאס קינד זאל האבען אין זיך די געטליכע נשמה, מוז זיין קערפער אויך זיין הייליג און ריין; אז כדי דאס קינד זאל האבען אין זיך ריינע און הייליגע געדאנקען, מוזען די געדאנקען פון די עלטערען צום ערשטען געהייליגט

ווערען, און זיי דארפען וויסען, אז זיי ברענגען זייערע צוקונפטיגע יורשים אויף דער וועלט, און זיי, די קינדער, וועלען דארפען איבער־נעהמען אלעס, וואס איז הייליג און טייער ביי די עלטערען.

אום א שמשון זאל געבוירען ווערען, מוז פריהער דער מלאך פון גאט אנזאגען: „אל תשתי יין ושכר ואל תאכלי כל טמא“ (שופטים י״ג) — אז די מוטער זאל ניט טרינקען קיין וויין און אויך ניט עסען קיין טמא זאך. „כי נזיר אלקים יהיה הנער מן הבטן“ (שם) — ווייל דאס קינד קען נאר דאן זיין א געטליכער נזיר, ווען עס קומט הייליג פון דער מוטער'ס בויך. אזא קינד איז ניט נאר הייליג צו גאט, „והוא יחל להושיע את ישראל מיד פלשתים“ (שם) — אזא קינד קען דעם אידישען פאלק העלפען און ראטעווען איהם פון זיינע פארשיידענע פלשתים. ער קען אויסוואקסען דער אמת'ער אידישער פאטריאט, וואס וועט דעם פאלק'ס וועג־ווייזער זיין און אויך ווערען דעם פאלק'ס באשיצער און פיהרער...

אום ירמיה זאל דער גרויסער נביא ווערען, מוז ער זיין דער הייליגער איידער ער האט נאך די שיין פון דער וועלט געזעהן. „בטרם אצרך בבטן ידעתיך ובטרם תצא מרחם הקדשתיך נביא לגוים נתתיך“ (ירמיה א' ה') — גאט זאגט צו ירמיהו'ן: איידער איך האב דיך אין דיין מוטער'ס בויך באשאפען, האב איך דיך שוין געוואוסט, און איידער דו ביסט אויף דער וועלט געקומען, האב איך דיך שוין פאר־הייליגט, און דעריבער ביסטו געווארען דער נביא פאר אלע פעלקער...

אויך די וואונדערבארע געשיכטע פון תלמוד (יומא פ״ב): עס איז געווען יום כפור און א פארשוואנגערטער פרוי האט זיך פארשמעקט עסען (דאן איז זי אין א סכנה צושטאנד), איז מען געקומען פרעגען א שאלה ביי רבי'ן וואס מען זאל טאן, האט רבי געהייסען, מען זאל דער פרוי שטילערהייד זאגען, אז היינט איז יום כפור. דאס האט געווירקט, און די פרוי איז צוריק נארמאל געווארען. האט דאן רבי אויף איהר געלייענט דעם פסוק: בטרם אצרך בבטן וגו'... געווים מוז אזא פרוי טראגען א קינד, וואס ער וועט מיט זיין תורה און צדקות פארשיינען די אידישע הימלען... און עס איז טאקע אזוי געווען: די פרוי האט געהאט א קינד, וואס פון איהם איז אויסגעוואקסען דער גרויסער רבי יוחנן...

א צווייטען מאל האט זיך געטראפען דיזעלבע געשיכטע מיט אן אנדער פרוי, און מען איז געקומען פרעגען א שאלה ביי רבי חנינא'ן.

האָט ער אויך געהייסען טאָן ווי רבי האָט געזאָגט. אָבער דאָ האָט ניט געהאָלפען דאָס שושקען אין די אויערען. אויף איהר האָט שוין רבי חנינא געזאָגט דעם פסוק „זורו רשעים מרחם...“ (תהלים נ״ח ד׳) — רשעים וואַקסען ניט אויס, נאָר זיי קומען פאַרטיגע פון זייער מוטער׳ס בויך... און אַזוי איז טאַקע געווען: דאָס קינד איז אויסגעוואַקסען און איז געווען באַקאַנט מיט דעם נאָמען שבתאי אצר פרי, שבתאי וואָס האָט אַלע פרוכט אויפגעקויפט און באַהאַלטען, כדי צו מאַכען אַ יקרות און נאָכהער קענען רייסען די גרויסע פרייזען און שינדען די הויט פון דעם פאָלק...

אין מיין ספר „טהרת המשפחה“ האָב איך פאָלשטענדיג אַרויסגע־בראַכט די הויכקייט און הייליגקייט פון דער דאָזיגער מצוה און אויך די מיינונגען פון די גרעסטע מעדיקער און געלערנטע, ווי וויים די מצוה פון טהרת המשפחה האָט צו טאָן מיט היגיענע און דעם געזונט־צושטאַנד פון דער מוטער און דעם קינד. דעריבער וועל איך מעהר ניט ברענגען די אַלע מאמרים און דעות. אָבער די איינציגע זאַך, וואָס איך וועל דאָ יאָ אַרויסברענגען איז, אַז דער אידישער חנוך פון אַ קינד, ווענען וואָס מען איז אַזוי פיל מרעיש עולם אין אַמעריקא, פאַנגט זיך ניט אָן מיט דער תלמוד תורה און ישיבה, נאָר די עלטערען פאַנגען אָן מחנך זיין דאָס קינד איידער עס קומט נאָך אויף דער וועלט...

ווען מען געהט עטוואָס פלאַנצען אָדער פאַרזייהען, זוכט מען פריהער אויס דעם פאַסענדען באָדען פאַר דעם. עס זאָל ניט זיין צו הויך, וואו די זון וועט ברענען שטאַרק, און אויך ניט צו נידעריג, וואו אַלעס קען פאַרטרונקען ווערען. און איידער מ׳וואַרפט אַריין די זרעים אין דער ערד, איז דער פאַרמער און באָטאַניקער גאַנץ פאָרזיכטיג און אויך גוט אויסגערעכענט, אַז די זרעים זאָלען ניט געהן לאיבוד. „ויטע ה׳ אלקים גן בעדן מקדם דבי רבי ינאי אמרין למה הוא מזכיר שם מלא בנטיעת הגן?“ (בראשית רבא ט״ו א׳) — ווען עס קומט צו פלאַנצען אַ גאָרטען אין עדן, דערמאָנט דער פסוק דעם אַלמעכטיגענס נאָמען איינ־גאַנצען מיט דעם אויסדרוק „ה׳ אלקים“, „שמתחילת ברייתה צריכה כוון, קודם עד שלא נוצרה ממעי אמה אָדם צריך לכוון את רוחותיה“ (שם) — ווייל ביים אָנפאַנג פלאַנצען אַ גאָרטען פון בוימער, מוז מען זיין פאָרזיכטיג און צופאַסען דעם פּלאַץ. איידער דאָס יונגע בוימעלע קומט

אַרויס פון דער מוטער־ערד׳ס געדערים, דאַרף מען שוין צופּאַסן דעם קלימאַט און באָדן...

אויב ביי גאַנץ געוועהנליכע צמחים דאַרף מען זיין אַזוי פאָרזיכטיג, אַז איידער די זאַך קומט אויף דער וועלט, מוז מען אַלעם פריהער צו־פּאַסן, היינט ווי דאַרף מען זיך באַגעהן מיט דעם מדבר — מיט דעם מענשען, מיט דעם מבחר היצורים, וואָס גאָט האָט איהם געשאַפען אין זיין געשטאַלט און גיט אין איהם אריין זיין געטליכע נשמה? דאָ מוז מען געוויס זיין זעהר געהיט, אַז די זרעים, וועלכע מען זייהט, זאָלען זיין אין דער ריכטיגער צייט... און אַלעם זאָל קומען מיט קדושה און טהרה, אום דער מענש זאָל ניט געבוירען ווערען מיט די אינסטינקטען פון דער חיה און לעבען זיינע גאַנצע יאָהרען ווי אַ בהמה, וואָס פאַרשאַפט אַממעהרסטען די עלטערען די גרעסטע שמערצען און טרייבט זיי פריה־צייטיג אין קבר. אָבער ווען עס געשעהט אַזוי, איז דאָס די שולד פון די עלטערען זעלבסט, וואָרים זיי האָבען ניט מקדש געווען זייער קינד פון זיין מוטער׳ס בויך...

איך האָף, אַז דער נייער בית הטבילה, פון וועלכען מיר פייערען דעם חנוכת הבית, וועט געפיהרט ווערען אנשטענדיג און פיין. אי־בערהויפּט וועט מען דאָ מדקדק זיין אויף זויבערקייט און אויך וועט מען זעהן ניט צו באַרייסען די אָרימע, וועלכע קענען ניט באַצאָלען דעם פולען פּרייז פאַר טובל זיין זיך; די באַהאַנדלונג צו זיי וועט דאָך זיין דיזעלבע ווי צו די וואוילהאָבענדע פרויען.

די אַלע, וועלכע האָבען אַזוי שווער געאַרבייט, אום אויפצובויען דעם דאָזיגען הייליגען פּלאַץ און האָבען מסירות נפש אַרויסגעצייגט, וועלען געוויס פון גאָט באַלוינט ווערען מיט געזונט און פרנסה און אויך מיט פיל נחת פון די אייגענע קינדער, אַז זיי זאָלען זיין לשם ולתהלה ולתפארת. — אָמן!

# לרעות ביעקב עמו

## חג ההתמנות לרב (אינסטאַליישאַן)

בדק לדוד בצאן ומצאו רועה יפה... היה מונע הגדולים מפני הקטנים, והיה מוציא הקטנים לרעות כדי שירעו עשב הרך, ואחר מוציא הזקנים כדי שירעו עשב הבינונית, ואחר מוציא הבחורים שהיו אוכלין עשב הקשה. אמר הקב"ה מי שהוא יודע לרעות הצאן איש לפי כחו יבא וירעה בעמי הה"ד (תהלים ע"ח) מאחר עלות הביאו לרעות ביעקב עמו.

(מדרש רבה, שמות ב׳ ב׳).

א וואונדערבאַרע שמחה ווערט היינט געפייערט ביי אַלע אידען פון דעם געגענד. זיי האָבען דערלעבט אויפצונעהמען אַ גייסטי־גען מנהיג, אַן אמת׳ן אידישען רב, וועלכער זאָל פיהרען די גאַנצע קהלה אויף דעם וועג פון דער תורה הקדושה און וועלכער זאָל איינפלאַנצען ליבשאַפט אין די הערצער פון די מאַסען, אַז זיי זאָלען מיט מסירות נפש אַרבייטען פאַר דעם קיום האומה והדת. און היינט ווערט געפייערט דער אינסטאַליישאַן פון דעם נייעם רב מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ.

איך זעה, די געזיכטער פון אַלע פאַרזאַמעלטע שטראַהלען מיט פרייד, און די שוהל איז אַזוי רייך אילומינירט מיט עלקטריק און דעקאָ־רירט מיט אַזוי פיל אידישע און אַמעריקאַנער פלעגס, און עס איז ששון ושמחה — פרייד, פרייד און פרייד... אין דער זעלביגער צייט זעה איך אָבער איין געזיכט, אויף וועלכען עס רוהט פרייד און טרויער צוזאַמען, גליק און שרעק, שמייכעל און אַנגסט. דאָס געזיכט איז ניט פון קיין אַנדערען, נאָר טאַקע פון אייערען חתן־התורה, דעם ווירדיגען רב, וועמעס אַריינקומען צו אייך אַלס מרא דאתרא איהר פייערט יעצט מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ.

עס איז גאַנץ לייכט צו באַגרייפען און פאַרשטעהן, פאַרוואָס אייער נייער חשוב׳ער רב פיהלט זיך אַזוי. איהר אַלע זייט פול מיט שמחה, ווייל איהר ווייסט וועמען איהר קריגט — אַן אמת׳ן תלמיד חכם, אַ גרוי־סען בעל מדות, דרשן און רעדנער. און געוויס איז ער דער פּאַסענדער פּערזאָן פאַר אייער קהלה. אייער רב אָבער ווייסט ניט וועמען ער קריגט, ווייל ער האָט דאָך צו טאָן מיט אַ רבים; און פונקט ווי זייער

אויסערליכער אויסקוק איז ניט גליך, אזוי אויך ארבייטען ניט האר־מאניש זייערע אינערליכע געדאנקען.

כדי צופרידען צו שטעלען די מאסען, מוז מען זיין א זשעני. אויסער לערנונג און אנדערע מעלות, וואס א רב מוז אלזא באזיצען, מוז ער אויך זיין א דיפלאמאט. עטוואס א פארזעהן — און גליך קומט אויס לײדען דעם וועג־ווייזער און פיהרער...

אין דער אלטער היים איז רבנות ניט געווען אזוי שווער און הארב ווי דא אין אמעריקא. דארטען האט דער רב געוואוסט, אז די שטאט אדער שטעטעל, וואו ער איז אנגעקומען, איז א פוילישע, ליטווישע, אונגארישע און אזוי ווייטער. די אידען פון יעדען לאנד האבען געהאט זייערע געוואוינהייטען און מנהגים. דער רב האט זיך צוגעפאסט צו זיי אין א גאנץ קורצער צייט; און ער איז געווען צופרידען פון זיי און זיי פון איהם. דא אבער איז יעדע קהלה צוזאמענגעשטעלט פון א קבוץ גליות, עס געפינען זיך דא אין יעדער שוהל אידען פון אלע לענדער, און יעדער איינציגער האט מיטגעבראכט אהער זיינע מנהגים און געוואוינ־הייטען, און יעדער איינציגער וואלט וועלען, אז דער רב זאל זיך צופאסען צו דעם סארט רבנות, וואס ער האט געזעהן אין זיין לאנד און געגענד. דעריבער צו זיין א רב, א גייסטיגער פיהרער אין אמעריקא, איז איינע פון די ריזיקאלישסטע זאכען. מען געהט אויף א וועג, וואס איז פול מיט שטרויכלונגען. און דערפאר, ווען א רב קומט אן אין א נייעם פלאץ און ער זעהט די פרייד, וואס ס'הערשט, פיהלט ער זיך — דער בעל שמחה — אין צווייפעל: ווער ווייסט צי די נייע קהלה וועט איהם ברענגען פרייד אדער צער, כבוד אדער בזיון...

אין אלע צייטען האבען אונזערע גרעסטע פיהרער זיך געשראקען צו זיין מנהיגים ביי דעם אידישען פאלק. משה בעט זיך ביי גאט: „שלח נא ביד תשלח" (שמות ד' י"ג) — שיק וועמען דו ווילסט אויסצו־לייזען דיין פאלק ישראל, אבער האב רחמנות און לאז מיך פריי פון דעם. איך האב שוין גוט געקענט לערנען דיינע צאן קדשים נאך זייענדיג אין מצרים, און מיינע אויערען האבען שוין געהערט ווי די דתנ'ס און אבירמ'ס שרייען דעם אלטען געשריי: „מי שמך לאיש שר ושופט..." (שמות ב' י"ד) — אבער משה רבינו ווערט פון גאט געצוואונגען אנצונעהמען די שווערע שליחות און ווערען דער אמת'ער מנהיג. קיין נחת האט דאס משה'ן ניט געבראכט. אויף יעדען שריט און טריט זיינען

דאָ מריבה׳ניקעס און קרח׳ס, וועלכע האָבען איהם אזוי דערגאנגען די יאָהרען, אז ער, משה רבינו, שרייט אוים מיט פארצווייפלונג: „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם?"... (דברים א׳ י״ב).

משה שטאַרבט, און יהושע נעמט איבער די פיהרערשאפט. און גאָט זאָגט איהם אָן: „חזק ואמץ!" (יהושע א׳ ו׳) — שטאַרק זיך יהושע! זיי פעסט אויף דיינע פרינציפען. לאָז ניט נאָך קיין זאך פון דער תורה און שרעק זיך ניט פאר קיינעם. „לא יתיצב איש לפניך כל ימי חייך, כאשר הייתי עם משה אהיה עמך, לא ארפך ולא אעזבך" (שם) — קיין מענש וועט זיך ניט שטעלען קעגען דיר דיין גאנץ לעבען; ווי איך בין געוועזען מיט משה׳ן, אזוי וועל איך זיין מיט דיר; איך וועל דיך ניט פארלאָזען. און דאן האָט יהושע איינגעשטימט צו ווערען דער נייער פיהרער...

אויך ישעיה הנביא ווייסט, אז געהן זאָגען מוסר און אמת צו די אידען און צו דער אלגעמיינער מענשהייט, איז ניט אזוי לייכט. מען מוז זעהר פיל מיטמאכען, מען מוז קענען פארטראָגען באליידיגונג און יסורים. „א״ל הקב״ה: ישעיה בני טרחנין סרבנין הם, אם אתה מקבל עליך להתבזה וללקות מבני את הולך בשליחותי ואם לאו אין אתה הולך בשליחותי. אמר לו על מנת כן גוי נתתי למכים" (מ״ר ויקרא פ׳ י׳) — גאָט זאָגט צו ישעיה׳ן: מיינע קינדער לאָזען זיך ניט אזוי לייכט רעגירען און פיהרען. זיי זיינען טרחנים און סרבנים. ווילסטו אויף זיך נעהמען דעם גרויסען יאָך און זיין וויליג אפילו באליידיגט און געשלאָגען צו ווערען, דאן וועסטו געהן אין מיין שליחות; אויב ניט, דאן זיץ אין דער היים. ישעיה האָט איינגעוויליגט און האָט געזאָגט: מיין קערפער מאך איך הפקר צו אלע שלעגער...

ירמיה שרעקט זיך אויך פאר זיין צוקונפטיגער נביאות-זאָגעריי און ער שרייט אוים: „אהה ה׳ אלקים הנה לא ידעתי דבר!" (ירמי׳ א׳ ו׳)— איך קען דאָך ניט ריידען פאר דיינע בני ישראל. דעם אמת ווילען זיי דאָך ניט הערען. אָבער גאָט זאָגט צו איהם: „אל תירא מפניהם כי אתך אני להצילך" (שם) — שרעק זיך פאר זיי גאנץ וויניג, ווייל איך בין מיט דיר צו יעדער צייט און איך וועל דיך רעטען.

אין דער אלטער היים, אויף יענער זייט ים, וואו תורה איז געשטאַנען הויך אין איהר פראכט און גלאנץ, האָט מען זיך צו די פאָהנענטרעגער פון דער תורה — די רבנים — באצויגען מיט רעספעקט און

מיט מורא. פילע פון זיי האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען אויף איין פלאַץ, און זייער רבנות איז אַריבערגעגאַנגען בירושה צו קינדער און אייניקלאַך. דאָ אָבער, וואו די תורה איז אַרונטער, וואו די וויכטיגסטע פרינציפּען פון אידענטום ווערען געטראָטען מיט די פיס, זיינען ממילא די נושאי דגל התורה ניט בעסער ווי די תורה זעלבסט. טרעפט טאַקע זעהר זעלטען, אַז אַ רב זאָל אויסלעבען זיינע יאָהרען אויף איין פּלאַץ.

דאָ האָט דער רב צו קעמפען אויף שריט און טריט, אום אַנצוהאַלטען און פאַרהיטען די העכסטע פרינציפּען פון אידענטום, זיי זאָלען אינגאַנצען ניט פאַרגעסען ווערען. דערצו מוז מען דאָס ריינע אידענטום פאַרהיטען פון די זאָגענאַנטע רעפאָרם-באַוועגונגען, וואָס שווינבלען אַזוי פיל אין דער אידישער גאַס.

ניט אומזיסט האָט רבינו הקדוש מקנא געווען דעם איינפאַכען אַרבייטער אָדער קנעכט מעהר ווי צו זיין אַ פאַרשטעהער און פיהרער. „רבי נפיק מן דימוסיין אתעטף בבגדים ויתיב עסיק בצרכיהון דברייתא. מזיג ליה עבדיה כסא מדעסיק בצרכי דברייתא לא איתפני מקבליה יתיה מיניה נתנמנם עבדא ודמך ליה הפך רבי ואיסתכל ביה ואמר יאות אָמר שלמה מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל, והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון, כגון אנן דאנן עסקינן בצרכיהון דברייתא אוף למידמוך לית אנן מישתבקין" (מ"ר קהלת ה' י"ד) — רבי גלייך ווי ער איז געקומען פון מרחץ, האָט ער זיך איינגעוויקעלט אין זיינע קליידער און האָט זיך באַשעפטיגט מיט צרכי הכלל; און ווען זיין באַדינער האָט איהם געבראַכט אַ כוס מיט משקה צו טרינקען, און רבי זייענדיג פאַרנומען מיט פאַרשיידענע כלל זאַכען, האָט דעם באַדינטען געלאָזט וואַרטען אַ ווײַלע און אין דער צייט האָט דער באַדינער איינגעשלאָפען. האָט אויף איהם רבינו הקדוש געלייענט דעם פּסוק פון שלמה המלך: „זיס און אנגענעם איז דער שלאָף פון דעם אַרבייטער צי ער עסט אַ סך אָדער ווייניג, און די זאַטקייט פון דעם רייכען לאָזט איהם ניט איינשלאָפען." דאָס זיינען מיר פאַרשטעהער, וואָס מיר זיינען עוסק פאַר דעם כלל און מיר האָבען קיינמאָל קיין מנוחה — אפילו כאַפּען אַ דרעמעל לאָזט מען אונז ניט...

איך זאָג דאָס אַלעס, אום איהר, ווערטע פאַרזאַמעלטע, זאָלט פאַרשטעהן די לאַגע פון רבנות אין אַמעריקא, און דאַן וועט איהר באַגרייפען

די שווערינקייט, וואָס אייער נייער רב וועט דאַרפען דורכמאַכען אויף זיין וועג צו זיין אייער פאַרשטעהער. אימער זאָלט איהר מלמד זכות זיין אויף אייער וועג-ווייזער. ווען ביי אייך וועט אמאָל אויסקומען, אַז דער רב האָט געדאַרפט האַנדלען אַנדערש ווי ער האָט געהאַנדעלט; ווען איהר וועט גאַנץ קאַלטבלוטיג באַטראַכטען די זאַך אַהן פאָראור־טיילע, דאַן וועט איהר געווים איינזעהן, אַז דער רב האָט געדאַרפט און געמוזט אַזוי זאָגען אָדער טאָן.

מיר אַלע רבנים זיינען געקומען היינט אַוועגד אַרויפלייגען די קרוין פון רבנות אויף דעם קאָפּ פון אייער נייעם רב און קרוינען איהם אַלס מרא דאתרא פון אייער קהלה. „ושנא את הרבנות כיצד מלמד שלא יניח אדם עטרה מעצמו בראשו אבל אחרים יניחו לו שנאמר יהללך זר ולא פיך (אבדר״נ פי״א) — ושנא את הרבנות מיינט, אַז אַ מענש זאָל ניט אויף זיך אַליין אַנטאָן די קרוין פון רבנות, נאָר אַנדערע זאָלען קומען און איהם קרוינען מיט דעם.

מיר ווייסען און קענען אייער נייעם ווירדיגען רב, אַז ער איז ביכולת אייך אַלעמען פאַלשטענדיג צופרידען צו שטעלען, סיי דעם אַלטען דור און סיי דעם יונגען דור. אייער רב ווייסט און פאַרשטעהט די צייט, אין וועלכער עס איז איהם באַשערט צו האָבען דעם כבוד צו טראָגען די קרוין פון רבנות אויף זיין קאָפּ. עס איז די צייט, ווען דער קלוגער פאַר־שטעהער מוז געפינען דעם ריכטיגען וועג ווי אַזוי צו ברענגען שלום צווי־שען דעם אַלטען און דעם יונגען דור, ווי אַזוי צו ברענגען די יוגענד אונטער די פליגלען פון דער ריכטיגער אָרטאָדאָקסיע. און ווען מען איז דער געניטער פאַסטוך, איז ניט שווער מיט דער צייט אויסצוגעפינען די פאַסענדע עסענוואַרג פאַר יעדען שעפּסעלע באַזונדער...

„בדק לדוד בצאן ומצאו רועה יפה, היה מונע הגדולים מפני הקטנים, והיה מוציא הקטנים לרעות כדי שירעו עשב הרך, ואחר מוציא הזקנים כדי שירעו עשב הבינונית ואחר מוציא הבחורים שהיו אוכלין עשב הקשה. אמר הקב״ה מי שהוא יודע לרעות הצאן איש לפי כחו יבא וירעה בעמי הה״ד (תהלים ע״ח) — מאחר עלות הביאו לרעות ביעקב עמו״ — גאָט האָט דוד׳ן בודק געווען מיט שאָף און ער האָט איהם אויס־געפונען צו זיין אַ גוטער פאַסטוך. צוערשט פלעגט דוד אַרויספיהרען אויפ׳ן פעלד די יונגענקע שעפּסעלאַך, זיי זאָלען עסען די ווייכע גראָז; נאָך דעם פלעגט דוד אַרויסברענגען די אַלט-יעהריגע שאָף, זיי זאָלען

עסען די מיטעלע גראָז, און צולעצט פלעגט ער אָרויספיהרען די יונגע, שטאַרקע שעפסען, זיי זאָלען עסען די גראָז, וואָס איז נאָהענט ביי דעם באָדען און זיי זיינען גאַנץ הארט. האָט גאָט געזאָגט: ווער עס פאַרשטעהט צו פיטערען די שאָף יעדע איינציגע נאָך איהר עלטער און נאָך איהרע כחות, דער יעניגער זאָל קומען און איבערנעהמען די פיהרערשאַפט איבער מיין פאָלק — דער דאָזיגער איז דער ריכטיגער מענש, צו וועמען דאָס גאַנצע פאָלק וועט דעם העכסטען צוטרויען האָבען...

איך ווינש אייך און אייער ווירדיגען רב אַ הארציגען מזל טוב. איהר זאָלט זיך פרעהען מיט איהם און ער מיט אייך. זאָל אייער ווירדיגער רב דאָ קריגען זיין ריכטיגען מקום מנוחה, וואו ער וועט קענען פאַרשטאַרקען אַלעס, וואָס עס איז ביי אונז הייליג און טייער. און איהר זאָלט ניט זיין פון די יעניגע עמי הארץ, וואָס פון אָנפאַנג, ווען זיי נעהמען אויף דעם רב, איז ער ביי זיי דער גאָלדענער קרוג; און אַז זיי ריידען מיט איהם און באַקענען זיך מיט איהם, איז ער פאַררעכענט פאַר אַ זילבערנעם קרוג; און אַז דער רב האָט הנאה פון זיי, האַלטען זיי שוין איהם פאַר אַ ליימענעם קרוג; און ווי ער ווערט צובראָכען, איז שוין פאַר איהם קיין תקנה ניטאָ. זאָל אייער רב אימער בלייבען אין אייערע אויגען דער גאָלדענער קרוג, פון וואַנען איהר שעפּט תורה, חכמה און מדות. און איך האָף, אַז אויף אייך וועט מקוים ווערען דער „שלום רב לאוהבי תורתיך ואין למו מכשול" (תהלים קכ"ב). — אמן!

# ברוך אתה בצאתך

## חגיגת „צאתך לשלום" לרב

ר' יוחנן אמר ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך —
שתהא יציאתך מן העולם כביאתך, מה ביאתך לעולם
בלא חטא, אף יציאתך מן העולם בלא חטא.
(בבא מציעא ק"ז).

מיט צעהן יאָהר צוריק בין איך געשטאַנען אויף דעם זעלביגען פּלאַץ, וואו מען האָט געפייערט מיין „בואך לשלום" — מיין אינסטאַליישאַן. מיט פרייד און יובעל בין איך אריינגעקומען אַהער. אַלע געזיכטער האָבען אויסגעדריקט די פרייד, וואָס האָט געהערשט אין זייערע הערצער. און היינט, מיט צעהן יאָהר שפּעטער, איז די שוהל ווייטער איבערפולט מיט מענשען, אָבער די געזיכטער קוקען אויס אַנדערש: אַלע זיינען פאַרזאָרגט. און ווען מיינע ווירדיגע חברים, די רבנים, האָבען געשילדערט דעם פאַרלוסט, וואָס די שוהל און דער געגענד אין אַלגעמיין וועט האָבען מיט מיין אוועקגעהן, האָבען זיך קרעכצען געהערט, און די אויגען פון אייך אַלעמען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז די היינטיגע טרעהרען און קרעכצען און דער אַלגעמיינער אומעט, וואָס ס'הערשט ביי מיין „צאתך לשלום" פייערונג, גיבען מיר מעהר צופרידענהייט ווי די פרייליכע און יובעלדיגע געזיכטער בעת מיין אינסטאַליישאַן מיט צעהן יאָהר צוריק. ווייל דאַן איז מיין גליק־וואונש „מזל טוב", וואָס אַלע האָבען מיר אָפּגע־געבען, געווען פאַרשלייערט מיט אַ דיקען נעבעל און וואָלקען: דאַן בין איך געשטאַנען פאַר אייך און האָב גענומען אויף זיך גרויסע פליכטען צו זיין אייער מנהיג און רב. און ווער ווייסט, האָב איך געטראַכט, צי וועל איך אַרויסגעהן בשלום, צי די נייע קהלה וועט מיר ברענגען פרייד אָדער טרויער, נחת אָדער צער; ווער ווייסט, צי וועל איך קענען אויפ־טאָן אַזוי פיל אויף אַלע געביטען פון אידענטום, ווי די פליכט מיינע איז. יעצט אָבער, זייענדיג ביי אייך צעהן יאָהר, און ביי דעם זעגענען זיך פאַרגיסט איהר טרעהרען, פאַרשטעה איך, אַז מיין זיין דאָ איז געווען אַ גרויסער געווינס ניט נאָר פאַר מיר זעלבסט, וואָס איך האָב געקראָגען

אַ שעהנעם גרויסען נאָמען און אויך פאַרבעסערט מיינע עקאָנאָמישע אומשטענדען, נאָר אויך אַ געווינס פאַר אייך אַלעמען. די שוהל איז געוואַקסען אין איהר איינפלוס אָהן אַ שיעור. די שוהל איז געוואָרען דער מרכז פון דעם געגענד פאַר תורה און עבודה און צדקה. אויך דער גאַנצער געגענד האָט אויפגעלעבט. עס איז ניטאָ קיין איין אינסטיטוציע, וואו מיין שוויים און אַרבייט זאָל דאָרט ניט ליגען, ווי מיינע חברים, די רבנים, האָבען פאַר אייך אַזוי שעהן געשילדערט, און אייערע טרעה־רען זאָגען אויף דעם עדות — עס איז דער אויסדרוק פון אייערע איידעלע הערצער, אַז איהר באַדויערט מיט אייער גאַנצער נשמה מיין אוועק־געהן און מיין אָפּשייד נעהמען פון אייך. דעריבער זיינען ביי מיר אייערע טרעהרען טייערער היינט ווי אייערע שמייכלען און פרייד מיט צעהן יאָהר צוריק...

אין אַמעריקאַ טרעפט זיך אָממעהרסטען, אַז דער רב פיהלט זיך צוברָאָכען ביי זיין אוועקגעהן. ער געהט אום פאַרזאָרגט, וואָס מ׳האָט איהם אָפּגעזאָגט. אָבער די מאָסען זיינען פרעהליך — אָבי דעם רב אַרויסגע׳פטר׳ט פון שוהל. אין דער אַלטער וועלט אָבער איז אַנדערש געווען. דאָרט האָט מען רבנים געמוזט אַרויס׳גנב׳ענען אין מיטען דער נאַכט, אום די קהלה זאָל זיך ניט דערוויסען, אַז מ׳נעמט אוועק זייער רב, זייער ליבלינג. און ווען איך זעה, אַז דאָ געפינען זיך אידען, וואָס פאַרגיסען טרעהרען, ווען אַ רב זעגענט זיך, איז אַ סימן, אַז אויך דאָ, אין אַמעריקאַ, זיינען נאָך פאַראַן אידען, וואָס האָבען ליב די תורה און איהרע קעפּטעינס.

עס גיט מיר די גרעסטע צופרידענהייט, ווען איך זעה, אַז אין מיר האָט איהר געפונען דעם ריכטיגען מנהיג און גייסטיגען פיהרער. די גאַנצע צעהן יאָהר בין איך געווען ביי אייך מיט דעם גרעסטען כבוד. קיינמאָל פון קיינעם ניט געהערט קיין גראָב וואָרט אָדער באַליידיגונג. „יערוף כמטר, מה המטר הזה אי אתה רואהו עד שבא כך תלמיד חכם אי אתה יודע מהם עד שישנה משנה הלכות ואגדות או עד שיתמנה פרנס על הציבור" (ספרי האזינו) — אַזוי ווי דעם רעגען קען מען ניט זעהן בעפאָר ער קומט, אַזוי קען מען דעם תלמיד חכם ניט קענען, סיידען ער צייגט זיין אַרבייט און טעטיגקייט אויף אַלע געביטען פון לערנען דאָס פאַלק משנה, הלכות און אגדות און פיהרען זיי אין אַלע ענינים פון זייער גייסטיגען לעבען.

עס איז איינע פון די גרעסטע זאכען צו זיין ביי אידען א מנהיג פאר אזוי פיל יאהרען און ארויסגעהן בשלום. „אל גנת אגוז — אר"ל מה אגוז זה חלק וכל מי שעולה לראשו ואינו נותן דעתו האיך יעלה הוא נופל ומת ונוטל שלו מן האגוז כך כל מי שהוא מנהיג שררה על הציבור בישראל ואינו נותן דעתו היאך הוא מנהיג את ישראל, סוף שהוא נופל ונוטל שלו מתחת ידיהם" (מ"ר שה"ש ו' י"ז) — פארוואס זיינען אידען גלייך צו דעם נוס? פונקט ווי דער נוסענבוים איז גלאט און מ'דארף זיין זעהר פארזיכטיג ווען מ'קומט צו זיין הויך, ווייל עטוואס א פארזעהן, ווערט מען מיט טויט באשטראפט — דאסזעלבע איז מיט דעם יעניגען, וואס נעמט אויף זיך צו זיין א מנהיג ביי דעם אידישען פאלק און ער באטראכט ניט און איז ניט גענוג פארזיכטיג ווי זיי צו פיהרען און באהאנדלען. זיין ענדע ווערט זיין גאנץ טרויעריג: אזא מנהיג ווערט ארונטערגעהן מיט בזיון...

איך געה פון אייך אוועק מיט דער צופרידענהייט, אז אלעס, וואס ס'איז געווען אין מיין מאכט צו טאן פאר דעם קיום התורה והלאום, האב איך געטאן. איך האב ניט מועל בשליחות געווען. דאס איז אויך צו פארדאנקען אייער אלעמענס מיטהילף און אייער ערמוטיגונג. און ניט נאר בין איך צופרידען מיט מיינע נשיאות, נאר אפילו מיין פרוי און מיינע קינדער זיינען צופרידען.

זעהר זעלטען, אז א פרוי פון א רב זאל זיין צופרידען, ווארים זי זעהט זיך אן גענוג ענוים און יסורים, וואס איהר מאן טראגט דורך פון די פארשיידענע בעלי בתים, און איבערהויפט וואס אממעהרסטען ליידט טאקע די פאמיליע דחקות און פיין, און מ'לעבט אויסגערעכענט און צוגעצעהלט. דעריבער טאקע בענשען זיך ניט רבנישע טעכטער, אז זיי זאלען אויך ווערען פרויען פון רבנים; עס שרעקט זיי אפ דער דאזיגער געדאנק אליין, און ביי זיי איז דאס פארעכענט פאר א קללה און ניט פאר א ברכה...

„א"ר אבא כיון שנתמנו זקנים הדליקו להן כל ישראל נרות ושמחו להם. מרים רואה את הנרות דולקין, אמרה לצפורה מה עסקן של הנרות הללו, אמרה הענין. אמרה מרים אשריהן נשים של אלו מה הן רואות האיך עלו בעליהן לשררה. אמרה צפורה אוי להן" (ילקוט בהעלותך) — ווען די זקנים זיינען אויפגענומען געווארען, האבען די אידען געפייערט א גרויסען יום-טוב מיט אנצינדען פיל ליכט, און צו זייער שמחה איז קיין

גרענעץ ניט געווען. ווען מרים האָט דאָס אַלעס געזעהן, האָט זי געזאָגט צו צפורה'ן: גליקליך זיינען די פרויען פון די מענער, וואָס זיי האָבען דערלעבט צו זעהן ווי זייערע מענער זיינען דערהויבען געוואָרען לגדולה מיט אַזאַ פּאַראַד און פרייד. צפורה אָבער, זייענדיג די פרוי פון משה'ן און וויסענדיג ווי ווייט די פאַרשיידענע קרח'ס עסען זיך איין אין די ביינער און פלייש ניט נאָר פון משה'ן, זייער פיהרער, נאָר זיי רואינירען אויך זיין פאַמיליע, — זיי זיינען די שולדיגע, וואָס משה'ס פאַמיליע ליידט דחקות און צער, — אַט די פּראַקטישע צפורה האָט געזאָגט: איך בין זייערע פרויען ניט מקנא; פאַרקערט, איך באַדויער זיי פון דער טיפעניש פון מיין הארצען...

איהר אָבער, מיט אייער שעהנער און גוטער באַהאַנדלונג צו אייער רב און פאַרשטעהער, האָט אַריינגעבראַכט פרייד און גליק אין די הער־צער פון מיין פרוי און קינדער. און זאָל דער דאָזיגער זכות אייך פאַר־רעכענט ווערען אויף אייער חשבון; און זאָל גאָט דערפרעהען אייערע הערצער ווי איהר האָט דערפרעהט אַנדערע הערצער...

ווען עס וועט קומען צו זאָגען אונזער לעצטען גוד־באַי צו דער וועלט, דאַן זאָלען מיר זיין פון די גליקליכע, וועלכע קענען זאָגען, אַז אונזער אַרויסגעהן פון דער וועלט איז פונקט ווי אונזער קומען אויף דער וועלט: אַזוי ווי מיר זיינען געקומען ריין פון זינד אויף דער וועלט, אַזוי זאָלען מיר אַרויסגעהן פון דער וועלט אָהן זינד. אויב מיר קענען זיך ניט באַריהמען, אַז מיר זאָלען קענען אַוועקגעהן פון דער וועלט מיט מעשים טובים, לכל הפחות זאָלען מיר אַוועקגעהן אָהן זינד; קיינער זאָל וועגען אונז ניט קענען זאָגען, אַז מיר האָבען וועמען וועה געטאָן אָדער שלעכטס געטאָן...

איך דאַנק דעם אַלמעכטיגען גאָט, וואָס מיין אַוועקגעהן פון אייך, נאָך דעם ווי כ'בין מיט אייך געווען צעהן יאָהר צייט, איז ניט ערגער פון מיין קומען צו אייך. ווען איך בין אָנגעקומען צו אייך, האָט איהר דאָך קיינע טענות און תביעות געהאַט געגען מיר, אַזוי אויך יעצט, ווען איך געה אַוועק נאָך אַזוי פיל יאָהרען, האָט איהר אויך ניט צו מיר קיינע טענות און תביעות; פאַרקערט, ווען איך בין געקומען, האָט איהר טאַקע קיינע טענות ותביעות צו מיר ניט געהאַט, אָבער שבחים האָט איהר אויך וועגען מיר ניט געזאָגט, ווייל איהר האָט דאָך מיך ווינציג געקענט; יעצט אָבער, איז ניט נאָר וואָס איך הער ניט פון אייך קיינע

טענות געגען מיר, נאָר איך הער גאָר שעהנע שבחים פאַר מיין גוטער אַרבייט, וואָס איך האָב געטאָן. דאָס ערפרעהט מיין הארץ און גיט מיר צו גרוים מוט צו טאָן דאָסזעלבע אין דעם נייעם פּלאַץ, וואוהין איך געה יעצט.

איך בעט אייך, אז די אַלע אינסטיטוציעס פון דעם געגענד, וועלכע איך האָב מיך באַמיהט צו העלפען, זאָלט איהר ניט פאַרלאָזען; און מיין גרויסע אַרבייט פון האַמערען אין די הערצער פון די קינדער און עלטערען שבת־איין און שבת־אוים וועגען דער הויכקייט און שעהנקייט פון דער אידישער רעליגיע און איהר תורה, און אויך די גרויסע קאָלאָסאַלע אַרבייט, וואָס שטעהט יעצט פאַר אונזער פאָלק, צו בויען ארץ ישראל, — זאָלט איהר ניט פאַרגעסען. די אַלע דרשות און רעדעס, וואָס איך האָב גערעדט פאַר געפּאַקטע שוהלען, האָבען מיך געגוג געזונד געקאָסט. וויל איך, אז דאָס זאָל ביי אייך בלייבען. און די קערנער, וואָס איך האָב אין אייערע הערצער פאַרזייהט, זאָלען מיט דער צייט ברענגען פרוכט.

זייט אַלע געזונד. און ווען איהר זאָגט מיר אַזאַ הארציגען „צאתך לשלום“, זאָג איך אייך פון מיין טיפען הארצען, אז קשה עלי פרידתכם — מיר איז זעהר שווער מיט אייך זיך צו שיידען, און איך זאָג אייך אויך: תחיו בשלום — לעבט אין אחדות און אין שלום. זייט פאַראייניגט און האָלט די שוהל אין דערזעלבער הויך ווי זי איז געשטאַנען, און גאָט וועט זיין מיט אייך פאַר אימער. — אָמן!

# מקיים ספר תורה

## סיום ספר תורה

המוכר ספר תורה של אביו אינו רואה סימן ברכה לעולם, וכל המקיים ספר תורה בתוך ביתו עליו הכתוב אומר הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד.
(ירושלמי בכורים).

אלע פאַרזאַמעלטע זיינען אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע בגדים, און אין דער שוהל פיהלט זיך, אַז אַ גראַנדיעזער יום-טוב געהט דאָ פאָרקומען. די מוזיק שפּילט. טישען זיינען געגרייט מיט כל טוב. אויף אַלע געזיכטער הערשט פרייד און גליק, און איינער דעם צווייטען גיט אַפּ מזל טוב. קיין איינער פון אונז ברענגט ניט היינט אַריין זיין קינד בבריתו של אברהם אָבינו. קיין איינער פון אונז ברענגט ניט היינט זיין זוהן אָדער טאָכטער צו דער חופּה. קיין איינער פון אונז פייערט ניט היינט קיין גאָלדענע אָדער זילבערנע חתונה. איז טאַקע די פראַגע: וואָס איז דאָ פאַר אַ שמחה? מיט וואָס פרייען זיך דאָס דאָ די אידען?

נאָר ווען מיר זעהען, אַז אַ נייע ספר תורה ליגט אויף דעם שולחן פון דער בימה, דאַן ווערט אַלעס פאַרענטפערט. דאָס פייערען אידען די שמחה פון אַ סיום התורה — מ'ענדיגט אַ ספר תורה שרייבען, און פאַר דעם דאָזיגען צוועק איז אַ גרויסאַרטיגער יום-טוב צוגעגרייט געוואָרען; און צוליב דעם איז די שמחה אַזוי גרויס...

עס איז צו באַוואונדערען דאָס אידישע פאָלק. נאָך דעם, וואָס זיי ליידען אַזוי פיל צוליב דער תורה, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, און די אוי-סערליכע וועלט האסט זיי און גיסט אויף זיי אוים איהר צאָרן, — וויפיל אידיש בלוט האָט מען שוין פאַרגאָסען צוליב דער אָפּהיטונג פון דער תורה, וויפיל אידען זיינען געפּייניגט געוואָרען, וויפיל אידען זיינען פאַר-ברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד אַלץ ווייל זיי האָבען זיך געהאַלטען ביי דער ספר תורה; וואו מיר גיבען זיך אַ קעהר, שטעהט אונז די תורה און איהרע מצות אין וועג: וויל אַ איד אַרבייטען אָדער עפענען אַ געשעפט, קומט גלייך די אָנגעוועהטאָגטע פראַגע פון שמירת שבת; וויל אַ איד עטוואָס פאַרקויפען, שרייען צו איהם די פּסוקים פון דער תורה: „לא תונו איש את עמיתו“ (ויקרא כ״ה י״ז) — נאַרט ניט איינער דעם

צווייטען; „לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה" (שם י"ט ל"ה) — טוט ניט קיין אומרעכט מיט וואג און מאס, „מדבר שקר תרחק" (שמות כ"ג ז')—פון יעדען פאלשען ווארט זאלסטו זיך דערווייטערען; און נאך צעהנדליגער אנזאגען, וואס הינדערען דעם אידען אויף שריט און טריט אין דעם דאזיגען לאנד, — און טראץ דעם אלעמען פרעהען מיר זיך אזוי פיל מיט דער ספר תורה! און מיר פייערען נאך איהר סיום מיט אזוי פיל פאראד. מיר פיהרען די ספר תורה אונטער א חופה איבער די גאסען, און א בענד מוזיק פארהילכט די לופט מיט פרעהליכע טענער, און הונדערטער אידען פרעגלען זיך פון נחת. און די שאלה איז: ולשמחה מה זה עושה?...

אויך איז דא א ספעציעלער טאג, וואס רופט זיך מיט דעם נאמען שמחת תורה. אין יענעם טאג ענדיגט דאס אידישע פאלק צו לייענען די לעצטע סדרה, וזאת הברכה. און דער דאזיגער סיום און אויך די התחלה פון בראשית ווערען געפייערט מיט אזא פרייד, וואס איז ניטא איהר גלייכען. אידען, וואס א גאנץ יאהר זיינען זיי ניכטער, אז עס קומט שמחת תורה, שכור'ט מען און מ'פארגינט זיך איבערצוכאפען די מאס פון שארפע משקאות. אידען, וואס א גאנץ יאהר זיינען זיי שטילע און באשיידענע און אממעהרסטען אומעטיג און פארזארגט, אז עס קומט אבער דער יום-טוב שמחת תורה, דאן ווערען זיי פארוואנדעלט אין גרויסע און פרעהליכע „לונג-און-לעבערס" — מ'זאגט וויצען און גלייכ־ווערטלאך, מען געהט פון הויז צו הויז אויף „קידוש" און מען טאנצט און מ'שפרינגט; און דאס אלץ ווערט געטאן, אום צו פרעהען זיך מיט דער תורה — וואס נאר מיר האבען זוכה געווען מיט טויזענדער יאהר צוריק צו זיין די מקבלי התורה.

אנדערע פעלקער האבען די תורה ניט געוואלט נעהמען פון גאט. זיי האבען אויסגעבראקירט פילע לא תעשה'ס. זיי האט ניט געשמעקט דער לא תרצח, לא תגנוב, לא תחמוד און אזוי ווייטער. נאר די אידען האבען ניט געפרעגט „מה כתיב בה?" — וואס שטעהט געשריבען אין דער תורה? און ווי נאר גאט האט די אידען אנגעבאטען זיין תורה, האבען גלייך די אידען אויסגעשריען: „נעשה ונשמע!" — מיר וועלען טאן און הערען!...

ניט אומזיסט האט מען אונז קריטיקירט, און מיר זיינען געקרוינט געווארען מיט דעם נאמען „עמא פזיזא" — דאס אומגעלומפערטע פאלק,

ביי וועמען דאָס מויל קומט פריהער ווי דער אויער — איידער מיר הע־רען, שרייען מיר שוין, אַז מיר וועלען טאָן.

עס ווייזט אָבער אויס, אַז מיט טויזענדער יאָהרען שפּעטער זיינען מיר מסכים מיט אונזערע עלטער־זיידעס, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני און האָבען גענומען די תורה מיט שמחה, ווייל ביז היינ־טיגען טאָג זיינען מיר מקבל די תורה מיט דער גרעסטער פריידע און מיר מאַכען גאַנצע סעודות, ווען מיר פּראַווען די סיומים פון שרייבען און לייענען די תורה.

מיר האָבען איבערגעלעבט אונזערע אַלע שונאים. די מעכטיגסטע נאַציאָנען, וועלכע האָבען געזוכט אונז צו פאַרניכטען צוזאַמען מיט דער תורה, זיינען אָפּגעווישט געוואָרען פון דער וועלט־מאַפּע. די איינציגע זאַך, וואָס האָט אונז געגעבען כח און אויסדויער־קראַפט, איז די תורה, פון וועלכער מיר פייערען היינט דעם סיום.

דאָס אידישע פאָלק איז געגליכען צו דאָס טייבעלע, זאָגען אונזערע געלערענטע. ווען דער יעגער שיסט איהר אַרונטער איין פליגעל, גיט עס זיך נאָך אַלץ ניט אונטער. עס לויפט ווייטער מיט דעם צווייטען פליגעל, וואָס איז איהר פאַרבליבען. און אַז דאָס טייבעלע איז פאַרמאַ־טערט, רוהט עס זיך אָפּ אויף אַ שטיין אָדער אַ בוים; און אויב מען טרייבט עס ווייטער, קומט עס צו אַ צווייטען רוה־פּלאַץ, ביז וואַנען עס מיידט אויס אינגאַנצען דעם יעגער. דאָס אידישע פאָלק איז אויך אַזוי. מיר האָבען געהאַט צוויי פליגלען — דאָס אידישע לאַנד און די תורה, און מיט די דאָזיגע צוויי פליגלען זיינען מיר געלאָפען און זיך באַוועגט פאַר הונדערטער יאָהרען. זיינען אָבער געקומען שרעקליכע יעגערס און האָבען אונז אָפּגעהאַקט איין פליגעל — זיי האָבען פון אונז אַוועק־גערויבט אונזער היילי לאַנד, און מיר זיינען נאָר פאַרבליבען מיט איין פליגעל — מיט אונזער הייליגער תורה. און מיט דעם איינציגען פליגעל לויפען מיר שוין אַריבער אַכצעהן הונדערט יאָהר; מיר פאַרפעסטיגען זיך מיט אונזער תורה; מיר בויען שוהלען און ישיבות. מיט אַמאָל הייסט מען אונז געהן. נעהמען מיר די תורה און מיר זוכען נייע לענ־דער. און קוים איז אונזער תורה מיט אונז, זיינען מיר ניט פאַרלאָרען. אָט דער איינציגער פליגעל איז ביכולת אויפצוהאַלטען אין די פילע הונדערטער יאָהרען פון גלות. ביז סוף־כל־סוף וועט ער אונז ברענגען אין אונזער לאַנד, און מיר וועלען צוריק קריגען אונזער אַמאָליגען פאַר־

לאָרענעם פליגעל, און מיר וועלען ווערען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך...

„מה הגפן הזה סומכין עליו על גבי קנים והוא חיה, כך ישראל אין חיים אלא בזכות התורה שהיא כתובה בקנה" (ילקוט וישב קמ"ו) — אַזוי ווי דער ווײַנשטאָק ווערט אונטערגעשפּאַרט מיט דעם האָלץ, וואָס רופט זיך קנה, און דאָס איז זײַן גאַנצער לעבען, אַזוי זײַנען די אידען: זיי לעבען נאָר אין דעם זכות פון דער תורה, וואָס זי איז געשריבען מיט דעם קנה. דעריבער פּראַוועון מיר יעדען יאָהר אַ ספּעציעלען יום-טוב, ווען מיר ענדיגען און פאַנגען אָן צוריק צו לייענען די ספר תורה; און אַזוי פרעהען מיר זיך אַזוי פיל היינט, ווען מיר פייערען דעם סיום פון שרייבען די ספר תורה. אָבוואָהל עס קומט אונז אויס צו ליידען פאַר דער ספר תורה, זי קאָסט אונז צייטענווייז בלוט און יסורים, אָבער פאַר איהר לוינט זיך אונז צו ליידען, ווייל ווען ניט די תורה, וואָלטען מיר שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרען אַלס פאָלק...

צום באַדויערען געפינען זיך פילע אידען, ביי וועמען די תורה ווערט פאַררעכענט פאַר אַ צו גרויסע לאַסט. אינ'ם דאָזיגען גאָט-געבענשטען לאַנד, אַמעריקא, וואו מיר דאַרפען ניט פאַרגיסען קיין בלוט, אום צו האַלטען די תורה, מען גיט אונז דאָ דאָס פאָלשטענדיגע רעכט צו היטען די תורה אָהן קיין שום שטערונג, פאַרגעסען פונדעסטוועגען די קינדער די תורה פון זייערע עלטערען. דאָס געשעהט צוליב דעם רייכטום, וואָס זיי יאָגען זיך צו עררייכען. אָבער מיר זעהען די זאָגע-נאַנטע גליקען פון די קינדער, וועלכע האָבען פאַרקויפט די תורה, וואָס זיי האָבען גע'ירש'ענט פון זייערע עלטערען. זיי זײַנען טאַקע רייך געוואָרען, זיי וואוינען אין שעהנע וואוינונגען, פאָהרען אין פּראַכטפאָלע אויטאָמאָבילען; אָבער קיין נחת פון דעם אַלעמען האָבען זיי ניט. זיי לעבען נאָר צוליב לעבען — און אַזאַ לעבען ווערט איבערדריסיג און מאָנאָטאָן. די קינדער ווערען אינגאַנצען פון זיי דערוויטערט, און אין זייער פאַמיליען-לעבען הערשט קריג און מחלוקת... און דאָס איז דער-פאַר, וואָס זיי האָבען פאַרלוירען דעם וועג פון דער תורה און זיי בלאָנ-זשען אַרום אויף גאָט'ס וועג ווי בלינדע שעפסען...

„המוכר ספר תורה של אביו אינו רואה סמן ברכה לעולם" (ירושלמי בכורים) — דער וואָס פאַרקויפט אַ ספר תורה פון זײַן פאָטער, דער יעניגער וועט קיינמאָל פון דעם געלד קיין סמן ברכה ניט זעהן... „וכל

המקיים ספר תורה בתוך ביתו עליו הכתוב אומר הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד" (תהלים קי"ב ג') — דער יעניגער, וועלכער ווארפט ניט ארויס די ספר תורה פון זיין הויז, נאר פארקערט, אונטער אלע אומשטענדען שטרענגט ער זיך אן, אז די ספר תורה זאל פארבלייבען ביי איהם אין הויז — אזא איד איז אמת רייך, און אזא אידען דארף מען מקנא זיין. אויף איהם איז מקוים געווארען דער פסוק: רייכטום און פארמעגען איז אין זיין הויז, און זיין גערעכטיגקייט און שעהנע טהאטען בלייבען אויף אימער און אייביג...

פילע קינדער אין דעם לאנד שטאלצירען מיט דעם, וואס זיי האבען געהאט פרומע אידישע עלטערען, אבער זיי אליין זיינען פון דעם אלעם ווייט. דאס איז ניט גוט. זיי דארפען אליין אויך היטען די תורה, כדי זייערע קינדער זאלען שפעטער מיט זיי אויך קענען שטאלצירען. „וכתב לו ספר תורה ללמוד לשמו שלא יהא נאות בשל אבותיו אלא בשלו" (תוספתא סנהדרין פ"ד) — דער דין איז, אז יעדער איינציגער דארף א ספר תורה שרייבען פאר זיך זעלבסט און ניט בלויז באשעהנען זיך מיט דער ספר תורה, וואס זיין פאטער האט איהם איבערגעלאזען...

ווילען מיר, אז אונזער רייכטום זאל זיין א דבר ממשי, דאן זאלען מיר מיט אונזער געלד קויפען ספר תורה'ס, און ניט נאר קויפען די ספר תורה'ס, נאר דער עיקר אויפהאלטען די לומדי תורה, ווייל נאר זיי זיינען פעהיג אויפצולעבען די תורה און איהרע מצות אויך דא אין אמעריקא.

„המחזיק בנכסי הגר מה יעשה ויתקיימו בידו יקח בהן ספר תורה" (עירובין ס"ד) — דער מענש, וועלכער איז מעהר ניט ווי א גר אויף דער וועלט, אויב ער וויל באמת, אז זיין רייכטום זאל אימער בלייבען מיט איהם, און ער זאל זיין דער מחזיק פון זיינע אייגענע גיטער, דאן זאל ער קויפען א ספר תורה און אויך מחזיק זיין די תורה...

ווען מיר פייערען דעם סיום התורה, איז ביי אונז איינגעפיהרט, אז מיר פראוועז די שמחה ניט בלויז מיט מוזיק און עסען און טרינקען, נאר מיר צייגען ארויס אונזער ליבע צו דער תורה מיט דעם, וואס מיר לאזען זיך קאסטען געלד: יעדער איינער פון אונז קויפט אן אות אין דער תורה — אזא אות, מיט וועלכען דער אייגענער נאמען פאנגט זיך אן; און מיט דעם זיינען מיר יוצא מיט דער מצוה פון „וכתבו לכם", וואס עס מיינט, אז יעדער איינציגער פון אונז דארף שרייבען א ספר תורה. נאר אזוי ווי יעדער אות אין אונזער תורה איז פארהייליגט, און

אויב עס פעהלט איין אות, קען זי פסול ווערען, דעריבער איז אפילו איין אות צו שרייבען אין דער ספר תורה פארעכענט ווי מיר וואלטען אליין א גאנצע ספר תורה געשריבען.

ר׳ ישמעאל זאגט צו ר׳ מאיר׳ן, וועלכער איז געווען א סופר: „בני הוי זהיר במלאכתך שמלאכתך מלאכת שמים היא שמא אתה מחסר אות אחת או מייתר אות אחת נמצא מחריב את כל העולם כולו״ (עירובין י״ג) — מיין זוהן, זאלסט זיך היטען אין דיין ארבייט, וועלכע איז הימליש; ווייל אויב דו פארפעהלסט איין אות אין דעםווארט „אמת״ און דו וועסט ניט שרייבען דעם „א״, דאן בלייבט פון דעם ווארט מעהר ניט ווי „מת״. און דאס קען מיינען דער גרעסטער חורבן פאר דעם ריינעם אידענטום; דיזעלבע זאך איז ווען דו וועסט צוגעבען אן אות צו דעם ווארט „וידבר ה׳״ און דו וועסט שרייבען „וידברו״, דאן ברענגסטו אריין כפירה, און די סכנה פאר דעם אידענטום איז זעהר גרויס...

אלזא, מיינע פריינד, מיר האבען היינט די גרעסטע געלעגענהייט איינצוקויפען די בעסטע סחורה, ווייל אונזער תורה איז דאך „טוב סחרה מכל סחורה, און מיט איין אות, וואס מיר וועלען קויפען, וועלען מיר אליין מקיים זיין א גרויסע מצוה פון כתיבת ספר תורה און אויסער דעם וועלען מיר מיט דעם געלד שטיצען איינע פון די ישיבות, וואו די תורה ווערט געלערענט.

זאלען מיר אלע מאל אזעלכע שמחות פייערען אין דעם אידישען לאגער און זאלען מיר איינע די אנדערע אפגעבען א הארציגען מזל טוב, וואס מיר האבען זוכה געווען אין אמעריקא זיך משמח צו זיין מיט דער ספר תורה אין א מקום קדוש און פאר א דבר שבקדושה.

מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

# הנביאים

## לנתינת „נביאים“ לבית הכנסת

אמר רב אדא ברבי חנינא אלמלא חטאו ישראל לא ניתן
להם חמשה חומשי תורה וספר יהושע בלבד, שערכה
של ארץ ישראל הוא, מאי טעמא? כי ברוב חכמה
רב כעס.

(נדרים כ"ב).

דער פראַקטיש האָט איהר געטאָן, וואָס ביי דעם אריינגעבען פון „נביאים“ אין אייער שוהל, האָט איהר אזא שעהנעם יום-טוב געמאַכט און אויף יעדען „נביא“ האָט איהר אָנגעטאָן א פראַכטפאָל שעהן מענטעלע, און אויך צוויי שעהנע קליינע אָרון-קודש'ן געמאַכט, וואו די אַלע „נביאים“ זאָלען שטעהן.

נאָך אונזער הייליגער ספר תורה קומען די נביאים. א דאַנק די פאַרשיידענע נביאים איז די ספר תורה ניט פארגעסען געוואָרען אין אַלע צייטען. זיי זיינען געווען דער תורה'ס פאָהנען-טרעגער, זיי האָבען איינגעשטעלט זייערע לעבענס און פאר קיינעם זיך ניט געשראָקען, ווען עס איז געקומען צו זאָגען דעם אמת.

מיר לייענען שבת-איין, שבת-אויס גאַנצע סדרה'ס פון אונזער תורה, אין דערזעלבער צייט האָבען אונזערע געלערענטע איינגעפיהרט, אַז מיר זאָלען לייענען מעניגא יעדען שבת אויך די ווערטער פון די נביאים, און דער בעל המפטיר זאָגט אַזוי הערליך שעהן די ברכה „אשר בחר בנביאים טובים ורצה בדבריהם הנאמרים באמת“ — געלויבט איז גאָט, וועלכער האָט אויסערוועהלט גוטע נביאים און ער האָט גע-וואָלט זייערע ווערטער, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרען מיט אמת...

ווען דער איד הערט לייענען די וואונדערבאַרע ערצעהלונג פון בראשית, ווי גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, אין דעמזועלבען שבת הערט ער אויך די ווערטער פון דעם נביא ישעיה: „כי תעבור במים אתך אני, ובנהרות לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך“ (ישעיה מ"ב) — ווען דו וועסט געהן אין וואַסער, בין איך מיט דיר, און די טייכען וועלען דיך ניט פאַרפלייצען; ווען דו וועסט אפילו אין פייער געהן, וועסטו ניט פאַרברענט ווערען און דער פלאַם וועט אין דיר ניט שולט זיין, — פאַרלאָזט דער איד די שוהל מונטער און פרעהליך:

מעגען די שונאים זיינע איהם משפּט'ן מיט וואַסער און פייער, אָבער דאָס אַלעס וועט איהם ניט שאַדען...

אַט איז די פּרשה פון נח מיט דעם שרעקליכען מבול, וואָס די שלעכטע מענשען האָבען אויף זיך געבראַכט. און דער נביא קומט אין דער הפטרה און איז מתרה די אידען, אַז זיי זאָלען זיך דערוויטערען פון די אַלע זאַכען, וואָס זיינען גורם, אַז אַ מבול זאָל אויף דער וועלט קומען. „בצדקה תכונני רחקי מעושק כי לא תיראי וממחתה כי לא תקרב אליך" (ישעיה נ"ד י"ד) — מיט גערעכטיגקייט וועסטו אויפגעריכט ווערען. דערווייטער זיך פון רויב, וועסטו זיך פאַרשפּאָרען צו שרעקען, און אַלע אומגליקען וועלען זיך פון דיר דערווייטערען...

ווען אידען הערען אין דער סדרה וישלח ווי יעקב שיקט שלוחים צו עשו'ן און רופט איהם „אדון" און זיך אַליין רופט ער מיט דעם נאָמען „עבד", הערען די אידען דעמזעלבען שבת ווי דער נביא הושע מוסר'ט די אידען פון אפרים, וועלכע ליידען אויך פון דערזעלבער קראַנקהייט: „אפרים רעה רוח ורודף קדים כל היום כזב ושד ירבה וברית עם אשור יכרתו ושמן למצרים יובל" (הושע י"ב) — אפרים זעטיגט זיך מיט ווינט און האַלט אין איין נאָכיאָגען דעם מזרח-ווינט; אַ גאַנצען טאָג איז ער פאַרנומען מיט ליגען און רויב און מיט אשור זוכט ער צומאַכען קאָנ-טראַקטען און נאָך מצרים פיהרט ער אַרויס זיין בעסטען בוימעל...

און אַט אַזוי דורך דעם גאַנצען יאָהר וואָס מיר לייענען די תורה, הערען מיר יעדען שבת ווי אַן אַנדער נביא רעדט צו אונז, און מיר שטע-לען זיך פאָר, אַז דער נביא איז נאָך אַלץ מיט אונז, און מיט זיינע ווער-טער רייסט ער דורך די לופט. ביז היינטיגען טאָג זיינען זייערע ווערטער פעלזען-שטאַרק און אמת. די מענשען און צייטען האָבען זיך געביטען, אָבער דער מוסר פון די נביאים איז נאָך היינט אַזוי וואָהרהאַפטיג און שטאַרק ווי אַמאָל. די זעלביגע שטראָף-רייד, מיט וועלכע די נביאים האָבען אין זייער צייט געשטורעמט געגען זינד און פאַרברעכענס, קענען אויך היינט אַנגעווענדעט ווערען, ווייל אפילו אין דער היינטיגער ציווי-ליזירטער וועלט, אין דער צייט פון גרויסע ענטדעקונגען און גרויסער וויסענשאַפט, זיינען אויך די פאַרברעכענס אַזוי גרויס, אַז זיי גרייכען צו די הימלען; און דעם נביא'ס ווערטער זיינען היינט צוגעפּאַסט פונקט ווי אין די אַלטע פּרימיטיווע צייטען פון אַמאָל.

אין די נביאים איז איינגעוויקעלט אונזער טרויער און אויך אונזער

טרייסט. קומט די „דריי וואָכען“, אַזוי לייענען מיר די ווערטער פון אונזער גרויסען מקונן, ירמיה, און ווי עס געהט אַוועק דער חורבן־טאָג, תשעה באב, און עס קומט דער ליבער שבת נחמו, אַזוי לייענען מיר די ווערטער פון אונזער גרויסען מנחם, ישעיה: „נחמו נחמו עמי!“... אויך ווען עס קומען טעג פון תשובה, ווען דער איד הויבט אָן זיך אומ־קערען צו גאָט און זיין תורה, דאַן קלינגען אין זיינע אויערען די האַרבע ווערטער פון דעם נביא הושע: „שובה ישראל עד ה׳ אלהיך כי כשלת בעונך“ (הושע י״ד ב׳) — קעהר זיך אום, איד, צו דיין גאָט, ווייל מיט דיינע פאַרברעכענס און זינד ביסטו געשטרויכעלט געוואָרען...

מיט איין וואָרט, אין אונזערע נביאים געפינען מיר אַלעס. עפּענען מיר נאָר אויף אונזער קליינעם תנ״ך, אַזוי געפינען מיר אין איהם מעדיצין פאַר אונזערע פאַרשיידענע ווערהטאָגען. דער תנ״ך איז ניט נאָר אונזער וועג־ווייזער, נאָר ער איז אויך געוואָרען דער פיהרער און לעהרער פון דער גאַנצער וועלט. אַלע אומות העולם שטודירען זיינע ווערטער אין הונדערטער פאַרשיידענע דיאַלעקטען און שפּראַכען.

ווען אונזער לעבען אַלס פאָלק וואָלט געווען נאָרמאַל, ווען מיר וואָל־טען זיך אויפגעפיהרט ווי אַן עם חכם ונבון דאַרף זיין, און ניט געבראַכט אויף זיך און אויף אונזער לאַנד אַ שרעקליכען חורבן, וואָלטען ישעיה און ירמיה, הושע און יחזקאל און אַלע אַנדערע נביאים פאַרשפּאָרט צו זאָגען די ווערטער פון זייער נביאות, און מיר וואָלטען געווים ניט געהאַט אַזאַ תנ״ך ווי מיר האָבען היינט. וואָס מעהר מיר לייענען די נביאים, אַלץ מעהר פיהלען מיר אונזער ווערהטאָג — ווי ווייט מיר האָבען אַליין אויף זיך פאַרשיידענע צרות געבראַכט...

„אָמר רב אדא ברבי חנינא אלמלא חטאו ישראל לא ניתן להם אלא חמשה חומשי תורה וספר יהושע בלבד שערכה של ארץ הוא, מאי טעמא? כי ברוב חכמה רב כעס“ (נדרים כ״ב) — ווען אידען זינדיגען ניט, וואָלט מען זיי געגעבען בלויז די פינף חומשים און דעם ספר יהושע, ווייל דאָרטען האַנדעלט זיך וועגען דער עראָבערונג פון ארץ ישראל און אויך וועגען איהר צוטיילונג, אָבער די אַנדערע נביאים וואָלטען זיי ניט געהאַט. דער פאַקט אָבער, וואָס מיר האָבען יאָ אַ סך נביאים, אָבוואָהל אין יעדען וואָרט זייערען ליגט גרויס חָכמה, צייגט אויף דעם גרויסען צאָרן, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויף זיך געבראַכט...

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מיר דאַרפען זיך ניט משמח זיין היינט

לכבוד די „נביאים“, וואס מיר גיבען אריין אין דעם מקום קדוש. עס איז טאקע זעהר גוט, ווען גאט העלפט, אז מען היט זיך אוים פון קראנקהייט, אום מען זאל ניט דארפען האבען איגגאנצען די דאקטוירים; אבער מיר זיינען דאך מעהר ניט ווי מענשען און פון קראנקהייט קען מען זיך ניט אלע מאל אויסהיטען. דעריבער אז מען איז שוין קראנק, דארף מען גאט דאנקען, ווען ער שיקט צו דעם ריכטיגען דאקטאר, וועלכער פאר־שטעהט די קראנקהייט און איז ביכולת צוצופאסען די ריכטיגע רפואה.

עס איז געוויס גוט אויסצומיידען זינד און פארברעכען, אום מ'זאל ניט ברויכען צו הערען קיין שטראף־רייד, אבער דאס איז דאך אוממעגליך; דעריבער ווען ביי אלע אונזערע שוואכקייטען צו זינד און פארברעכען האבען מיר אזעלכע גייסטיגע ריזען, וועלכע זיינען ביכולת צו היילען אונזערע צובראכענע נשמות און גייסטער, און ווען נאך דעם הו־הא לעבען פון א גאנצען טאג, קענען מיר דעם קליינעם תנ"ך נעהמען און דארטען געפינען די זאלבען פאר אונזערע צוריסענע געמיטער, און די רייד פון די נביאים בארוהיגען אונזער אפעטיט פאר אלעס, וואס איז גייסטיג שעדליך, — דארפען מיר גאט דאנקען, וואס ער האט אונז אזעלכע פראפעסארען געשיקט, וועלכע היילען די געמיטער פון זיין פאלק און פון אלע פעלקער שוין פאר הונדערטער יאהרען...

נאר איין זאך פארלאנג איך פון אייך: אזוי ווי איהר פרעהט זיך מיט די נביאים ביים אריינגעבען זיי אין שוהל, אזוי זאלט איהר זיך פרעהען, ווען די נביאים וועלען אריינגעגעבען ווערען אין די הערצער פון אייערע קינדער. אויב מיר ווילען, אז אונזערע קינדער זאלען זיין ווייט פון פארברעכענס און זיי זאלען אויף אונז קיין שאנד ניט ברענגען, דאן טארען מיר ניט רוהען, ביז וואנען אונזערע קינדער וועלען פון דעם תנ"ך וויסען. לאזט ניט איבער די נביאים אין שוהל, באפוצט מיט שעהנע מענטעלאך אין גאלדענע ארון קודש'ן, נאר נעמט זיי צו אייך אין הויז, אויף דער טרעין, אין געשעפט און אומעטום, וואו איהר זייט. און דאן וועלען מיר זוכה זיין צו אלע נחמות, וואס די נביאים האבען אונז צוגעזאגט. — אמן!

# ארנא וארון הקודש
## חנוכת הארון

תז לחכם ויחכם עוד — זה בצלאל בשעה שאמר לו הקב"ה למשה לעשות משכן, א"ל בצלאל מה מבקש מן המשכן הזה? אמר ליה לשכון בו וללמד תורה לישראל. א"ל בצלאל והיכן תהא התורה נתונה? א"ל משה משאנו עושין את המשכן נעשה את הארון. א"ל לא כן נעשה את הארון תחלה ואחר כך נעשה משכן.
(שמות רבה נ' א'; מדרש תנחומא ויקהל ו').

אונזערע שוהלען רופען זיך נים בתי תפלה — הייזער, וואו מען קומט בעטען ביי גאָט, נאָר בית הכנסת און בית המדרש.

אלע פעלקער קומען אין זייערע פאַרשיידענע געבעט-הייזער נאָר צוליב זאָגען תפלות. אויף יעדער זאַך, וואָס זיי פאַרלאַנגען איז פאַראַן אַ באַזונדער געבעט. און דאָס אלעס פטר'ן זיי אָפּ גאַנץ קורץ. זיי קומען און גיבען, אַזוי צו זאָגען, אַן אָרדער צו גאָט אויף געזונט, פּרנסה און פאַר דעם פרידען אין לאַנד — און חסל... מיט דעם האָבען זיי זייער פליכט געטאָן צו זייער גאָט און רעליגיע און דאַן זיינען זיי אַ גאַנצע וואָך פריי פון עבודת הבורא. „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" (ישעי' נ"ו ז') — מיין הויז וועט ביי אלע פעלקער גערופען ווערען בלויז מיט דעם נאָמען בית תפלה...

אלע פעלקער האָבען צו טאָן מיט זייערע רעליגיעזע באַדערפנישען נאָר ווען זיי זיינען אין זייערע געבעט-הייזער. איבערהויפּט דריקען זיך אוים זייערע רעליגיעזע פליכטען אַממעהרסטען אין געבעט, ווייל אין דעם לעבען מישט זיך זייער רעליגיע גאַנץ ווייניג. זי זאָגט נים וואָס מ'זאָל עסען און וואָס מ'זאָל נים עסען, ביי איהר איז ניטאָ כשר און טריפה. צו זייערע פאַמיליען-אנגעלעגענהייטען האָט זייער רעליגיע קיין צוטריט נים. זיי האָבען נים דעם גרויסען „אבן העזר" מיט טויזענ-דער דינים. אויך וואָס אנבאַלאַנגט די ענינים בין אדם לחברו און דיני ממונות און דיני נפשות — דאָס אלץ געהערט צו די געזעצען פון לאַנד, און אויף דעם זיינען דאָ קאָורטס, וואו שופטים זיצען און טיילען אוים גערעכטיגקייט. דעריבער זיינען זייערע רעליגיעזע באַדערפנישען אַמ-מעהרסטען וואָס אנבאַלאַנגט דעם האַרץ: זיין גוט און פרום און מתפלל

זיין צו גאָט. פאַר דעם דאַרף מען דעם מח ניט מאַטערען, מ׳דאַרף קיין ש״ס׳ן ניט אויסלערנען. אַלץ וואָס מען דאַרף, איז אַ פרייער-בוק און אַ בייבעל. און מיט דעם קען מען אָפּפאַרטיגען גאָט׳ס פליכטען פון וויגעלע ביז׳ן קבר...

אַנדערש איז אָבער די אידישע רעליגיע, וועלכע מישט זיך אין אַלעם, וואָס האָט צו טאָן מיט׳ן לעבען. ווי נאָר דער איד ווערט געבוירען און דערזעהט די ליכטיגע שיין פון דער וועלט, ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, ווען ער פאַרמאַכט זיינע אויגען און זאָגט דעם לעצטען גוד-באַי — פון וויגעלע ביז׳ן קבר — איז דער איד אַרומגערינגעלט מיט רעליגיעזע פליכטען. זיצענדיג אין הויז, געהענדיג אין וועג, פיהרענדיג זיינע געשעפטען, זייענדיג אַ פאָטער און מאַן — איבעראַל באַגלייטען איהם די מצות פון דער תורה, און אויף יעדען שריט און טריט מוז דער איד וויסען וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, ווייל אויב ניט, איז מעגליך יעדע מינוט אַריבערצוטרעטען אויף אַ געבאָט פון דער תורה.

אום דאָס צו פאַרמיידען, איז ביי יעדען בית הכנסת אויך געווען אַ בית המדרש, אין וועלכען מ׳האָט זיך איבערהויפט אָפּגעגעבען מיט לערנען דעם תלמוד און אויך פוסקים. חברות האָבען זיך דאָרטען גע־גרינדעט צו לערנען בחברותא פאַרשיידענע למודים.

די שוהל איז אַ מקום קדוש, אָבער דער עיקר איז דער ארון הקודש, ווייל אין איהם רוהט די תורה, וועלכע גיט לעבען און אויסדויער-קראַפט צו דעם אידישען פאָלק.

„כי ימכר איש את בתו לאמה״ — בת אחת היתה לי ומכרתיה לכם שאין אתם מוציאין אותה אלא חבושה בארון. לא תצא כצאת העבדים — נהגו בו כבוד שטביתם אותה מאצלי״ (שמות רבה ל׳ ו׳) — די תורה איז גאָט׳ס טאָכטער, און ער האָט זיך מיט איהר ניט געוואָלט שיידען אַזוי לייכט. ווען גאָט האָט זיין טאָכטער פאַר׳קנס׳ט צום אידישען פאָלק און מקיים געווען דעם „וארשתיך לי לעולם״ (הושע ב׳ כ״א) — איז דאָס געווען מיט׳ן תנאי, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל איהר האַלטען מיט דעם גרעסטען כבוד און מאַכען פאַר דער תורה אַ ספּעציעלען פּלאַץ, וואו זי זאָל שטעהן און דורך דעם געטראָגען ווערען — דאָס איז דער ארון.

דער מקום הארון איז געווען, לויט אונזערע געלערענטע, דער פּלאַץ, פון וואַנען גאָט האָט די וועלט אָנגעפאַנגען צו באַשאַפען אין דער צייט פון בריאת העולם (מדרש תנחומא קדושים ו׳). און אַזוי דינט נאָך ביז

היינטיגען טאָג דער אָרון הקודש זיין צוועק, ער איז פאַרבליבען דער פלאַץ, פון וואַנען די שאַפונג פון קדושה קומט אַרויס. דעריבער איז דער עיקר פון דער שוהל דער ארון הקודש, וואו די תורה רוהט. דער ארון פאַרנעמט דאָרטען די מזרח-וואַנט — דעם אויבען-אָן פון דער שוהל...

ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, אַז ער זאָל מאַכען אַ משכן, „א"ל בצלאל מה מבקש מן המשכן הזה?" — האָט בצלאל געפרעגט: וואָס וויל גאָט, אַז דער צוועק פון משכן זאָל זיין? „א"ל לשכון בו וללמד תורה לישראל" — האָט משה געענטפערט, אַז דער הויפּט-צוועק פון משכן איז, אַז גאָט'ס שכינה זאָל אין איהם רוהען, און אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אהין קומען לערנען גאָט'ס תורה; „א"ל בצלאל והיכן התורה נתנת?" — דאַן האָט בצלאל געפרעגט: וואו וועלען מיר די תורה געבען? „א"ל משאנו עושין את המשכן אנו עושין הארון" — משה דענקט, אַז פריהער פאַר אַלעם דאַרף דער משכן פאַרטיג ווערען, און דאַן וועט מען אַן ארון פאַר דער ספר תורה מאַכען. „א"ל רבינו משה אין כבודה של תורה בכך אלא אנו עושין הארון ואח"כ המשכן. לפיכך זכה שיקרא על שמו שנאמר ויעש בצלאל את הארון" (ש"ר מ"ט ב') — אָבער בצלאל בלייבט פעסט ביי זיין מיינונג, אַז דער עיקר פון דעם משכן איז, אַז דאָס פאָלק זאָל אין איהם לערנען גאָט'ס תורה. דער גאַנ־צער משכן איז דאָך געבויט געוואָרען נאָר צוליב דער תורה! דעריבער האָט ער צו משה רבינו געזאָגט: ניט דאָס איז דער כבוד התורה, אַז דער משכן זאָל געבויט ווערען פריהער פאַר דעם ארון, נאָר דער ארון דאַרף פריהער געמאַכט ווערען פאַר דעם משכן. דערפאַר האָט בצלאל זוכה געווען, אַז דער ארון זאָל אָנגערופען ווערען אויף זיין נאָמען...

בצלאל האָט גוט פאַרשטאַנען דעם צוועק פון אַ משכן — ער ווערט ניט געמאַכט בלויז פאַר אַ פלאַץ, וואו אידען זאָלען קומען און דאָרטען מתפלל זיין אויף זייערע באַדערפנישען, נאָר דער הויפּט צוועק דאַרף זיין, אַז פון משכן זאָלען אַרויסקומען לומדים, אַז דאָרטען זאָל די תורה אימער געפאָרשט ווערען. דעריבער איז ביי איהם דער עיקר דער ארון און דער משכן איז דער טפל...

אַזוי האָבען אידען געדענקט פאַר דורות. די בתי מקדש מעט, וועלכע אידען האָבען געהאַט אין אַלע גלות-לענדער, האָבען געדינט פאַר דעם דאָזיגען צוועק. דאָרטען האָבען אידען פאַרבראַכט אויף לימוד התורה. דער פלאַץ, וואו די תורה איז געשטאַנען, איז ביי זיי

געווען דאָס הייליגסטע אָרט פון דעם בית הכנסת. דעריבער האָבען זיי דעם ארון גערופען „ארון הקודש" — דער הייליגער ארון, ווייל פון ארון פארשפרייט זיך די ליכט פון דער תורה אין אלע ווינקעלאך פון דעם אידישען לעבען. דורך דעם ווערט דאָס לעבען ריין און הייליג...

ווען מ'נעמט אָבער די ספר תורה און מ'שטעלט איהר אריין אין אַ פּלאַץ, וואו לימוד התורה האָט דאָרטען קיין באַטרעף: אַ גאַנצע וואָך איז די שוהל פארשלאָסען, און אין דער שוהל ווערען געטאָן זאכען, וואָס זיינען געגען די מנהגים פון דעם אידישען פאָלק פאר דורות, — שטעהט דאָרטען די ספר תורה אין אַן אויסגעפּוצטען און רייכען ארון, אָבער קיין „ארון הקודש" הייסט דאָס ניט, ווייל די קדושה פון דעם איז אוועקגענומען געוואָרען. איבערהויפּט ווען עס איז אַ טעמפּעל, וואו די פאַר־שידענע מנשה'ס האָבען אריינגעשטעלט פרעמדע צלמים, וועלכע זיינען געגען אלע אידישע טראַדיציעס, — דאָרטען איז „נסתלקה השכינה ויבשו הפירות" (מ"ת תרומה) — די שכינה איז אָפּגעטראָטען און די פירות זיינען פאַרטריקענט געוואָרען. די בוימער פונ'ם בית המקדש, וועלכע האָבען געקראָגען זייערע יניקות פון דעם ארון הקודש, וואָס די אמת'ע אידישע שלמה'ס האָבען געבויט און אריינגעבראַכט, און דורך דעם האָבען זיי גוטע פרוכט ארויסגעבראַכט, — די דאָזיגע בוימער זיי־נען אויסגעטריקענט געוואָרען, זינט די מנשה'ס האָבען די שוהלען פאַר־וואַנדעלט אין טעמפּלען און זייערע אָרון הקודש'ן אין ארון'ס...

„תניא ר' ישמעאל בן אלעזר אומר בעון שני דברים עמי הארצות מתים על שקורין לארון הקודש „ארנא" ועל שקורין לבית הכנסת „בית עם" (שבת ל"ב) — צוליב צוויי זאכען שטאַרבען אָפּ גייסטיג די עמי הארצים, ווייל זיי רופען דעם ארון הקודש מיט דעם איינפאַכען נאָמען „ארנא" — אַן אָרק, און אויך ווייל זיי האָבען פאַרוואַנדעלט זייערע בתי כנסיות אין בתי עם, „קאָמיוניטי האַוזעס". מיט דעם האָבען זיי זיך ארויסגעצייגט צו זיין געגען אלעס, וואָס טראָגט אין זיך קדושה, און זיי האָבען פאַרטריבען די הייליגקייט פון דער אידישער גאַס. פאַרשטעהט זיך, אַז דורך דעם זיינען זיי אליין גייסטיג אָפּגעשטאָרבען פאַר דעם אידישען פאָלק...

די היינטיגע שמחה, וואָס מען פייערט אין אַן אמת־אָרטאָדאָקסישער שוהל, — די חנוכת פון אַ שעהנעם פּראַכטפאָלען ארון הקודש — איז אַ כשר־פאַרדינטע, ווייל דאָ איז דער עיקר דער ארון הקודש, ווייל אין

דער שוהל ווערט די תורה געהאַלטען טייער. דאָ ווערט געלערענט יעדען טאָג, און דאָ ווערען די דינים פון דער תורה אָפּגעהיט. און אַלע די, וואָס זיינען דאָ אַנוועזענד, מוזען זעהן צו האָבען אַ חלק אין דעם ארון הקודש מיט דעם, וואָס זיי וועלען קויפען די פאַרשיידענע „כבודים". „למה בכל הכלים כתיב ועשית ובארון כתיב ועשו ארון?" — פאַר וואָס ביי אַלע כלים פון משכן איז דער אויסדרוק „ועשית", דו זאָלסט מאַכען, און ביי דעם ארון געפינען מיר שוין דעם אויסדרוק „ועשו ארון", זיי זאָלען מאַכען דעם ארון? „א"ל הקב"ה יבאו הכל ויעסקו בארון כדי שיזכו כולם לתורה" (שמ"ר פ' ל"ד ג') — גאָט האָט געזאָגט: זאָלען אַלע קומען און זיך באַשעפטיגען מיט'ן ארון, כדי זיי זאָלען אַלע זוכה זיין צו האָבען אַ חלק אין דער תורה.

דוד המלך האָט פאַר דעם ארון געטאַנצט און געשפרונגען און זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר דער קריטיק פון זיין אַריסטאָקראַטישער פרוי, וועלכע האָט איהם שטאַרק אויסגערעדט פאַר מאַכען זיך אַזוי „נידעריג"... דוד האָט איהר געענטפערט, אַז ניט נאָר איז טאַנצען און שפּרינגען לכבוד הארון והתורה קיין אומכבוד, נאָר פאַרקערט, דאָס איז די גרעסטע עהרע, מיט וועלכער אַ מענש קען זיך גרויס האַלטען. פונקט אַזוי מעגט איהר זיך אויך משמח זיין און טאַנצען לכבוד דעם ארון. ס'איז דער שעהנסטער כבוד אַזוי צו טאָן, ווייל מיט דעם ארון הקודש איז פאַרבונדען די אמת'ע שמחת התורה; ווייל ביי אייך הייסט דער אַרק — „ארון הקודש", דאַרטען רוהט די קדושה זעלבסט.

איך ווינש אייך מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

# דם הברית
## לברית מילה

אמר אברהם עד שלא מלתי היו העוברים והשבים באים
אצלי, תאמר משמלתי אינן באים אצלי, א״ל הקב״ה עד
שלא מלת היו בני אדם ערלים באים אצלך עכשיו אני
בכבודי בא ונגלה עליך הה״ד וירא אליו ה׳.
(בראשית רבה פ׳ מ״ז).

מיר פייערן מיט גרויס שמחה דאָס אריינקומען פון אַ ניי קינד אין דעם אידישען פאָלק. סעודות ווערען געפּראַוועט, און אַלע פאַרברענגען אין פרייד און אין נחת, טראָץ דעם וואָס מיר הערען די געשרייען און גוואַלדען פון דעם רך הנימול, וועמענס בלוט מיר האָבען פאַרגאָסען און איהם געמאַכט פאַר אַ בעל יסורים.

מיר וואַרטען ניט ביז וואַנען דאָס קינד זאָל ווערען גרויס און דאַן איהם פרעגען, צי וויל ער באַלאַנגען צו דעם אידישען פאָלק און צו ערלויבט ער צו פאַרגיסען זיין בלוט פאַר דעם צוועק; נאָר ווען דאָס קינד איז אומבּאַהאָלפען, אינגאַנצען אַכט טאָג אַלט, פּוצען מיר איהם אוים אין זיינע בעסטע בגדים׳לאַך, טראָגען איהם אַרום אין אַ קישען און טיילען זיך מיט כבודים און מצות.

צוליב דעם, וואָס מען ווערט אַ איד, איז מען ביי אַלע פעלקער פאַר־האַסט. אויך אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז די שנאה צום אידישען פאָלק ניט פאַרקלענערט געוואָרען; פאַרקערט, די שנאה און האַס צו יעדען איד, פרום אָדער פריי, רייך אָדער אָרים, איז נאָך מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען. ניט מעהר, אין די ציוויליזירטע לענדער קענען די פעלקער באַהאַלטען די שנאה טיף אין זייער האַרץ, אַז מען זאָל אויבען־אויף ניט דערקענען זייערע בייזוויליגע כונות און מעשים, אָבער אַ געניט אויג קען דאַך איינזעהן ווי ווייט די שנאה צום אידישען פאָלק עקזיסטירט אויף שריט און טריט.

ווען מיר טראַכטען זיך אין דעם אַלעם גוט אַריין, שטעלט זיך די פראַגע: צי האָבען מיר דאָס רעכט צו נעהמען אַ קינד פון אַכט טאָג און פאַרגיסען זיין בלוט און פאַרשאַפען איהם יסורים? צי איז דאָ ניט דער כלל פון „אין חבין לו לאדם שלא בפניו״ (כתובות י״א.) — מ׳מוז

דעם מענשען אנפרעגען, צי ער איז מרוצה צו אזא שריט, צוליב וועלכען ער וועט שפעטער דארפען ליידען קערפערליך און גייסטיג ?...

ווי נאר אברהם אבינו האט אנערקענט, אז עס איז דא איין גאט, וועלכער האט אלעס באשאפען, און יעדע זאך, וואס קומט פאר אויף דער וועלט, איז מיט גאט'ס השגחה, האבען אלע מענשען, וועלכע האבען ניט געגלויבט אין גאט פון אברהם, אנגעפאנגען איהם צו פארהאסען. אברהם איז דורך דעם געווארען אפגעטיילט פון אלע זיינע מיט-מענשען. „ויגד לאברם העברי — רבי יהודה אומר כל העולם כולו מעבר אחד והוא מעבר אחד" (ב"ר מ"ב ו') — די גאנצע וועלט איז געווען פון איין זייט און אברהם איז געשטאנען פון דער אנדערער זייט. דאס האט געבראכט צו שנאה און קנאה. ביז וואנען דער צארן האט אזוי ווייט געגרייכט, אז עס איז ביי די פעלקער רעכט געווארען אומצוברענגען אברהמ'ען און ווארפען איהם אין קאלך-אויווען.

גאט'ס אנזאג איז, אז יעדער איינציגער, וואס גלויבט אין איהם, זאל זיך לאזען מל זיין, אום מיט דעם א שטענדיגען צייכען אין זיין לייב שאפען. און די דם המילה זאל זיין דער קרבן, וואס דער מענש ברענגט אויף דעם מזבח פון דער ריינער גאטהייט. גאט זאגט אויך צו אברהמ'ען: ואתה את בריתי תשמר אתה וזרעך אחריך לדרתם... המול לכם כל זכר" (בראשית י"ז) — דו און דיינע קינדער זאלען מיין קאנטראקט פאר דור דורות היטען — יעדער זכר זאל זיך לאזען מל זיין.

„אמר אברהם עד שלא מלתי העוברים והשבים באים אצלי, תאמר משמלתי אינם באים אצלי" (ב"ר פ' מ"ז) — אברהם האט זיך דערשראקען, אז דער שריט, וואס גאט הייסט איהם טאן, נעמליך, מאכען א שטענדיגען צייכען אין זיין קערפער אלס עדות, אז ער, אברהם, און גאט האבען געשלאסען א שטענדיגען ברית, — דער דאזיגער שריט קען מיטברענגען, אז די יעניגע, וועלכע זיינען נאך ניט איבערצייגט געווארען אין אברהם'ס גלויבען און וועלכע זיינען געווען פון די „עוברים ושבים", וועלען אינגאנצען אנטלויפען פון איהם און פון זיין גלויבען אין איין-איינציגען גאט. די „עוברים ושבים" פלעגען פארבייגעהן מיט א שמייכעל, ווען אברהם האט גע'דרש'ענט, אז אלעס אין דער וועלט געהערט צו גאט, און האט פארדאמט געצען-דינסט. אבער נאך דעם ווי זיי פלעגען זיך איבערדענקען, וואס אברהם האט גערעדט, פלעגען זיי קומען צוריק צו אברהמ'ען און האבען ווייטער מיט איהם געפיהרט וכוחים.

דאָס אַלעס איז געווען כל זמן זיי, די פעלקער, האָבן געזעהן ווי אברהם איז זיך מוסר נפש צו אַגיטירען פאַר דער גאָטהייט. זיי זיינען דאַן געווען די באַזוכער פון אברהם און האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. אָבער נאָך דעם ווי גאָט האָט געזאָגט צו אברהם׳ען, אַז מיט רייד קען מען נאָך קיין איד ניט זיין — די ערשטע זאַך, וואָס מען מוז טאָן, אום אַ איד צו זיין, איז מל זיין זיך און לאָזען פאַרגיסען דאָס אייגענע בלוט און אויך דאָס בלוט פון די קינדער, האָט זיך אברהם דערשראָקען — „תאמר משמלתי אינם באים אצלי" (שם) — יעצט, ווען איך און מיינע קינדער דאַרפען זיך מל זיין, וועלען זיך דאָך אַלע פעלקער דערשרעקען פאַר אַזאַ גלויבען, וואָס פאָדערט מענשליך בלוט! אברהם האָט פאַר־שטאַנען, אַז צוליב דעם ווערט ער אָפגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט, און וואו ער וועט קומען, וועט דער צייכען אין זיין קערפער צייגען, אַז ער איז אַ איד, וואָס גלויבט אַנדערש ווי אַלע; און מיט דעם וועט ער ברענגען האס אויף זיך, און קיינער וועט מיט איהם קיין מגע ומשא ניט וועלען האָבען. פאַר איהם וועלען זיין געשלאָסען אַלע האָטעלען און קלובען. קיין איינעם פון די פעלקער וועט ניט אָנשטעהן צו זיין צוזאַמען מיט אַ פערזאָן, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „עברי".

„א"ל הקב"ה עד שלא מלת היו בני אדם ערלים באים אצלך עכשיו אני בכבודי בא ונגלה עליך הה"ד וירא אליו ה'" (שם) — אָבער גאָט זאָגט: אברהם, שרעק זיך ניט! זאָל דיך ניט אַרען, וואָס צוליב דעם, וואָס דו טראָגסט דעם נאָמען עברי און דו ביסט גע׳מל׳ט, וועלען מיט דיר די ערלים קיין מגע ומשא ניט וועלען האָבען און זיי וועלען דיין שוועל ניט אַריבער טרעטען; פאַר דיר, אברהם, איז דאָס גרעסטע גליק, ווען דו באַהעפטסט זיך מיט דער שכינה, ווען דו, אברהם, גלויבסט מיט דעם גאַנצען פייער פון דיין נשמה אין דעם איינציגען גאָט און אין זיין הייליגער תורה.

ווען דו, אברהם, ביסט זיך ניט מל און דו האַלטסט ניט פון דעם, אַז דער איד דאַרף זיין אָפגעזונדערט פון אַלע פעלקער, אין זיין קערפער, אין זיינע מנהגים און אין זיין גאַנצער לעבענס-אַנשויאונג, נאָר פאַר דעם אידען איז בעסער צו זיין אַסימילירט, צו לעבען גלייך מיט אַלע פעלקער, און קיינע דאָגמעס פון רעליגיע דאַרפען ניט פאַנאַנדערטיילען דער מענשהייט — וואָס-זשע האָסטו פון דעם, אברהם?! ווען דו וואַרפסט שוין אַראָפּ פון זיך דעם נאָמען איד און לעבסט ניט נאָך די

געזעצען פון דער תורה — ווער קומט צו דיר דאן? ווער וויל מיט דיר דאן האבען פריינדליכע באציהונגען? „עד שלא מלת בני אדם ערלים באים אצלך" — ווען דו ביסט זיך ניט מל און האלטסט ניט פון קיין זאך— ווער קומט צו דיר און ווער וויל מיט דיר פארברענגען און האנדלען? נאר די ערלים, וועלכע מיט'ן מויל באגריסען זיי דיך און מיט א שמייכעל אויף זייער געזיכט קויפען זיי דיך אפ, אבער אין הארצען און אין זייערע געדאנקען זיינען זיי ערלים — פארשטאפטע און טעמפע זיינען זייערע געדאנקען, ברוטאל און אוממענשליך זיינען זייערע געפיהלען פון הארץ. זיי האבען דיך פיינט, אברהם, אפילו אין דער צייט, ווען דו האסט ניט קיין באָרד און פאות, ווען דו האלסט ניט פון קיין שבת און יום טוב, און ווען אפילו דו ביסט אסימילירט אזוי ווייט, אז דו האלטסט ניט פון דער מצוה צו מל'ן דיינע קינדער...

דער פרומער אמת-גלויביגער איד, וואס היט אפ אלע דינים פון דער תורה, ער ווערט אויך געהאסט פון די פעלקער. אבער דער אמת'ער איד טראגט דאס אלעם דורך מיט מוט און שטאלץ, וויסענדיג און פיה-לענדיג, אז ער ליידט פאר הייליגע פרינציפען, וואס זיינען איהם טייער און ליב. וואס שווערער א מצוה קומט איהם אן צו היטען, אלץ מעהר האט ער פון איהר הנאה. און ביי איהם איז טייערער דער חן און ליב-שאפט, וואס ער געפינט אין גאט'ס אויגען, ווי אלע פריינדליכקייטען און חסד, וואס ער וועט געפינען ביי די אומות העולם...

„עכשיו אני בכבודי בא ונגלה עליך הה"ד וירא אליו ה'" (שם) — ווען איך, גאט, מיט מיין גאנצער עהרע וועל זיך צו דיר באווייזען, וועט דאס דיר, אברהם, גייסטיגען גליק און עהרע פארשאפען! דו וועסט וויסען פאר וואס און צוליב וואס דו לעבסט אויף דער וועלט. די אלע וועלט-צרות וועסטו קענען לייכט פארטראגען און סובל זיין, וויסענדיג, אז די אלע זאכען זיינען מעהר ניט ווי אן איבערגאנג אין דעם מענש-ליכען לעבען; אבער נאך דעם אלעם קומט א שעהנע און הערליכע צו-קונפט, וואס ישעיה און עמוס און די אלע אידישע נביאים האבען פאר-אויסגעזאגט. אברהם, דיין גליק באשטעהט ניט אין דעם, וואס ערלים וועלען מיט דיר גוט לעבען און כלומר'שט האלטען זיך מיט דיר פריינד-ליך, נאר דיין אמת גליק וועט זיין, וואס איך, די גאטהייט און די שכינה, וועלען ביי דיר אין הויז און אין דיין לעבען זיין...

דאס איז די ערקלעהרונג, פארוואס מיר ערלויבען זיך צו נעהמען

אַ קינד פון אַכט טאָג און מיר זיינען איהם מל און פאַרגיסען זיין בלוט און מיר מאַכען נאָך סעודות און פרעהען זיך מיט דעם. ווייל מיר וויסען, אַז פאַר דעם קינד — דעם רך הנימול — איז דאָס גרעסטע גליק, וואָס מיר ברענגען איהם אַריין בבריתו של אברהם אָבינו, וואָס מיט דעם ווערט ער פאַררעכענט פאַר אַ קינד פון דעם גרויסען פאָלק ישראל. „גדולה מילה שאין התינוק נכנס למנין הדורות אלא למי שהוא מל שנאמר זרע יעבדנו יסופר לה׳ לדור" (מדרש תנחומא וירא ז׳) — גרויס איז די מצוה פון מל זיין צוליב דעם, וואָס דאָס קינד געהט אַריין אין דער צאָהל פון אידישע דורות...

נאָר ווען וועט דאָס קינד זיך אמת גליקליך שעצען, וואָס ער איז אַ איד און טראָגט דעם אידישען צייכען אויף זיין קערפער, נאָר דאַן ווען ער וועט לערנען די תורה אין די שפּעטערע יאָהרען, וואָרים דאַן וועט ער זיך ערקונדיגען וואָס פאַר אַ שעהנע, גרויסע תורה דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט, און אַז פאַר איהר איז ווערט צו ליידען אַלע אונטערדריי־קונגען און מסירות נפש, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז דורכגעגאַנגען פאַר טויזענדער יאָהרען. דאָס קינד, וואָס שרייט יעצט פון יסורים, וועט אין דער צוקונפט טאַנצען און זיך משמח זיין מיט דער תורה, ווען דער טאָג פון שמחת תורה וועט קומען, און ער וועט אויך זאָגען „אברהם שמח בשמחת תורה, יצחק שמח... יעקב שמח... כי היא לנו עוז ואורה..." — ווייל די תורה איז אונזער ליכט און אונזער שטאַרקייט. דאָס אַלעס איז גערעדט, ווען מ׳וועט דאָס קינד מדריך זיין אין דעם וועג פון דער תורה און איהרע מצות. קוים אָבער ווּעלען די עלטערען דענקען, אַז מיט דעם אַליין, וואָס מ׳האָט מל געווען זייער קינד, זיינען זיי יוצא און האָבען שוין געטאָן זייערע פליכטען צו גאָט און צו דעם אידישען פאָלק, און לערנען דעם קינד תורה און מדריך זיין אין אידישען וועג וועלען זיי איהם ניט, — דאַן וועט דאָס קינד זיי בלייבען אַ שונא, וואָס זיי האָבען איהם אַריינגעבראַכט בבריתו של אברהם אָבינו און האָבען אויף איהם דעם שטעמפּעל פון אַ איד אַרויפגעלייגט; וואָרים צוליב דעם איז ער פאַרהאַסט ביי אַלע פעלקער און מ׳רופט איהם מיט פאַרשיידענע שימפּף־נעמען, און אין געוויסע לענדער זיינען פאַר איהם פאַרמאַכט די טויערען פון וויסענשאַפט און פרנסה — אַלץ צוליב דעם, וואָס ער איז אַ איד... דעריבער זאָגען מיר און ווינשען דעם רך הנימול „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים" — אַזוי ווי דאָס קינד איז

אריין צום ברית, אזוי זאָל ער אריין צו לערנען תורה און צו דער חופה און צו מעשים טובים. דאַן וועט ער זיך שעצען גליקליך, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען אַ איד, און וועט אויך זיין דאַנקבאַר זיינע עלטערען, וואָס זיי האָבען איהם אריינגעבראַכט בבריתו של אברהם אָבינו. דערי־בער זאָגען אונז די חז"ל (קדושין כ"ט) „האָב חייב בבנו למולו ולפדותו וללמדו תורה ולהשיאו אשה" — דעם פאָטער'ס פליכטען צו דעם קינד ענדיגען זיך ניט מיט דעם, וואָס ער איז איהם מל אָדער ער פּראַוועט אַ פדיון הבן, נאָר ער מוז איהם אויך לערנען תורה און פאַרהייראַטען איהם צו אַ כשר'ער אידישער טאָכטער. דאַן וועט מקוים ווערען דער פסוק „ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך" (משלי כ"ג כ"ה) — פאָטער און מוטער וועלען זיך פרעהען מיט זייער קינד, און דאָס קינד וועט זיך פרעהען מיט זיינע עלטערען...

# ברוך הבא
## לברית מילה

בשעה שאמר הקב"ה לאברהם למול, הלך ונמלך בג' אוהביו. א"ל ענר כבר בן ק' שנה אתה ואתה הולך ומצער את עצמך? א"ל אשכול מה אתה הולך ומסיים את עצמך בין שונאיך? א"ל ממרא אלקיך שעמד לך בכבשן האש ובמלאכים ובהרעבון. והדבר הזה שאמר לך למול אין אתה שומע לו? א"ל הקב"ה אתה נתת לו עצה למול. חייך שאיני נגלה עליו לא בפלטין של ענר ולא בפלטין של אשכול אלא בפלטין שלך הה"ד וירא אליו ה' באלוני ממרא.

(בראשית רבה פ' מ"ב ו').

מיר האָבען זעהר פיל עצה-געבער, און יעדער פון זיי האלט זיך פאַר אַ וועלט-חכם און פאַר אַן אויפגעקלערטען. און די דאָזיגע זאָגענאַנטע וועלט-חכמים האָבען זיך ליב צו מישען און געבען עצות, איבערהויפּט אין זאַכען, וואָס אַנבאַלאַנגט רעליגיע.

יעדער, וואָס וויל זיך אויספּיינען, אַז ער איז אַ משכיל און סתם אַ קלוגער, מוז ער קודם כל צייגען, אַז ער פאָלגט ניט אַלעס, וואָס גאָט האָט געהייסען; דאָס דאַרף באַווייזען, אַז ער איז קליגער און מעהר פאָרטגעשריטען פאַר אַלע גרויסע חכמים, וועלכע האָבען יאָ געגלויבט אין גאָט און אין זיין תורה.

דעם גרעסטען אומגליק האָבען געבראַכט אָט די דאָזיגע פאַרעווע משכילים אויף דער אידישער יוגענד. די יונגע נאַאיווע קינדער האָבען אָנגענומען אַלעס, וואָס געוויסע משכילים שרייבען, פאַר אמת ויציב. זיי האָבען געגלויבט אין דעם, וואָס די משכילים זאָגען וועגען דער אידישער רעליגיע און תורה, נעמליך, אַז זיי פּרעדיגען אומוויסענהייט און פינסטערניש. און צוליב דעם האָט זיך דער יונגער דור אָפּגעקערט פון דער אידישער רעליגיע און זיי זיינען געגאַנגען זוכען פרעמדע געטער, וועלכע האָבען זייערע געדאַנקען צומישט און די נשמות פאַרקריפּעלט.

וויפיל שטאָף האָט געגעבען די פאַרשיידענע אפּיקורסים און אַזוי־גערופענע אויפגעקלערטע אָט־די מצוה, וועלכע מיר פייערען היינט מיט אַזאַ גרויסען פאַראַד — די מצוה פון מילה! סטייטש, מיר נעהמען אַ קינד פון אַכט טאָג און מיר זיינען איהם מל און מיר ברענגען איהם

בבריתו של אברהם אבינו! ס'זיינען אויפגעשטאנען אונזערע פריי־דענקער ווי די לייבען און האבען אנגעגורט זייערע לענדען און זיינען ארוים אין קאמף געגען דער „פינסטערניש". זייער טענה איז געווען: ווי וואגט מען דאס צו נעהמען א שוואך קינד און פארגיסען זיין בלוט? עס איז דאך געגען דעם מענשליכען וועג פון רחמנות! און וואו איז דער יושר, אז עלטערען זעלבסט זאלען זיך פרעהען מיט אזא טהאט און נאך איינלאדען פריינד און פראווען מאלצייטען?!...

די דאזיגע טענה האט שוין לאנג גע'טענה'ט ענר, דער פריינד פון אברהם אבינו. ווען אברהם אבינו קריגט דעם אנזאג פון גאט, אז ער מוז זיך און זיינע קינדער מל זיין, קומט דער פריינד פון אברהם'ען, מיסטער ענר, און מאכט א ליארעם מיט זיין זאגענאנטער מדה פון רחמנות. „א"ל ענר כבר בן ק' שנה אתה ואתה הולך ומצער את עצמך?" (ב"ר פ' מ"ב) — ווי וואגסטו דאס, אברהם, צו טאן, געהן שניידען דיין אייגען לייב און אנטאן זיך זעלבסט יסורים און ליידען שרעקליכע שמער־צען אין דער צייט, ווען דו ביסט שוין אלט הונדערט יאהר, און דיינע כחות זיינען שוואך. דאס קען דאך מקצר זיין דיינע יאהרען! אברהם, וואס געהסטו טאן? האסטו אויף זיך קיין רחמנות ניט? איז דיין לעבען און געזונט ביי דיר ניט טייער?!...

די אסימילאטארישע משכילים האבען גע'טענה'ט, אז די מצות מילה איז אן אומגליק פאר יעדען איינציגען; און יעדער פאטער, וואס לאזט זיין קינד מל זיין, איז אן אכזר אויף זיין אייגען פלייש און בלוט. ווארים מיט דעם צייכען פון מל זיין פארפרעמדט מען זיך פון דער גרויסער וועלט און מיט דעם דאזיגען חותם זיגעלט מען זיך אפ אלס סעפארא־טיסטישע נאציע; און דאס ברענגט אלע צרות פאר דעם אידישען פאלק. צוליב דעם ווערען זיי פארהאסט פון אלע פעלקער — די פעלקער ווילען מיט די אידען קיין מגע ומשא ניט האבען. און די אידען, וועלכע דאנקען נאך גאט פאר דער דאזיגער מצוה, בעת זיי בענשען און זאגען „ועל בריתך שחתמת בבשרנו" — די דאזיגע אידען זיינען אומוויסענדע, זיי באגרייפען ניט וואס פאר א שאדען די מצוה ברענגט פאר זיי...

אט־די טענה האט שוין מיט טויזענדער יאהרען צוריק געהאט אשכול, ווען ער איז געקומען צו אברהם'ען און האט איהם געמאכט אויפמערקזאם אויף זיין טעות, אויב ער וועט מאכען א שטענדיגען צייכען אין זיין לייב. „א"ל אשכול מה אתה הולך ומסיים את עצמך

בין שונאיך?" (שם) — וואס געהסטו טאן, אברהם? ווייסטו דען ניט, אז מיט דעם מל זיין זיך מאכסטו זיך פאר אן אויסנאם און מיט דעם טיילסטו זיך אפ פון אלעמען? צוליב דעם וועלען דיך דיינע פיינד אימער דערקענען, אז דו ביסט א פארפלוכטער איד; און דו וועסט דאס קיינ־מאל ניט קענען אפלייקענען, ווייל דער צייכען אין דיין קערפער וועט זיין דער בעסטער עדות. אברהם! פאלג מיין עצה אן היט זיך פון אזא נארישען און פאלשען שריט, וואס וועט דיך שפעטער קאסטען טייער, און דו וועסט שוין צוריק ניט קענען גוט מאכען.

אבער אין אלע צייטען זיינען דא מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין שרעקעדיגע און וועלכע באטראכטען א זאך גאנץ קאלטבלוטיג און מיט אויסרעכענונג. א דאנק די דאזיגע מענשען איז די תורה מיט איהרע מצות גאנץ געבליבען ביי דעם אידישען פאלק. ווען פארשיידענע משכילים און אפיקורסים פון ענר'ם און אשכול'ם חדר קומען ארויס מיט זייערע טענות, דאן שטעהען די אמת'ע מאמינים פעסט ביי זייערע פרינציפען און באקעמפען די ענר'ם און אשכול'ם מיט באגרינדעטע ארגומענטען און איבערצייגען ווי פאלש ס'זיינען די טענות פון אלע אנקלעגער פון דער תורה און איהרע מצות.

„א"ל ממרא אלקיך שעמד לך בכבשן האש ובמלאכים והרעבון והדבר הזה שאמר לך למול אין אתה שומע לו?" (שם) — ממרא זאגט צו אברהם'ען: הער זיך ניט צו צו די עצות פון די ענר'ם און אשכול'ם, וועלכע ווילען דיר איינריידען, אז מיט דעם, וואס גאט פארלאנגט פון דיר, אז דו זאלסט זיך מל זיין, ברענגט ער אויף דיר דעם גרעסטען אומ־גליק, און מיט דעם, וואס דו וועסט מאכען א צייכען אין דיין לייב, צייגסטו, אז דו ביסט אויף זיך אן אכזר, און צוליב דעם וועסטו פארהאסט ווערען ביי אנדערע פעלקער. אברהם, לאך זיך אויס פון זייערע עצות! דער גאט, וואס האט דיך גערעטעט, ווען דו ביסט געווען אין אזא שרעק־ליכער סכנה, ווען דו ביסט געווארפען געווארען אין דעם קאלך־אויוון; דער גאט, וואס האט דיר געהאלפען אין דער צייט, ווען דו ביסט גע־גאנגען באקעמפען אזוי פיל מלאכים; דער גאט, וועלכער האט דיך אויסגעהיט פון דעם שרעקליכען הונגער און האט דיך געבראכט אין א לאנד, וואו דו האסט געלעבט אין זאטקייט, — גלויבסטו, אז דער זעלבער גוטער גאט וועט זיך ערלויבען צו ווערען אן אכזר און הייסען דיך מל זיין און מיט דעם ברענגען אויף דיר אומגליק, ווי דיינע זאגע־

נאַנטע פריינד, ענר און אשכול, האָבען דיר איינגערעדט? ניין, אברהם! אַז גאָט הייסט דיך מל זיין, מן הסתם ווייסט ער, אַז ניט נאָר איז די מצות מילה פאַר דיר ניט קיין אומגליק, נאָר פאַרקערט, די מצות מילה איז פאַר דיר אַ גליק. צוליב דעם וועסטו און דיינע קינדער בלייבען אַן עם הנצחי. די אַלע פאַרשיידענע משכילים און אַסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען אויפגעגעבען מילה און אַנדערע מצות, וואָס טיילט זיי אָפּ פון אַלע פעלקער, — די דאָזיגע האַלבע און גאַנצע אַסימילאַטאָרען וועלען מיט דער צייט אונטערגעהן, און זייערע קינדער וועלען זיך אויס׳שמד׳ן. אָבער דו, אברהם, און דיינע קינדער וועלען אין דער אייביגקייט בלייבען. קיין אומה ולשון וועט דיך ניט קענען פאַרניכטען. פעלקער און לענדער וועלען אונטערגעהן, אָבער דאָס פאָלק, וואָס וועט פון דיר אַרויסקומען, וועט זיין שטאַרק ווי די פעלזען!...

„א״ל הקב״ה אתה נתת לו עצה למול חייך שאיני נגלה עליו לא בפלטין של ענר ולא בפלטין של אשכול אלא בפלטין שלך הה״ד וירא אליו ה׳ באלוני ממרא״ (שם) — און גאָט זאָגט צו ממרא׳ן: דערפאַר וואָס דו האָסט אַזאַ שכל הישר געהאַט און דו האָסט זיך געשטעלט געגען די עצות פון די ענר׳ס און אשכול׳ס און האָסט געהייסען אברהם׳ען ניט שרעקען זיך פאַר קיין זאַך, — דערפאַר וועל איך זיך קיינמאָל ניט צייגען אין די פאַלאַצען פון די ענר׳ס און אשכול׳ס, אין זייערע פאַלאַצען וועט קיינמאָל גאָט און די שכינה ניט רוהען; זייערע פאַלאַצען וועלען אימער פאַרבלייבען נעסטען פון טומאה און חציפות; נאָר צו דיר, ממרא, וועל איך קומען און אין דיינע פאַלאַצען וועל איך רוהען...

אָט די אידען, וועלכע הערען זיך ניט צו צו די עצות פון די מסיתים און מדיחים און האַלטען זיך ביי גאָט׳ס תורה און זיינען מל זייערע קינדער, — די דאָזיגע אידען זיינען פאַרבליבען. קיינע שטראָמען פון אַסימילאַציע האָבען זיי ניט געקענט פאַרפלייצען. די יעניגע אָבער, וועלכע האָבען אין זייערע השכלה-ביכער געפּריידיגט האַס צו דער תורה און תלמידי חכמים, — וואָס איז פון זייערע קינדער געוואָרען? משומדים און להכעיס׳ניקעס! עס איז באַקאַנט, אַז די מעהרסטע קינדער זייערע האָבען זיך אויסגע׳שמד׳ט און זיינען נאָך דעם געוואָרען די גרעסטע שונאים פון דעם אידישען פאָלק.

דעריבער זאָגען מיר היינט צו דער שמחה אַ ספּעציעלען הרחמן פאַר דעם בעל הבית: „הרחמן הוא יברך בעל ברית המילה, אשר שש

לעשות צדק בגילה, וישלם פעלו ומשכרתו כפולה, ויתנהו למעלה למעלה" — גאָט, וואָס איז ניט קיין אכזר, ווי די משכילים ענר און אשכול האָבען אונז געוואָלט איינרעדען, נאָר גאָט דער הרחמן, וואָס האָט רחמנות אויף יעדען באַשעפעניש און איבערהויפּט אויף זיין פאָלק ישראל, — ער זאָל בענשען דעם בעל ברית המילה, וועלכער האָט זיך געאיילט צו טאָן גערעכטיגקייט צו זיין קינד מיט שמחה. דערפאַר וועט גאָט זיין אַרבייט באַלוינען, און די באַלוינונג וועט זיין אַ טאָפּעלע, נעמליך, דאָס קינד וועט אויסוואַקסען שעהן פאַר גאָט און פאַר לייט און צוליב דעם ויתנהו למעלה למעלה — וועלען די עלטערען האָבען דעם גרעסטען נחת און זיי וועלען דערהויבען ווערען צו דער העכסטער מדרגה, וואָס העכער קען שוין ניט געבען.

מיר אַלע, וועלכע זיינען דאָ פאַרזאַמעלט און נעהמען אַן אנטייל אין דער דאָזיגער שעהנער הערליכער מצוה פון דער תורה, דאַרפען זיך פיהלען שטאָלץ, וואָס מיר באַלאַנגען צו אַזאַ פאָלק, וואָס האָט אַזעלכע אַנזאָגען און געבאָטען, ניט ווי אַלע פעלקער, וועלכע האָבען ניט אַזעלכע התחייבות צו זייערע קינדער. „יספּת לגוי ה' (ישעי' כ"ו) אָמר הנביא רבש"ע נתת לכותי שלוה לא קלסך עליה, אתה נותן לו בן אינו מוהלו אלא מגדלו לפי נמוסו לע"ז... אבל ישראל יספּת נכבדת אתה נותן לו בן מוהלו לשמונה ואם הוא בכור פודהו, הגדיל מוליכו לביה"כ לבהמ"ד ומברך בכל יום ברכו את ה', אתה נותן לו בית קובע בו מזוזה, גג עושה לו מעקה" (ילקוט תזריע) — דער נביא ישעי' זאָגט: רבוני של עולם, דו האָסט געגעבען צו דעם כותי רוה, איז ער דיר פאַר דעם ניט דאַנקבאַר און לויבט דיך ניט. דו גיסט איהם אַ בן זכר, איז ער איהם ניט מל, נאָר ער גיט איהם צו אַלע עבודה זרה'ס... אָבער דער איד — האָט ער אַ בן זכר, איז ער איהם מל; איז ער אַ בכור, לייזט ער איהם אויס; ווערט דאָס קינד גרויס, פיהרט ער איהם אין בית הכנסת און אין בית המדרש, און דאָרטען בענשט ער צו גאָט און זאָגט: ברכו את ה'; גיסטו דעם אידען אַ הויז, קלאַפּט ער אָן אַ מזוזה; האָט ער אַ דאַך, בויט ער אַ גאַניק... מיט איין וואָרט, דער איד איז פאַרבונדען מיט דעם לעבעדיגען

גאָט אויף שריט און טריט. און צו אַזאַ פאָלק איז אַן עהרע, אַז מען באַלאַנגט. דעריבער זאָגען מיר צו יעדען קינד, וואָס עס קומט אַריין בבריתו של אברהם אָבינו — ברוך הבא! — געבענשט איז דער יעני־גער, וואָס קומט אַריין אין דעם אידישען אָרדען. און דערפאַר דאַרפען מיר זיך היינט משמח זיין, און די שמחה איז אַ שמחה של מצוה.

זאָל גאָט בענשען דעם רך הנימול, אַז ער זאָל זיין אַ שטאָלץ פאַר דעם אידישען פאָלק און אַ פרייד פאַר זיינע עלטערען. — אָמן!

# בכל שמה

## לנולדה בת

וה׳ ברך את אברהם בכל (בראשית א׳ כ״ד) מאי בכל?
ר׳ מאיר אומר שלא היתה לו בת, ר׳ יהודה אומר שהיתה
לו בת, אחרים אומרים בת היתה לו לאברהם ובכל שמה.
(ב״ב ט״ז).

אלעס דארף האבען מזל, אפילו א ספר תורה אין דעם היכל — זאגט אונז דער זוהר. און עס איז גאנץ ריכטיג. מיר לעבען אין א צייט, ווען מזל רעגירט אלעס און אלעמען. עס קומען צוויי מענשען נאך אמעריקא. זיי זיינען געקומען אין דערזעלבער צייט און אפילו אויף איין שיף און אויך פון דעמזעלבען שטעטעל. איינער איז פראסט און אומוויסענד, דער צווייטער איז געלערענט און קלוג. טראץ דעם, זעהען מיר, אז דער פראסטאק ווערט אן אלרייטניק, לעבט אין אלערליי לוקסוס; און דער געלערענטער און קלוגער איז א קבצן, האט ניט מיט וואס א טאג איבערצולעבען. דער איינציגער תירוץ אויף דעם איז — מזל...

צוויי קינדער ווערען געבוירען אין דער גרויסער וועלט. די מענשהייט איז רייכער געווארען מיט נאך צוויי נפשות.ביידע זיינען געבוירען געווארען נאקעט. זיי האבען מיט זיך גארניט מיטגעבראכט. ביידע זיינען אומבאהאלפען, און מ׳מוז אויף זיי אכטונג געבען און אפהיטען ווי דאס אויג פון קאפ. איינס פון די קינדער איז א זכר, קריגט ער א שעהנעם ברוך הבא. עס טומעלט זיך וועגען איהם גאנצע אכט טעג. מ׳לאדט איין פריינד און מ׳איז זיך משמח ביי א שעהנער סעודה. די עלטערען זיינען גליקליך, וואס זיי האבען דאס דערלעבט. דאס קינד האלזט מען און מ׳קושט איהם אוים אלע גלידער. דאס צווייטע קינד האט גראד געהאט דעם מזל געבוירען צו ווערען א נקבה. צוליב דעם איז דער ברוך הבא ניט אזוי גרויס. אפילו פאטער און מוטער שעצען זיך אויך ניט אזוי גליקליך. זיי וואלטען בעסער צופרידען געווען, ווען אויף איהר פלאץ קומט אן „ער״... דעריבער איז די שמחה אין הויז ניט איבעריג גרויס. מ׳גיט זיך כלומר׳שט אפ מזל טוב, אבער דאס ווערט געטאן בלויז פון יוצא וועגען. מ׳פראוועט אמאל א שמחה אויך, מ׳רופט פריינד; אבער די שמחה איז ניט קיין גאנצע — אינערליך, טיף אין

הארצען טוט באנק, וואס מיט דעם זעלביגען „האבען" איז ניט געקומען א בן זכר. דאן וואלט די שמחה געווען פארפול.

אונזערע תלמוד'יסטען האבען שוין לאנג געזאגט: „אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות" (ב"ב ט"ז) — די וועלט קען דאך ניט אויסקומען אהן זכרים אדער אהן נקבות, זיי זיינען דאך ביידע באשאפען געווארען פאר דעם אויפהאלט און עקזיסטענץ פון דער וועלט; פונדעסטוועגען „אוי לו למי שבניו נקבות, אשרי מי שבניו זכרים" (שם) — וועה איז צו יענעם, וועמענס קינדער זיינען מיידלאך, און גליקליך איז דער יעניגער, וועמענס קינדער זיינען אינגלאך...

„רבי שמעון בר אמי ילדה אשתו נקבה. חמתיה רבי חייא רבא, א"ל התחיל הקב"ל לברכך. א"ל מנא לך הא? א"ל הכתיב ויהי כי החל האדם לרוב וגו' ובנות ילדו להם (בראשית א' ו'). עלה אצל אביו, א"ל שמחך הבבלי? א"ל כן וכן אמר לי. א"ל אעפי"כ צורך ליין וצורך לחומץ, צורך יין יותר מן החומץ, צורך לחטים וצורך לשעורים, צורך לחטים יותן מן השעורים. משהאדם משיא את בתו ומוציא יציאותיו, הוא אומר לה לא יהי ליך מחזורי להכא" (ב"ר כ"ו א') — די פרוי פון רבי שמעון בן אמי האט געבוירען א טאכטער. אז רבי חייא רבא האט רבי שמעונ'ען געזעהן, האט ער איהם אפגעגעבען מזל טוב און האט צו איהם געזאגט: עס ווייזט אויס, אז גאט האט דיך אנגעפאנגען צו בענשען. פרעגט איהם רבי שמעון: פון וואנען ווייסטו? זאגט צו איהם רבי חייא: די תורה זאגט דאך „אז די מענשהייט האט זיך אנגעפאנגען צו מעהרען אויף דער וועלט, איז צו זיי טעכטער געבוירען געווארען". נאכהער, ווען ר' שמעון איז געקומען צו זיין פאטער, רבי אמי, זאגט דער פאטער צו איהם: דער בבלי רבי חייא האט דיך געמאכט פרייליך און האט דיך געטרייסט מיט דעם, וואס ביי דיר איז געבוירען געווארען א טאכטער. אבער ר' שמעון מיין זוהן, די טרייסט איז ניט אינגאנצען. די וועלט דארף דאך האבען וויין און עסיג, די וועלט דארף אויך האבען ווייץ און גערשטען, פונדעסטוועגען איז די אנפראגע אויף וויין און ווייץ מעהר ווי אויף עסיג און גערשטען. און דער פאקט איז, אז א מענש פארהייראט זיין טאכטער און גיט אוים פיל געלד, בענשט איהר דער פאטער, אז מעהר צו איהם אהיים אויף שטענדיג זאל זי ניט צוריק קומען...

פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז אונזערע חכמים האבען אויך אזוי

געדענקט, אז עס איז א גאנץ קליינער גליק, ווען א טאכטער ווערט געבוירען. און די פראגע איז: פאר וואס שטעהט א זוהן העכער פאר א טאכטער? און וואס זיינען אזוי די מעלות פון א בן זכר מעהר ווי פון א נקבה?

ווען מיר בלעטערען אונזער תלמוד, געפינען מיר אויך אויף דעם אן ענטפער. „בת לאביה מטמונת שוא, מפחדה לא יישן בלילה. בקטנותה שמא תתפתה, בנערותה שמא תזנה, בגרה שמא לא תנשא, נישאת שמא לא יהיו לה בנים, הזקינה שמא תעשה כשפים" (ב"ם בן סירא מובא בסנהדרין ק') — א טאכטער צו איהר פאטער איז א פאלשער אוצר. פון שרעק און זארג קען ער ניט איינשלאפען. איז זי קליין און יונג, האט ער מורא מ'זאל איהר ניט פארפיהרען; ווערט זי גרוים שרעקט זיך דער פאטער זי זאל פון דעם מאראלישען וועג ניט אראפגעהן; האט זי חתונה, זארגט ער זיך פיליכט האט זי ניט קיין קינדער; ווערט זי אלט, האט ער מורא זי זאל זיך ניט אריינלאזען אין כשוף טרייבען... אויך איז דא א מיינונג פון ריש לקיש, אז פרויען זיינען מעהר קריגעריש און זיי האבען ליב צו שאפען מחלוקת און ארומרייסען זיך. דעריבער זאגט ער: ווען טעכטער ווערען געבוירען, מריבה בא לעולם (ב"ב ט"ז) — קומט קריג אויף דער וועלט...

„פקוד כל זכר, למה אמר כל זכר ואינו מזכיר שם נקבה? מפני שכבודו של הקב"ה עולה מן הזכרים שנאמר כל זכר" (מדרש תנחומא, במדבר) — פאר וואס זאגט די תורה: צעהל אלע זכרים, פאר וואס ניט די נקבות? ווייל דער גאנצער כבוד קומט צו גאט נאר פון די זכרים.

„א"ר יצחק א"ר אמי בא זכר בעולם בא ככרו בידו, נקבה אין עמה כלום" (נדה ל"א) — אז א זכר קומט אויף דער וועלט, קומט מיט איהם דער לעבעל ברויט, אבער די נקבה ברענגט מיט זיך גארניט...

אט פון דעם אלעמען לערנען מיר ארוים די אורזאכען, פאר וואס מ'פרעהט זיך אזוי, ווען א זוהן ווערט געבוירען, און פאר וואס מ'איז ניט אזוי צופרידען, ווען א טאכטער קומט אויף דער וועלט. דאס איז ווייל די ערציהונג פון א טאכטער איז שווערער; צופיל אחריות טראגען די עלטערען פאר איהר. א זוהן דארף דאך מקיים זיין די תרי"ג מצות, האט פון איהם גאט מעהר ווי פון א טאכטער, וואס איז מחויב בלויז געצעהלטע מצות. אויך דער לעצטער טעם איז גאנץ איינפאך: דער זוהן קומט מיט א לעבעל ברויט, ער קומט אויף דער וועלט צו ארבייטען

און זיך צו באַשעפטיגען און ער וועט ניט דאַרפען ליגען אויפ'ן פאַטער'ס קאַרק. אַנדערש איז אָבער אַ טאָכטער: זי ברענגט גאָר נישט מיט זיך. זי איז אויפ'ן פאַטער'ס פּלייצעס ביז וואַנען זי ווערט פאַרהייראַט.

דאָס אַלעס איז גערעדט פון דער אַמאָליגער צייט און אויך אין די אַלטע לענדער, וואו מיר האָבען געלעבט. דאָרטען זיינען טאַקע געווען ריכטיג די אַלע טעמים, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט. דאָס באַציהט זיך צו יענער צייט, ווען די זיהן זיינען געגאַנגען אין חדר אָדער אין תלמוד תורה פון פריה-מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט; און ווען זיי זיינען עלטער געוואָרען, האָט מען זיי אין די ישיבות געשיקט, און דאָרטען זיינען זיי געזעסען על התורה און האָבען געשוואומען אין דעם ים התלמוד; און אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסען, זיינען זיי פאַלשטענדיגע תלמידי חכמים געווען, און מ'האָט זיך געשלאָגען צו קריגען זיי פאַר איידימס. די עלטערען האָבען צוליב דעם אַלעס זיך געפּרעגעלט פון נחת און גליק.

דאַגעגען אָבער איז די אידישע טאָכטער געווען פריי פון אַלעס. פון חדר און תלמוד תורה איז זי געווען פּטור; זי זאָל אַרבייטען, איז די עלטערען ניט אַנגעשטאַנען, וואָס הייסט אַ בעל הבית'ס טאָכטער וועט זיך געהן ביליג מאַכען און זיך לערנען אַן אַרבייט און זיצען ביי אַ וואַר-שטאַט? זי זאָלען לערנען אין שולעס, האָבען אויך די עלטערען מורא געהאַט, פיליייכט וועט זי אַרויסגעהן לתרבות רעה — זי קען דאָך חס ושלום אַוועקגעהן פון דעם אידישען וועג. דעריבער זיינען די טעכטער געזעסען ביי זייערע עלטערען אין די הייזער מיט פאַרלייגטע הענד און האָבען בלויז געוואַרט אויף אַ שידוך. און אַז מ'האָט אַ שידוך געטאָן און מ'האָט געדאַרפט שרייבען אַ בריף צום חתן, האָט מען געמוזט לויפען צו אַ מלמד, ער זאָל איהר טאָן די טובה און אָנשרייבען דעם בריף. נאָך דעם אַלעמען איז דאָך קיין וואונדער ניט, אַז עלטערען האָבען פון אַ זוהן פיל נחת געהאַט, סיי ווען ער איז געווען אַ לערנער אָדער אַן אַרבייטער, אָדער אַ געשעפטס-מאַן. פון דער טאָכטער האָבען זיי אַזוי פיל נחת ניט געקענט האָבען, ווייל זי איז אַלע מאָל אַ הויז-קינד פאַר-בליבען, און אַ שידוך צו טאָן איז געווען ערגער ווי קריעת ים סוף...

היינט אָבער איז אַלעס אַנדערש. עס האַלט שוין באַלד דערביי, אַז מ'וועט דאַרפען זאָגען אשרי למי שבניו נקבות ואוי לו למי שבניו

זכרים — גליקליך איז דער, וואס האט קינדער מיידלאך, און אומגליקליך איז דער, וואס האט קינדער אינגלאך.

צוליב די אלע טעמים, וואס אונזערע חכמים האבען אויסגערעכענט, איז היינט מעהר צו זיין אומצופרידען מיט די זכרים ווי מיט די נקבות. אין די פרייע לענדער איז שוין ניטא דער חדר און תלמוד תורה פון אמאל, וואו מ'פלעגט אפזיצען פון אינדערפריה ביז שפעט אין אוונט. היינט געהען ארום צעהנדליגער טויזענדער אידישע זיהן אהן קיין שום ערציהונג. זייער פוס טרעט ניט אריבער קיין אידישע שוהל, זיי וויסען ניט פון גאט און זיין תורה. א גאנץ קליינער פראצענט באזוכען די תלמוד תורה'ס פאר א גאנץ קורצער צייט, און דאס אויך נאך דעם ווי זיי קומען פון סקול. ווען אונזערע זיהן ווערען גרוים, ווייסען זיי ניט פון אונזער תורה; און ווען מ'רופט זיי אויף צו דער ספר תורה, קענען זיי אפילו די ברכה אויף איהר ניט מאכען. קיין ציצית און תפילין טראגען זיי ניט; קיין שבת און יום טוב האלטען זיי ניט; אלע סיגים וגדרים פון צניעות און קדושה האבען זיי צובראכען. מיט די היינטיגע זיהן קען זיך שוין גאט ניט באריהמען, אז זיי היטען זיין תורה און לערנען איהר, און זיי פיהרען זיך אויף מעהר מאראליש ווי די אידישע טעכטער...

אין די לענדער, וואו מיר געפינען זיך, טרעפען מיר די אידישע טעכטער געהן אין תלמוד תורה און אין היברו סקול צוגלייך מיט די אידישע זיהן. מיר טרעפען א גרויסע טייל פון די אידישע טעכטער, וועלכע זיינען קלאר אין דער אידישער געשיכטע און וועלכע ריידען וואונדערבאר שעהן די העברעאישע שפראך, און רעספעקטירען זייערע עלטערען און היטען אפ ווי וויט מעגליך די אידישע דינים און מנהגים. ווארים די אידישע טעכטער זיינען אימער געוועזען מעהר ערנסט אין באציהונג צו רעליגיע און מעהר געהארכזאם צו זייערע עלטערען, ווי די אידישע זיהן. אין פאבליק סקול, אין האי סקול, אין קאלעדזש געהען די טעכטער און די זיהן צוזאמען, און זיי, די טעכטער, צייכענען זיך דארט אויס פונקט ווי די העלדישע זכרים... היינט וואו איז זייער אפפערווילינקייט צו לערנען זיך מוזיק — עס איז דאך כמעט ניטא קיין טאכטער, וואס זאל ניט שפילען פיאנא! אויך אין פעקטארי ביי דער ארבייט, אין ביזנעס אפיס ביים דעסק און אין דער מסחר-וועלט פון קויפען און פארקויפען, אויך אלס דאקטוירים און יוריסטען — איבעראל, אין יעדען

צוויִיג פון לערנען געפינען מיר דאָרטען די טאָכטער און פרוי. און זינט זיי האָבען געקראָגען גלייכע רעכט מיט די מענער אין דער פּאָליטישער וועלט, איז די פרוי געקומען גלייך אין פראָנט און האָט פאַרנומען איהר פּלאַץ אין לעדזשיסלייטשור, אין קאָנגרעס און אפילו אַלס גאָווערנאָר!

אין אַזאַ צייט איז געווים קיין פראַגע ניט, אַז עלטערען, וועלכע ברענגען אויף דער וועלט אַ טאָכטער, האָבען זיך ניט וואָס אָפּצוועסען דאָס האַרץ און זיין אומעטיג. פאַרקערט, זיי דאַרפען מאַכען די גרעסטע שמחה, פונקט ווי אונזערע בעלי שמחה האָבען דאָס היינט געטאָן לכבוד זייער ניי-געבוירענער טאָכטער. אנשטאָט צו האָבען זיהן, וואָס דאַרפען היטען די תורה און דאַרפען לערנען אין תלמוד תורה'ס און ישיבות און דאַרפען זיין געהאָרכזאַם צו עלטערען און זיי זיינען דאָס אַלץ ניט, איז דאָך בעסער צו האָבען טעכטער, וועלכע זיינען אין דעם אַלעמען אַזוי ווייט ניט מחויב און פונדעסטוועגען היטען זיי אַלעס אָפּ מעהר ווי די זיהן!

איינער פון די חכמי התלמוד, רב חסדא, האָט געזאָגט: „ולדידי בנתן עדיפין לי מבני" (בבא בתרא קמ"א) — אַז ביי איהם איז בעסער טעכטער פון זיהן, ווייל אויסער וואָס זיי זיינען צנועות און צדקניות געווען, האָט ער צוליב זיי געהאַט באַריהמטע איידימס, ווי רבא, רמי בר חמא ומר עוקבא בר חמא (עי' שם רש"י ותוספות).

מיט איין וואָרט, אויב די טעכטער זיינען עכט-אידישע און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי געבענשט מיט אַלע מעלות — ביי אַזעלכע טעכטער דאַרף מען זיך פרעהען און פּראַוועןן סעודות, און די עלטערען מעגען זיך שעצען גליקליך. „ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל" (בראשית כ"ד) — אברהם איז אַלט געוואָרען אין יאָהרען, און גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַלעס. „מאי בכל?" — וואָס מיינט מיט אַלעס? וואו איז דאָס דאָ אַ מענש אויף דער וועלט, וואָס מיר קענען אויף איהם זאָגען, אַז מיט אַלעס איז ער געבענשט געוואָרען? „רבי מאיר אומר שלא היתה לו בת" — ווי באַלד אברהם האָט נאָר קיין טאָכטער ניט געהאַט, צוליב דעם גופא איז ער שוין מיט אַלעס געבענשט געוואָרען. ווייל אויב אברהם'ען איז אָנגעקומען שווער צו טאָן אַ שידוך מיט זיין בן יחיד, יצחק'ן, און ער האָט געמוזט שיקען אליעזר'ן, זיין קנעכט, גאַנץ ווייט צו זוכען פאַר איהם אַ פּאַסענדע טאָכטער, היינט וואָס וואָלט נאָך אברהם געטאָן, ווען ער האָט נאָך צו דעם אַ טאָכטער, פאַר וועמען

עס איז אימער שווער צו טהון א שידוך, און בפרט אין אברהמ׳ס ציי־טען, אין א דור פון געצענדינסט! „אחרים אומרים בת היתה לו לאברהם ובכל שמה" — די אחרים אבער זאגען, אז דאס אמת׳ע גליק פאר אברהמ׳ען איז געווען, וואס ער האט יא געהאט א טאכטער, אבער אזא סארט טאכטער, וואס איהר נאמען איז געווען בכל — וועלכע איז געווען געבענשט מיט אלע מעלות און מושלמת. און ווי באלד א טאכ־טער און דערצו נאך אן אשת משכלת און מושלמת — אזא טאכטער איז טאקע א גליק פאר א פאטער, און מיט אזא טאכטער איז אברהם א גליקליכער — זי וועט איהם זיינע יאהרען פארשעהנען און פאר־לענגערען. דאס איז אן אמת׳ע ברכה...

מיר האפען, אז די דאזיגע ניי-געבוירענע אידישע טאכטער וועט אויך זיין פון די יעניגע טעכטער, וואס זייער נאמען איז „בכל" — זי וועט אויסוואקסען א מושלמת און א גאטספארכטיגע. אבער דאס ווענדט זיך זעהר פיל אן די עלטערן. זאלען די עלטערען וויסען, אז א אידישע טאכטער דארף מען אויך לערנען, אז זי זאל וויסען די אידישע דינים ומנהגים און אויך זיין באקאנט מיט דער אידישער פארגאנגענהייט און מיט דער אידישער געגענווארט, ווייל זיי וועלען דאך דארפען זיין די צוקונפטיגע אידישע מוטערס, און אן זיי וועט זיך ווענדען צו האבען א כשר הויז.

איך ווינש די עלטערען א הארציגען מזל טוב און איך גלויב, אז זייערע א טאכטער וועט זיין בעסער ערצויגען ווי אנדערע זיהן.

גאט זאל די נייע אידישע טאכטער בענשען מיט אריכות ימים ושנים. — אמן!

# הבכרה

## פדיון הבן

בעשרים כסף (בראשית ל״ז) אמר ר׳ שמעון בן לקיש לפי שמכרו בכורה של רחל בעשרים כסף, לפיכך יהא כל אחד פודה את בנו בכורו בעשרים כסף.
(ירושלמי שקלים פ״ב ה״ג).

נאך אין די אַלטע צייטען האָט אַ בכור, אַן ערשט-געבוירענער געהאַט מעהר זכיות ווי די אַנדערע ברידער, וועלכע זיינען גע־בוירען געוואָרען נאָך איהם. דער בכור איז געווען דער פיהרער און טאָן-געבער אין זיין פאָטער׳ס הויז. אַלע ברידער האָבען געמוזט זיין געהאָרכזאַם צום בכור און אויספאָלגען אַלע זיינע באַפעהלען וואָס אַנ־באַלאַנגט דעם עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען.

יעקב אָבינו ברענגט אויף זיך האַס און צאָרן פון זיין ברודער, עשו, צוליב דעם, וואָס יעקב האָט ניט געוואָלט, אַז עשו זאָל בלייבען ביי דער בכורה. ווען עשו קומט פונ׳ם פעלד, מיד און הונגעריג, און ער בעט זיך ביי יעקב׳ן ער זאָל איהם געבען עפּעס עסען און טרינקען, קומט דאָן יעקב אַרויס מיט זיין פאָרשלאָג: „מכרה כיום את בכורתך לי״ (בראשית כ״ה ל״א) — פאַרקויף מיר, ווי דער טאָג איז קלאָר, דיין בכורה. און עשו איז באַלד מסכים און ער זאָגט: „הנה אנכי הולך למות למה זה לי בכרה?!״ — (שם) — עשו האַלט ניט פון דעם כלל „יזכור לו יום המיתה״, אַז כדי גובר צו זיין דעם יצר הרע איז דאָס בעסטע מיטעל זיך צו דערמאָנען אָן דעם לעצטען טאָג — אָן דעם טויט. עשו איז פון די רשעים, וואָס אויף זיי ווערט געזאָגט אין חרצובות למותם ובריא אולם — דער טויט פאַרבינדט זיי ניט, און ווען זיי דערמאָנען זיך אָן דעם טויט, ווערען זיי נאָך שטאַרקער. מ׳לעבט אויף דער וועלט אַ גוטען טאָג, ווייל נאָכ׳ן טויט וועט מען דאָס אַלעס ניט קריגען. דעריבער זאָגט עשו: וואָס דאַרף איך האָבען אַזאַ גייסטיגע זאַך ווי די בכרה, ווי באַלד איך געה יעדען טאָג נעהנטער צום טויט? אַ טאָפּ לינזען איז ביי מיר וויכטיגער ווי אַלע גייסטיגע בכרה׳ס...

מיט אַ צייט שפּעטער איז עשו שרעקליך אין צאָרן געווען, וואָס יעקב האָט פון איהם אַרויסגעקראָגען די בכרה, און עשו האָט געזאָגט: „הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים את בכרתי לקח״ (בראשית כ״ז

ל״ו)—צי דען אומזיסט האָט מען גערופען זיין נאָמען יעקב? ער האָט דאָך מיך שוין אָפּגענאַרט צוויי מאָל, צונעהמענדיג מיין בכרה... און פון דעם האָט זיך אַנטוויקעלט די שנאה, ביז וואַנען יעקב האָט געמוזט אַנטלויפען צו לבנ׳ען קיין חרן.

„מה ראה אבינו יעקב שנתן נפשו על הבכורה?" (ב״ר ס״ג י״ח) — פאַר וואָס האָט זיך יעקב מוסר נפש געוועזן, אום צו זיין אַ בכור? „דתנינן עד שלא הוקם המשכן היו הבמות מותרות ועבודה בבכורים, משהוקם המשכן נאסרו הבמות ועבודה בכהנים אמר יהי רשע זה עומד ומקריב? לפיכך נתן נפשו על הבכורה" (שם) — איידער דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרען, זיינען די במות געוועזן מותר, און די עבודה איז געטאָן געוואָרען דורך די בכורים. האָט יעקב געזאָגט: אָט־דער רשע, עשו, וועט שטעהן און מקריב זיין קרבנות? ניין! האָט ער זיך מוסר נפש געוועזן און אָפּגעקויפט די בכורה פון עשו׳ן און געבראַכט אויף זיך אַן אייביגע שנאה.

גאַנץ ריכטיג האָט יעקב געהאַנדעלט. דער בכור איז געוועזן דער גייסטיגער פיהרער ניט נאָר אין דער פאַמיליע, נאָר אויך דער גייסטי־גער פיהרער אין דעם פאָלק. און אַ רשע מיט מדות פחותיות טאָר אויף דער במה ניט שטעהן און מקריב זיין דעם פאָלק׳ס קרבנות. עס איז דעריבער אַ מצוה אַרויסצורייסען די בכורה פון אַזאַ אומפּאַסענדער פּערזאָן ווי עשו איז און אַליין איבערנעהמען די פיהרערשאַפט און פיהרען דאָס פאָלק מיט יושר און צדק און ברענגען זיינע קרבנות פאַר גאָט.

דאָס אידישע פאָלק איז אין מצרים, און פּרעה קען דאָס אידישע פאָלק ניט פאַרליידען. „הנה עם בני ישראל רב ועצום" (שמות א׳ ט׳) — דאָס אידישע פאָלק איז איהם גרוים אין די אויגען, און דעריבער קומט דער „הבה נתחכמה" (שם) — מ׳זוכט מיטלען ווי צו פאַרניכטען דעם אידען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. עס בלייבט אַרויפצולייגען שווערע נאַלאָגען און אָפּצאָלונגען אויף יעדען איינציגען אידען. און ווען דאָס העלפט ניט, נעמט מען זיך צו דעם לעצטען מיטעל: „ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך" (שם) — מען מאַכט די אידען פאַר שקלאַפען, זיי זיינען געצוואונגען צו טאָן די שווערסטע אַרבייט. און אידען קרעכ־צען און שרייען צו דעם אַלמעכטיגען גאָט פון דער שרעקליכער אַרבייט.

גאָט הערט צו זייערע בקשות, און משה מיט אהרן׳ען ווערען גע־

שיקט נאָך מצרים אַרויסצונעהמען די אידען פון דאָרט. משה שלאָגט פרעה'ן מיט שרעקליכע מכות, אָבער טראָץ דעם בלייבט פרעה'ס האַרץ שטאַרק ווי שטיין און ער וויל די אידען ניט באַפרייען. דאַן קומט די לעצטע שרעקליכע מכה — מכת בכורות. גאָט אַליין געהט אַרויס אין מצרים אין האַלבער נאַכט און טויטעט די בכורים פון די מצריים. עס ווערט אַ שרעקליך געשריי אין די גאַסען, וואָס קיינמאָל בעפאָר איז דאָס ניט געהערט געוואָרען. די אידישע הייזער אָבער טראָגען די סמנים פון בלוט פון קרבן פסח, און דאָס איז גענוג. „ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף" (שמות כ"א) — ווי דער משחית זעהט נאָר די בלוט-צייכענס, האָט ער ניט קיין שליטה אויף די אידישע הייזער, און די אידישע בכורים בלייבען לעבען און זיינען געזונט און פריש...

צוליב דעם קומט דער אָנזאָג פון גאָט: „קדש לי כל בכור פטר כל רחם בבני ישראל" (שמות י"ג ב') — פאַרהייליג צו מיר יעדען בכור, יעדען ערשט-געבוירענעם אין דעם אידישען פאָלק „וכל בכור אדם בבניך תפדה" (שם) — און יעדעם ערשט-געבוירענע קינד אין דיין פאָלק זאָלסטו אויסלייזען; „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר" (שם) — און אויב דיינע קינדער וועלען דיך אין די שפּעטערע צייטען פרעגען אַ טעם פאַר' דעם, ערקלעהר זיי, אַז „מיט אַ שטאַרקער האַנד האָט אונז גאָט אַרויסגענומען פון מצרים. און ווען פרעה האָט נאָך אַלע מכות ניט געוואָלט באַפרייען די אידען, האָט גאָט אויסגע'הרג'עט אַלע בכורים. דעריבער לייז איך אויס אַלע מיינע ערשט-געבוירענע זיהן.

אָבער די אידישע בכורים האָבען ניט אַרויסגעצייגט גענוג מסירות נפש, אום צו זיין און פאַרבלייבען די אמת'ע וואָרט-פיהרער אין דעם לעבען פונ'ם אידישען פאָלק. ווען אידען מאַכען דעם עגל, און משה שרייט אויס: „מי לה' אלי" (שמות ל"ב כ"ו) — ווער עס איז פאַר גאָט, זאָל קומען מיט מיר און נעהמען נקמה פון די יעניגע, וועלכע האָבען צו דעם עגל געדינט, דאַן באַהאַלטען זיך די בכורים און קומען ניט צו הילף משה'ן. נאָר די לוים האָבען אָנגעטאָן די שווערדען און האָבען גענומען ראַכע פון זייערע אייגענע ברידער — די לוים האָבען אַרויסגע-צייגט מסירות נפש פאַר גאָט און זיין תורה. דעריבער קומט גאָט'ס אָנזאָג: „קח את הלוים תחת כל בכור בבני ישראל" (במדבר ג' ב') — משה, נעם די לוים אנשטאָט די בכורים, און זיי זאָלען זיין די אמת'ע פיהרער פון מיין פאָלק. און אַזוי ווי ביי יענער צייט איז געווען צווי-

און-צוואנציג טויזענד לוים, און די צאָל פון די בכורים איז געווען צוויי-און-צוואנציג טויזענד מיט דריי הונדערט און זיבעציג, האָט גאָט געהייסען, אַז די איבעריגע דריי הונדערט און זיבעציג בכורים זאָלען זיך אויסלייזען יעדער איינציגער מיט פינף שקלים. דעריבער איז פאַרבליבען דער דין און מנהג ביז היינטיגען טאָג אויסצולייזען יעדען בכור, וואָס איז עלטער פון דרייסיג טעג, מיט פינף דאָלאַר.

ראובן איז דער ערשט-געבוירענער זוהן ביי יעקב'ן. ער האָט געדאַרפט זיין דער „יתר שאת ויתר עז" (בראשית מ"ט ג') — שטעהן העכער פון זיינע ברידער מיט כהונה און מלכות, אָבער יעקב האָט די בכורה פון איהם אַוועקגענומען, ווייל ער האָט זיך ניט אַרויסגעצייגט מיט זיין גרויסקייט, אַז ער זאָל דאָס אַלעס ווערט זיין צו באַזיצען. „פחז כמים אל תותר" (בראשית מ"ט ד') — זיין חסרון איז געווען, וואָס ער האָט געאיילט ווי אַ וואַסער; דאָס האָט מיטגעבראַכט, אַז ער זאָל טאָן אַ האַסטיגען שריט, און מיט דעם האָט ער פאַרשוועכט זיין פאָטער'ס בעטעל, און מיט זיין בהול'קייט האָט ער גאָט'ס שכינה פאַרטריבען פון זיין פאָטער'ס געלעגער. אַזאַ פערזאָן קען ניט זיין קיין כהן און קיין מלך. וואָרים כהונה און מלוכה פאָדערען געדולד, איינגעהאַלטענקייט און אויך אויסרעכענונג...

אין דער צייט, ווען די ברידער ווילען יוסף'ן טויטען, קומט ראובן און מאַכט דעם פאָרשלאַג: „השליכו אותו אל הבור הזה אשר במדבר ויד אל תשלחו בו, למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו" (בראשית ל"ז כ"ב) — וואַרפט יוסף'ן אַריין אין גרוב, וואָס איז אין מדבר, אָבער קיין האַנד זאָל אויף איהם ניט געלייגט ווערען. ער האָט זיי אַזוי גע'עצה'ט, כדי צו ראַטעווען יוסף'ן פון די ברידער'ס הענד און איהם אַהיים פיהרען צו זייער פאָטער יעקב. ראובן האָט געפיהלט, אַז די אחריות ליגט אויף איהם, ווייל ער איז דער בכור. פון איהם וועט זיין פאָטער יעקב מאָנען רעכענונג. „וישמע ראובן ויצילהו מידם" (בראשית ל"ז כ"א) — ווען ראובן האָט געהערט פון זיינע ברידער, אַז זיי ווילען טויטען יוסף'ן, האָט ער איהם גערעטעט. פאַר דעם דאָזיגען שעהנעם און גערעכטען טהאַט האָט מען איהם שפּעטער אָפּגעצאָלט מיט דעם, וואָס די ערשטע ערי-מקלט-שטאָט איז גערעכענט געוואָרען פון ראובן — „את בצר לראובני" (מכות י').

ראובן האָט אָבער ניט אויסגעפיהרט אין אַלעס. ער האָט טאַקע

גערעטעט יוסף׳ס לעבען, אָבער ברענגען איהם צוריק צום פאָטער יעקב האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. יוסף איז פאַרקויפט געוואָרען צו ישמעאלים פאַר צוואנציג זילבערנע גילדען. „וישב ראובן אל הבור והנה אין יוסף בבור ויקרע את בגדיו" (בראשית ל"ז כ"ט) — ווען ראובן איז צוריק געקומען צום גרוב און ער האָט יוסף׳ן שוין ניט געפונען, האָט ער געהאַט גרוים עגמת נפש און ער האָט זיינע קליידער צוריסען פון צער און צו זיינע ברידער האָט ער געזאָגט: „הילד איננו ואנה אני בא" (שם) — דאָס קינד איז ניטאָ, היינט ווי אַזוי קען איך קומען צום פאָטער און צייגען זיך פאַר איהם?...

ראובן האָט זיך געפיהלט שולדיג אין זיין ברודער׳ס אומגליק פאַרקויפט צו ווערען צו פרעמדע ישמעאלים, ווייל ער האָט ניט אַרויסגעצייגט די אמת׳ע מסירות נפש צו ראַטעווען זיין ברודער יוסף און ברענגען איהם צוריק צום פאָטער. ראובן איז ניט געשטאַנען אויף דער הויך, וואָס אַ בכור און אַ פיהרער פון אַלע זיינע ברידער האָט געדאַרפט שטעהן. ראובן האָט ניט געטאָרט צולאָזען, אַז יוסף זאָל אין גרוב געוואָרפען ווערען. ער האָט געדאַרפט מיט שלאָגענדע אַרגומענטען און ביז מסירות נפש איבערצייגען זיינע ברידער, אַז עס איז אַ גרויסער אומרעכט צו טאָן שלעכטס צו זייער אייגען בלוט און פלייש. און דער עיקר האָט ער געדאַרפט פאַרשטעלען פאַר די ברידער דעם צער פון זייער פאָטער יעקב, ווען יוסף וועט ניט קומען צוריק אַהיים. „א"ר יצחק בר מריון בא הכתוב ללמדך שאם אדם עושה מצוה יעשנה בלבב שלם, שאלו היה ראובן יודע שהקב"ה מכתיב עליו — וישמע ראובן ויצילהו מידם, בכתפו היה מוליכו אצל אביו" (מ"ר רות ה׳) — דער פסוק קומט צו לערנען, אַז אויב אַ מענש טוט אַ מצוה, זאָל ער דאָס טאָן מיט דעם גאַנצען האַרצען. ווען ראובן וואָלט געוואוסט, אַז גאָט וועט אויף איהם שרייבען, „אַז ראובן האָט געהערט, האָט ער איהם גערעטעט פון זייערע הענד", וואָלט טאַקע ראובן מיט אַן אמת גערעטעט זיין ברודער יוסף׳ן און געבראַכט איהם אויף זיינע פלייצעס צוריק צו זיין פאָטער. אָבער ראובן, דער בכור, איז ניט געשטאַנען אויף דער הויך, וואָס ער האָט געדאַרפט שטעהן, און ער איז ניט געגאַנגען מיט דעם נויטיגען מסירות נפש צו ראַטעווען אַזאַ ברודער ווי יוסף איז געווען. און דאָס האָט פאַראורזאַכט, אַז ברידער האָבען צוליב קנאה און שנאה פאַרקויפט אַן אייגענעם ברודער פאַר צוואנציג זילבערנע גילדען...

„בעשרים כסף" (בראשית ל"ז) „אמר ר' שמעון בן לקיש לפי שמכרו בכורה של רחל בעשרים כסף לפיכך יהא כל אחד פודה את בנו בכורו בעשרים כסף" (ירושלמי, שקלים פ"ב ה"ג) — ר' שמעון בן לקיש זאגט: ווייל די ברידער האבען פארקויפט דעם ערשט-געבוירענעם זוהן פון רחל פאר צוואנציג גילדען, און דאס איז געקומען פון קנאה און שנאה, און אויך ווייל דער בכור, ראובן, האט ניט געטאן די מצוה פון „רעטען זיין ברודער" בשלימות, — דארף דאס בלייבען פאר אן אנדענק פאר שטענדיג אויסצולייזען א בכור פאר צוואנציג זילבערנע גילדען, וואס דאס איז פינף שקלים, און מיט דעם צייגען, וואס קנאה און שנאה פון ברידער קען ברענגען, און אויך ווי וויט עס ליגט די פליכט אויף דעם עלטסטען ברודער, דעם בכור, צו זעהן, אז שנאה און קנאה זאל צווישען זיינע אייגענע ברידער ניט האבען קיין ארט; און ווען ברידער ווילען אן אייגענעם ברודער פארקויפען און פארשיקען אין א פרעמד וויט לאנד, דארף דער בכור געהן ביז מסירות נפש און אזא זאך ניט דערלאזען.

אט דאס איז די לערנונג פון א פדיון הבן. עס איז ניט קיין שאכער-מאכער געשעפט, ווי אנדערע קענען דענקען, וואס מען גיט דעם כהן פינף דאלאר און פאר דעם קערט דער כהן אום דעם בכור צו זיינע על-טערען; און ווען דאס קינד איז נאך קליין, לערענט מען איהם שוין, אז פאר געלד קריגט מען אלעס, אז מען פארקויפט פאר פינף דאלאר אפילו א לעבעדיגען נפש. ניין! דער פדיון הבן, וואס מיר פייערען היינט, דערצעהלט אונז א שטיק געשיכטע פון דער פארגאנגענהייט און גיט אונז אויך א לעקציע פאר דער געגענווארט.

דער דאזיגער פדיון הבן, וואס מיר פייערען היינט מיט א שעהנער סעודה און מיט געלאדענע געסט און פריינד, דארף אונז דערמאנען, אז די אויסלייזונג פון דעם קינד צייגט, אז די בכורים פון אמאל האבען ניט אנגעהאלטען זייער הויכער ווירדע, צו וועלכער זיי זיינען באשטימט געווארען. זיי האבען ניט ארויסגעצייגט די גרויסע מסירות נפש אין דער צייט, ווען דאס פאלק איז ארונטער פון זיין הויכקייט און פאר-קראכען אין א שרעקליכען זומפ. די בכורים, די אמאליגע גייסטיגע פיהרער, האבען ניט געוועקט און ניט אויפמערקזאם געמאכט דעם פאלק אויף זיין גרויסען טעות צו פארבייטען א גרויסען לעבעדיגען גאט אויף א גאלדענעם קאלב...

דער בכור איז ביז היינטיגען טאָג פאַרבליבען דער יעניגער, צו וועמען אַלע ברידער קוקען אַרויף. אויב דער עלטסטער ברודער פיהרט זיך אויף אנשטענדיג און פיין, נעהמען די ברידער פון איהם אַ ביישפּיל צו זיין דיזעלבע. אויב דער בכור פון הויז איז געלערענט אין תורה און אין וועלטליכער וויסענשאַפט און איז אַ ירא שמים, דאַן זיינען זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע לעבען צוזאַמען מיט איהם, זיך מתקנא און ווילען אויך אַזוי אויסוואַקסען. דעריבער ליגט די הייליגע פליכט אויף די עלטערען אַכטונג צו געבען מיט אַן עינא פקיחא אויף זייער בכור און מדקדק זיין מיט איהם מעהר ווי מיט אַנדערע קינדער, און לערנען איהם די הייליגע תורה און איינפּלאַנצען אין זיין האַרצען יראת שמים און מדות טובות און אויך מאַכען איהם פאַר אַן איבערגעגעבען קינד צו זיין פאָלק, לאַנד און שפּראַך. דאַן וועט דאָס קינד ווערט זיין צו טראָגען דעם נאָמען בכור זיין גאַנץ לעבען, און די עלטערען וועלען פון איהם נחת האָבען. ווי די חז״ל האָבען אונז ערקלערט: „מהו לחדשיו יבכר (יחזקאל מ״ז) למחדשי תורה שמחדשין את התורה בכל יום תמיד, לכן בכור לאביו ולאמו שמחדש ד״ת שהכל שמחין בו. כיצד אם יש לאדם בן בכור בבית רבו, אם יש בו תורה שמחה מתחדש לו לאביו בכל יום עליו הכתוב אומר בן חכם ישמח אב, אבל אם פשע הבן בחכמה ומוציא חכמתו לדברים אחרים ואביו אינו מיסרו עליו הכתוב אומר חושך שבטו שונא בנו ואהבו שחרו מוסר״ (תב״א פ׳ י״ח) — וואָס מיינט דער נביא יחזקאל, ווען ער זאָגט „לחדשיו יבכר״? דאָס געהט אויף די יעניגע, וועלכע זיינען מחדש תורה יעדען טאָג. דעריבער אויב אַ פאָטער האָט אַ זוהן, אַ בכור, וועלכער זיצט אין דער ישיבה ביי זיין רבי׳ן און ער האָט אין זיך תורה, דאַן ווערט די פרייד באַנייט צו דעם פאָטער יעדען טאָג; און אויף איהם זאָגט דער פסוק: „אז מען האָט אַ קלוגען זוהן, ברענגט אַזאַ זוהן פרייד צו זיין פאָטער״. ווי איז אָבער פאַרקערט, אַז דער זוהן האָט געזינדיגט צו חכמה — אנשטאַט אויסצוניצען זיין חכמה אויף לערנען גוטס, האָט ער גאַר אויסגעניצט זיין חכמה צו טאָן שלעכטס, און דער פאָטער שטראָפט איהם ניט פאַר דעם, און ביי איהם איז דאָס

אַלעם רעכט, אויף אַזאַ פאָטער ווערט געזאָגט: „דער וואָס פאַר־מיידט זיין שטראָף־רוט, דער יעניגער האָט פיינט זיין זוהן; און דער, וואָס האָט מיט אַן אמת ליב זיין זוהן, דער יעניגער באַשטראָפט גלייך זיין קינד ווי נאָר עס טוט אַן עולה"...

לאָמיר האָפען, אַז דער בכור, וועמענס פדיון הבן מיר פייערען היינט, וועט זיין פון די יעניגע בכורים, וועלכע זיינען מחדש אין גאָט'ס תורה יעדען טאָג. לאָמיר האָפען, אַז ער וועט אויסניצען זיין חכמה אויף גוטע צוועקען, און זיין פאָטער וועט געוויס זיין פון די יעניגע, וועלכע האָבען מיט אַן אמת ליב זייערע קינדער, און ער וועט ניט פאַרמיידען זיין שטראָף־רוט ווען זיין זוהן וועט חלילה ניט געהן אין ריכטיגען וועג. און דאַן וועט מקוים ווערען „בן חכם ישמח אב" — אַ קלוגער זוהן וועט געוויס ערפרעהען זיין פאָטער. און דער בכור וועט זיין לשם ולתהלה ולתפארת פאַר זיינע עלטערען און אויך פאַר אונזער גאַנצען פאָלק. אָמן!

# השכל והרגש

## בר מצוה

תנא סח בין תפלה לתפלה עבירה היא בידו וחוזר עליה מערכי המלחמה.

(מנחות ל"ו.).

ווען דער בוים איז נאָך יונג און קליין אין וואוקס און איז שוואַך ווידערצושטעהן די שטורעמס, מוז דער באָטאַניקער אַכטונג געבען אויף איהם מיט אַ געניט אויג. ווען די שרעקליכע היצען ברענען און באַקען, מוז מען דאָס בוימעלע אָפּפרישען מיט פריש, קאַלט וואַסער; ווען שמוץ און אָפּפאַל קלייבען זיך אָן, מוז מען זיי אַוועקראַמען, אום עס זאָל ניט זיין קיין שטערונג צו דער ענטוויקלונג פון דעם בוימעלע, עס זאָל קענען אויסוואַקסען ווי געהעריג.

כדי מעגליך צו מאַכען דאָס אויפפּאַסען אויף דעם בוימעלע, צו פאַרהיטען עס פון אַלע שטורעמס און זעהן עס זאָל וואַקסען גלייך און ניט קרום, מוז מען אַ צאַם פון האָלץ אָדער אייזען אַוועקשטעלען אין אַלע זייטען, און דאָס דאַרף אַזוי אָנהאַלטען ביז וואַנען דאָס בוימעלע ווערט גרוים און אַזוי וויט ענטוויקעלט, אַז עס קען זיך אַליין באַשיצען. דאַן קען דער באָטאַניקער אַוועקנעהמען אַלע צאַמען און לאָזען דאָס בוימעלע אויף דעם אייגענעם חשבון צו וואַקסען און געדייהען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

דאָסזעלבע איז מיט דעם מענשען. ווען דאָס קינד איז קליין און אומבאַהאָלפען, מוז עס האָבען געטרייע עלטערען, וועלכע זאָלען אויף איהם אַכטונג געבען בייטאָג און ביינאַכט — דאָס קינד זאָל עסען און טרינקען אין צייט, דאָס קינד זאָל זיין באַשיצט געגען היץ און קעלט, ס'זאָל איהם ניט פעהלען קיין קליידער. מ'דאַרף אָבער אויך אַכטונג געבען אויף דעם קינד'ס נשמה, אויף זיין גייסט, עס זאָל ניט אויסוואַקסען קרום — מיט שלעכטע זיטען און מנהגים. ווי נאָר דאָס קינד פאַנגט אָן עטוואָס צו פאַרשטעהן, מוז מען עס גלייך לערנען די וועגען פון דרך־ארץ; מען מוז דעם קינד לערנען, עס זאָל האָבען רעספּעקט פאַר זיינע עלטערען, ס'זאָל ניט זאָגען קיין ליגענס, ס'זאָל ניט שווערען און שעלטען זיך. צו דערזעלבער צייט מוז מען אויך ענטוויקלען דעם קינד'ס מאַרך

— דאָס קינד מוז האָבען אַ רבי'ן, וועלכער זאָל איהם לערנען די אידישע רעליגיע און אַלע איהרע פליכטען. דאָס קינד טאָר מען ניט אָפלאָזען פון אויג אויף איין מאָמענט. מ'מוז זעהן מיט וועמען עס קאָמפּאַנירט זיך, ווער זיינען זיינע חברים. אַן אייזערנער צאַם מוז אַרום דעם קינד געשטעלט ווערען, כדי ס'זאָל וואַקסען גלייך, ס'זאָל געהן אין דעם ריכ־טיגען וועג, וועלכער איז שעהן פאַר גאָט און לייט.

ווען אָבער דאָס קינד איז אויסגעוואַקסען און איז שוין געקומען אין דעם עלטער פון דרייצעהן יאָהר, ווען דער מענש געהט אַרויס פון זיין קינדהייט און געהט אַריין אין זיינע בליהענדע יאָהרען, און אין די יאָהרען האָט מען שוין גענוג פאַרשטאַנד און בילדונג צו באַגרייפען, וואָס ס'איז שלעכט און גוט, וואָס ס'איז קלוג און נאַריש, — דאַן האָט דער פאָטער, זיין גייסטיגער און קערפּערליכער אויפזעהער, דאָס רעכט צו צוברעכען דעם אייזערנעם צאַם און לאָזען זיין קינד אויף אייגענער אחריות. דער פאָטער מעג זאָגען ברוך שפטרני מעונשו של זה — געלויבט איז גאָט, וואָס איך בין פטור געוואָרען פון צו טראָגען די אחריות און שטראָף פאַר מיין זוהן; פון היינט אָן און ווייטער געהט מיין זוהן אַרוים אויף אייגענע קעסט. כי האדם עץ השדה — דער מענש און דער בוים זיינען גלייך, סיי אין זייער ענטוויקלונג, סיי אין זייער וואַקסען, סיי אין זייער אָפּשטאַרבען...

דער איבערגאַנג פון דער קינדהייט צו רייפקייט און זעלבסטשטענ־דיגקייט ווערט ביי אַלע פעלקער געפייערט מיט פאַרשיידענע מנהגים און צערעמאָניעס. אויך דאָס אידישע פאָלק האָט זיינע פייערונגען, וועלכע דריקען זיך אוים מעהר אין גייסטיגע איינפיהרונגען ווי אין קערפּערליכען גענוס. ווען דער זוהן געהט אַריבער צו זיין זעלבסט־שטענדיגקייט, ווערט ער ביי אידען גערופען מיט דעם שעהנעם נאָמען „בר מצוה" — פון היינט אָן און ווייטער ווערט דער אידישער זוהן אַ מענש פון גייסטיגע פליכטען, ער מוז אויספאָלגען אַלע דינים און איינפיהרונגען פון דער הייליגער תורה; פון היינט אָן און ווייטער ווערען מיר רייכער מיט נאָך אַ פאָלשטענדיגען אידען אין אונזער מחנה. נאָך אַ איד קומט צו מצרף צו ווערען צו אַ מנין, צו אַ מזומן און צו יעדער דבר שבקדושה.

מיר קרוינען דעם בר מצוה מיט אַ גייסטיגער קרוין — די תפלין, וועגען וועלכע די תורה זאָגט: „וקשרתם לאות על ידך והיו לטוטפות

בין עיניך" (דברים ו' ח') — דו זאָלסט אָנבינדען פאַר אַ צייכען אויף דיין האַנד און צווישען דיינע אויגען. „נראה דלשון טוטפות הוא על הראש אצל המצח כמו טוטפות וסרביטין דפרק (במה אשה, שבת נ"ז.) דהיינו כלילא שמקפת כל המצח" (תוס' מנחות ל"ד) — טוטפות מיינט אַ גייסטיגע קרוין, וועלכע רינגעלט אַרום דעם גאַנצען שטערען, און אויף דעם מאַכען מיר אַלע טאָג די ברכה „עוטר ישראל בתפארה" — מיר דאַנקען גאָט, וואָס ער באַקרוינט די אידען מיט שעהנקייט.

ווען ניט דער שכל, וואָס רוהט אין מח, וועלכער לערענט דעם מענ־שען, ווי נאַריש עס איז צו פאַרנעהמען זאַכען, וואָס באַלאַנגען צו פרעמדע, און אויך אַז פאַר יעדען פאַרברעכען ווערט דער מענש סוף־כל־סוף באַשטראָפט, — ווען ניט די דאָזיגע אויסרעכענונג, וואָס קומט פונ'ם מענשליכען פאַרשטאַנד און נשמה, וואָלטען די הענד געוועז הפקר, און גלייך ווי דאָס אויג זעהט און דאָס האַרץ גלוסט, וואָלטען די הענד צוגענומען יענעמס מיה און רייכטום.

אין אַלע פאַרברעכענס שפּילען די הויפּט־ראָלע דאָס אויג און דאָס האַרץ. דעריבער זאָגט אונז די תורה: „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זנים אחריהם" (במדבר ט"ו) — איהר זאָלט זיך ניט לאָזען באַהערשען פון אייער האַרץ און פון אייערע אויגען, וואָרים דאָס ברענגט צו אַלע שעדליכע זינד. „א"ר לוי ליבא ועינא תרי סרסורי דעבירה דכתיב (משלי כ"ג כ"ו) תנה בני לבך לי ועיניך דרכי תצרנה — אָמר הקב"ה אי יהבת לי לבך ועינך אנא ידע דאת לי" (ירושלמי, ברכות פ"א ה"ה) — ר' לוי זאָגט: דאָס האַרץ און דאָס אויג זיינען די צוויי קאָמישאָנערם פון פאַרברעכען און זינד, און דעריבער זאָגט שלמה המלך, אַז גאָט זאָגט צום מענשען: „גיב מיר דיין האַרץ און דיין אויג, דאַן וויים איך באַשטימט, אַז דו געהערסט צו מיר אינגאַנצען.

ווען מ'איז יונג און דאָס אויג זעהט צופיל און דאָס האַרץ געלוסט צו אַלעס, קען דאָס ברענגען צו אַלע אומגליקען אינ'ם לעבען, און דאָס קען אויך פיהרען, אַז מען זאָל אינגאַנצען אַוועקגעהן פון דער תורה. כדי דאָס צו פאַרמיידען, זיינען מיר אָנגעזאָגט געוואָרען אָנצוטאָן יעדען טאָג די תפלין אויף דער האַנד, נעבען דעם האַרץ, און אויך אויף דעם קאָפּ, אויף דעם פּלאַץ פון מח צווישען די אויגען, צו דערמאָנען אונז „וישתעבד להקב"ה הנשמה שהיא במח וגם הלב שהיא עיקר התאוות והמחשבות ובזה יזכור הבורא וימעיט הנאותיו" (או"ח כ"ה ה') — אַז

מ׳זאָל משעבד זיין צו גאָט דעם שכל און נשמה, וואָס עס איז אין מח, און אויך דאָס האַרץ און אַלע זיינע חושים; אַזוי אַרום וועלען אַלע וועלטליכע הנאות און תאוות אָפּטרעטען פון דעם מענשען.

דאָס האַרץ, וועלכעס פאַרטרעטט דעם רגש, דעם געפיהלס־גייסט, און דער מח, וואָס רוהט אינ׳ם קאָפּ, וועלכער פאַרטרעטט דעם שכל, דעם קלאָרען מענשליכען פאַרשטאַנד, — דיביידע מוזען געהן האַנד־אין־האַנד. דער שכל מוז אימער רעגירען איבער דעם רגש, און ווי נאָר דער שכל טרעט אָפּ פון דעם רגש, אַזוי קריגען די אויגען און די הענד די גאַנצע שליטה, און דער מענש ווערט פאַרטראָגען אין אַלע זומפּען פונ׳ם לעבען. דעריבער איז די קדושה פון די תפלין של ראש גרעסער ווי די תפלין של יד. „אסור לשנות תפלין של ראש לעשותה של יד מפני שאין מורידין מקדושה חמורה לקדושה קלה מפני שרובו של שדי בראש“ (או״ח מ״ב א׳) — מ׳טאָר ניט איבערמאַכען די תפלין של ראש אויף אַ של יד, ווייל די קדושה פון די תפילין, וואָס זיינען אויפ׳ן קאָפּ, איז גרעסער און האַרבער, ווי די קדושה, וואָס איז אין די תפלין, וואָס מען טראָגט אויף דער האַנד, ווייל די מעהרסטע אותיות פון „שדי“ און אויך דער גייסט פון דער גאָטהייט ליגט אין די תפלין, וואָס מ׳טראָגט זיי אויפ׳ן קאָפּ...

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אימער אויסגעצייכענט מיט דעם, וואָס דער שכל איז ביי זיי העכער געשטאַנען ווי דער רגש. איידער זיי האָבען געטאָן אַ זאַך, האָבען זיי פריהער גוט באַטראַכט, צי דאָס שטימט מיט דעם שכל הישר, און צי איז ניט די זאַך פאַרפיהרעריש פון תאוות הלב. און טאַקע דערפאַר האָבען מיר געטראָגען דעם נאָמען פון אַן „עם חכם ונבון“ — אַ פאָלק, וואָס איז קלוג און אויסגערעכענט אין אַלע זיינע טהאַטען; אַ פאָלק, וואָס ווערט מעהר רעגירט פון קאָפּ ווי פון האַרץ; און אַלע פעלקער האָבען אונז דערפאַר רעספּעקטירט. „וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך“ (דברים כ״ט) „תניא ר״א הגדול אומר אלו תפלין שבראש“ (ברכות ו׳ ומנחות ל״ה) — ווען אַלע פעלקער וועלען זעהן, אַז גאָט׳ס נאָמען איז אויף דיר גערופען, וועלען זיי האָבען פאַר דיר רעספּעקט. רבי אליעזר הגדול זאָגט, דאָס מיינט די תפלין שבראש — דאָס, וואָס אידען האַלטען מעהר הייליג דעם של ראש פאַר דעם של יד, וואָרים מיט דעם צייגען זיי, אַז זיי ווערען רעגירט אַממעהרסטען פון דעם

שכל און ניט פון דעם רגש, וואָס רוהט אינ'ם האַרץ. פאַר דעם האָבען די פעלקער פון דער וועלט רעספּעקט און פורכט...

דאָס איז אויך די לערנונג פון ר' יהודה'ן, וועלכער זאָגט: „קשר של תפלין צריך שיהא למעלה כדי שיהו ישראל למעלה ולא למטה, וצריך שיהא כלפי פנים כדי שיהו ישראל לפנים ולא לאחור" (שם) — דער קשר פון די תפלין מוז זיין העכער אויף דעם פּלאַץ פון נאַקען און ניט אַראָפּגערוקט אויפ'ן האַלז, אום דאָס אידישע פאָלק זאָל אויך זיין אין דער הויך אנשטאט אונטען. דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אימער פאַרבליבען אַן עם קשה עורף און קיינער האָט זיי ניט געקענט אַראָפּ־פיהרען פון גאָט'ס תורה און מצות; דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס האָט זיך ניט געלאָזען פאַרפיהרען פון דעם רגש, צו לאָזען זיך איבעררייידען פון די זיסע רייד פון אַנדערע פעלקער און תורות, — דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס אַלץ געקענט באַווייזען נאָר אַ דאַנק דעם תפלין של ראש, וועלכער מוז זיין אויף דעם אָרט פונ'ם מח, וואָס דורך דעם איז דעם קשר פון די תפלין אויסגעקומען צו ליגען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ — אַנטקעגען פנים און אויך אויף דעם אָרט פון נאַקען, צו צייגען מיט דעם, אַז דאָס אידישע פאָלק געהט לפנים — פאָרווערטס, אָבער ניט לאחור — ריקווערטס: זיי פאַראַגרעסירען צוזאַמען מיט דער גרויסער וועלט אויף אַלע געביטען פון דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט און אויך אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע. צו דערזעלבער צייט פאַרבלייבען זיי דער היסטאָרישער עם קשה עורף — איינגע'עקשנ'ט און פעלזען־שטאַרק שטעהען זיי אויף זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּרינציפּען, און קיין שטראָם פון אַסי־מילאַציע קען זיי ניט פאַרפלייצען און אָפּמעקען...

עס גיבען אָבער איינצעלנע פונ'ם פאָלק, וועלכע לאָזען זיך מעהר פיהרען פון דעם רגש ווי פון דעם שכל, ביי זיי שטעהט העכער די תפלין של יד ווי די תפלין של ראש — דאָס האַרץ און זיינע תאוות האָבען אויף די דאָזיגע מענשען די גאַנצע שליטה. זיי ווייסען ניט, אַז מ'טאָר ניט מפסיק זיין מיט קיין וואָרט פון תפלין של יד ביז תפלין של ראש — דיביידע מוזען זיין פאַלשטענדיג פאַראייניגט, און דאַן ווערט די מצוה געטאָן בשלימות. „תנא סח בין תפלה לתפלה" (מנחות ל"ו.) — ווען איינער איז מפסיק פון תפלין של יד לתפלין של ראש, „עבירה היא בידו" (שם) — דאַן איז ער באַגאַנגען אַן עבירה, „וחוזר עליה מערכי המלחמה" (שם) — און אַזאַ פערזאָן, וואָס ערלויבט זיך אָפּצוטיילען

דעם של יד פונ׳ם של ראש, וועלכער ערלויבט זיך געפיהרט צו ווערען פון זיינע געפיהלען פון הארץ אנשטאט געפיהרט צו ווערען פון דעם קלאָרען פאַרשטאַנד פון זיין שכל און מח, — אזא פערזאָן קען שוין קיין מלחמות ניט פיהרען, אזא פערזאָן וועט שוין פאר זיינע פּרינציפּען ניט קעמפען מיט דער גרויסער וועלט, אזא פערזאָן וועט שוין זיין נאָכ־געביג אויף שריט און טריט; און דאָס בעסטע איז אוועקצונעהמען איהם פונ׳ם שלאַכט־פעלד וואָס פריהער, ווייל אזא פערזאָן איז געפעהרליך אויך פאר די אַנדערע קעמפענדע חילות — ער קען נאָך אָנשטעקען מיט זיינע שוואַכקייטען אַנדערע העלדישע סאָלדאַטען, וועלכע שטעהן אויף דעם שלאַכט־פעלד און קעמפען ווי לייבען...

די מפסיקים פון תפלין של יד ביז תפלין של ראש זיינען די יעניגע, וועלכע האָבען ווינציג גלערענט, און זייער מח איז פארטריקענט געוואָרען; דעריבער געוועלטיגט איבע זיי נאָר דער רגש. ווען זיי וואָלטען אָבער געקראָגען אַ ריכטיגע ערציהונג, און אין זייער מארך וואָלט געלע־גען דער תנ״ך און דער ים התלמוד און ספרי מוסר און חכמת ישראל, וואָלטען זיי פעסט געשטאַנען אויף זייערע פּרינציפּען און וואָלטען ניט נאָכגעגעבען אויף אַ קוצי של יוד.

די מעהרסטע בר־מצוה׳ס, וואָס מיר פּראַווען אין דעם דאָזיגען לאַנד, אַמעריקא, טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ טרוקענער צערעמאָניע. מען רופט אויף דעם בחור הבר מצוה צו דער תורה, מיט וועלכער ער איז גאַנץ פרעמד, און אַלעס, וואָס ער רעדט, איז מן השפה ולחוץ — ווייל אַזוי האָט מען איהם אויסגעלערענט. דעריבער איז שוין ביי זיי גאָר ניטאָ די שאלה, צי מען מעג מפסיק זיין פון של יד ביז דעם של ראש, און אויך אינטערעסירט זיי ניט, צי דער של ראש איז הייליגער פאר דעם של יד אָדער פאַרקערט.

אַנדערש איז אָבער די שמחה, וואָס מיר פייערען יעצט. דער בר מצוה ווייסט דעם דין פון „אין מפסיקין" זעהר גוט. זיינע יונגע יאָהרען האָט ער פאַרבראַכט אין תלמוד תורה׳ס און ישיבות. די עלטערען האָ־בען זיך מוסר נפש געווען צו ערציהען זייער זוהן פאר אַ פאָלשטענדיגען אמת׳ן איד, און אפילו יעצט זאָגען זיי נאָך אויך ניט דעם ברוך שפטרני... זיי געהען העלפען זייער זוהן, אַז ער זאָל ווייטער געהן אין די ישיבות און זאָל טאַקע אויסוואַקסען אַ תלמיד חכם, אום ער זאָל פאַרבלייבען אַ בר מצוה אויף זיין גאַנץ לעבען. אַלע דרשות און צוזאָגען, וואָס דער בר

מצוה בחור האָט היינט פאַר אונז געהאַלטען, וועלען אויסגעפיהרט ווע־רען, ווייל דער בחור הבר מצוה האָט געלערענט דעם אָנזאָג „מוצא שפתיך תשמור“ (דברים כ"ג כ"ה) — אַלעס, וואָס די ליפּען רעדען אַרוים, מוז מען היטען און היילעג האַלטען.

איך באַגריס דעם נייעם פאַלשטענדיגען אידען אין אונזער פאָלק און איך ווינש איהם, אַז ער זאָל בלייבען אַן אמת'ער איד בלב ונפש און העלפען אונז אין דער הייליגער אַרבייט צו פאַרשטאַרקען די תורה אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק! — אָמן!

# עזר כנגדו
## לנשואין

א"ר תנחום א"ר חנינא כל אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה בלא ברכה בלא טובה... במערבא אמרי בלא תורה בלא חומה... רבא בר עולא אמר בלא שלום... (יבמות ס"ב:).

צוויי שדוכים זיינען געוואָרען אויסגעפיהרט. איינער, ביי וועלכען גאָט אַליין איז געווען דער שדכן; און דער צווייטער, ביי וועלכען גאָט האָט געהאָט אַ מיטהעלפער — דעם מענשען. און גראָדע דער שדוך, וואָס גאָט האָט צוזאַמען געפּאָרט איז אַרויסגעקומען ניט אַזוי גלענצענד, און דער שדוך, ביי וועלכען אַ מענשליכער שדכן האָט מיט־געהאָלפען, איז פאָלשטענדיג געלונגען.

גאָט זעהט איין דעם צער פון אָדם'ען, ווי ער געהט אַרום עלענד און פאַרטרויערט אין דער גרויסער וועלט. עס פעהלט איהם איינע, וועלכע זאָל איהם ברענגען פריידע און גליק אין זיין לעבען. „לא טוב היות האדם לבדו" (בראשית ב' י"ח) — ס'איז ניט גוט פאַר אַ מענשען צו זיין אַליין, און דעריבער באַשליסט גאָט: „אעשה לו עזר כנגדו" (שם) — איך וועל איהם שאַפען אַ לעבענס-באַגלייטערין — די פרוי, וואָס אויב מ'טרעפט נאָר די ריכטיגע, איז זי אַן אמת'ע הילף פאַר דעם מאַן און זי ברענגט איהם גליק און צופרידענהייט; ווען אָבער פאַרקערט, איז זי אין יעדער זאַך דעם מאַנ'ס געגנערין. און אַזאַ לעבען איז שוין ניטאָ וואָס מקנא צו זיין...

עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען, און אדם האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין לעבענס-באַגלייטערין, חוה, האָט איהם פאַרפיהרט, און דורך איהר איז ער געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם געטליכען גן עדן. און ווען גאָט בייזערט זיך אויף אדמ'ען, פאַר וואָס ער האָט געגעסען פון די פאַר־באָטענע פרוכט, און ער שרייט צו איהם: „אָדם איכה?!" — וואו ביסטו פאַרקראָכען, אָדם? ווי קומט דאָס צו דיר אַזאַ נאַרישקייט צו באַגעהן? פאַרטיידיגט זיך אָדם: „האשה אשר נתתה עמדי היא נתנה לי מן העץ ואכל" (בראשית ג' י"ב)—די פרוי, וואָס דו האָסט מיר געגעבען פאַר מיין לעבענס-באַגלייטערין, זי איז שולדיג, אין דעם, וואָס איך האָב געגעסען זאַכען, וואָס איך האָב ניט געטאָרט...

ווען מ'טרעפט ניט צו די אמת'ע לעבענס-באַגלייטערין, איז ניט נאָר שלעכט צוליב דעם, וואָס די וועלט ווערט אויס גן עדן, נאָר די וועלט ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ גיהנם, און עס איז שוין ממילא ארורה האדמה... און בעצבון תאכלנה... וקול ודרדר תצמיח לך... און בזעת אפיך תאכל לחם — די ערד איז פאַרשאָלטען אונטער די פיס, און אַלעס, וואָס מ'עסט און געניסט, איז מיט שוויים און טרויער; „עד שובך אל האדמה" — ביז וואַנען דער טויט קומט און באַפרייט דעם אומגליקליכען מאַן פון זיינע צרות...

אַנדערש איז אָבער מיט דעם צווייטען שדוך פון דער תורה. אברהם ווערט אַלט אין יאָהרען, און גאָט בענשט איהם מיט רייכטום און מיט אַזאַ טייערען בן יחיד ווי יצחק. אברהם ווייסט, אַז דאָס גליק פון אַ מאַן איז אַן אמת'ע אשת חיל פאַר אַ ווייב צו קריגען. דאָס האָט ער געלערענט פון זיין אייגענער לעבענס-באַגלייטערין, שרה, אויף וועל־כער ער האָט געקלאָגט און געוויינט, ווען זי איז פון איהם אָפּגעשטאָר־בען. אברהם האָט געוואָלט, אַז אַזאַ אשת חיל זאָל זיין יצחק קריגען — זי זאָל פאַרנעהמען שרה'ס פּלאַץ אין דער פיהרונג פונ'ם הויז און אויך אין די הנהגות פון צדקה געבען און אין גאָטספאַרכטיגקייט.

אָבער צו קריגען אַן אשת חיל איז זעהר שווער. אַ פרוי מיט אַלע מעלות דאַרף מען לאַנג זוכען. אברהם געפינט איין, אַז דער פעהיגסטער שדכן איז אליעזר. ער גיט איהם דאַן איבער זיין גאַנץ רייכטום און באַשווערט איהם, אַז קיין פרוי פון די כנענים פאַר יצחק'ן זאָל ער פאַר קיין פאַל ניט שדכנ'ען, נאָר ער, אליעזר, זאָל געהן צו אברהם'ס פאַמיליע און דאָרטען קריגען אַ כשר'ע פעהיגע טאָכטער פאַר זיין זוהן.

אליעזר, ווי‏סענדיג, די ריכטיגע כונה פון אברהם'ען, אַז דער עיקר וואָס ער זוכט, איז, אַז זיין צוקונפטיגע שנור זאָל זיין אַ גוטהערציגע, אַן איידעלע מיט גוטע, שעהנע מדות, זי זאָל זיין אין איהר גוטסקייט אַזוי גרויס, אַז זי זאָל יעדען איינציגען וועלען מיטהעלפען אין זיין נויט, — מאַכט אליעזר די פּראָבע זיצענדיג ביי אַ ברונעם פון וואַסער. ער מאַכט ביי זיך אָפּ אַזוי: אויב די יונגע פריילין, ביי וועלכער איך וועל בעטען אַ טרונק וואַסער פון איהר קרוג, וועט זיין אַזוי גוט און איידעל און זי וועט גלייך זאָגען: טרינק, מיין העדר, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען — אַ טאָכטער מיט אַזאַ גוט הארץ איז די פּאַסענדע פרוי פאַר דעם גוטען איידעלען יצחק'ן...

ווי אליעזר זיצט אזוי פארטראכט, קומט צו לויפען א וואונדערבארע שעהנע פריילין, מיט אן אויסדרוק פון צניעות און דרך־ארץ אין איהרע באוועגונגען. איהר נאמען איז רבקה, און גראדע איז זי א טאכטער פון בתואל פון אברהם׳ס משפחה. ווען אליעזר בעט איהר אזוי גוט זיין און געבען איהם א טרונק פון איהר קרוג וואסער, זאגט זי איהם גלייך: „טרינק מיין הערר, איך וועל דיינע קעמלען אויך אנטרינקען.“ און ווען אליעזר פרעגט איהר, צי מ׳קען אין איהר פאטער׳ס הויז איבערנעכטיגען, ענטפערט זי: „מיט דעם גרעסטען פארגעניגען, מיין הערר. מיר האבען אויך פלאץ פאר דיינע קעמלען. מיר האבען אויך גענוג שטרוי און האבער“...

אליעזר האט אזוי דיפלאמאטיש דורכגעפיהרט דעם שדוך, אז לבן און בתואל האבען געמוזט צוגעבען, אז „מה׳ יצא הדבר“ (בראשית כ״ד נ׳) — דער שדוך איז פון גאט אליין.

יצחק האט געבראכט רבקה׳ן אינ׳ם געצעלט פון זיין מוטער שרה. זעהענדיג ווי רבקה געהט אין די וועגען פון זיין אומשטערבליכער מוטער — די פרייטאג־צו־נאכט־ליכט האבען ווידער געשיינט און געשטראלט, די טירען פון הויז זיינען ווידער געווען פריי און אפען פאר יעדען ארימאן און אונגליקליכען, און וויפיעל יצחק גיעט אין הויז אויף לעבען, איז רבקה צופרידען, „הברכה מצויה בעיסתה“ (רש״י בראשית כ״ד ס״ז ועיין מ״ר בראשית פרשה ס׳ ט״ז.) — פשוט א גאט׳ס־בענשונג געהט אריין אין יעדער זאך, וואס רבקה טוט, — זעהענדיג דאס אלעס, „ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה וינחם יצחק אחרי אמו“ (בראשית כ״ד ס״ז) — דאן האט יצחק געזעצליך געהייראט רבקה׳ן און האט איהר מיט אן אמת געליבט. און זיי האבען געלעבט אזוי גליקליך, אז יצחק האט פאר־געסען דעם טרויער אויף זיין ליבער מוטער, שרה...

ווען יעדער איינער וואלט פארשטאנען ווי אויסצוקלייבען זיין לעבענס־באגלייטערין, ווי אליעזר, דער קנעכט פון אברהם׳ען האט געטאן, וואל־טען די מעהרסטע פאמיליען אין דעם לאנד געלעבט גליקליך. ווען יעדער איינער וואלט דער עיקר פארלאנגט און געזוכט אין זיין פריילין, מיט וועמען ער באקאנט זיך, איידעלע מאניערען און גוטהערציגקייט און צי דאס הויז, וואו די פריילין איז געבוירען געווארען, איז נאבעל און כשר, צי איהרע עלטערען זיינען באריהמט פאר זייער גוטהערציגקייט און אנשטענדיגקייט, — דאן וואלט דאס פאמיליען־לעבען געווען זים

און אנגענעם. „עיניך יונים אר"ל כל כלה שעיניה יפות אין כל גופה צריך בדיקה" (מ"ר שה"ש) — יעדע כלה, אויף וועמען עס האָבען אכטונג געגעבען די גוטע אויגען פון די עלטערען: זיי האָבען ערצויגען זייער טאָכטער צו גאָט און צו לייט — אין אזא אידישער טאָכטער דאַרף מען קיין קערפּערליכע מעלות ניט נאָכזוכען. מעג זי ניט קענען טאַנצען די לעצטע מאָדערנע טענץ, מעג אויך ניט וויסען פון אַלע לעצטע סטיילס און מאָדעס פון קליידער, מאַכט עס גאָר ניט אויס, וואָרים דאָס זיינען אַלץ ניט קיין מעלות אויף נאָך דער חתונה... דער עיקר זיינען די מעלות, וועלכע מיר האָבען פריהער אויסגערעכענט. ווען אַלע וואָלטען אַזוי געהאַנדעלט, וואָלט אונזער פאַמיליען-לעבען געשטאַנען זעהר הויך, און אַלע וואָלטען געלעבט אין גליק און צופרידענהייט.

אַ פרוי, אַ ריכטיגע אשת חיל, ווי שלמה המלך שטעלט איהר פּאָר אין משלי, ברענגט אריין פרייד און גליק אין הויז. „כתוב בספר בן סירא אשה טובה מתנה טובה לבעלה" — אַ גוטע פרוי איז אַ גוטע מתנה פּאַר איהר מאַן. „בחיק ירא אלהים תנת ן" — אָבער ניט אַלע קריגען דאָס. דער מאַן מוז ווערט זיין צו קריגען אַזאַ סאָרט פרוי. ער מוז זיין אַ ירא שמים און מיט גוטע מדות. אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים" — אויב צו דער גוטער פרוי ווערט אויך צוגעגעבען די מעלה פון שעהנ-קייט, איז קיין פראַגע ניט, אַז דער מאַן מעג זיך שעצען גליקליך און זיינע טעג און יאָהרען ווערען דורך דעם פאַרלענגערט...

ווי גוט עס איז אַ שעהנע און גוטע פרוי, אַזוי שרעקליך איז אַ פאַר-דאָרבענע לעבענס-באַגלייטערין. אַ מאַן פון אַזאַ פרוי לעבט אין אַ שרעקליכען גיהנם. אשה רעה צרעת לבעלה" (יבמות ס"ג) — אַזאַ פרוי, אַ פאַרדאָרבענע, איז אַ פּלאָג פאַר דעם מאַן ביז זיין טויט...

„איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהן לא זכו אש אוכלתן" (סוטה י"ז.) — ווען מאַן און פרוי לעבען אין גליק און צופרידענהייט, און זייער לעבען ווערט געפיהרט על פי תורה, אַזאַ פאַמילען-לעבען האָט דעם זכות, אַז די שכינה זאָל רוהען אין זייערע פיער ווינקלען. „שהרי חלק את שמו ושיכנו ביניהן יוד באיש וה' באשה" (רש"י שם) — גאָט האָט זיין נאָמען „יה" צוטיילט צו אַזאַ מאַן און פרוי, דעם יוד אין דעם וואָרט „איש" און דעם „ה" אין דעם וואָרט „אשה. ווען אָבער מאַן און פרוי קריגען זיך און זייער לעבען איז ניט צופרידען, דאַן נעמט צו גאָט זיין נאָמען „יה" פון זיי, און עס בלייבט אנשטאָט „איש"—אש און אויך אנשטאָט „אשה"

—אש — עס הערשט א שרעקליך פייער פון האס און קריג אין אזא הויז. קללות און חרמות געוועלטיגען דארטען, וואו גאט און זיין שכינה טרעטען אפ...

„כל אדם שאין לו אשה" — יעדער מענש, וואס איז פארהייראט, אבער זיין פרוי טראגט ניט דעם נאמען אשה, נאר אש — א פייער און פלאם האט ער אין זיין הויז אריינגעבראכט, „שרוי בלא שמחה, בלא ברכה, בלא טובה — אזא מאן לעבט אפ זיינע יאהרען אהן פרייד, אהן בענשונג און אויך אהן גוטס; „בלא תורה, בלא חומה, בלא שלום" — אין זייער הויז איז ניטא קיין תורה און קיין אידישע מנהגים, אויך די איינצאמונג פון מאראל און מענשליכקייט איז אויסגעראמט פון דארטען...

די היינטיגע שמחה אבער איז אן אמת'ע. דער ווירדיגער חתן האט געטאן ווי יצחק. ער האט זיין כלה, זיין צוקונפטיגע לעבענס-באגליי־טערין, ארויסגענומען פון א שעהן עכט-אידיש הויז. די כלה איז בא־שאנקען מיט א אידיש גוט הארץ, זי איז ערצויגען געווארען צו פיהרען זיך לויט די פרינציפען פון דער אידישער רעליגיע. ביי איהר וועלען די פרייטאג-צו-נאכט-ליכט זיין אנגעצונדען. איהרע טירען וועלען אימער זיין אפען פאר די עלענדע און ארימע, וועלכע זוכען א נדבה און הילף. איהר קיך וועט זיין כשר. דאס שעהנע, ריינע פאמיליען-לעבען וועט קונה שביתה זיין אין זייערע הערצער. אויף דער דאזיגער כלה קען מען זאגען, אז זי איז א מתנה טובה לבעלה, אן אמת'ער געשאנק, א טייערע מתנה צו איהר מאן.

אויך איז דער ווירדיגער חתן א פערזאן, וואס האט א סך פון אידי־שער און וועלטליכער וויסענשאפט געגאסען און צו דערזעלבער צייט איז ער א שטאלצער איד פארבליבען. ער טראגט אויף זיך דעם נאמען „ציוניסט". זיין אידעאל אין די יונגע יאהרען איז געוועזען צו זעהן דאס אידישע פאלק צוריק אויפלעבען אויף זיין אייגען לאנד, ארץ ישראל, וואו אונזער וויגעלע איז געשטאנען, וואו די נביאים האבען גערעדט, וואו די חכמי התלמוד האבען געלעבט. צו דעם צוועק האט דער חתן

בייגעשטייערט פון זיינע פיזישע און מאַטעריעלע קרעפטען. אַזאַ אידעאַליסט וועט געווים זיין אַ געטרייער מאַן צו זיין פרוי, ער וועט זיין פרוי רעספּעקטירען און טייער האַלטען. און אַזאַ קאַפּעל וועלען געווים זיין שרוי בשמחה, בברכה, בטובה, בתורה, בחומה ובשלום — זיי וועלען זיין געבענשט מיט פרייד, און מיט אַלדאָס-גוטס; זייער הויז וועט אויך אָפּשפּיגלען די מנהגים און דינים פון דער תורה. זייער לעבען וועט זיין איינגעצאַמט אין די ראַמען פון הייליגטום און מאָראַל און וועט זיין אַ קייט פון שלום און אחדות. דעריבער בלייבט פאַר אונז אַלעמען צו ווינשען דער נײַ-פאַרהייראַטער פּאָר אַ האַרציגען מזל טוב!

# בת פלוני

## לנשואין

„וישמע יעקב אל אביו ואל אמו" הה"ד (משלי כ"א)
כל דרך איש ישר בעיניו — זה שמשון (שופטים י"ד)
ויאמר שמשון אל אביו אותה קח לי כי היא ישרה בעיני
(משלי י"ב) ושומע לעצה חכם — זה יעקב, וישמע יעקב
אל אביו ואל אמו וילך.
(בראשית רבה ס"ז י').

יעדער איינציגער, וואָס געהט זיך פאַרבינדען אויף זיין גאַנצען לעבען, זאָגט צו זיין לעבענס-באַגלייטערין: „הרי את מקודשת לי" — פון דעם מאָמענט אָן און ווייטער ווערסטו פאַרהייליגט צו מיר. דאָס הויז, וואָס מיר גערהען שאַפען, וועט זיין אַ בית המקדש.

אַ פרוי צו אַ מאַן איז אַ הייליגטום, און ווען חתן כלה שטעהען אונ־טער דער חופה, פאַרלאַנגט פון זיי דער אַלמעכטיגער גאָט „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" — מאַכט פון אייער הויז אַ מקדש, און איך וועל רוהען אין אייערע פיער ווינקעלאַך. אָבער ווען קען דאָס אַלץ געשעהן, נאָר דאַן, ווען איהר וועט זיך פיהרען כדת משה וישראל — נאָך די געזעצען פון משה רבינו און די מנהגים פון אידישען פאָלק.

אום דאָס הויז זאָל ווירקליך ווערען אַ מקדש, ווענדט זיך אינגאַנצען אָן דער פרוי — די עקרת הבית; און ניט אומזיסט האָבען די חכמי התלמוד גערופען די נעמען פון זייערע פרויען אויף דעם נאָמען פון הויז.

מעג דער מאַן זיין געצוואונגען צו געהן אַרבייטען אָדער געשעפטען צו פיהרען אין דעם טאָג פון שבת, ווען אָבער די פרוי איז אַ גאָטס־פאָרכטיגע, פאַרבלייבט דער שבת קודש אַ בן בית אין הויז. די שבת־ליכט זיינען אָנגעצונדען, דאָס ווייסע טישטוך פאַרשפרייט אויפ'ן טיש, די חלות און ווייך אָנגעגרייט, די קינדערלאַך אַרומגעוואַשען און אָנגעטאָן. און ווען דער מאַן קומט אַהיים, געפינט ער זיך אין אַ גן עדן — אויף אַלעם רוהט גאָט'ס שכינה. ער פיהלט, אַז ער האָט די פאַרבינדונג מיט'ן שבת ניט איבערגעריסען. זיין האַרץ טוט איהם וועה, וואָס ער איז געצוואונגען אַוועקצוגעהן אין זיין קראָם אָדער פעקטאָרי פון אַזאַ שבת-הויז ווי זיינס איז, וואָס צוליב חיונה איז ער געצוואונגען מחלל צו זיין דעם שבת קודש. זיין בענקשאַפט נאָך אַן אמת'ן רוה-טאָג האַלט

אַן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער גיט אויף אינגאַנצען זיין חלול שבת און ער ווערט אַ פֿאָלשטענדיגער שומר שבת. און דאָס איז צו פֿאַרדאַנקען נאָר דער פרוי, דער אשת חיל.

כשרות, דאָס שעהנע ריינע פֿאַמיליען-לעבען, מדריך זיין די קינדער אין דעם אידישען וועג און צדקה געבען — ס'איז דאָך קיין פֿראַגע ניט, אַז דאָס אַלץ ליגט אין דער פרוי'ס האַנד. אין די מעהרסטע פֿאַלען, אויב די פרוי איז מיט איהר גאַנצען הארצען פֿאַר דעם אַלעמען, מעג דער מאַן זיין פֿון די יעניגע, וואָס זיינען ניט קיין שטאַרק גלויביגע אין אידישע דינים און מנהגים, ווען אָבער זיין לעבענס-באַגלייטערין, וועמען ער האָט ליב מיט זיין גאַנצען הארץ און נשמה, פֿאַרלאַנגט די אַלע זאַכען, איז ער ניט געגען דער פרוי'ס ווילען. פֿון אָנפֿאַנג אַן טוט ער אַלץ שלא לשמה, בלויז צופֿרידען צו שטעלען זיין צווייטע העלפֿט, אָבער מיט דער צייט ווערט דאָס אויך לשמה — איינזעהענדיג די שעהנקייט פֿון די דאָזיגע אַלע דינים און איינפֿיהרונגען, ווערט דער מאַן איבערגעבען צו דעם אַלעמען מיט זיין גאַנץ הארץ.

מיט איין וואָרט, די פרוי איז ביכולת צו מאַכען פֿון דעם ערגסטען מאַן אַ לייט אַן פֿון דעם בעסטען מאַן אַ הולטאַי. „מעשה בחסיד אחד שהיה נשוי לחסידה אחת ולא העמידו בנים זה מזה, אמרו אין אנו מועילים להקב"ה כלום, עמדו וגרשו זה את זה, הלך זה ונשא רשעה אחת ועשתה אותו רשע, הלכה זאת ונשאת לרשע אחד ועשתה אותו צדיק — הוי שהכל מן האשה" (בראשית רבה י"ז ז') — אַ חסיד האָט געהייראַט אַן אמת'ע פֿרומע פרוי, און גראַד האָבען זיי קיין קינדער ניט געהאַט. צוליב דעם האָבען זיי באַשלאָסען זיי זאָלען זיך גט'ן. דער חסיד איז פֿאַרהייראַט געוואָרען צו אַן אַנדער פרוי, וועלכע איז געווען אַ מרשעת און אַן אויסגעלאַסענע. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און דער אַמאָליגער חסיד איז אויך געוואָרען אַ רשע. די ערשטע פרוי פֿון דעם חסיד האָט גראַד אויך חתונה געהאַט מיט אַ רשע, וועלכער האָט ניט געגלויבט אין גאָט און אין זיין תורה, אָבער בלויז אין אַ קורצער צייט האָט די אמת'ע כשר'ע און פֿרומע פרוי געווירקט אויף איהר מאַן דעם רשע, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזען זיינע שלעכטע אויפֿפֿיהרונגען און געוואוינהייטען, און ער איז געוואָרען אַן אמת'ער צדיק. פֿון דאַנען זעהען מיר אַרויס, אַז אַלעס ווענדט זיך אָן דער פרוי. וויל זי, ווערט פֿון אַ צדיק אַ רשע און פֿון אַ רשע אַ צדיק...

דעריבער זאָגט אונז רב יהודה פון רב׳ס וועגען: „ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני" (סוטה ב׳) — פערציג טעג איידער אַ קינד ווערט באַשאַפען, געהט אַרויס אַ בת-קול און זאָגט: יענעמס טאָכטער צו יענעם. דער בת-קול רופט ניט אויס יענעמס טאָכטער צו יענעמס זוהן, נאָר „יענעמס טאָכטער צו יענעם", ווייל דער עיקר איז „יענעמס טאָכטער". קוים קומט אַרויס די טאָכטער פון אַ שעהן, נאָבעל, אידיש הויז און האָט געקראָגען אַ גוטע אידישע ערציהונג, דאַן אַרט אונז ניט ווער דער „יענער" איז. ווען אפילו די על-טערען פון דעם חתן זיינען ניט קיין גאַנץ פרומע נאַציאָנאַלע אידען, וועט דער חתן נאָך דער חתונה ממילא ווערען אַ געטרייער איד צו זיין פאָלק, ווייל „יענעמס טאָכטער" וועט איהם ברענגען צו דעם...

נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען, זעהט מען איין, ווי פאָרזיכטיג עס מוז זיין יעדער יונגערמאַן, ווען ער געהט זוכען זיין לעבענס-באַגלייטערין. ער מוז זיך גוט אַרומזעהן, אויב די פריילין, מיט וועלכער ער געהט אַרום, איז אַ גוטהערציגע, אויב זי באַזיצט שעהנע מדות און צי זי האָט גע׳ירש׳ענט די דאָזיגע מדות פון איהרע עלטערענס הויז. „מתון ונסיב איתתא" (יבמות ס"ג.) — ווען ס׳קומט צו נעהמען אַ פרוי, האַנדעל ניט צו געשווינד; המתן עד שתבדוק מעשיה שלא תהא רעה וקנטרנית" (רש"י שם) — באַטראַכט פריהער און נעם זיך צייט גוט אויסצוגעפינען ווער זי איז, זי זאָל ניט זיין קיין שלעכטס און אַזאַ, וועלכע וועט דיך יאָדען צום טויט... „נחות דרגא ונסיב איתתא" (יבמות ס"ג) — קריך ניט אין די הויכע פענסטער, ווען דו זוכסט אַ ריכ-טיגע עקרת הבית, וועלכע זאָל קענען האַלטען דאָס הויז אין אָרדענונג, וועלכע זאָל קענען ערציהען פיינע אנשטענדיגע קינדער. ווען דו געהסט הייראַטען, „געה אַרונטער מיט אַ טרעפּ און נעם אַ פרוי" — נעם אַזאַ פרוי, וואָס זי איז קלענער פאַר דיר אין יחוס און אין רייכטום און אויך אין בילדונג — דאַן וועט זי זיין צו דיר אַן אמת׳ע אשת חיל און וועט דיך רעספּעקטירען. ווען אָבער דו זוכסט זיך איינצוקויפען אין יחוס און דו קוקסט אויס אויף דעם רייכען נדן און אויך אויף דעם, צי די כלה האָט דורכגעמאַכט הויכע שולעס, איז דאָס טאַקע אַלץ זעהר שעהנע מעלות בלויז דאַן, ווען מ׳איז חתן-כלה, ווען מ׳טרוימט און מ׳לעבט אין גליקליכע פאַנטאַסטישע וועלטען; ווען אָבער די ווירקליכקייט קומט, ווען מ׳ווערט מאַן און פרוי, דאַן זעהט מען איין דעם טעות. די פרוי

פאַרלאַנגט דאָס טעלערעל פון הימעל, ווייל אַזוי איז זי געוואוינט גע־וואָרען ביי איהרע עלטערען. און ווען דער מאַן קען דאָס ניט נאָכקומען, ער קען די אַלע לוקסוס־זאַכען דער פרוי ניט געבען, דאַן פאַנגען זיך אָן צאַנקערייען, לויט דעם אַלטען כלל: „כד משלים שערא מכדא רמי תיגרא בביתיה (ב״מ נ״ט) — ווען עס ענדיגט זיך די גערשטען פון קרוג, פאַנגען זיך אָן קריג און מחלוקת אין הויז, און דאָס פיהרט צו גאַנץ ערנסטע קאָנסעקווענצען, וועלכע פאַרביטערען דעם לעבען פון מאַן און פרוי און אויך פון זייערע עלטערען...

די הייראַט איז אַ צו ערנסטע זאַך, אַז חתן־כלה זאָלען אַליין זיין פעהיג צו באַשליסען וואָס עס איז פאַר זיי פאַסענד אָדער ניט. דעריבער האָבען קינדער קיינמאָל ניט געשטעלט אויף זיך אַליין צו לייזען אַזאַ ערנסטע פּראָבלעם ווי דאָס אויסקלייבען אַ באַשערטען אָדער באַשערטע. דער זוהן און די טאָכטער האָבען געוואוסט, אַז זייערע בעסטע פריינד אין לעבען זיינען זייערע עלטערען. און ווען עס איז געקומען צו באַשליסען זיך ווי צו האַנדלען אין פראַגען פון אַ שדוך, האָבען זיי געפרעגט די עצה פון זייער פאָטער און מוטער, וועלכע האָבען מעהר דורכגעמאַכט אין לעבען און וועלכע קוקען אויף דעם לעבען מעהר ערנסט ווי די יונגע טאָכטער אָדער זוהן, ביי וועלכע דאָס אויג אָדער האַרץ פאַרפיהרען אָמאָל דעם שכל פון גראַדע וועג... „אם יאמרו לך ילדים בנה וזקנים סתור שמע לזקנים שסתירת זקנים בנין״ (נדרים מ׳) — אויב יונגע מענשען זאָגען דיר „בוי!״ און אַלטע לייט זאָגען דיר „ברעך און צוואואַרף!״, הער בעסער די עצה פון די אַלטע, ווייל אָמאָל איז די עצה פון די אַלטע צו צוברעכען און צוואואַרפען בעסער ווי די עצה פון די יונגע לייט, וועלכע הייסען בויען... דאָס מיינט אָבער ניט, אַז עלטערען זאָלען צווינגען זייערע קינדער צו טאָן אַ שדוך געגען זייער ווילען. די קינדער האָבען דאָס פאָלשטענדיגע רעכט אויסצוקלייבען אַזאַ לעבענס־באַגלייטער אָדער באַגלייטערין, מיט וועלכע זיי פיהלען, אַז זיי וועלען לעבען גליקליך; אָבער זיי דארפען דאָס טאָן מיט דער פאָלשטענדיגער צושטימונג פון זייערע עלטערען און ניט טאָן אַ זאַך געגען דעם ווילען פון פאָטער און מוטער, אום זיי להכעיס טאָן און שמערצען פאַרשאַפען. ווען זיי האַנדלען אַזוי, טוען זיי זיך אַליין מעהר שלעכטס ווי זייערע עלטערען...

רבקה זאָגט צו יצחק׳ן: „קצתי בחיי מפני בנות חת. אם לקח

יעקב אשה מבנות חת כאלה מבנות הארץ למה לי חיים" (בראֹ כ"ז מ"ו) — עס איז מיר שוין מיאוס דאָס לעבען פאַר די טעכטער פון חת; און אויב יעקב זאָל נעהמען אַ פרוי פון זייערע טעכטער, דאַן צו וואָס ברויך איך איינגאַנצען צו לעבען אויף דער וועלט...

יצחק פאָלגט זיין פרוי רבקה און ער רופט זיין זוהן יעקב און זאָגט איהם אָן מיט דעם הארבען וואָרט: „לא תקח אשה מבנות כנען" — ער זאָל ניט נעהמען קיין פרוי פון די טעכטער פון כנען, נאָר ער, יעקב, זאָל געהן אין פדן ארם צו זיין זיידען, בתואל, און דאָרט זאָל ער נעהמען אַ פרוי פון לבנ'ס טעכטער.

יעקב טראַכט ניט איבער קיין זאַך. ווי באַלד די עלטערען האָבען אַזוי באַשלאָסען און דאָס איז זייער פאַרלאַנג, מוז מען אויספאָלגען. „וישמע יעקב אל אביו ואל אמו וילך פדנה ארם" — ער הערט, וואָס זיין פאָטער און מוטער האָבען געזאָגט, און איז אוועקגעגאַנגען נאָך פדן ארם...

שמשון, דער זוהן פון מנוח'ן, איז אויסגעבעטען געוואָרען ביי גאָט פון זיינע עלטערען. ווען שמשון ווערט גרויס, „וירד שמשון תמנתה וירא אשה בתמנתה מבנות פלשתים" (שופטים י"ד) — שמשון געהט נאָך תמנת און ער דערזעהט דאָרט אַ פרוי, וועלכע איז גאָר אַ טאָכטער פון די פלשתים, די גרעסטע שונאים פון אידישען פאָלק אין יענער צייט. „ויעל ויגד לאביו ולאמו ויאמר אשה ראיתי בתמנתה מבנות פלשתים ועתה קחו אותה לי לאשה" — שמשון, דער נזיר אלקים, וואָגט ניט צו טאָן אַזאַ זאַך, צו געהן הייראַטען אַ טאָכטער פון די פלשתים אָהן זיינע עלטערענס וויסען, ווי עס טוען היינט פילע קינדער פון דעם אידישען פאָלק, נאָר שמשון קומט צו זיינע עלטערען און זאָגט זיי: איך האָב געזעהן אַ פרוי אין תמנת, זי איז אַ טאָכטער פון די פלשתים, און איך פאַרלאַנג פון אייך, מיינע עלטערען, אַז איהר זאָלט מסכים זיין אויף דעם שדוך און מיר העלפען איהר צו קריגען פאַר מיין לעבענס-באַ-גלייטערין.

„ויאמר לו אביו ואמו האין בבנות אחיך ובכל עמי אשה כי אתה הולך לקחת אשה מפלשתים הערלים?" — זיין פאָטער און מוטער האָ-בען איהם געגעבען אַ ריכטיגען ענטפער: צי דען איז ניטאָ צווישען דיינע אייגענע ברידער און פאָלק קיין געראָטענע טאָכטער, וועלכע זאָל ווערען דיין פרוי, וואָס דו געהסט נעהמען דיין לעבענס-באַגלייטערין

פון די פלשתים, די ערלים, וואָס זיינען אַ פרעמד פאָלק און דערצו נאָך אונזערע גרעסטע שונאים?

„ויאמר שמשון אל אביו אותה קח לי כי היא ישרה בעיני" — און שמשון זאָגט צו זיין פאָטער: דו מוזט מיר קריגען די טאָכטער פון די פלשתים פאַר אַ פרוי, ווייל איך האָב איהר ליב. זי האָט אין מיינע אויגען אויסגענומען.

שמשון האָט זיינע עלטערען ניט געוואָלט הערען און האָט זיינס אויסגעפיהרט — ער האָט די טאָכטער פון די פלשתים גענומען.

אָבער פון דער דאָזיגער הייראַט האָט זיך אויסגעלאָזען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך אימער אויס פון שדוכים, וואָס ווערען געטאָן געגען דעם ווילען פון עלטערען, איבערהויפּט ווען מען הייראַט טעכטער ניט פון דעם אייגענעם פאָלק. „ותהי אשת שמשון למרעהו אשר רעה לו" — שמשון'ס פרוי איז איהם געוועזן פאַלש, און ווי נאָר שמשון האָט אָנגעפאַנגען צו באַקעמפפען די פלשתים, די שונאים פון דעם אידישען פאָלק, האָט איהם זיין פלשתים-פרוי אַוועקגעוואָרפען און חתונה געהאַט מיט שמשון'ס אַ פריינד, אַ פלשתי...

„כל דרך איש ישר בעיניו, זה שמשון" — יעדער מענש, וואָס ער טוט, איז ביי איהם גלייך און רעכטפערטיג אין זיינע אויגען, דאָס איז שמשון. „ויאמר שמשון אל אביו אותה קח לי לאשה כי היא ישרה בעיני" — שמשון האָט ניט געהערט זיינע עלטערען, נאָר אַזוי גיך ווי ער האָט דערזעהן די טאָכטער פון די פלשתים, איז זי איהם גלייך געפעלען געוואָרען, און ער האָט ניט אויסגערעכענט און פאַרטראַכט זיך וועגען דעם, וואָס ס'וועט שפּעטער זיין. „ושומע לעצה חכם, זה יעקב" — אָבער דער, וואָס הערט אימער אַ גוטע עצה, איבערהויפּט פון אייגענע עלטערען, אַזאַ מענש איז אַ חכם, און דאָס איז געוועזן יעקב — „וישמע יעקב אל אביו ואל אמו וילך" — יעקב האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זיינע עלטערען האָבען איהם געהייסען, ווען ער האָט געדאַרפט טאָן אַ שדוך. ער איז געגאַנגען אין פדן ארם און האָט גענומען צוויי ליבענסווירדיגע פרויען פון זיין אייגענער פאַמיליע און ער האָט מיט זיי געלעבט גליקליך און צופרידען...

דאָס גיט אונז אַן אמת בילד פון צוויי גרעאָטענע קינדער. איינער פאָלגט זיינע עלטערען און לעבט אויס זיינע יאָהרען און גרייכט צו אַ הויכער עלטער און זעהט פאַר זיך קינדער, וואָס האָבען די וועלט

פארשיינט. דער צווייטער פאלגט ניט זיינע עלטערען, און זיין פרעמדע פרוי פארראט איהם אויף שריט און טריט, און זיין ענדע איז, אז ער שטארבט א מארטירער...

שמשונ׳ס גליק איז, וואס זיין טויט איז געווען א העלדישער — פאר זיין פאלק און גאט. די שמשונ׳ס אבער פון היינט, וועלכע פאלגען ניט זייערע עלטערען, זייער ענדע איז זעהר טרויעריג: זיי באצאלען מיט זייער לעבען אין דער צייט, ווען זיי זיינען אינגאנצען ווייט פון זייער פאלק, און א טייל פון זיי קומען גאר ניט צו קבר ישראל...

דער חתן, וועמענס חתונה מיר פייערען היינט, איז געגאנגען אין די וועגען פון אונזער פאטער יעקב און האט פאלשטענדיג געפאלגט זיינע עלטערען צו פארקוקען רייכטום און גרויסע נדן׳ס, וואס מ׳האט איהם געוואלט געבען. ער האט גענומען א בת פלוני, „יענעמס א טאכ־טער", וועמענס פאטער איז אן עהרליכער איד און א מופלג, וואס איז קובע עתים לתורה יעדען טאג, אפילו אין אמעריקא, און אויך די מוטער פון דער כלה איז אן אשה צדקנית, וועלכע נעמט אן אנטייל אין אלע דברים שבצדקה. די כלה, וועלכע איז געבענשט פון גאט מיט שעהנקייט און מיט בילדונג, איז צו דעם אן אמת׳ע אידישע טאכטער, זי געהט אין די וועגען פון איהרע עלטערען. דער „פלוני" איז אבער אויך ניט אבי־ווער. כאטש ער איז א געבוירענער אמעריקאנער און ער האט געענדיגט אלס יוריסט, האט דאס איהם פונדעסטוועגען ניט געשטערט צו פארבלייבען א שומר שבת. אויסער דעם האט ער אין זיין יוגענד געלערענט אין די היגע ישיבות און פארשטעהט א בלאט גמרא.

אויף אזא פאר קענען מיר זאגען דעם משל פון די „ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל" (פסחים מ"ט) — ווען מ׳נעמט א צוויי־געלע פון דעם ווינשטאק און מ׳פארפלאנצט עס אין א צווייטען וויינ־שטאק־בוים איז עס אי שעהן, אי עס נעמט זיך צו — ווען מ׳נעמט אזא שעהנע צווייג ווי די כלה, וואס קומט ארויס פון אן ערהאבענעם וויינשטאק, און מ׳פארפלאנצט דאס אין א צווייטען וויינשטאק־בוים, ווי דער ווירדיגער חתן איז, דאן מוזען אלע צוגעבען, אז עס איז א דבר נאה ומתקבל... עס איז שעהן פאר גאט און לייט. זיי וועלען לעבען אין נחת און אין פארגעניגען. ביי זיי אין הויז וועט הערשען גלה, רנה, דיצה וחדוה, ווייל זייער לעבען וועט זיין געבונדען פון שלום, ריעות, אהבה ואחוה. — אמן!

# בוצין מקטפיה ידיע
## חג הסיום

אביי ורבא הוו יתבי קמיה דרבה אמר להו רבה למי מברכין? אמריה ליה לרחמנא. ורחמנא היכא יתיב? רבא אחוי לשמי טללא, אביי נפק לברא אחוי כלפי שמיא, אמר להו רבה תרוייכו רבנן הויתו, היינו דאמרי אינשי בוצין בוצין מקטפיה ידיע.
(ברכות מ"ח).

מען פייערט היינט די גרעדיואיישאָן פון אונזער פריינד'ס זוהן, וועלכער האָט געענדיגט צוויי סקולס — די תלמוד תורה און די פּאַבליק סקול.

די שמחה איז אַ צווייענדיגע, און מיר אַלע פאַרזאַמעלטע מעגען זיך מיט אַן אמת פרעהליך מאַכען, איינזעהענדיג, אַז די עלטערען אין דעם דאָזיגען לאַנד פאַנגען אָן צו באַגרייפען, אַז די פּאַבליק סקול און די תלמוד תורה דאַרפען געהן האַנד־אין־האַנד, אַז די אַלגעמיינע למודים פון דער עפענטליכער פאָלקס־שולע קענען זיך האַרמאָניש צוזאַמענגיסען מיט דעם לערנען פון אונזער תורה הקדושה.

עס פאַנגט זיך אָן אַ נייע פעריאָדע אין דעם אַמעריקאַנער אידענטום — אַ באַוועגונג, אַז דאָס קינד זאָל האָבען פאַר זיך נאָר איין שולע, וואו די למודי קודש און די למודי חול זאָלען געלערענט ווערען אין דעמזעלבען צימער; און עס ווערט מקוים דער יפיפותו של יפת יהא באהלי שם" (מגילה ט') — אַז די שעהנקייט פון יפת'ס שפּראַך און די למודים זאָלען זיך געפינען אין די געצעלטען פון שם... מיר האָבען אין גרייטער ניו יאָרק פּראַכטפאָלע געביידעס, וועלכע נעמען אין זיך אַריין טויזענדער קינדער, וואָס קומען אַהין אין דער פריה און געהען אַוועק, ווען עס איז שוין פינסטער. דעם גאַנצען טאָג פאַרברענגען די קינדער אין די ישיבות, וואו זיי געפינען זיך אין אַ הייליגער אַטמאָספערע.

דער בעל שמחה פון דעם היינטיגען אָווענד האָט געהאַט דעם זכות צו זיין איינער פון די „גומרים", וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין זיינע למודים. נאָך זייענדיג גאַנץ יונג, איז ער שוין באַקאַנט אין תנ"ך און ער פאַרשטעהט אויך אַ בלאַט גמרא; אין דערזעלבער צייט איז ער קלאָר אין דער היסטאָריע פון דעם דאָזיגען גאָט־געבענשטען לאַנד און

אין אַנדערע לערנונגען, וואָס וועט דעם גרעדיואייט צוניץ קומען אין זיין צוקונפט.

אונזערע עלטערען אין אַלע צייטען, לעבענדיג אין לענדער, וואו זיי זיינען געווען פאַרפאָלגט און אונטערדריקט אויף שריט און טריט, און וועלכע האָבען זיך געמאַטערט צו פאַרדינען אויף פּרנסה, — די דאָזיגע אָרימע עלטערען אונזערע האָבען אָפּגעשפּאָרט פון זייער לעצטער מטבע צו באַצאָלען שכר לימוד פאַר זייערע קינדער. ביי זיי איז רעכט געווען אַליין געהן אָפּגעריסען און צו הונגערען און זייער הויז האַלטען אָפּגע־לאָזען און אַזוי אָרום קאַרגען געלד אויף שכר לימוד.

ניט אומזיסט האָט מען אונז געקרוינט מיט דעם שעהנעם נאָמען „עם הספר" — אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון בוך. מיר האָבען אין אַלע צייטען ליב געהאַט לערנונג און וויסענשאַפט; און דאָס גרעסטע באַ־ליידיגענדע וואָרט און צונעמעניש אין דער אידישער גאַס איז געווען „עם הארץ" אָדער „בור". פּראָסט זיין און ניט קענען אין די „שוואַרצע פינטעלאך" איז געווען פון די גרעסטע שאַנדעס, און מיט אַזעלכע האָט מען אפילו ניט געוואָלט זיך משדך זיין. דעריבער איז געווען דער גרעסטער באַגעהר פון עלטערען, אַז זייערע קינדער זאָלען חס ושלום ניט אויסוואַקסען קיין פּראָסטאַקעס. צוליב דעם האָבען זיי אַליין זייערע קינדער גאַנץ פריה אין חדר געפיהרט און געצאָלט שכר לימוד מיט שמחה. און ווען די עלטערען האָבען פרייטאָג-צו-נאַכט געהערט ווי זייערע קינדער זיינען קלאָר אין דער סדרה פון דער וואָך, זיינען זיי, די עלטערען, געווען די גליקליכסטע, און גאָט און לייט האָבען זיך מיט זייערע קינדער געבענשט.

די עלטערען האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט אַ חדר-ערציהונג. דער כלל „בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו" (סנהדרין ק"ה:)—אַלעמען איז אַ מענש מקנא אויסער זיין אייגענעם זוהן און תלמיד, דער דאָזיגער כלל איז זעהר ריכטיג. די עלטערען האָבען געוואָלט, אַז זייער קינד זאָל וואַקסען וואָס גרעסער און גרעסער — פון חדר זאָל דאָס קינד אין ישיבה אַריינקומען און דאָרטען זאָל ער שווימען אין דעם ים התלמוד, ביז וואַנען זייער קינד וועט אויסוואַקסען אַ תלמיד חכם. און ווען די עלטערען האָבען דאָס דערלעבט איז צו זייער גליק קיין גלייכען ניט געווען...

אויך אין דעם לאַנד האָבען די אידען אַריבערגעטראָגען זייער האָס

צו אַלגעמיינער עמי הארצות, נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס אַמאָל, אויף יענער זייט ים, האָט מען געשטרעבט, אַז דער זוהן זאָל אויסוואַקסען אַ רב אַ תלמיד חכם, שטרעבט מען אין דעם לאַנד, אַז דער זוהן זאָל אויסוואַקסען אַ דאָקטאָר, אַ לאָיער, אַן אַרכיטעקט. כדי דעם דאָזיגען צוועק צו דערגרייכען, זיצען אָרימע שוסטערס און שניידערס אין די פעקטאָרים און מ׳שוויצט און מ׳קאַרגט, אום די קינדער ברענגען צו אַ תכלית. אָבער ווען דער זוהן קומט צום „תכלית", דאַן זעהען זיי איין דעם טעות. אין דער אַלטער היים, אַז דער זוהן איז געוועזן אַ רב, האָבען זיך די עלטערען געפרעגעלט פון נחת, דעם אויבען־אָן האָבען זיי גע־קראָגען און דורך זייער זוהן זיינען די פּראָסטע עלטערען נתעלה געוואָ־רען. דאָ אָבער, אַזוי גיך ווי דער זוהן האָט דעם דיפּלאָם אין קעשענע און הייסט שוין דאָקטאָר סאָ ענד סאָ... שעמט ער זיך מיט זיינע אָרימע אומוויסענדע עלטערען און פאַרלייקענט צייטענווייז, אַז ער איז זייער זוהן...

די אורזאַך פון דעם אַלעם איז, וואָס די היגע עלטערען שטרעבען נאָר צו לערנען זייערע קינדער אַזעלכע למודים, פון וועלכע זיי וועלען שפּעטער קענען געלד מאַכען; דעם הויפּט־טראָפּ לייגען זיי נאָר אויף דעם קאַלטען אַמעריקאַנער דאָלאַר. זיי באַמיהען זיך ניט צו שלייפען און פּוצען דעם זוהנ׳ס נשמה. דעריבער ווען דער זוהן ווערט אַרויסגעאַר־בייט, שעמט ער זיך מיט זיינע עלטערען, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם מוסר נפש געוועזן. די עלטערען בלייבען גענאַרט און אויסגעלאַכט...

„אדם תועה מדרך השכל בקהל רפאים ינוח" (משלי כ״א י״ז) — דער יעניגער, וועלכער לערענט נאָר די טרוקענע וועלטליכע וויסענשאַפט, אום פון דעם צו מאַכען אַ קרדום לחפור בה — ווען דער מענש פאַרקריכט פון דעם וועג פון תורה און חכמה, וועלכער לערענט אויסער וויסענ־שאַפט אויך מדות טובות, אַזאַ מענש רוהט צוזאַמען מיט די פאַרשטאָר־בענע גיהנם־לייט, וועלכע האַלטען אין איין שרייען: „הב! הב! גיב! גיב!"...

איך זעה אָבער, אַז די עלטערען פון דעם היינטיגען גרעדיואייט געהען אויף דעם אַלטען אויסגעטראָטענעם וועג פון דער אַלטער היים. זיי זיינען מקיים דעם „חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה" (משלי כ״ב ו׳) — אַז מ׳ערציהט אַ קינד אויפ׳ן ריכטיגען וועג, דאַן וועט דאָס קינד אפילו ווען עס וועט גרויס און אַלט ווערען, אויך ניט אָפּטרעטען

פון די עלטערנ'ס ערציהונגס-וועג. די עלטערן האבען ביז אהער ער־צויגען זייער קינד אויף אידישער און אלגעמיינער לערנונג. אין דעם זוהן איז איינגעפלאנצט געווארען אין זיינע בליהענדע יאהרען צו דעם־פעקטירען און ליב צו האבען זיינע עלטערען און ליב צו האבען און צו האלטען טייער די אידישע מדות און אידישע מנהגים...

איך וויל זאגען צו דעם חתן „הגומר", אז זיין וועג איז נאך א לאנגער און א שווערער, דעריבער מוז ער אויף זיך היינט נעהמען ניט אפצור־שרעקען זיך פאר דעם אלעמען און מיט מוט און אפפערוויליגקייט צו געהן ווייטער און ווייטער אויף דעם לייטער פון אידישער און אלגע־מיינער וויסענשאפט. „כי אם יש אחרית" — אויב דו וועסט נאר שטרעבען צו קומען צו א תכלית, דאן „ותקותך לא תכרת" (משלי כ"ג י"ח) — וועט די האפענונג צו קומען צו א ברעג ניט אפגעשניטען ווערען...

דער פאטער בעט זיך ביי דיר היינט, אז דו זאלסט אנערקענען זיין מיה, עס זאל ניט זיין ארויסגעווארפען די גרויסע ארבייט, וואס ער האט פאר דיר געטאן ביז יעצט. „כל הלומד תורה ואין חוזר עליה דומה לאדם שזורע ואינו קוצר" (סנהדרין צ"ט) — יעדער, וואס לערענט תורה און געהט ניט איבער וואס ער האט געלערענט, איז גלייך צו דעם יעניגען, וועלכער האט געזייהט און האט פארגעסען צו שניידען. „בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני" (משלי כ"ג ט"ו)—דיין פאטער און מוטער זאגען צו דיר: מיין זוהן, אויב דיין הארץ וועט זיין קלוג און פאר־שטענדליך, דאן וועט זיך מיין הארץ אויך פרעהען...

אין דער אלטער היים, פון וואנען מיר אלע קומען, האבען מיר ניט געהאט דאס גרויסע גליק, אז די טויערען פון וויסענשאפט זאלען פאר אונז זיין אפען. מיט גרוים מאטערניש איז אונז אנגעקומען די בילדונג, וואס מיר באזיצען. האבען מיר געוואלט תורה לערנען, זיינען אונזערע עלטערען ניט געווען פארמעגליך אונז אויסצוהאלטען, און מיר האבען זיך געוואלגערט אין די ישיבות, קיין קישען צו־קאפענס ניט געהאט; מיר האבען „טעג" געגעסען, געוואלגערט זיך אויף דער הארטער באנק. האבען מיר געוואלט אין די אלגעמיינע העכערע שולעס געהן, איז פאר אונז געווען א פראצענט-נארמע — אזוי פיל און אזוי פיל אידען מעגען זיך געפינען אין גימנאזיע און אין אוניווערזיטעט; און אז מיר זיינען שוין דארטען אנגעקומען, האט מען אונז פארשאפט ענוים און יסורים. דאס אלעס האבען געטאן אונזערע „געבילדעטע" קריסטליכע חברים...

דו אָבער ביסט אין אַ מזל'דיגער שעה געבוירען געוואָרען. דיין וויגעלע איז ניט געשטאַנען אין דעם פאַרשאָלטענעם רוסלאַנד און אויך ניט אין דעם אַנטיסעמיטישען רומעניע — דיין וויגעלע איז געשטאַנען אין דעם לאַנד פון „אַנקעל סעם", דאָס לאַנד פון אייברעהעם לינקאָלן, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און בענדזשאַמין פרענקלין, די דאָזיגע גרויסע גייסטער, וועלכע האָבען פּראָקלאַמירט דעם אַלטען „חקה אחת יהיה לכם לגר ולאזרה הארץ" (במדבר ט' י"ד) — איין געזעץ זאָל הערשען פאַר דעם בירגער און פאַר דעם פרעמדען. קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען פילען אַן די אַלע קלענערע און גרעסערע שולעס אין דעם לאַנד, און דער איד קריגט דאָ די בעסטע מאַרקס פון אויסצייכענונג. אין דעם דאָזיגען לאַנד, ווערטהער גרעדיואייט, איז גאַנץ לייכט צו געניסען פון דעם עץ הדעת. פון וואַלגערען זיך אויף שול-בענק און מקיים זיין דעם „כך היא דרכה של תורה: פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה" (אבות פרק ו' ה') — אַזוי איז דער וועג צו דער תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסען, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפען און אַ לעבען פון צער זאָלסטו לעבען, — פון אָט-די אַלע זאַכען וועסטו ניט וויסען. דיינע עלטערען וועלען דיך האַלטען בכבוד, זיי וועלען דיר העלפען עקאָנאָמיש, אַז דו זאָלסט פון קיין זאַך ניט ליידען. די טויערען פון די בתי הישיבה און אויך פון די העכערע שולען זיינען פאַר דיר אָפען פראַנק און פריי; די גמרות און להבדיל אַלגעמיינע ביכער זיינען פאַר דיר אָנגעגרייט. די איינציגע זאַך איז, אַז דו זאָלסט וועלען לערנען און שטודירען. „בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו (מכות י') — אין דעם וועג, וואָס אַ מענש נעמט זיך פיהרען, אין אָט דעם וועג פיהרט איהם גאָט...

איך ווייס, אַז דיר, ווערטהער גרעדיואייט, דאַרף איך ניט פיל אָנזאָגען. דו האָסט זיך אַרויסגעצייגט ביז יעצט, ווי יונג דו ביסט, אַלעם צו פאָלגען און אויך מיט דיין אויסערגעוועהנליכער התמדה און מיט דיינע גוטע פעהיגקייטען. מיר קענען שוין איינזעהן, וואָס פון דיר וועט אויסוואַקסען, ווייל מיר קענען אימער פאַרשטעהן פון דעם קינד, וואָס פאַר אַ צוקונפט ער וועט פאַר זיך שאַפען. „אביי ורבא הוו יתבי קמיה דרבה" — אביי און רבא, די גרויסע תלמודיסטען, ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער, זיינען זיי געזעסען פאַר רבה'ן. „אמר להו רבה למי מברכין?" — האָט רבה געוואָלט אויספּרובירען ווי וויט זייערע פעהיג-

קייטען און פארשטאנד גרייכען, און האט זיי דעריבער געפרעגט, צו וועמען בענשט מען. וועמען קומט דער דאנק פאר דעם עסען און טרינ־קען. „אמריה ליה לרחמנא!" — האבען זיי איהם געענטפערט, אז דער דאנק קומט גאט. „ורחמנא היכא יתיב?" — פרעגט זיי רבה: און וואו זיצט גאט? „רבא אחוי לשמי טללא" — רבא האט אנגעצייגט צום סילינג; „אביי נפק לברא אחוי כלפי שמיא" — אביי איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען און האט אנגעצייגט צום הימעל. „אמר להו רבה תרווייכו רבנן הויתו" — האט דאן רבה צו זיי געזאגט: איך ווייס שוין, אז פון אייך וועט אויסוואקסען רבנים און גרויסע מענשען. „היינו דאמרי אינשי בוצין בוצין מקטפיה ידיע" — דאס איז דאס גלייך־ווארט, וואס מענשען זאגען, אז א גרינס אדער פרוכט קען מען דערקענען פון זיין אנפאנג בליהען און וואקסען, וואס פאר א שעהנע גרינסען און פרוכטען ס'וועט פון זיי ארויסקומען... (ברכות מ"ח).

אויף די עלטערען ליגט די פליכט ניט צו זשאלעווען זייער מיה און געלד און העלפען זייער קינד אויסצואוואקסען אלס א שעהנער בוים אין דעם אידענטום. ווען מ'האט דערצעהלט רבי יהושע בן חנניה'ן, אז עס איז דא אין רוים א געפאנגען קינד אין פריזאן, וועלכעס האט שעהנע אויגען און א וואונדערבאר־שעהנעם אויסזעהן, און זיינע האר פון קאפ הענגען ארונטער אין לאקען, איז רבי יהושע גלייך אוועק צום פריזאן און האט אויך אויסגעשריען דעם אידישען וועהטאג און צער, פאר וואס אזעלכע אידישע קינדער שמאכטען אין פריזאן. „מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים?" — ווער האט מיטגעבראכט, אז יעקב און ישראל זאלען זיין בארויבט און הפקר? און דאס קינד האט ארונטערגעשריען פון דעם פריזאן: „„הלוא ה' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו" (ישעיה מ"ב) — ווייסטו, רבי יהושע, ווער עס איז אין דעם אלעמען שולדיג? מיר, דאס אידישע פאלק זעלבסט, ווייל מיר הא־בען צו גאט געזינדיגט און מיר זיינען אין זיינע וועגען ניט געגאנגען און ניט צוגעהערט זיך צו זיין תורה. און ווי נאר רבי יהושע האט דעם דאזיגען קלוגען ענטפער פון דעם קינד דערהערט, האט ער גלייך געזאגט: „איך בין זיכער, אז דאס דאזיגע קינד וועט אויסוואקסען א מורה הוראה ביי אידען. און דעריבער שווער איך, אז איך וועל פון דאנען ניט אפ־טרעטען ביז וואנען איך וועל דאס קינד אויסלייזען פון פריזאן." און אזוי איז טאקע געווען. רבי יהושע האט דאס קינד אויסגעלייזט מיט

זעהר אַ גרויסער סומע געלד. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און פון דעם קינד איז אַרויסגעקומען רבי ישמעאל בן אלישע... (גיטין נ"ח).

ווערטהע עלטערען! אייער קינד קוקט אוים אויסערליך זעהר שעהן. און לויט דער פּראַכטפולער דרשה און רעדע, וואָס מיר האָבען דאָ געהערט, זעהען מיר איין, אַז פון דעם דאָזיגען קינד קען אַרויסקומען אַ מורה הוראה אין דעם אידישען פאָלק. נאָר דאָס אומגליק איז, וואָס אונזערע גוטע און פעהיגע קינדער זיינען געכאַפּט אין די אַמעריקאַנער פּריזאָנס — אין דעם געשטאַלט פון לוקסוס און לעבען אַ גוטען טאָג. דאָס קירעוועט דעם קינד'ס הענט און פים צו אַלערליי תאוות. עס הערט אויף צו לערנען. זייט איהר די רבי יהושע'ס פון היינט און לייזט אוים אייער קינד פון די היינטיגע מאָדערנע גייסטיגע פּריזאָנס און זשאַלעוועט ניט קיין געלד און אַרבייט, ביז וואַנען איהר וועט ברענגען אייער זוהן צו דעם תכלית, צו וועלכען איהר שטרעבט...

צו דעם צוועק זיינען מיר אַלע היינט געקומען — צו ווינשען אייך גליק. גאָט זאָל שטאַרקען דאָס האַרץ פון אייער קינד, ער זאָל וועלען לערנען און שטודירען. גאָט זאָל אייך אויך שיקען די הצלחה, אַז איהר זאָלט קענען אייער קינד שטיצען מיט אַלעם מעגליכען... אָמן!

# כסף זקוק

## לחתונת כסף

עמודיו עשה כסף (שה"ש ג׳ י׳) ואין כסף אלא זקוק...
(מלאכי ג׳) וישב מצרף ומטהר כסף וטהר את בני לוי
וזקק אותם.
(מדרש רבה, נשא י"ב ד׳).

**אין די מעהרסטע** פראַגרעסיווע לענדער איז איינגעפיהרט צו פייערען דעם פינף-און-צוואַנציגסטען יובילעאום פון דעם פאַרהייראַטען לעבען. דער דאָזיגער פייערונג האָט מען אַ נאָמען גענעבען „זילבערנע האָכצייט".

דער דאָזיגער מנהג איז אַן ערהאָבענער. עס דאַרף קומען אַ צייט ווען מאַן און פרוי, וועלכע האָבען אָפּגעלעבט צוזאַמען געוויסע יאָהרען אין פרייד און אין גליק, אַז די דאָזיגע גאָט-געבענשטע פּאָר זאָלען צונויפרופען זייערע בעסטע פריינד און פראַווען מיט פּראַכט און גלאַנץ די שמחה פון די פאַרגאַנגענע יאָהרען פון דעם פאַרהייראַטען לעבען.

יעדער געשעפטס-מאַן נעמט „סטאָק" יעדען האַלבען יאָהר. ער עפענט אויף די ביכער פון הוצאה און הכנסה, פון שולדען, וואָס ער איז שולדיג דער וועלט, און אויך שולדען, וואָס די וועלט קומט איהם. ער באַטראַכט פאַרזיכטיג זיין פאַרמעגען אין די בענק, אין פעקטאָרי און אין קראָם און דאַן ציהט ער אונטער דעם באַלאַנס, דעם סך הכל. און אויב דער געשעפטס-מאַן געפינט אויס, אַז דאָס האַלבע יאָהר איז אַוועק גוט, ס'איז אַ גוטער ריוח פאַרבליבען, פרעהט ער זיך און מיט מוט און שטאָלץ געהט ער ווייטער אין זיין שטרעבונג צו פאַרגרעסערען זיינע געשעפטען. אויב אָבער דער געשעפטס-מאַן געפינט אויס, אַז דער סך הכל פון זיינע געשעפטען איז אַ טרויעריגער, אַנשטאַט פּראָפיטען איז גאָר דאָ שאָדען, דאַן פאַנגט דער בעל הבית אָן גוט אַריינצוטראַכטען זיך אין די אורזאַכען, וואָס האָבען מיטגעבראַכט צו דעם דאָזיגען פאַרלוסט, און ער נעמט אויף זיך, אַז אין דער צוקונפט זאָל ער זיין מעהר פאַרזיכטיג און זאָל ניט אָנגעהן צו האַסטיג מיט זיין פאַרמעגען, וואָס איז איהם אָנגעקומען נאָך אַזוי פיל יאָהרען פון אַרבייט און זאָרג...

אויב מען איז אַזוי פאַרזיכטיג אין געלד-ענינים, כאָטש אויב מען פאַרלירט געלד, איז דאָך דאָ אַ האָפענונג אָפּצומאַכען עס אַמאָל, היינט

ווי דאַרף מען שוין זיין פאַרזיכטיג מיט די מענשליכע יאָהרען, וועלכע זיינען געשאָנקען פון גאָט, און יעדעס יאָהר, וואָס געהט אַוועק קען מען שוין קיינמאָל צוריק ניט כאַפּען. „אדם דואג על אבוד דמיו ואינו דואג על אבוד ימיו, דמיו אינם עוזרים וימיו אינם חוזרים". (מאמר החכם) — דער מענש זאָרגט זיך, ווען ער פאַרלירט געלד, און ער זאָרגט זיך ניט, ווען ער פאַרלירט זיינע טעג... זיין געלד קען איהם צייטענווייז גאָר ניט העלפען, אָבער זיינע טעג קעהרען זיך שוין מעהר ניט צוריק... דעריבער דאַרף יעדער איינער ביים סוף פון יאָהר נעהמען „סטאָק" פון זיינע טעג, וואָכען און מאָנאַטען, וואָס זיינען אַוועק, און אונטערציהען דעם באַלאַנס און זעהן צי מען האָט פּראָפיטירט און צי דער לעבען האָט זיך געלוינט, אָדער פאַרקערט, מ'האָט געהאַט פאַרלוסט, און דער לעבען האָט קיין ווערט ניט געהאַט. „על כן יאמרו המושלים באו חשבון... באו ונחשוב חשבונו של עולם" (בבא בתרא ע"ח) — די אמת'ע מושלים, וועלכע האָבען דעם גאַנצען קאָנטראָל איבער זיך, זיי זאָגען: קומט, און מיר וועלען אויסרעכענען צי אונזער לעבען ברענגט אונז פּראָפיטען אָדער, גאָט באַהיט, שאָדען...

אויב יעדער איינציגער נעמט „סטאָק" פון זיין לעבען יעדען יאָהר, איז דאָך פאַרשטענדליך, אַז מאַן און פרוי דאַרפען זיך אודאי אַמאָל אָפּשטעלען אין דעם הו־האַ פון זוכען פרנסה און פאַרזאָרגען די קינדער און זיך גוט באַטראַכטען און מאַכען דעם אמת'ן חשבון און אונטערציהען דעם גאַנצען סך הכל, צי עס לוינט זיך די אַרבייט און זאָרג, וואָס זיי גיבען אַוועק פאַר זייערע קינדער; צי האָבען די יאָהרען פון זייער פאַר־הייראַטען לעבען געבראַכט זיי גליק און פרידען; צי האָבען זיי אַרוים־געבראַכט שעהנע דורות, מיט וועמען גאָט און לייט בענשען זיך. מיט איין וואָרט, גוט אַרומזעהן זיך, וואו מ'האַלט אין דער וועלט. אַזאַ סאָרט „סטאָק" נעהמען קען מען ניט יעדען יאָהר. מען מוז וואַרטען געוויסע יאָהרען, ביז וואַנען עס לאָזט זיך אַזאַ חשבון מאַכען. דעריבער האָט מען צוטיילט דאָס פאַרהייראַטע לעבען אין דריי צייטען: ווען די קינדער ווערען עטוואָס גרעסער, דאַן פייערט מען די קופּערנע אָדער בלעכענע האָכצייט; ווען די קינדער זיינען שוין אויסגעוואַקסען, אַ טייל פון זיי האָבען שוין געהייראַט, דאַן פייערט מען דעם פינף־און־צוואַנציג יעהרי־גען חתונה־יובילעאום און מ'רופט עס „זילבערנע האָכצייט"; ווען עס געהען אַוועק גאַנצע פופציג יאָהר אָדער פינף־און־זיבעציג יאָהר פון

דעם פארהייראטען לעבען, רופט מען זיי „גאלדענע“ און „דיימאנטענע“ האכצייט...

מיט פינף-און-צוואנציג יאהר צוריק זיינען די בעלי שמחה פון דעם היינטיגען אווענד געשטאנען אונטער דער חופה. פריינד און באקאנטע האבען זיי מזל טוב געוואונשען. זייערע עלטערען האבען זיי צו דער חופה באגלייט מיט טרעהרען. די חתן כלה זעלבסט האבען דעם ערב-חתונה געפאסט און געזאגט תפלות, אז גאט זאל זיי שיקען דאס ריכטיגע גליק אין זייער לעבען...

אין דער אלטער היים, אויף יענער זייט ים, איז ניט געווען א חתונה, וואו טרעהרען זאלען ניט פארגאסען ווערען. און אויב עס זיינען ניט געווען קיין אורזאכען צו פארגיסען טרעהרען — די עלטערען פון חתן כלה לעבען, גאט צו דאנקען, די חתן כלה זיינען אין בעסטען געזונד-צושטאנד, זייער עקאנאמישער מצב איז צופרידענשטעלענד — פלעגט מען פונדעסטוועגען אראפברענגען א בדחן, וועמענס קונסט איז באשטאנען אין דעם, אז ער זאל וואס מעהר טרעהרען ארויסקריגען פון חתן כלה און פון די מחותנים. דער בדחן פלעגט זיך פאנאדערלאזען מיט זיינע גראמען און מאלען פאר זיי די צוקונפט מיט פארשיידענע אומעטיגע בילדער, אז אלע פלעגען יאמערען און קלאגען...

וויסענדיג ווי שווער עס איז אין די גלות-לענדער א לעבען צו מאכען, ווי ווייט אלע טויערען פון פרנסה זיינען פארשלאסען פאר דעם אידען, און ווי שווער עס איז פאר א פאמיליען-מאן צו ברענגען דאס שטיקעל ברויט אין הויז אריין, האט דער בדחן דאס אלץ געשילדערט, און דאס האט אריינגעווארפען אין שרעק די חתן כלה און די מחותנים. ווער ווייסט וואס פאר א צוקונפט עס שטעהט זיי פאר? דער מזל טוב, וואס דער עולם האט זיי געוואונשען, איז געווען איינגעוויקעלט אין נעבעל, ווייל נאר די צייט אליין וועט צייגען, צי דער מזל טוב איז א ריכטיגער. דעריבער זיינען אלע חתונות געפייערט געווארען מיט טרעהרען און קרעכצען...

מיט פינף-און-צוואנציג יאהר צוריק, ווען די היינטיגע בעלי שמחה האבען חתונה געהאט, איז אויך דאסזעלבע געווען. מ'האט דאן פיל טרעהרען פארגאסען, ווייל זייער צוקונפט איז געווען א רעטעניש. די צייט אבער, וואס איז פארלאפען פון דאן אן, האט געגעבען אויף אלעם אן ענטפער. דער ענטפער איז געווען א גוטער און גליקליכער. מיר

זעהען פאַר זיך די זעלביגע חתן כלה, וועלכע לעבען נאָך ווי צוויי טייבעלאַך, און אַרום זיי איז אַרומגערינגעלט אַ מחנה פון זיהן און טעכטער, איידעמס און שניר און אויך אַ פּאָר קליינינקע אייניקלאַך. זיי אַלע צוזאַמען שטעלען פאַר אונז פאַר אַ וואונדערבאַר בילד. אויך האָט זיי גאָט געבענשט מיט רייכטום און מיט אַ גוטען נאָמען, וואָס אויף דעם זאָגט אונז דער חכם מכל אדם: „נבחר שם מעושר רב מכסף ומזהב חן טוב" (משלי כ"ב א') — ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ גוטער נאָמען איבער גרויס רייכטום, און אמת'ער חן שטעהט העכער פון זילבער און גאָלד...

„הלך ילך ובכה נושא משך הזרע" (תהלים קכ"ו ו'.) — ווען דער פּאַרמער טראָגט זיין זריעה אויפ'ן פעלד צו פאַרזייהען, געהט ער און קלאָגט, ווייל דער פאַרמער ווייסט ניט וואָס די צוקונפט פון די קערנער וועט זיין — צי עס וועט זיין רעגען און זון אין צייט, און די תבואה וועט זיין געראָטען אָדער, גאָט באַהיט, פאַרקערט. „בא יבא ברנה נושא אלומותיו" (שם) — ווען קומט דער פאַרמער מיט געזאַנג, ווען ער טראָגט שוין די גאַרבען פון פעלד און זעהט וואָס זיינע קערנער האָבען אויפגעטאָן און וואָס פאַר אַ פּרוכט ער האָט געהאַט. דאָסזעלבע זאָגען מיר היינט „הלך ילך ובכה נושא משך הזרע" — מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען חתן כלה זיינען צו דער חופה געגאַנגען, האָבען זיי געקלאָגט, און זייערע הערצער זיינען געווען צובראָכען, ווייל זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס די צוקונפט וועט זיי ברענגען. „בא יבא ברנה נושא אלומותיו" — אָבער יעצט, נאָך אַזוי פיל יאָהרען, קומען זיי מיט געזאַנג, ווייל זיי טראָגען די גאַרבען פון פעלד און זיינען אָנגעלאָדען מיט כל טוב, מיט גוטע קינדער, אייניקלאַך און רייכטום און אויך אַ שעהנעם עהרליכען נאָמען...

קופּער, זילבער און גאָלד, איידער זיי פאַרדינען זייער נאָמען, מוזען זיי דורכמאַכען פאַרשיידענע לייטערונגען. „כי יש לכסף מוצא ומקום לזהב יזקו, ברזל מעפר יקח ואבן יצוק נחושה" (איוב כ"ח א' ב')—זילבער האָט זיין פּלאַץ פון וואַנען ער קומט, און דאָס גאָלד האָט דעם פּלאַץ וואו עס ווערט געגאָסען, אייזען ווערט גענומען פון דער ערד, און ס'זיינען דאָ אַזעלכע שטיינער וואָס מ'גיסט אויס פון זיי קופּער. נאָך דעם אַלעמען ווערען די אַלע מעטאַלען געלייטערט און געשליפען, ביז וואַנען די פאַרשיידענע פסולת'ן ווערען אַרויסגענומען. און וואָס העכער דער מעטאַל

איז אין זיין ווערטה, אַלץ מעהר ווערט ער גערייניגט און געליטערט און געשליפען...

דאָסזעלבע איז אין דעם פאַרהייראַטען לעבען. מ'ווערט גענוג געליטערט און געשליפען ביז וואַנען מ'דערלעבט צו פייערען די קופער-נע, זילבערנע און גאָלדענע האַכצייטען. מ'געהט דורך די פאַרשיידענע לייטערונג-מאַשינערי ביז וואַנען מ'ערציהט קינדער און מ'קען זעהן פון זיי עטוואָס נחת. מ'ווערט גענוג געשליפען, ביז וואַנען מ'אַרבייט זיך אַרויף צו מאַכען אַ בכבוד'יג לעבען.

די בעלי שמחה פון דער היינטיגער פייערונג האָבען גענוג דורכגע-מאַכט אין פאַרלויף פון די דאָזיגע פינף-און-צוואַנציג יאָהר. זיי האָבען אָנגעפאַנגען זייער פאַרהייראַטען לעבען, ווען זיי זיינען געווען גאַנץ אָרים אויף יענער זייט ים. גלייך נאָך דער חתונה איז דער בעל שמחה געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין געליבטע פרוי און אויך זיין געבורטס שטעטעל און אוועקטראָגען זיך איבער ימים און קומען אין אַ פרעמד לאַנד. דאָ האָט דער חתן היובל פון דעם היינטיגען אָוועגד געאַרבייט שווער און ביטער, ביז וואַנען ער האָט זיין פרוי אַריבערגענומען. די זון האָט אַ שיין געטאָן, און פאַר די לעצטע צעהן יאָהר איז מען געגאַנגען אויף דעם לייטער פון גליק. און היינט זעהען מיר זיי מיט שטראַהלענדע געזיכטער, ווי זיגער נאָך אַ גרויסער שלאַכט. זיי זיינען אַרויסגעקומען גאַנץ פון דעם שרעקליכען קאַמף, פון דער מלחמת החיים.

און היינט האָבען זיי געפונען פאַר נויטיג אונז אַלעמען איינצולאַדען און צוזאַמען מיט אונז פייערען זייער זיג, דעם נצחון, וואָס זיי האָבען אָפּ-געהאַלטען אין דער לייטערונג, וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט און זיינען אַרוים בשלום, פונקט ווי דאָס זילבער, וואָס האָט דורכגעמאַכט זיינע שטופען אין די לייטערונג-מאַשינען און געהט אַרוים אין דער גרויסער וועלט אַלס אַ מטבעה, וואָס מענשען האַלטען טייער און לאָזען זיך אָפּפערען פאַר דעם...

„אפריון זה בית המקדש, עשה לו המלך שלמה מעצי הלבנון שנאמר (דברי הימים ב' ב') ואנחנו נכרת עצים מן הלבנון, עמודיו עשה כסף שנאמר (מלכים א' ז') ויקם את העמודים לאולם ההיכל... תוכו רצוף אהבה... ר' סימן אומר זו השכינה" (מ"ר במדבר י"ב) — דער בית המקדש, וועלכען שלמה האָט געבויט, איז געווען פון די לבנון בוימער, און זיינע זיילען זיינען געווען פון זילבער. תוכו רצוף אהבה — אָבער

דער עיקר פון דעם אַלעמען איז, וואָס אינעווייניג, אין דעם בית המקדש, האָט געהערשט די אמת'ע ליבע און געטריישאַפט — וואָס דאָרטען האָט די שכינה גערוהט... דאָס פאַמיליען-לעבען פון מאַן און פרוי איז גע־גליכען צו אַ בית המקדש, אין וועלכען די עמודים, די זיילען, וואָס האַלטען אויף דעם בית המקדש, זיינען פון זילבער — „ואין כסף אלא זקוק... כמה דתימא וישב מצרף ומטהר כסף וטהר את בני לוי וזקק אותם...“ (מ"ר שם) — וועלכעס ווערט פריהער געלייטערט און געשליפען... די עמודים, אויף וועלכע דאָס אידישע הויז ווערט געהאַלטען, זיינען אויך גלייך צו די זילבערנע עמודים פון בית המקדש. די זיילען פון דעם הויז מיינט, אַז מ'מוז זיך לאָזען לייטערען און פייניגען פאַר אַ געוויסער צייט, ביז גאָט העלפט און מ'געהט אַרוים אין דער גרויסער וועלט מיט שטאָלץ און מוט... דאָס אַלעס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם „תוכו רצוף אהבה“ — ווייל אינעווייניג אין הויז איז פאַר יאָהרען געוועזן די שכינה. דאָס הויז איז געפיהרט געוואָרען עכט-אידיש, מיט אַ מזוזה, מיט אַ כשר'ער קיך, מיט דעם שבת, מיט חנוך הבנים והבנות, און אין הויז האָט אימער געהערשט אַן אמת'ע ליבשאַפט פון מאַן צו דער פרוי. דאָס אַלעס האָט פאַראורזאַכט, אַז די זיילען פון דעם הויז זאָלען זיין פעלזען-שטאַרק...

מיר ווינשען די חתן כלה, אַז זיי זאָלען דערלעבען צו פייערען זייער גאָלדענע חתונה, און דאַן זאָלען זייערע מחנות זיין פאַרגרעסערט מיט אייניקלאַך און אור-אייניקלאַך, וועלכע זיינען די קרוין פון עלטער — „עטרת זקנים בני בנים...“ (משלי י"ז ו'). און די קינדער זאָלען וויסען ווי טייער צו האַלטען זייערע ווירדיגע עלטערען, וועלכע האָבען זיי צו גליק און רייכטום געבראַכט. — אָמן! אָמן!

# וקדשתם את שנת החמישים

## לחתונת זהב

כולך יפה רעיתי... לפי שירמיה אומר (ירמיה ו׳) כסף נמאס קראו להם, ויחזקאל קורא אותם סיגים (יחזקאל כ״ב) בן אדם היו לי בית ישראל לסיג... בא זכריה ואמר (זכריה ד׳) ראיתי והנה מנורת... של זהב היא כולה לקיים מה שנאמר כולך יפה רעיתי...

(מדרש רבה נשא פ׳ י״ג ח׳).

פראַכטפאָל און ערהאַבען איז די פייערונג פון דעם פופציג־יעהריגען חתונה־יובילעאום, וועלכע מיר רופען מיט דעם קלינגענדען נאָמען די „גאָלדענע האָכצייט״.

ווי שעהן איז דאָס פאַר׳ן אויג אָנצוקוקען דאָס הערליכע בילד, ווי צוויי פערזאָן, וועלכע האָבען געשלאָסען זייער אייביגען פאַרבאַנד מיט פופציג יאָהר צוריק, זיינען יעצט אַרומגערינגעלט מיט אַ גרויסער, שעה־נער פאַמיליע פון זיהן, טעכטער, איידימס, שניר, אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך. פונקט ווי דער אַלטער בוים, וועלכער איז באַוואַקסען און אָנגעלאָדען מיט גרויסע און קליינע צווייגען, און אויף די צווייגען רוהען וואונדערבאַרע שעהנע און געראָטענע פרוכט...

אויף דעם חתן היובל איז מקוים געוואָרען דער „ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל״ (בראשית כ״ב ד׳) — אברהם איז אַלט געוואָרען און איז געקומען אין טעג, און גאָט האָט אברהם׳ען געבענשט מיט אַלעם.

ווען מיר זיינען אויף אונזער אייגענעם באָדען געווען, ווען מיר האָבען אַ לאַנד געהאַט און אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך געווען, דאַן האָבען מיר געהאַט דעם שעהנעם איינפיהר פון שמיטה און יובל, וועלכע אונזער הייליגע תורה האָט אָנגעזאָגט. „כי תבוא אל הארץ״ — אַז איהר וועט אין אייער לאַנד קומען, „ושבתה הארץ שבת לה׳״ (ויקרא ל״ב ב׳) — זאָל די ערד רוהען אַ שבת צו גאָט.

„זעקס יאָהר זאָלסטו דיין פעלד זייהען און דיין וויינגאָרטען שניידען און אויפזאַמלען אַלע פרוכט און תבואה, אָבער אין דעם זיבעטען יאָהר איז שמיטה — דיין פעלד און דיין וויינגאָרטען זאָלסטו ניט זייהען און ניט שניידען.״

אזוי זיינען אוועק זיבען שמיטה׳ס, ביז עס איז געקומען דאָס פופ־ציגסטע יאָהר, און דאַן איז געווען יובל. און די תורה זאָגט: „וקדשתם את שנת החמישים שנה וקראתם דרור בארץ לכל יושביה" (שם י׳) — און איהר זאָלט הייליגען דאָס פופציגסטע יאָהר און איהר זאָלט אויסרופען פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע איהרע איינוואוינער. און דעם צעהנטען טאָג פון דעם זיבעטען מאָנאַט האָט דער שופר געגעבען זיינע סיגנאַלען, און אַלע קנעכט און שקלאַפען זיינען באַפרייט געוואָרען. יעדער האָט זיך אומגעקערט צו זיין נחלה און אחוזה, וואָס ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרקויפען...

אין דעם פאַרהייראַטען לעבען דאַרף אויך קומען אַ צייט, וועלכע זאָל הייסען יובל. ווען אַ מאַן און פרוי, וועלכע האָבען אַזוי שווער גע־טראָגען דעם יאָך פון קינדער ענטוויקלען און ערציהען און אויך געטראָ־גען אויף זיך די קיום פון פרנסה, ווען אַזאַ מאַן און פרוי דערלעבען דעם פופציגסטען יאָהר פון זייער הייראַט, דאַרף בנוגע זיי אָפּגעהיט ווערען דער אָנזאָג פון דער תורה: „וקדשתם את שנת החמישים שנה" —דאָס פופציגסטע יאָהר זאָל פאַרהייליגט ווערען און „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה" — פרייהייט מוז געגעבען ווערען צו דעם אַלטען קאַפּעל, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט צוזאַמען פופציג זומערס און פופ־ציג ווינטערס. פון היינט אָן און ווייטער טאָרען זיי זיך שוין מעהר ניט איינצאַמען צו פיהרען אַ לעבען פון זאָרג און אַרבייט. די צייט איז געקומען, אַז די אַלטע פּאָר זאָל אַרויסגעהן פריי אין דער גרויסער וועלט און די, וועלכע האָבען אַזוי פיל יאָהרען געזייהט מיט טרעהרען, זאָלען שניידען מיט געזאַנג.

די היינטיגע בעל שמחה זיינען שוין געקומען אין דעם הויכען על־טער. פאַר די זיבעציג יאָהר, וואָס זיי האָבען פאַרבראַכט פון זייער געבורטס־טאָג ביז היינט אויף גאָט׳ס ערד, האָבען זיי פילעס דורכגע־מאַכט און דורכגעלעבט. פאַר זייער צייט האָט די אַלגעמיינע וועלט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע קאַטאַסטראָפעס, לענדער זיינען חרוב גע־וואָרען. „שלשה ראו ג׳ עולמות: נח, דניאל ואיוב. נח ראה עולם בישובו וראהו בחרבנו וחזר וראהו בישובו. דניאל ראה בנין בית ראשון וראהו חרב וחזר וראהו בנו בבנין בית שני. איוב ראה בנין ביתו וחרבנו וחזר וראהו בישובו" (מדרש תנחומא נח) — דריי האָבען געזעהן פאַר זיך דריי סאָרטען וועלטען: נח, דניאל און איוב. נח האָט געזעהן די

וועלט ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט, אָבער ער האָט אויך געזעהן איהר חורבן דורך דעם מבול און האָט ווייטער דערלעבט צו זעהן ווי זי איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען. דניאל האָט געזעהן דעם פּראַכטפּאָלען בנין פון דעם ערשטען בית המקדש און האָט איהם אויך געזעהן, ווען ער איז חרוב געוואָרען, און האָט דערלעבט צו זעהן ווי אַ צווייטער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרען. איוב האָט געהאַט צוערשט גליקליכע יאָהרען: זיין הויז איז פּאַלשטענדיג געבויט געוואָרען, אָבער אין פּאַרלויף פון אַ געוויסער צייט איז זיין גליק צושטערט געוואָרען, און זיין הויז איז חרוב געוואָרען. צום סוף האָט ער ווידער זוכה געווען צו זעהן ווי זיין הויז און זיין אַלגעמיינער מצב איז צוריק אויף דעם פּלאַץ געקומען ווי עס איז געווען אַמאָל...

אונזערע בעלי היובל האָבען דורכגעמאַכט און דורכגעזעהן פּונקט דאָסזעלבע וואָס נח, דניאל און איוב. אין די לעצטע זיבעציג יאָהר איז די וועלט ניט איינמאָל חרוב געוואָרען דורך שרעקליכע מלחמות און גאָר צולעצט דורך דעם וועלט-קריג. אָבער זיי האָבען דערלעבט צו זעהן ווי די וואונדען אין דער וועלט האָבען זיך צוריק פּאַרהיילט, און די וועלט איז צו זיך צוריק געקומען. אויך האָבען זיי געזעהן, ווי דער אידישער בית המקדש, די אידישע הייליגטימער, זיינען אויף יענער זייט ים (וואו זיי זיינען פּאַרהייראַט געוואָרען) געווען שטאַרק ווי אייזען, דאָס אידענטום האָט דאָרטען געבליהט; אָבער קומענדיג אַהער אין דער גאָלדענער מדינה, אַמעריקא, מיט פערציג יאָהר צוריק, האָבען זיי געזעהן ווי דער דאָזיגער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, די אַלע הייליגטימער ווערען געטראָטען מיט די פיס. זיי האָבען אָבער אויך דערלעבט צו זעהן ווי דער בית המקדש ווערט דאָ צוריק אויפגעבויט, זיי האָבען דערלעבט צו זעהן ווי עס וואקסען אין אַמעריקא פּראַכטפּאָלע שוהלען, תלמוד תורה'ס און ישיבות, און די אידישקייט שטעהט יעצט אין אַמעריקא אויף אַ שעהנערער און העכערער שטופע ווי מיט פערציג יאָהר צוריק... ווי דער בעל היובל האָט אונז ערקלערט אין זיין רעדע, האָט ער זיין הויז אַמאָל געזעהן גאַנץ פעסט, זיין מצב איז געווען פעלזענשטאַרק. אָבער דאָס רעדעלע האָט זיך אַ דרעה געטאָן ווי ביי איוב'ן, און דאָס הויז איז חרוב געוואָרען, די קינדער זיינען צושפּרייט געוואָרען, און ס'זיינען געווען צייטען, ווען די ווירדיגע בעלי שמחה האָבען געדענקט, אַז אַלעס איז פאַרלוירען... אָבער דער אַלמעכטיגער גאָט האָט

זיין זון צוריק אין זייערע פענסטער געלאָזט שיינען. און יעצט צו זייער גאָלדענער חתונה זעהען מיר זיי ווי גרויסע זיגער, וועלכע זיינען געקומען נאָך אַ גרויסער שלאַכט. זייער מצב איז הונדערט פּראָצענט גוט. זיי האָבען דערלעבט צו זעהן פאַר זיך שעהנע דורות פון קינדער און קינדס-קינדער, און אַלע פיהרען זיך אין גאָט'ס וועג, און זיי אַלע האָט גאָט געבענשט מיט רייכטום. אַזעלכע בעלי שמחה פייערען מיט אַן אמת די גאָלדענע האָכציימ, ווייל זיי האָבען דורכגעמאַכט זייערע קופּערנע און זילבערנע צייטען, זיי האָבען דורכגעמאַכט די אַלע לייטערונגען, ביז וואַנען זיי האָבען דערלעבט צו זעהן דאָס ריינע גאָלד, וואָס עס לייכט און מאַכט פרעהליך יעדען מענשען, ווען מ'קוקט דאָס אָן...

גאָלד איז דאָס העכסטע און בעסטע מעטאַל. „א"ר שמעון בן לקיש לא היה העולם ראוי להשתמש בזהב ולמה נברא בשביל המשכן ובשביל בהמ"ק" (שמות רבה ל"ה א') — ר' שמעון בן לקיש זאָגט, אַז די וועלט איז גאַר ניט ווערט געוועזן זיך צו באַנוצען מיט גאָלד, נאָר צוליב וואָס איז דאָס גאָלד באַשאַפען געוואָרען? נאָר צו פוצען מיט דעם דעם משכן און דאָס בית המקדש. ביי דעם בויען פון דעם בית המקדש זיינען געוועזן פאַרשיידענע סאָרטען גאָלד: דער זהב טהור, וואָס אויף איהם זאָגט עדות רבי יצחק „טובוי דהוא בביתיה טובוי דהוא בלוויתיה" (בראי רבה ט"ז ג') — דאָס גאָלד, וואָס איז גוט אין דער היים און איז אויך גוט, וואו מ'געפינט זיך מיט איהם; אויך איז דאָרטען געוועזן דער זהב טהור „שהיו מכניסין אותו לכור ואינו חסר כלום" (שם) — דאָס ריינע גאָלד, וואָס מ'פלעגט אַריינברענגען אין טעסט-מאַשין און ס'האָט פון איהם גאַר ניט געפעלט; אויך דער זהב שחוט, זהב סגור, זהב מזוקק, זהב מופז און זהב פרוים. (שמות רבה ל"ה א', במדבר רבה י"ב ד').

די זעלביגע זאַך איז מיט אונז מענשען, וואָס זיינען גלייך צו גאָלד. עס איז דאָ אַ קלאַסע מענשען, וואָס זיינען גלייך צו דעם זהב טוב — וואו זיי זאָלען ניט זיין, צי אין זייער אַלטער היים אויף יענער זייט ים, צי אין דער נייער, אַמעריקא, איבעראַל בלייבען זיי דאָס גוטע גאָלד, וואָס האָט קיין פסולת ניט... אויך זיינען דאָ מענשען, וואָס זיינען זהב טהור — מעגען זיי דורכמאַכען אַלע טעסט-מאַשינען פון לייטערונגען, בלייבען זיי אויף זייער זעלבען פּלאַץ פון אידישקייט, עס פעהלט פון זיי גאָר ניט... עס איז דאָ אויך זהב שחוט — געצויגענער גאָלד — מענ-שען, וועלכע האַלטען ניט איינגעוויקעלט זייערע מטבעות, נאָר לאָזען

זיי ציהען אויף דעם פייער, „והיה סכין בו כשעוה הנתונה על גבי פינקס" (שם) — וואס נעהמען זייער גאלד און מאכען פון איהם גאלדענע פעדים פאר די צוקונפטיגע דורות צו זעהן וואס פאר א עלטערען זיי האבען געהאט. אויך זיינען דא קמצנים, וואס זיינען גלייך צו דעם זהב סגור —„שהיה סוגר כל הזהבים שהיו שם" (שם) — איינגעשלאסען גאלד, וועלכעס ניט נאר מ׳גיט אליין ניט, נאר מ׳גלייכט אויך ניט צו זעהן, אז א צווייטער זאל געבען. פאראן אויך דער זהב מזוקק, „שהיה טוחין בו את הכתלים" (שם) — דאס גאלד, וואס געהט אוועק נאר פאר לוקסוס און צו פאשען זיך מיט אלע וואוילטאגען, דאס גאלד וואס מ׳שמירט מיט איהם די אייגענע ווענט און די פיער ווינקעלאך... „זהב מופז שהיה דומה לגפרית" (שם) — אויך איז דא גאלד, וואס ברענגט אומגליק אויף דער וועלט, וואס ברענגט מלחמות צווישען לענדער און פעלקער. דאס דאזיגע גאלד איז גלייך צו שוועבעל, וואס ברענט די וועלט אין א העליש פייער... „זהב פרוים, שהיה דומה לדם הפרים" (שם) — אויך איז דא גאלד, וואס באוועגט דעם מענשען, אז ער זאל זיך פארגעסען אן אלע זיינע פליכטען פון מענשליכקייט און ווערט פארוואנדעלט אין דעם גע־שטאלט פון א בהמה...

גאלד איז דאס וואונדערבארסטע מעטאל, דאס איז דער מועט מחזיק את המרובה — א קליינע מטבע, וואס האט א גרויסען ווערטה. „יש אדם פורט זהוב אחד והוא מוציא ממנו כמה יציאות" (שם) — א מענש בייט אוים איין גאלד־שטיק און ער קריגט פאר דעם פיל זאכען.

אבער עס ווענדט זיך אין וואס פאר א הענד דאס גאלד פאלט אריין. די היינטיגע בעלי שמחה זיינען גלייך צו דעם זהב טוב און צו דעם זהב טהור און אויך צו דעם זהב שחוט. אין דער היים געוועזען אידען און אויך דא, אין אמעריקא, זיינען זיי פארבליבען דיזעלבע. די אלע טעסטען פון יסורים, וואס זיי האבען דורכגעמאכט, האבען פון זייער אידישקייט ניט געמינערט קיין זאך. אויך איז זייער גאלד א געצויגענער — ניט געלעבט בלויז פאר זיך, נאר געהאלפען אלע בתי חסד און בתי צדקה און אויך געהאלפען די אייגענע קרובים אויף יענער זייט ים און אויך דא...

„כולך יפה רעיתי... לפי שירמיה אומר כסף נמאס קראו להם ויחזקאל קורא אותם סיגים — בן אדם היו לי בית ישראל לסיג... בא זכריה ואמר ראיתי והנה מנורת של זהב היא כולה לקיים מה שנאמר כולך יפה רעיתי" (מ"ר פ׳ י"ג ח׳) — דער אלמעכטיגער גאט זאגט צו דעם אידישען

פאָלק: דו ביסט אינגאַנצען שעהן און קיין פעהלער איז אין דיר ניטאָ.
ווייל ירמיה האָט דאָס אידישע פאָלק פאַרגליכען צו זילבער, וואָס איז פאַראומווירדיגט געוואָרען, און יחזקאל רופט זיי אַ פאָלק פון פסולת, איז געקומען דער נביא זכריה און פאַרגלייכט זיי צו גאָלד. דאָס איז כדי מקיים צו זיין גאָט'ס ווערטער „כולך יפה רעיתי ומום אין בך"...

אַנטקעגען אַלע מעטאַלען איז דאָס ערהאַבענסטע — גאָלד, סיי אין זיין אויסערליכען אויסזעהן, סיי אין זיין אינערליכען ווערטה. דעריבער ווען זכריה האָט דאָס אידישע פאָלק געוואָלט פאַרשטעלען אין דעם גרעסטען גלאַנץ און ווערטה, האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט געפונען, נאָר גאָלד.

דעם פופצעהן-יעהריגען חתונה-יובילעאום האָט מען איינגעפיהרט צו רופען מיט דעם נאָמען „קופערנע האָכצייט" און דעם פינף-און-צוואַנציג יעהריגען חתונה-יובילעאום מיט דעם נאָמען „זילבערנע האָכצייט", ווייל אין די אַלע יאָהרען איז נאָך דאָס פאַרהייראַטע לעבען פון מאַן און פרוי אין דער טעסט-מאַשין פון לייטערונג, מען האָט ערשט אָנגעפאַנגען אַרויפצוקריכען אויף דעם באַרג פון דעם פאַמיליען-לעבען. צו פופצעהן יאָהר זיינען נאָך די קינדער קליין און צו פינף-און-צוואַנציג יאָהר זיינען נאָך ניט אַלע קינדער פאַלשטענדיג געסעטעלט. אָבער ווען מ'לעבט אָפּ צוזאַמען פופציג יאָהר און מ'איז געלייטערט געוואָרען פון אַלע פאַרשיידענע טעסט-מאַשינען, און אַלע פסולת'ן פון לעבען זיינען אַוועק, דאַן פאַנגט אָן די גאָלדענע פעריאָדע; מ'פאַנגט זיך אָן אויסרוהען, קומענדיג אויפ'ן שפיץ-באַרג פון פאַרהייראַטען לעבען; מען מאַכט דעם חשבון הנפש און מ'ציהט אונטער דעם באַלאַנס פון אַלעם; מ'זעהט, וואָס מ'האָט אויפגעטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט און מ'קלייבט נחת פון יעדער זאַך...

איך זעה ביי אַלע זיהן און טעכטער, איידימס און שניר, אייניקלאַך און אור-אייניקלאַך שטראַהלענדע געזיכטער פון פרייד און גליק, וואָס זיי האָבען דערלעבט צו האָבען נחת און פאַרגעניגען פון זייערע עלטערען און גראָס-עלטערען. „ותפארת בנים אבותם" — די שעהנקייט פון קינדער זיינען די עלטערען. און אַלע קינדער מעגען זיך פרעהען און זיין שטאָלץ, וואָס זיי האָבען גורם געווען די דאָזיגע פייערונג, אַ דאַנק זייער אָפּהיטען פון אמת'ן כבוד אב ואם האָבען זייערע עלטערען דערלעבט צו אַ הויכער עלטער און צו פייערען די גאָלדענע האָכצייט...

עס ברענען תּופציג ליכט אויף דעם חתונה־יובילעאום קייק. יעדעס ליכט פאַרטרעט אַ יאָהר, ווייל יעדעס יאָהר שיינט אַרוים מיט שעהנקייט און ערהאַבענקייט. דאָס אַלעס איז צו פאַרדאַנקען דעם זיסען וועדינג־קייק, וואָס האַלט זיי אַלעמען אויף. דעם הויפּט דאַנק דאַרף קריגען די כלה, וועלכע האָט פאַרזיסט דעם לעבען צו יעדער צייט, ווען עס איז געווען ביטערליך. „אין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו" (ב"מ נ"ט) — מזל ברכה קומט אין הויז נאָר אַ דאַנק דער פרוי. „אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו" (שם) — האַלט טייער און בכבוד אייערע פרויען, וועט אייך גאָט בענשען מיט רייכטום און גליק.

מ'דאַרף האָבען דעם גרעסטען מזל אויסצולעבען אַזוי פיל יאָהרען מיט דער ערשטער געבענשטער פרוי. „אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה" (יבמות ס"ג) — אַ מענש געפינט זיין אמת גליק און צופרידענהייט נאָר פון זיין ערשטער פרוי, און בפרט אַזאַ פרוי ווי די היינטיגע בעלת שמחה, וועלכע האָט דורכגעהאַלטען דעם עקזאַמען אין אַלע וועגען אַלס אַ פאַלשטענדיגע אשת חיל. „אין אשה אלא ליופי, אין אשה אלא לבנים, אין אשה אלא לתכשיטי אשה" (כתובות נ"ט) — אַ פרוי איז נאָר פאַר שעהנקייט — איז זי פאַרבליבען שעהן און קרעפטיג, אַ פרוי איז נאָר פאַר קינדער — האָט זי קינדער געראָטענע אויף דער וועלט געבראַכט, אַ פרוי איז נאָר פאַר צירונג — און אונזער כלה געהט אַזוי שעהן פאַרפּוצט און באַהאַנגען מיט דיימאַנדס און גאָלד. עס בלייבט אונז אַלעמען צו ווינשען זיי, אַז זיי זאָלען נאָך דערלעבען צו פייערען די דיימאָנטענע חתונה און צו זעהן אין זייער צייט, ווי דאָס אידישע פאָלק וועט אין אַלגעמיין אויפלעבען אין זיין הייליג לאַנד, און עס וועט זיין שלום על ישראל. — אָמן! אָמן!

# ספינה שאבד קברניטא

## הספד על רב גדול

אָמר רב חנן בר רבא אָמר רב אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי אומות העולם בשורה ואמרו אוי לו לעולם שאבד מנהיגו, ואוי לה לספינה שאבד קברניטא.

(ב"ב צ"א).

מיר באַגלייטען היינט איינעם פון די וויכטיגסטע רבנים אין אַמע־ריקא צו זיין אייביגער רוה אויף דעם בית החיים. מיר זאָגען היינט דעם לעצטען „גוד־באַי" צו דעם גרויסען מנהיג, וואָס האָט גע־פיהרט טויזענדער אידען פאַר צעהנדליגער יאָהרען אויף דעם וועג פון תורה און יראת שמים.

איך זעה טויזענדער מענשען, וועלכע שפּאַרען און דריקען זיך אין די גאַסען, און אויף אַלע געזיכטער רוהט אַ שרעקליכער אומעט. טיף, טיף אין הארצען נאָגט אַ גרויסער יאָמער, און די אויגען פון אַלעמען זיינען אָנגעפילט מיט ווארימע טרעהרען — אַלע פאַרזאַמעלטע פיהלען, אַז דאָס טייערסטע און בעסטע האָבען זיי פאַרלוירען מיט דעם אָפּ־שטאַרבען פון אַזאַ גרויסען גאון.

אין דער אַלטער וועלט, ווען מיר האָבען באַגלייט אַ גרויסען רב צו זיין קבר, האָבען מיר זיך געטרייסט מיט דעם „ובא השמש וזרח השמש עד שלא שקעה שמשה של משה הזריח שמשו של יהושע... עד שלא שקעה שמשו של יהושע הזריח שמשו של עתניאל בן קנז... זרחה שמשו של עלי הכהן... זרחה שמשו של שמואל..." (קהלת רבה א' י')—די זון פאַרגעהט און די זון שיינט אויף צוריק. איידער די זון פון משה רבינו איז אונטערגעגאַנגען, האָט אויפגעשיינט די זון פון יהושע'ן; איי־דער יהושע'ס זון איז פאַרגאַנגען, איז די זון פון עתניאל בן קנז אויפ־געגאַנגען, און ווען עתניאל איז אָפּגעשטאָרבען, האָט עלי הכהן פאַר־נומען זיין פּלאַץ, און נאָך עלי'ן איז געקומען שמואל... און אַזוי האָט זיך געפיהרט אין אַלע דורות, ווען איין ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט מען גלייך אויף זיין פּלאַץ אָנגעצונדען אַן אַנדער ליכט, און מ'איז אין דער פינסטער ניט פאַרבליבען. מיט דעם האָט מען זיך געטרייסט אין אַלע לענדער, פון וואַנען מיר קומען, אַז ווען אַ רב שטאַרבט אָפּ,

זיינען דאָ אין די ישיבות גענוג יונגעלייט, וועלכע זיצען על התורה און וועלכע וואַקסען אמת'ע גדולים, און זיי וועלען געווים פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דעם פאַרשטאָרבענעם אין גדלות פון תורה, אין יראת שמים און אין צדקות...

אַנדערש איז אָבער אין דער נייער וועלט. אין אַזאַ לאַנד ווי אַמע־ריקאַ, וואו אידישקייט שטעהט בשפל המצב, וואו די גרעסטע הייליג־טימער ווערען געטראָטען מיט די פיס, וואו די עלטערען זוכען נאָר תכליתים פאַר זייערע קינדער, און ווען די קינדער זיינען נאָך יונג, גיט מען זיי שוין אַוועק צו אַן אַרבייט און געשעפט אָדער אין שולעס צו לערנען זיך אַ פּראָפעסיע; אין דעם לאַנד פון דאָלאַר און סענט, וואו דאָס קערפּערליכע שטעהט העכער פון דעם גייסטיגען, — קען מען זיך שוין ניט טרייסטען מיט דעם „ובא השמש וזרח השמש“ — אַז איין זון פאַרגעהט, וועט אַן אַנדער זון אויפשיינען...

„וכשמת ר' שמואל הקטן תלו מפתחו ופנקסו בארונו מפני שלא היה לו בן והיו רבן גמליאל הזקן וראב"ע מספידין עליו ואומרין על זה נאה לבכות על זה נאה להתאבל, מלכים מתים ומניחים כתרים לבניהם, עשירים מתים ומניחים עושר לבניהם, שמואל הקטן נטל כל החמודות שבעולם והלך לו“ (מסכת שמחות פרק ח') — ווען רבי שמואל הקטן איז געשטאָרבען, האָבען איהם מספיד געווען ר' גמליאל און ר' אלעזר בן עזריה: אַט אויף אַזאַ מענשען איז שעהן און רעכט צו וויינען און קלאָגען. מלכים שטאַרבען און זיי לאָזען זייערע קרוינען צו זייערע קינדער; רייכע לייט שטאַרבען, לאָזען זיי זייער רייכטום צו זייערע קינדער. רבי שמואל הקטן אָבער האָט קיין קינדער ניט, ער האָט גענומען מיט זיך אַלע טייערסטע זאַכען פון דער וועלט און איז אַוועקגעגאַנגען... דאָסזעלבע קענען מיר זאָגען אויף דעם גרויסען נפטר, אַז זיין תורה און חכמה און אויך זיין צדקות איז ניטאָ ווער עס זאָל איבערנעהמען. מיט זיין טויט פאַרלירען מיר אַלעס, ווייל אַלעס נעמט ער מיט זיך, און עס זיינען ניטאָ קיין גייסטיגע יורשים, וועלכע זאָלען איהם ירש'ענען...

כד דמך ר' סימון בר זבדי עאל רבי אילא ואפטר עלוי (איוב כ"ח) „והחכמה מאין תמצא ואי זה מקום בינה?“ (איוב כ"ח י"ב) „תהום אָמר לא בי היא, וים אָמר אין עמדי, ונעלמה מעיני כל חי ומעוף השמים נסתרה. ארבעה דברים שהם תשמישו של עולם, ואם אבדו יש להן חליפין, ואלו הן: כִּי יֵשׁ לַכֶּסֶף מוֹצָא ומקום לזהב יזוקו ברזל מעפר יֻקח ואבן יצוק נחושה

תלמיד חכם אם מת מי מביא לנו תמורתו, אנו שאבדנו את ר' סימון מאיכן נמצא כמוהו (שה"ש פ' ו' ז') — ווען ר' סימון בר זבדי איז געשטאָרבען, האָט רבי אילא געמאַכט אויף איהם אַ הספד: וואו געפינט מען חכמה און וואו איז דער פּלאַץ פון בינה? דער תהום און ים זאָגען, עס איז ניט מיט זיי, און עס איז פאַרבאָרגען פון די אויגען פון די בעלי חיים און פון די פויגעלאַך פון הימעל. פּיער זאַכען, מיט וועלכע די וועלט באַנוצט זיך, אויב זיי ווערען פאַרלוירען, קען מען אויף זייער פּלאַץ קריגען אַנדערע. צו זילבער איז דאָ אַן אַרויסגאַנג-פּלאַץ, פאַר גאָלד זיין לייטערונגס-אָרט, אייזען ווערט גענומען פון ערד, און פון שטיינער ווערט געגאָסען קופּער. אָבער אַז אַ תלמיד חכם שטאַרבט, ווער קען אונז ברענגען אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ. הייגט אַז מיר האָבען פאַרלוירען ר' סימון, וואו וועלען מיר געפינען זיין גלייכען?...

מיר פרעגען היינט אויך: וואו געפינט מען חכמה און וואו איז דער פּלאַץ פון בינה? די מענשען, וועלכע האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט צו דעם אָפּגרונט פונ'ם לעבען און זיי פאַרברענגען אין אַלע שמוציגע תאוות, זיי ענטפערען: ביי אונז זיינען אַזעלכע זאַכען ווי חכמה און בינה ניטאָ.

אויך די מענשען, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט צופרידען מיט דעם, וואָס זיי פאַרמאָגען, און זיינען מיט דעם געגליכען צו דעם ים, „כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא" (קהלת א' ז') — אַלע טייכען שטראָמען אין ים אַריין, אָבער דער ים ווערט ניט אָנגעפילט, — די דאָזיגע קלאַס מענשען האָבען ניט קיין צייט זיך אָפּצוגעבען מיט בינה און חכמה. פאַר זיי עקזיסטירט נאָר איין זאַך: געלד, געלד און געלד...

די יעניגע, וועלכע לעבען ווי די בעלי חיים, וועלכע דענקען נאָר פון דעם היינט, אָבער ניט פון דעם מאָרגען, און פאַר זיי עקזיסטירט ניט קיין יענע וועלט, און וועלכע זיינען הפקר'דיג פריי ווי די פויגעלאַך, — פאַר זיי איז דאָך געווים חכמה, בינה, דעת, תורה און יראת שמים—זאַכען וואָס זיינען פאַרדעקט און פרעמד.

די אַלע קלאַסען מענשען פאַרשטעהען ניט, אַז אַלע זאַכען אין דער וועלט, אויב זיי ווערען פאַרלוירען, קריגט מען אַנדערע אויף זייער פּלאַץ און אפילו מעטאַלען, ווי גאָלד און זילבער, זיינען אויך דאָ פּלעצער, וואָס אויב מ'זאָל דאָרט גראָבען, קען מען זיי געפינען, אָבער ווען אַ תלמיד חכם שטאַרבט, זיינען ניטאָ קיין אַנדערע, וועלכע זאָלען זיין פּלאַץ פאַרנעהמען. דעריבער דאַרפען מיר אַלע קלאָגען אויף דער שרעקליכער

אבידה וואָס מיר האָבען היינט, וואָס אַ גרויסער תלמיד חכם, איינער פון די שארית הפליטה געהט פון אונז אַוועק און וועט ניט צוריק קומען...

טרויעריג איז, וואָס די דאָזיגע געצעהלטע אמת׳ע רבנים, וואָס מיר פאַרמאָגען נאָך דאָ אין אַמעריקא, ווערען ביי זייער לעבען ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט און דעריבער ליידען זיי ביי אונז דחקות און אומ׳כבוד. ביי אונז איז רעכט אַוועקצושטויסען דעם אמת׳ן גרויסען רב, וואָס איז אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, און אויף זיין כסא הרבנות אַרויפזועצען אַ מענשען, וועלכער פאַרמאָגט ניט די שיחת חולין פון דעם אַלטען רב... נאָר ווען ווערען זיי פאַר אונז טייער און ליב — ווען זיי שטאַרבען, דאַן פאַקט מען אָן די גאַסען, און אַלע אידען שטויסען זיך און שלאָגען זיך און יעדער וויל מקיים זיין דעם „עלי יניח צדיק את ראשו״ — אַז דעם ארון פון דעם גרויסען נפטר דעם רב, זאָל ער האָבען דעם זכות צו טראָגען אויף זיינע פּלייצעס. און ווען מ׳מאַכט הספדים, דאַן קלאָגען די אידען אויף דער גרויסער אבידה. מיט דעם ווערט מקוים דער אַלטער אויס־דרוק „חכם שמת הכל קרוביו, קרוביו ס״ד? אלא כקרוביו״ (שבת ק״ה) — ווען דער חכם שטאַרבט, ווערען צו איהם אַלע קרובים, און דער תלמוד פרעגט: וואָס פאַר אַ קרובים זיינען דאָס, אויב ביים לעבען זיינען זיי ווייט, נאָר נאָכ׳ן טויט ווערען זיי נאָהענט? איז דער ענטפער, אַז די דאָזיגע קרובים זיינען ניט קיין אמת׳ע איבערגעבענע פריינד, נאָר בלויז מן השפה ולחוץ...

עס ווייזט אָבער אויס, אַז טיף אין די הערצער פיהלען די אידען פון אַמעריקא, אַז זיי זיינען געגאַנגען צו ווייט מיט זייער באַהאַנדלען די אמת׳ע תלמידי חכמים און זיי קומען אין מאַסען צו דער לויה צו בעטען מחילה דעם גרויסען נפטר אויף דעם אומ׳כבוד, וואָס ער האָט ביי דעם לעבען געהאַט. און יעצט הערענדיג דעם הספד, באַגרייפען זיי, אַז יעדער תלמיד חכם, וואָס געהט פון אונז אַוועק, איז אַן אבידה שאינה חוזרת. „כשנולדה מרים לא הרגישה בה בריה, וכשמתה נסתלקה הבאר והרגישו הכל — הבאר הודיע מיתתה, נולד אהרן הכהן הגדול ולא הרגישה בה בריה וכשמת נסתלקו ענני כבוד והרגישו הכל — הענן הודיע מיתתו, נולד משה רבינו ולא הרגישה בו בריה וכשמת הרגישו הכל שנאמר ויבכו בני ישראל את משה...״ (קהלת רבה פ׳ ז׳) — ווען מרים, אהרן און משה זיינען געבוירען געוואָרען, האָט קיינער ניט באַגרייפט ווער זיי זיינען, נאָר ווען זיי זיינען געשטאָרבען, און דער באר

און דער ענן, וועלכע זיינען געווען אין דעם זכות פון מרים און אהרן, זיינען נסתלק געוואָרען און אויך צוליב דעם, וואָס מיט משה'ס טויט האָבען זיי פאַרלוירען זייער גרויסען פיהרער, ערשט דאַן האָבען די אידען באַגריפען זייער גרויסקייט. אויך היינט-צו-טאָג איז אַזוי. אידען זיינען ניט מרגיש, אַז צווישען זיי לעבט אַ גרויסער מענש, און וועמענס זכות זיי געניסען פון פילעס. נאָר ווען די דאָזיגע גרויסע מענשען שטאַרבען, מאַכען די אידען גוואַלדען, רייסען קריעה און פאַרגיסען טרעהרען, וואָרים זיי זעהען איין, אַז צוזאַמען מיט די גרויסע מענשען געהט אויך אַוועק די בארות און די עננים — זייערע ריכטיגע אמת'ע איבערגעבענע פיהרער, וועמענס פלאַץ אַנדערע קענען ניט פאַרנעהמען...

אברהם אבינו, וועלכער איז געווען דער גרויסער בעל מדות, דער מכניס אורח, דער זקן ויושב בישיבה (יומא כ"ח), וועלכער האָט אַ גרויסע ישיבה געעפענט פאַר דער אויפקלערונג פון דער גאָטהייט; אברהם, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם מרגליות טובה — אַ האַלז, וואָס דורך זיין פּערעלדיגען מויל האָט ער טויזענדער אומגעקערט צו גאָט (ב"ב ט"ז וע"י ברשב"א שם); אברהם, וואָס האָט געשאַפען רעספּעקט פאַר אַלטקייט, אַז יונגע זאָלען ניט פאַרנעהמען זייערע פּלעצער, „עד אברהם לא היה זקנה ומאן דהוה בעי למשתעי בהדי אברהם הוה משתעי בהדי יצחק" (ב"מ פ"ז) — ביז אברהם'ען איז קיין אַלטקייט ניט אנערקענט געוואָרען, דער וואָס האָט געדאַרפט ריידען מיט אברהם'ען, האָט גאָר גערעדט מיט יצחק'ן, — ווען דער דאָזיגער אברהם לעבט, פאַרשטעהט מען איהם ניט, מ'וואַרפט איהם אין קאַלך-אויווען און מ'פיהרט מיט איהם מלחמות, אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם — נאָר אין דעם לעצטען טאָג, ווען אברהם גוסס'עט און ער זעגענט זיך מיט דער וועלט, און קיין אַנדערע זיינען ניטאָ, וועלכע זאָלען פאַרנעהמען זיין פּלאַץ, ווייל די מעהרסטע זיינען פאַרנומען מיט די פאַרשיידענסטע געצענדינסט, און קיין אברהם'ס וואַקסען ניט אויס פון זיי, — יענעם טאָג און ניט בעפאָר עמדו כל גדולי אומות העולם בשורה — האָבען אַלע גרויסע געלערענטע פון די פעלקער זיך אַוועקגעשטעלט אין איין לאַין — זיי אַלע האָבען גלייך געמוזט צוגעבען, אַז אברהם'ס טויט איז אַ פאַרלוסט און אַן אומגליק פאַר דער וועלט. „ואמרו, אוי לו לעולם שאבד מנהיגו" — אומגליקליך איז די וועלט, ווייל זי האָט פאַרלוירען דעם גלויבען אין איין גאָט, אַז עס איז דאָ אַ מנהיג, וואָס פיהרט די וועלט,

„ואוי לו לספינה שאבד קברינטא" — און אין אזא צייט, ווען מענשען ווערען ניט געפיהרט דורך גאט און זיין לעהרע, אז מען פארלירט א פערזאן ווי אברהם, וועלכער איז געווען דער איינציגער מדריך און וועג-ווייזער, איז גלייך צו א שיף, וואס געהט אין דעם גרויסען ים, וואו שטורעם-ווינטען רייסען פון איהר שטיקער און אייז-בערג רינגלען איהר ארום, און די נאכט איז שרעקליך פינסטער, און די שיף ווערט געטראגען פון די שטורעמדיגע כוואליעס, אט-אט ווערט זי צובראכען, און מיט אמאל שטארבט אפ דער שיפס-קאפיטאן, דער יעניגער וואס האט גע־קענט ארויסראטעווען די שיף פון אלע אומגליקען. דאן ברעכט אויס א יללה און א קלאג פון אלע רייזענדע, איינזעהענדיג די סכנה, וואס דער טויט פון זייער ליבען קאפיטאן האט פאר זיי געבראכט...

מיר לעבען אויך אין אזא צייט, ווען מענשען האבען פארלוירען זייער וועלט-מנהיג, מען האט אויפגעהערט צו גלויבען אין גאט און אין זיין תורה. און יעצט, ווען עס הערשט אזא שרעקליכע פינסטערניש, און די אידישע שיף ווערט געריסען פון פארשיידענע שטורעם-ווינטען און אייז-בערג און ווילדע כוואליעס, יעצט איז די סכנה זעהר גרויס... צו אלע צייטען האבען מיר געהאט אונזערע גרויסע שיפס-קאפיטאנען, וועלכע האבען אונז אנגעזאגט, אז מיר זאלען זיך אויסהיטען פון די אייז־בערג און מיר זאלען זיך פעסט האלטען אויף די שיפען, אז קיין שטורעמס זאלען אונז ניט פארטראגען. זיי זיינען געווען אונזערע צופים, אונזערע וועג-ווייזער, זיי האבען ליכטיג געמאכט די נאכט פון דעם אידישען גלות. אבער יעצט, ווען אונזער שיף איז אין אזא סכנה, און מיט אמאל שטארבען אפ אונזערע שיפס-קאפיטאנען, און קיין אנדערע, וועלכע זא־לען קענען איבערנעהמען זייער פלאץ און אונז ברענגען צו א זיכערען ברעג, זיינען ניטא, און אויב עס קומט איינער, וואס וויל פיהרען די אידישע שיף, מיינט ער איהר צו פארפיהרען אין אזא פלאץ, פון וואנען צוריק זאל מען שוין ניט טרעפען, — אין אזא צייט דארפען מיר אלע קלאגען און קריעה רייסען אויף אונזער גרויסען בראך. מיר דארפען זיך אלע צוזאמענעהמען אין אזא עת סכנה און זעהן מיט אלע מעגליכקייטען,

אַז די אידישע שיף זאָל דאָ ניט אונטערגעהן. מיר מוזען צוריק אויפ־לעבען די אַלטע ישיבות, אום נייע קאַפּיטאַנען זאָלען אויסוואַקסען און ווייטער פיהרען די שיף, ביז וואַנען מיר וועלען קומען צו אַ ברעג...

אין דעם זכות פון דעם גרויסען גאון און צדיק, וועמען מיר באַקלאָגען יעצט, זאָל גאָט שטאַרקען אונזערע הערצער, אַז מיר זאָלען דאָ פאַר־פעסטיגען אונזער תורה הקדושה, און עס זאָל זיין השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחילה במהרה בימינו אָמן!

# מכל אבקת רוכל

## הספד על רב ומטיף

כד דמך ר' אלעזר ברבי שמעון היה דורו קורא עליו מי זאת עולה מן המדבר... מכל אבקת רוכל (שה"ש ג' ו') מה הוא מכל אבקת רוכל? דהוה ר' אלעזר ברבי שמעון קראוי ותנוי וקריבוי ופייטוי.

(שהש"ר ג').

מיר זיינען היינט מספיד אַ פּערזאָן, וועלכער האָט ביי זיין לעבען אַליין מספיד געווען הונדערטער מענשען, און מיר זיינען היינט מקיים, וואָס די גמרא זאָגט: „דספד יספדוניה" (כתובות ע"ב.) — ווען מ'איז מספיד אַ צווייטען, וועט מען אויך הספדים זאָגען אויף דעם ספדן זעלבסט. איך גלויב אָבער, אַז דער איינציגער, וואָס האָט געהאַט דעם גרויסען טאַלאַנט צו זיין אַ ספדן און וועלכער האָט געקענט ריהרען די הערצער, ווען אַ תלמיד חכם איז געשטאָרבען, איז געווען דער נפטר זעלבסט ביי זיין לעבען.

דאָס האָט אפשר אויך געמיינט רב, ווען ער האָט אָנגעזאָגט דעם ספדן רב שמואל בר שילת (שבת קנ"ה): אחים לי בהספדאי—ווען דו וועסט מיך מספיד זיין, זאָלסטו, רב שמואל, דעם הספד זאָגען מיט הארץ און מיט וואַרימקייט און מיט גרוים טאַלאַנט. ווייסט פאַר וואָס? דהתם קאימנא — ווייל איך רב אַליין וועל דאָך ביי דעם הספד אָנוועזענד זיין; איך, רב זעלבסט, וועלכער האָט אויף אַנדערע גרויסע מענשען הספדים געהאַלטען און מיט ריהרענדע ווערטער גענומען זייערע הערצער, און טייכען טרעהרען זיינען פאַרגאָסען געוואָרען. דעריבער, ווען איך רב וועל שטאַרבען, וועסטו, רב שמואל, האָבען אַ שווערע אַרבייט מיך אַליין צו באַוויינען און באַקלאָגען, ווייל דו וועסט זיך דאַרפען אָנוּוּם־צייגען פאַר אַ גרויסען טאַלאַנט, מעהרער ווי איך בין געווען ביי דעם לעבען...

אויף דער היינטיגער צייט איז געזאָגט געוואָרען דער „החיים והמות ביד הלשון" — דאָס לעבען און דער טויט ליגען אין'ם צונג. ווען מיר זיינען געווען אין דער אַלטער היים, אויף יענער זייט ים, איז מגידות און הטפה געווען אַ לוקסוס־זאַך. אידען האָבען אָהן די מגידים און אָהן די דרשנים געהיט גאָט'ס תורה. זיי האָבען אַליין אַריינגעקוקט אין

„עין יעקב“, זיי האָבען אַליין געלערענט די אַלע דברי אגדתא, וואָס ציהען צו דאָס מענשליכע האַרץ צו גאָט. דער מגיד און דרשן זיינען נאָר געוועזען פאַר דעם גאַנץ געוועהנליכען המון, וועלכע האָבען אַליין ניט געקענט אַריינדרינגען און באַגרייפען די פערעלדיגע מאמרים אין תלמוד. דער מגיד איז געקומען און האָט דאָס ערקלערט מיט אַ שעהנעם משל. אום צו מאַכען די דרשה נאָך אנגענעמער, האָט ער אַ נגון צו דעם צוגע־פאַסט. זיינע דברי מוסר האָבען געריהרט די הערצער פון דעם המון. דער המון איז געוועזען אין דעם בעל דרשנ׳ס הענד כחומר ביד היוצר. צו אַלעם האָט ער זיי געקענט ברענגען, סיי צו פרייד און געלעכטער און סיי צו טרויער און טרעהרען... די פני אָבער האָבען דעם דרשן ניט געדאַרפט. ווען דער דרשן און מטיף האָט גערעדט זיינען זיי געזעסען אין אַ צווייטען צימער און האָבען געשמאַק געלערענט אַ בלאַט גמרא אָדער הלכה...

אין דעם לאַנד אָבער שטעהט דאָס גאַנצע אידענטום אויפ׳ן צונג. מ׳איז דאָ ווייט פון ספרים אין אַלגעמיין, און ווער רעדט פון אַ בלאַט גמרא אָדער פוסקים; און אפילו פון די דברי אגדתא איז מען אויך דערווייטערט. און אַז מ׳קומט אין שוהל, וויל מען די גאַנצע תורה הערען פון דעם דרשן און מטיף. דערפון נעמט זיך, וואָס דאָ איז רבנות און דרשנות איינס געוואָרען. יעדער רב מוז ווערען אַ דרשן, צי ער קען און איז פעהיג צו דעם אָדער ניט, ווייל דער גאַנצער אינטערעס, וואָס דער אַמעריקאַנער איד האָט אינ׳ם רב, באַשטעהט אין הערען זיין דרשה...

די דרשנים און מטיפים האָבען דאָ וואונדער אויפגעטאָן. זיי האָבען אָפּגעשריען מיט זייערע שאַרפע דרשות דאָס קראַנקע גוסס׳דיגע אידענ־טום פון אַמעריקא. שבת־איין, שבת־אויס האָבען זיי געהאַמערט אין די מחות פון די אידען וועגען אַלע הייליגע צוועקען. זיי זיינען געוועזען די פאָלקס־וועקערס, זיי זיינען געוועזען די שוהל־רופערס; דורך זיי זיינען געבויט געוואָרען די מעהרסטע בתי חסד. זיי צו פאַרדאַנקען האָבען מיר נאָך דאָ אַ זכר צו שבת, צו כשרות, צו חנוך און צו אַלעם, וואָס איז אונז הייליג און טייער.

איינער פון די דאָזיגע עמודים פון הטפה און דרוש איז געוועזען דער נפטר, וואָס ליגט יעצט איינגעוויקעלט אין זיינע ווייסע תכריכים און אין זיין טלית. אָט דאָס מויל, וועלכעס האָט טויזענדער רעדעס געהאַל־

טען דאָ און אויף יענער זייט ים, פון וועלכע צעהנדליגער טויזענדער אידען האָבען געשעפּט אַ נחת רוח, אַז די דאָזיגע צונג איז פאַרשוויגען געוואָרען אויף אייביג... „להאי שופרא דבלע בארעא קא בכינא" (ברכות ה':) — און איך באַקלאָג היינט אַז דאָס שעהנע פּערעל־דיגע מויל, וואָס דאַרף פוילען אין דער ערד. מיט דעם גרויסען נפטר שטאַרבט אָפּ אויך דער פּה מפיק מרגליות — דאָס מויל, וואָס האָט אָנגע־צונדען די הערצער פון דעם אידישען פאָלק צו יעדער דבר שבקדושה. דער טלית, אין וועלכען דער נפטר איז איינגעוויקעלט, וועט דאָך זיין אַן עדות וויפיל דרשות ער האָט געהאַלטען. אין דעם דאָזיגען טלית האָט ער זיך דאָך איינגעוויקעלט צו זאָגען שטראָף־רייד צו זיינע ברידער. אין דעם דאָזיגען טלית האָט ער דאָך טרעהרען פאַרגאָסען אויף דעם בראָך און גלות פון זיין פאָלק!

יעדעס מאָל, ווען דער דאָזיגער דרשן און מטיף האָט גערעדט, איז געוועזען ענג אין שוהל. אידען האָבען זיך געדריקט און געשטויסען צו הערען זיינע טאַלאַנטפולע רעדעס. און אַלעס איז געזאָגט געוואָרען מיט חכמה. „לב חכם ישכיל פיהו" (משלי ט"ז כ"ג) — „לבו של חכם מלא חכמה, מי ישכיל עליו? ומי מחכים עליו? פיהו פומי מחכים עליו, פומי מורה עליו, ועל שפתיו יוסיף לקח, מתוך שהוא מוציא ד"ת מלבו מוסיף על לקחה של תורה" (מ"ר שה"ש) — ווען דאָס הארץ פון דעם חכם איז אָנגעפילט מיט חכמה, ווער צייגט אַרויס זיין בילדונג און זיין קלוגשאַפט אויב ניט זיין צונג און מויל?

ניט אַלע האָבען דאָס רעכט צו טראָגען דעם נאָמען מגיד און דרשן און מטיף. נאָר דער יעניגער, וואָס איז אַ נאה דורש און אַ נאה מקיים, האָט אַ רעכט אויף דעם. „נפת תטופנה שפתותיך" (שה"ש ד' י"א) — ווען דיינע ליפּען טריפען מיט זיסקייט, דאַרפסטו אָבער זיין גלייך צו דער כלה — „מה כלה זו יושבת בפוריא ואומרת ראו שאני טהורה כך ת"ח צריך שלא יהיה בו דבר של דופי" (מ"ר שם) — אַזוי ווי די כלה דאַרף זיין הייליג און ריין אין דעם טאָג פון דער חופה, אַזוי דאַרף זיין דער תלמיד חכם — מ'זאָל אויף איהם ניט געפינען קיין זאַך פון לעסטערונג...

אויך דאַרף מען באַזיצען דעם גרויסען רעדנער־טאַלאַנט, דער עולם זאָל זיך ניט לאַנגווייליגען, און מ'דאַרף קענען צוזאַמענשטעלען אַ רעדע, אַז אין איהר זאָל זיך אַלעס געפינען, אַ משל, ריינער הומאָר. אָבער דער

הויפט-צוועק פון דעם אלעמען דארף זיין ארויסצוברענגען קלאר א פסוק אדער א מאמר חז״ל.

ר׳ אלעזר אומר כל מי שהוא אומר דברי תורה ברבים ואינן ערבין לשומעיהן כסולת זו שצפה על גבי נפה נוח לו שלא אמר״ (מ״ר שם) — ר׳ אלעזר זאגט: דער, וואס זאגט דברי תורה אין דער עפענטליכקייט, און האט ניט די פעהיגקייט ארויסצוברענגען דעם געדאנק אזוי בולט און קלאר, ס׳זאל קענען פארגליכען ווערען מיט דעם זעמעל-מעל, וואס שווימט ארויף אויף דער אויבערפלעכע פון זיפ, איז בעסער ער זאל גאר ניט זאגען. אום ארויסצוברענגען דאס ריינע קלארע מעל אויף דער אויבערפלעכע פון זיפ, מוז זיך אנקלייבען פסולת; אזוי אויך אין א דרשה קען מען ניט זאגען אינגאנצען סולת, נאר ריינע תורה — מ׳מוז פארווייסען מיט א משל און אמאל מיט א מילתא דבדיחותא. דער ציל אבער דארף זיין די סולת, דער צוועק פון דער דרשה דארף זיין ארויס-צוברענגען א חידוש אין א פסוק אדער אין א מאמר און ארויסברענגען א מוסר השכל, פון וואס דער עולם ווערט באגייסטערט. ווען אבער איינער באזיצט ניט די דאזיגע מעלות, זאל ער בעסער ניט נעהמען אויף זיך דעם הייליגען מלבוש פון מגידות און דרשנות...

די דאזיגע אלע מעלות האט אבער יא באזעסען דער רב און דרשן, וועמען מיר אלע באגלייטען צו זיין אייביגען פלאץ, צו זיין קבר. זיין מוסר איז געווען א ריינער, א הייליגער. ער איז געקומען פון דער טי-פעניש פון זיין הארץ, ווייל ער איז געווען דער נאה דורש און דער נאה מקיים און צו דעם אלעם האט ער געהאט דעם גרויסען טאלאנט פוןווארט; ער האט פארמאגט די גרויסע פעהיגקייט צו באצויבערען די מאסען. דעם עולם איז ניט שווער געווען צו זיצען שטונדען לאנג און אויסהערען זיינע דרשות, וועלכע זיינען געווען צוזאמענגעשטעלט פון תורה, חכמה און השכלה.

אויך איז אונזער נפטר געווען איינער פון די גרויסע גייסטער, וואס האט זיך פאר קיינעם ניט אפגעשראקען צו זאגען דעם אמת. ווי די אמאליגע נביאים האט ער געזאגט דעם אמת אין די אויגען. פיל רדיפות האט דורך דעם דער נפטר געליטען. ער איז אבער פארבליבען אויף זיין פלאץ פעלזען-שטארק. גאט זאגט צו ירמיה׳ן: „אל תירא מפניהם כי אתך אני להצלך נאם ה׳״ (ירמי׳ א׳ ח׳) — האב קיין מורא ניט פאר קיינעם, ווייל איך בין מיט דיר. און מיט זיין שטאלצען ווארט האט

ער פילע אידען מחזיר למוטב געווען. „טוב לשמוע גערת חכם אלו תוכחות שהוכיח משה רבינו, מאיש שומע שיר כסילים אלו ברכות של בלעם הרשע שבהן גבה לבם ונפלו בשיטים" (מ"ר קהלת ז' י"ב) — עס איז בעסער צו הערען דעם געשריי פון דעם חכם, ווי משה רבינו, וואס האט געזאגט די אידען דעם אמת אין די אויגען און ניט גע'חנפ'עט, איידער צו הערען דעם שיר כסילים פון בלעם הרשע, וועלכער האט מיט זיינע זיסע ווערטער גע'חנפ'עט דאס אידישע פאלק און מיט דעם זיי פארפיהרט אין אלע שלעכטע וועגען און צום סוף געמאכט זיי פאלען אין שיטים...

„כד דמך ר' אלעזר ברבי שמעון היה דורו קורא עליו וגו' (שה"ר ג) — אז רבי אלעזר איז געשטארבען, האבען די מענשען פון זיין דור גלייך באגריפען דעם גרויסען פארלוסט, וואס זיי האבען געהאט דורך זיין אפשטארבען, און זיי האבען אויף איהם געלייענט דעם דאזיגען פסוק: „מי זאת עלה מן המדבר כתימרות עשן" (שה"ש ג' ו'). „כשהייתי מהלכת במדבר והי' עמוד האש והענן הולכים לפני והורגים נחשים ועקרבים ושורפין הקוצים והברקנים לעשות הדרך מישור" (רש"י שם) — ווען אידען זיינען געגאנגען אין מדבר, איז דער עמוד האש און עמוד הענן געגאנגען פאראוים און אויסגע'הרג'עט די שלאנגען און פארברענט די פארשיידענע דערנער, אום די אידען זאלען געהן אויפ'ן גלאטען און ריכטיגען וועג... דאסזעלבע איז געווען רבי אלעזר, ער איז געווען דער עמוד האש, וועלכער איז געגאנגען פאר דעם פאלק און האט אלע יצר-הרע שלאנגען פארטריבען פון זיי און אויך פארברענט אלע דערנער, אום די אידען זאלען געהן אויף דעם ריכטיגען און גלייכען וועג...

„מהו מכל אבקת רוכל? שהיה קרוי תנוי, קריבוי ופייטויי" (שה"ר ג') — צו קענען זיין דער ריכטיגער וועג-ווייזער האט רבי אלעזר צו פאר-דאנקען זיינע גרויסע מעלות, וואס ער האט באזעסען, נעמליך, ער איז געווען א גרויסער בעל תנ"ך און גרויסער תלמוד'יסט און צו דעם איז ער געווען דער „קריבוי", דער גרויסער טאלאנט פון ווארט, וועלכער האט דערנעהנטערט די אידישע הערצער צו גאט און זיין תורה, און אויסער דעם אלעם איז ער אויך געווען א גרויסער פייטן...

פאר אונז, דער דור, וועלכער לעבט אין דעם שרעקליכען מדבר פון אמעריקא, וואו מענשען פיהרען זיך הפקר'דיג ווי אין מדבר, איז דער גרויסער נפטר געווען אן אמת'ער עמוד האש. א דאנק זיין גרויסען

טאַלאַנט פון וואָרט און זיין גרויסער לערנונג, וואָס ער האָט באַזעסען, איז ער פאַר פילע יאָהרען געווען די גייסטיגע פייערדיגע זייל, וואָס איז געגאַנגען אין פראָנט און האָט אַלע גיפטיגע שלאַנגען איינגעשטילט און געטויטעט, אויך אַלע דערנער און שטרויכלונגען אַוועקגעראַמט פון וועג — אַט די אַלע ראַדיקאַלע שלאַנגען, וועלכע זיינען געקומען פאַר־ניכטען אונזער הייליגע תורה אין דעם לאַנד; אויך די שרעקליכע דער־נער, וואָס יעדער איד האָט דאָ געטראָפען אויף זיין וועג. דאָס אַלעס האָט דער גרויסער נפטר מיט זיין פערעלדיגען מויל און מיט זיינע ווי־סענשאַפטליכע לעקציעס און דרשות באַזייטיגט, און פילע אידען האָט זיך איהם איינגעגעבען אָפצוראַטעווען, און זיי זיינען פאַרבליבען אידען.

אויף דעם דאָזיגען פאַרלוסט מוזען מיר טייכען טרעהרען פאַרגיסען און מיר מוזען זעהן מיט אונזערע גאַנצע כחות אויפצוברענגען אונזערע קינדער, אַז פון זיי זאָלען אויך אַמאָל אַרויסוואַקסען אַזעלכע דרשנים ומטיפים ווי דער נפטר איז געווען. תנצב״ה.

# כתבי קודש

## הספד על סופר חרוץ

אומרים צדוקים קובלין אנו עליכם פרושים שאתם אומרים כתבי הקודש מטמאין את הידים ספרי המירם אינם מטמאין את הידים. א"ר יוחנן בן זכאי וכי אין לנו על הפרושים אלא זו בלבד? והרי הם אומרים עצמות חמור טהורים, ועצמות יוחנן כהן גדול טמאין? אמרו לו לפי חיבתן היא טומאתן, שלא יעשה אדם עצמות אביו ואמו תרוודות, א"ל אף כתבי הקודש לפי חיבתן היא טומאתן, ספרי המירם שאינן חביבין אין מטמאין את הידים.

(ידים ד' ו').

מעכטיג שטארק איז דאס געשריבענע ווארט אין אלע לענדער. די אלגעמיינע מענשהייט קען זיך ניט באגעהן אהן די פארשיידענע שריפטשטעלער, וועלכע זיצען אין זייערע קאבינעטען ביי די שרייב-טישען און פארפארטיגען ארטיקלען איבער אלערליי פראגען — עקאנאמישע, פאליטישע, רעליגיעזע, נאציאנאלע, קולטורעלע און וויסענשאפטליכע.

די פען אין דער האנד פון א פעהיגען און געלערנטען שריפטשטעלער קען ברענגען ברכה און גליק פאר דער וועלט, קען ברענגען שלום און פאראייניגונג פון פעלקער און לענדער, קען מאכען די מענשהייט פרימער, קליגער און איינגעהאלטענער. פארקערט אבער, ווען די פען פאלט אריין אין די הענד פון ניט קיין פאראנטווארטליכען אומפעהיגען שריפטשטעלער, א פערזאן, וואס זוכט ניט צו מאכען די מענשהייט עהרליכער און בעסער, — אזא פערזאן קען ברענגען אומגליק, האס און אויסגעלאסענהייט, אזא פערזאן קען אויך ברענגען קריג און רייסערייען צווישען פאלק און פאלק, וועלכע ענדיגען זיך אממערהסטען מיט בלוט-פארגיסונגען...

יעדער שריפטשטעלער און פארפאסער פון ביכער אדער צייטונגס-ארטיקלען מוז מדקדק זיין אויף יעדען אות און ווארט, וואס ס'געהט ארוים פון זיין פען. „ומשפחות סופרים יושבי יעבץ" (ד"ה א' ב' נ"ה) — די באריהמטע געלערנטע פון דער שטאט יעבץ האבען געטראגען אויף זיך דעם נאמען סופרים, ווייל זיי האבען מדקדק געווען אויף יעדען אות...

„לפיכך נקראו ראשונים סופרים שהיו סופרים כל האותיות שבתורה“ (קדושין ל׳).

פילע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען שוין לאנג טויט, אבער זייערע ווערק ווערען געלייענט פון די מאסען, און אזוי ארום פארפעסטען זיי די מענשהייט אפילו היינט, נאך זייער טויט, מיט כפירה און נבול פה, — ווען זיי וואלטען פריהער באטראכט דעם גייסטיגען שאדען, וואס זייערע ווערק און ארטיקלען וועלען ברענגען, וואלטען זיי געווים בעסער זייער פען צובראכען. די דאזיגע שריפטשטעלער האבען ניט אויסגעפאלגט די ווארנונג פון דעם גרויסען אבטליון: „חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות, ותגלו למקום מים הרעים, וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו, ונמצא שם שמים מתחלל“ (אבות א׳ י״א) — חכמים און געלערנטע, היט אייך מיט יעדען ווארט, וואס איהר רעדט און שרייבט. דענקט ניט, אז איהר וועט אלע מאל בלייבען זיצען אויף אייער פלאץ, און אייערע ווערטער זיינען ניט אזוי שעדליך פאר דעם לאנד, וואו איהר געפינט זיך. איהר דארפט אימער אויסרעכענען, אז אייערע ווערק וועלען פארטראגען ווערען אין גאנץ פרעמדע פלעצער, וואו די גראבע מאסען, וועלכע זיינען אומוויסענד, וועלען אננעהמען אייערע טעאריעס און געדאנקען פאר דעם לעצטען ווארט אין דער לעהרע און וויסענשאפט; און תלמידים, וואס וועלען קומען נאך אייך, וועלען זיך אנטרינקען מיט שלעכטע אומזויבערע וואסערען און זיי וועלען דורך דעם גייסטיג אפשטארבען. דאן איז דאך דורך אייך גאט׳ס נאמען געלעסטערט געווארען...

איהר וועט זיך נאך דעם ניט קענען פארענטפערען, אז אייערע שריפטען האט איהר פארפאסט, ווען איהר זייט נאך געווען יונג און אומערפאהרען, און יעצט, ווען איהר וואלט געקענט אייערע פארפאסונ־גען און חדושים פארניכטען, וואלט איהר דאס מיט פארגעניגען געטאן. אבער עס איז שוין פארפאלען, אייערע שעדליכע ווערק האבען זייער שאדען שוין לאנג אפגעטאן. „רבי יהודה אומר הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה זדון“ (שם ד׳ ט״ז) — רבי יהודה זאגט: היט זיך אין דיינע לערנונגען און זאג ניט נאך דעם, אז דו האסט דאס געלערענט בשוגג, ווייל אזא שוגג ווערט א מזיד... און א מחטיא את הרבים קען קיין תשובה ניט העלפען...

נאך דעם אלעמען, וואס מיר האבען דא ארויסגערעדט, קענען מיר

באגרייפען, ווי ווייט דער פארלוסט איז גרויס, ווען מיר פארלירען אזא ספרא רבה ווי דער נפטר איז געווען, וועלכער האט געדינט מיט זיין פען זיין גאט, זיין תורה, זיין פאלק און זיין שפראך. יעדעס מאל איז ער גע־שטאנען גרייט צו פארטיידיגען אונזער תורה און אלע אונזערע הייליגטי־מער געגען די יעניגע קאלעגען זיינע, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע פען־שפיצען צו שטעכען דעם פרוכת און דעם קדשי קדשים; און ווי א גרויסער העלדישער קעמפער איז ער געזעסען נעכט און טעג און האט פארפאסט ריזיגע ווערק, אום צו איבערצייגען, אז אלע מלשינים אויף דער אידישער רעליגיע זיינען געמיינע פארלוימדער.

ער האט זיין פען הייליג געהאלטען ביז זיין לעצטען אטעם־צוג. טראץ דעם, וואס דער נפטר האט געליטען דחקות און עניות און פילע האבען איהם אויסגעלאכט, איז ער פארבליבען טריי צו זיינע פרינציפען. „בן עזאי אומר כל שלקה בגופו מפני חכמתו סימן יפה לו, כל שלקה בחכמתו מפני גופו סימן רע לו" (תוספתא פ"ג ברכות) — בן עזאי זאגט: דער יעניגער, וואס האט געלאזט פייניגען זיין קערפער, אום צו בלייבען שטעהן פעסט אויף זיין חכמה און בילדונג, אום צו היטען די חכמה פון אלערליי נבול פה און כפירה, איז דאס דער בעסטער סימן ווי ווייט דער מענש איז געווען גרויס; פארקערט אבער, ווען איינער פארקויפט זיין חכמה פאר א טאפ לינדזען און שרייבט און פרעדיגט נאך דעם געשמאק פון די מאסען, אום זיין קערפער און חיונה צו פארהיטען, אזא האנדלונג איז א שלעכטער סימן, דאס צייגט אויף דעם שלעכטען כא־ראקטער פון אזא מענשען...

„כל שרוח עצמו נוחה לו בשלו סימן יפה לו אין רוח עצמו נוחה בשלו סימן רע לו, כל שנטרפה דעתו מפני חכמתו סימן יפה לו, וכל שנטרפה חכמתו מפני דעתו סימן רע לו" (שם) — די אלע, וועלכע שרייבען און פארפאסען זאכען נאר צוליב געלד און זוכען נאר צופרידען צו שטעלען די גראבע ליידענשאפטען פון די מאסען, די דאזיגע זיינען אליין ניט צופרידען מיט זייערע פארפאסונגען. טיף, טיף אין הארצען פיהלען זיי, אז זיי פאר'סמ'ען די מחות און געדאנקען פון די מאסען, און זיי זיינען אליין ניט צופרידען מיט דער פרוכט פון זייערע הענד. אנדערש איז אבער דער נפטר, וועלכער האט געהאט דעם גרויסען גייסטיגען פאר־גניגען צו האבען דעם נחת רוח פון זיינע אייגענע ווערק, פיהלענדיג, אז זיינע ווערק וועלען פילע מענשען העלפען צו פיהרען א בעסער און

אנשטענדיג לעבען. און דאָס איז גראַדע פון די גוטע סמנים. אויב זיין דעת, ווי ליצנים זאָגען, איז נטרף געוואָרען צוליב דעם וואָס ער האָט געוואָלט האַלטען זיין חכמה הייליג און ריין, — אַזאַ גאַנג אין לעבען איז ווירדיג און ס'צייגט גראָד, אַז אַזאַ סאָרט מענש האָט מעהר שכל ווי די זאָגענאַנטע קריטיקער, וועמענס חכמה איז נטרף געוואָרען און פאַרקויפט געוואָרען שפּאָט ביליג, אום מ'זאָל זאָגען אויף זיי, אַז זייער דעת איז אַלץ... צום סוף אָבער, ווען מ'דאַרף פאַרלאָזען די זינדיגע וועלט און איהרע נאַרישקייטען, זעהט מען איין, אַז אַזאַ סאָרט פיהרונג איז פון די שלעכטע סמנים. דאָס אַלץ קען מען זיך איבערצייגען ביי דער היינטיגער לויה. טויזענדער מענשען פּאַקען אָן די גאַסען און אַלע געהען אַראָפּגעלאָזען די קעפּ, און טייכען טרעהרען ווערען פאַרגאָסען אויף דעם חד בַדרא, וואָס ער איז געווען, און זיינע הנהגות. אויסער דעם איז ער אויך געווען דער אמת'ער קינסטלער פון דעם געשריבענעם וואָרט, וואָס עס וועט בלייבען לזכרון עולם. אונזערע אייניקלעך וועלען זיך מיט זיינע ווערטער קוויקען, און זייערע נשמות וועלען דורך דעם הייליגער ווערען. זיין קבר וועט ניט זיין זיין אייביגער גראַבענס פּלאַץ, ויאסף אל עמו — זיין אַוועקגעהן אין קבר מיינט ניט, אַז ער געהט אַוועק פון פאָלק, פאַרקערט, ער פאַנגט ערשט אָן צו קומען צום פאָלק. וואָס אַ יאָהר שפּעטער וועט מען אַלץ בעסער באַגרייפען זיין גרויסקייט און אמת...

„אומרים צדוקים קובלין אנו עליכם פרושים" (ידים ד' ו') — אימער קומען די צדוקים, די פריי-דענקער, מיט טענות נעגען די פרושים, וועלכע זיינען די אָפּהיטער פון דער אידישער רעליגיע: „שאתם אומרים כתבי הקודש מטמאין את הידים ספרי המירם אינם מטמאין את הידים" (שם) — די צדוקים קענען ניט באַגרייפען פאַר וואָס האָבען די חכמים גוזר געווען, אַז די הייליגע כתבי הקודש זיינען יאָ מטמא די הענד און גראַדע די ראַדיקאַלע אפּיקורסישע ביכער און ווערק זיינען ניט מטמא די הענד. אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפט זיין פאַרקערט!

„אָמר ר' יוחנן בן זכאי וכי אין לנו על הפרושים אלא זו בלבד?" (שם) — האָט ר' יוחנן בן זכאי זיי סאַרקאַסטיש געפרעגט: איז דאָס די איינציגע טענה, וואָס מיר האָבען צו די פרושים? „והרי הם אומרים עצמות חמור טהורים ועצמות יוחנן כהן גדול טמאין?" (שם) — די פרושים האָבען דאָך אויך געזאָגט אַזאַ אומפאַרשטענדליכע זאַך, אַז

דיביינער פון אַן אייזעל זיינען טהור, און די ביינער אפילו פון אַזאַ פערזאָן ווי יוחנן כהן גדול זיינען טמא!

„אָמרו לו לפי חיבתן היא טומאתן שלא יעשה אדם עצמות אביו ואמו תרוודות" (שם) — האָבען די צדוקים געענטפערט ר' יוחנן בן זכאי: דאָס פאַרשטעהען מיר גראַדע יאָ; דעריבער האָט מען געזאָגט, אַז די ביינער אפילו פון דעם הייליגסטען מענשען זיינען טמא, אום מיט דעם צו פאַרמיידען, אַז מענשען זאָלען זיך ניט באַניצען מיט די ביינער פון זייערע עלטערען צו מאַכען ביינערנע לעפעל פון זיי; פאַר דעם צוועק האָט מען גוזר געווען טומאה אויף דעם מענשליכען קערפער, כדי מענשען זאָלען זיך ניט אָנרירען אָן דעם און מועל בקודש זיין... אָבער די ביינער פון אַן אייזעל זיינען הפקר ביי דעם לעבען און בלייבען הפקר נאָכ'ן טויט...

„אָמר להם אף כתבי הקודש לפי חיבתן היא טומאתן, ספרי המירם שאינן חביבין אין מטמאין את הידים" (שם) — האָט זיי ר' יוחנן געזאָגט, אַז דאָס זעלביגע איז אויך מיט די כתבי הקודש און די ספרים, וואָס פרעדיגען כפירה. אום קיינער זאָל ניט קענען אריינקומען אין דעם הייליגען וויינגאָרטען מיט גראָבע הענד און אויסרייסען פון דער תורה שטיקער און אָפּלאָכען פון איהרע מצות, האָט מען גוזר געווען, אַז עס זאָל מטמא זיין די הענד — אום מענשען מיט קליינע השגות זאָלען זיך אָן דעם ניט אָנריהרען און לאָזען צו־רוה אונזערע הייליגטימער, וועלכע זיינען ביי אונז טייער און ליב. אייערע ראַדיקאַלע און אפיקורסישע ביכער און ספרים, אין וועלכע איהר לאַכט אָפּ פון דער תורה און איהר פאַרלייקענט די געטליכקייט, די דאָזיגע ביכער זיינען ביי אונז ניט באַליבט, ווייל זיי זיינען פאַר אונז און אונזערע קינדער אַ סם המות, זיי טויטען אונזערע נשמות און זיינען מטמא אונזערע הייזער. אָט אַזעלכע ביכער זיינען ניט מטמא די הענד, פאַרקערט, עס איז אַ מצוה צו נעהמען מיט די הענד אַזעלכע ביכער, וואָס פרעדיגען כפירה און זנות, און זיי מבער זיין און פאַרברענען. (ספרי צדוקים טעונין שריפה, עי' חולין ס', שבת קט"ז).

די אַלע ביכער און ספרים פון דעם נפטר זיינען „מטמא די הענד" — ניט אַלע האָבען דאָס רעכט אָן זיי זיך אָנצוריהרען; מ'דאַרף מיט זיי זיך נוהג זיין בקדושה, ווייל אין זיי ווערט געפּרעדיגט דאָס ריינע אידענטום, ווייל אין זיי ווערט אַרויסגעוויזען דער מסירות נפש פון אַ ריינער, הייליגער נשמה. און איך אַפּעליר, אַז יעדער פון אונז, וואָס פאַרמאָגט אַ ריין האַרץ און הייליגע הענד, זאָל אַריינגעהמען אַלע חבורים זיינע צו זיך אין הויז, און זאָל ער פאַרבלייבען אונזער וועג-ווייזער אויך נאָך זיין טויט, אום עס זאָל זיין שפתותיו דובבות בקבר. דאָס וועט זיין דער בעסטער אָנדענק פאַר דעם נפטר.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים. — אָמן!

# איש האשכלות

## הספד על רופא מפורסם

משמת יוסף בן יועזר איש צרידה ויוסף בן יוחנן איש ירושלים בטלו האשכלות — איש שהכל בו. במתניתא תנא כל אשכלות שעמדו לישראל מימות משה עד שמת יוסף בן יועזר איש צרידה לא היה בהם שום דופי, מכאן ואילך היה בהם שום דופי.

(תמורה ט״ו, סוטה מ״ז).

מיר זיינען יעצט מספיד אַ פּערזאָן, וועלכער איז געווען באַוואוסט פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר אַלס איינער פון די באַריהמטסטע מעדיצינישע דאָקטוירים, וואָס אַמעריקא פאַרמאָגט.

מיט דעם אָפּשטאַרבען פון דעם דאָזיגען דאָקטאָר פאַרלירט די כירורגישע וועלט איינעם פון איהרע וויכטיגסטען זיילען אויף דעם פעלד פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט; און די אַלגעמיינע מענשהייט פאַרלירט איינעם, וועלכער האָט פילע מענשען ביי דעם לעבען דער־האַלטען, און דורך וועלכען גאָט האָט געשיקט די אמת׳ע הילף און רפואה.

„כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא״ (סנהדרין ל״ז) — דער, וואָס האַלט אויף איין נפש, איז גלייך ווי ער וואָלט אויפ־געהאַלטען אַ גאַנצע וועלט. פילע נפשות האָט דער דאָזיגער דאָקטאָר און וויסענשאַפטס־מאַן אויסגעהיילט פון זייערע קראַנקהייטען און איז געווען גאָט׳ס שליח צו פאַרלענגערען זייערע יאָהרען.

ס׳זיינען אָבער פאַראַן פאַלען, ווען אַ דאָקטאָר מאַכט טעות׳ן. דורך עטוואָס אַ פאַרזעהן שפּילט ער זיך מיט דעם לעבען פון אַ מענשען. דעריבער ווערט געזאָגט: „טוב שברופאים לגיהנם״ (קדושין פ״ב) — אונזערע געלערענטע מיינען מיט דעם צו זאָגען, אַז דער יעניגער דאָק־טאָר, וועלכער האַלט פון זיך צו פיל און ער דענקט, אַז קיין גרעסערער פון איהם איז שוין ניטאָ, און דעריבער ווען עס קומט צו שווערע קראַנק־הייטען, וואָס מענשען ליידען, שטעלט ער אויף זיך, און צוליב דעם, וואָס ער דענקט, אַז ער איז דער טוב שברופאים, דער בעסטער פון אַלע דאָקטוירים, ברענגט ער אום צייטענווייז מענשען פון דער וועלט, — דער עונש פון אַזאַ איינעם איז לגיהנם... (עי׳ שם בתפארת ישראל).

אָבער דער גרויסער נפטר, ווּעמען מיר אַלע באַקלאָגען, האָט אין זיך ניט געהאַט די דאָזיגע שענדליכע מדה. פאַרקערט, ווי גרויס ער איז געווען אויף דעם געביט פון מעדיצין, האָט ער אַלע מאָל זיך געהאַלטען פאַר אַן ענו און האָט אויף זיך צו פיל ניט געשטעלט, ווייל ביי איהם איז געווען טייער יעדעם מענשליכע לעבען, פונקט ווי זיין אייגען לעבען. און זייענדיג אַליין אַ תלמיד חכם, האָט ער געווּיס געוואוסט דעם דין „לא יתעסק ברפואה אא"כ הוא בקי ולא יהא שם גדול ממנו שאם לא כן הרי זה שופך דמים" (יו"ד של"ו) — אַ מענש טאָר זיך ניט אונטערנעהמען צו היילען אַנדערע, סיידען ער איז פאָלשטענדיג געניט און באַקאַנט אין מעדיצין; אויב ניט, קען אַמאָל טרעפען, אַז ער זאָל פאַררעכענט ווערען פאַר אַ שופך דמים...

דער נפטר האָט באַזעסען געווּיסע שעהנע מעלות פון דעם באַריהמטען דאָקטאָר און מקיז דם, אבא אומנא (תענית כ"א), אויף וועמען עס ווערט דערצעהלט, אַז ער פלעגט קריגען „שלום" פון הימעל דורך אַ בת קול יעדען טאָג, צו וואָס אפילו אביי ורבא האָבען קיין זכות ניט געהאַט — זיי פלעגען קריגען „שלום" בלויז ערב שבת און ערב יום כפור...

דאָס אַלץ האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין גרויסער צניעות — ער האָט באַהאַנדעלט זיינע פאַציענטען מיט ווירדע און רעספּעקט און ער האָט קיינמאָל ניט גענומען קיין באַצאָלט מיט זיינע הענד, נאָר אין אַ באַהאַלטענעם פלאַץ האָט ער געמאַכט אַ קעסטעלע, וואו יעדער, וואָס האָט געקענט באַצאָלען, פלעגט אַריינוואַרפען זיינע מטבעות; און אויב איינער האָט ניט געקענט באַצאָלען, איז געווען רעכט אַזוי אויך. דאָס האָט ער געטאָן, אום דער אָרימאַן זאָל ניט פאַרשעמט ווערען. ווען אַ תלמיד חכם איז צו איהם געקומען, פלעגט ער ביי איהם קיין געלד ניט נעהמען און פלעגט איהם נאָך צוגעבען אַ פאָר מטבעות, ער זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו ערהאַלטען...

אונזער ווירדיגער נפטר האָט באַזעסען די שעהנע מעלה פון ניט באַרייסען די קראַנקע און אָרימע. אין די וויכטיגסטע האָספּיטעלער און „קאָנוועלעסענטס האָומס" פלעגט ער קומען אינגאַנצען אומזיסט און האָט אימער געהאַט פאַר יעדען איינציגען אַ גוט וואָרט און טרייסט. זיין רעספּעקט פאַר אָרימע קראַנקע תלמידי חכמים איז געווען אין לשער, ווייל ער אַליין איז דאָך געווען אַ צורבא דרבנן און האָט ביי יעדער געלעגענהייט קובע עתים לתורה געווען און אַ שומר מצוה ודת געווען.

די דאָזיגע קלאַס דאָקטוירים זיינען ביי דער היינטיגער מאַטעריאַלי־סטישער צייט אַ זעלטענהייט; זיי זיינען געצעהלט אויף גאָט׳ס ערד. יעדער קליינער דאָקטאָר פאַרמאָגט היינט די גאוה פון דעם גרעסטען פּראָפעסאָר. די גאַנצע דאָקטאָריע איז געוואָרען אַ קרדום לחפור בה — ניטאָ קיין רחמנות אין דעם. זיי האַלטען גאַנץ ווייניג פון דעם דין „הרופא אסור ליטול שכר החכמה והלימוד אבל שכר הטורח והבטלה מותר" (יו"ד של"ו, בכורות כ"ט) — אַ רופא טאָר ניט נעהמען קיין צו הויכע פּרייזען פאַר זיין חכמה און לערנונג, ער מעג נעהמען בלויז פאַר זיין טרחה און צייט. אונזערע חכמים האָבען דאָס פאַררעכענט פאַר אַ הייליגע אַרבייט, פאַר וועלכער מ׳טאָר ניט נעהמען ביי אַלעמען גלייך און מ׳מוז זיך באַגעהן מיט דער מדה פון רחמנות אין אַ פולער מאָס...

מיר געדענקען, אַז אין דער אַלטער היים, פון וואַנען מיר קומען, האָבען זיך די באַריהמטעסטע דאָקטוירים קונה שם געווען ביי דעם לעבען מיט זייער גרויסער גוטהערציגקייט און אָפּפערוויליגקייט פאַר אַלעמען און אַלעם צו היילען און ראַטעווען; אין דער זעלביגער צייט זיינען זיי געווען שומרי מצוה ודת. ווער רעדט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, דאַמאָלס זיינען די דאָקטוירים, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט מעדי־צין, געווען די גרעסטע גאונים און צדיקים פון זייער צייט. אָבער אין דער נייער וועלט און אין די הויך־ציוויליזירטע לענדער איז געוואָרען גאַנץ אַנדערש. ווי נאָר מ׳ווערט „דאָקטאָר אָוו מעדיצין", איז מען שוין ווייט פון דעם אידישען דת אינגאַנצען, און די מדה פון רחמנות ווערט אויך גאַנץ ווייניג באַנוצט. דעריבער ווען מיר פאַרלירען אַזאַ פּערזאָן, ווי דער נפטר איז, ביי וועמען ס׳איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, מוזען מיר אַלע פאַרגיסען טייכען טרעהרען, אויף דער אבידה, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען.

אַזאַ סאָרט דאָקטאָר האָט געמיינט בן סירא, ווען ער האָט געזאָגט (בן־סירא ל"ה): הדר פני רופא וכבדהו כי יקום לך בעת צרה. הרופא והמרפא יצרם ה׳, ומלכים יכבדוהו, חכמת רופא תרוממנו ונגידים עליו יתמהו, הפקד ביד הרופא נפשך כי מאת ה׳ הוא ולא תשלחנו עד כי נרפאת, יש רופא אשר תעלה לך על ידו ארוכה כי יקרא אל ה׳ לעזרו למען החיות נפשך, החוטא לאלקים יפול בידי רופא" — באַשעהן און רעספּעקטיר דעם רופא, ווייל ער איז דער יעניגער, וואָס שטעהט דיר ביי אין אַן עת צרה. דעם דאָקטאָר און דעם קראַנקען, ביידען האָט גאָט

באַשאַפֿען. אפילו מלכים האָבען רעספּעקט פֿאַר איהם. די וויסענשאַפֿט און קלוגשאַפֿט פֿון דעם רופא מאַכט איהם דערהויבען, און צוליב דעם וואונדערען זיך וויכטיגע מענשען. גיב זיך איבער אין דעם רופא'ס הענד, ווייל ער איז דער געשיקטער פֿון גאָט, און לאָז איהם ניט אָפּ ביז וואַנען דו ביסט פֿאָלשטענדיג געהיילט. עס איז דאָ אַ רופא, וואָס רופֿט גאָט, אַז ער זאָל איהם קומען צו הילף, אַז ער זאָל צוטרעפֿען די ריכטיגע רפואות, און דער מענש זאָל געהיילט ווערען. דער, וואָס איז אַ זינדיגער, דער יעניגער פֿאַלט אַריין אין די הענד פֿון דעם רופא.

„משמת יוסף בן יועזר איש צרידה ויוסף בן יוחנן איש ירושלים בטלו האשכלות — איש שהכל בו (תמורה ט"ו, סוטה מ"ז) — ווען יוסף בן יועזר און יוסף בן יוחנן זיינען געשטאָרבען, איז בטל געוואָרען אויך דער שעהנער טיטול „אשכלות", וועלכען מען פֿלעגט געבען צו מענשען, וואָס האָבען אין זיך אַלע מעלות. „כל האשכלות שעמדו לישראל מימות משה עד שמת יוסף בן יועזר איש צרידה לא היה בהם שום דופי, מכאן ואלך היה בהם שום דופי (שם) — די יעניגע, וועלכע האָבען פֿאַרדינט צו טראָגען דעם נאָמען „אשכלות" פֿון דער צייט פֿון משה רבינו ביז דעם אָפּשטאַרבען פֿון יוסף בן יועזר, אין זיי אַלעמען איז ניט געפֿונען געוואָרען קיין לעסטערונג פֿון זינד געגען גאָט. אַנדערש איז אָבער גע־וואָרען זינט יוסף בן יועזר איז אָפּגעשטאָרבען. עס זיינען טאַקע געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען ווערט געווען דעם נאָמען „אשכול" — זיי זיינען געווען מושלמים, אָבער אין זיי איז צו דערזעלבער צייט געפֿונען גע־וואָרען לעסטערונג געגען גאָט און זיין תורה...

דער מענש, וואָס האָט זיך מיט אַן אמת פֿאַרדינט דעם נאָמען „אשכול", איז געווען דער נפטר, ווייל ער איז געווען דער מענש, וואָס „שהכל בו — תורה ויראת חטא וגמ"ח" (רש"י שם) — אַלעס איז אין איהם געווען: תורה און יראת חטא, אויך איז ער געווען אַ גוטהערצי־גער, ער האָט געזוכט מיט אַלעמען צו טאָן גמ"ח.

דער דאָזיגער נפטר קען זיך באַריהמען ווי יעקב אבינו: „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי ולא למדתי מדרכיו הרעים" (רש"י ברא' ל"ב) — מיט לבנ'ען האָב איך פֿאַרבראַכט, אָבער צו דערזעלבער צייט האָב איך אַלע מצות אָפּגעהיט און פֿון זיינע מעשים זיך ניט אָפּגעלערענט. דער נפטר האָט מיט פֿאַרשיידענע לבנ'ס געלעבט; ער האָט דורכגע־מאַכט קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטען, איז געקומען אין די העכסטע

געזעלשאפטען; דאס אלעס האט איהם אבער ניט אפגעהאלטען צו פארבלייבען א שטאלצער איד, גאנץ מיט זיין גאט און גאנץ מיט זיין תורה.

ווען מיר שטעהען יעצט נעבען זיין אפענעם קבר, וועלכער וועט איינשלינגען דעם דאזיגען קערפער, וואס ליגט אין דעם ארון, פיהלען מיר אלע, אז צוזאמען מיט'ן דאזיגען קערפער געהען אויך ארונטער אין דעם פינסטערען קבר אלע קערפערס פון די גרויסע שטאלצע אידישע דאקטוירים, וועלכע האבען געבראכט כבוד און גדולה פאר זייער פאלק, ווייל אזעלכע האבען מיר שוין באלד כמעט ווי גארניט; און מיט דעם דאזיגען נפטר ענדיגט זיך כמעט די גאלדענע קייט, וואס האט זיך גע־צויגען פון א שמואל און פון אן אבא אומנא און פון א רמב"ם און פון נאך און נאך גרויסע ריזען און צדיקי עולם.

זאל דער זכות פון דעם גרויסען נפטר מגין זיין אויף אונז, אז גאט זאל אריינגעבען אין די הערצער פון אונזערע יונגע קינדער דעם חשק צו פאראייניגען אין זיך וויסענשאפט מיט אידענטום, לערנונג מיט מצות און פראפעסיאנאליזם מיט מדות — דאס אלץ זאל געהן האנד־אין־האנד.

זאלען מיר איהם אלע ווינשען די לעצטע ברכה: ינוח בשלום על משכבו ושלום אל עפרו. — אמן!

# כאלו לא יצא

## הספר על ד״ר הערצל

מי שהוציאוהו עו״ג או רוח רעה אין לו אלא ארבע אמות. החזירוהו כאלו לא יצא.
(עירובין פרק ד׳ משנה א׳)

דעם צוואנציגסטען טאָג אין חודש תמוז ווערט אין דער גאַנצער וועלט, וואו אידען זיינען צושפּרייט, געפייערט דער „יאָהר-צייט״ פון דעם גרויסען ציוניסטישען פּאָליטיקער, דר. בנימין טהעאָדאָר הערצל, ע״ה. ער איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט בודאפּעסט אינ׳ם יאָהר תר״ך און האָט געזאָגט דעם לעצטען גוד-באַי צו דער וועלט אינ׳ם יאָהר תרס״ד. אינגאַנצען האָט די דאָזיגע גרויסע זון געשיינט פיער-און-פערציג יאָהר. אָבער אין דער קורצער צייט האָט דר. הערצל זוכה געווען צו אַ נאָמען, וואָס בלייבט אומשטערבליך, גלייך מיט דעם אידישען פאָלק, וואָס איז אומשטערבליך.

פינף-און-דרייסיג יאָהר פון זיין לעבען האָט ער אָפּגעגעבען ניט פאַר זיין פאָלק. אין די אַלע יאָהרען האָט ער ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן לייטער פון באַריהמטהייט אַלס זשורנאַליסט און דראַמאַטורג. אָבער מיט אַמאָל בליצט אין איהם אויף דער געדאַנק צו ראַטעווען זיין אָרים פאָלק און ברענגען איהם צוריק צו זיין פאַרלוירענער נחלה — צוריק נאָך ארץ ישראל.

אינגאַנצען האָט ער אָוועקגעגעבען זיין פאָלק ניין יאָהר פון זיין קורצען לעבען. אין די געצעהלטע יאָהרען האָט דער דאָזיגער ריעז זוכה געווען, אַז זיין נאָמען זאָל פאַרבלייבען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אין דער אידישער געשיכטע, און דער טאָג כ׳ תמוז ווערט געפייערט בכל תפוצות ישראל אַלס דער יאָהר-צייט פון דעם אידישען פאָלק׳ס ליבלינג.

דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער, ווען מיר באַטראַכטען, אַז די יוגענד פון דר. הערצל איז אַוועק אין לערנען פרעמדע קולטורען און ער האָט קיין עכט-אידישע ערציהונג ניט געקראָגען. די גאַנצע אַטמאָספערע, אין וועלכער דער יונגער טהעאָדאָר האָט זיך געפונען, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַן אַסימילאַטאָרישען גייסט, און אַלעס, וואָס איז

ניט-אידיש, איז דארטען פארגעטערט געווארען. אין דעם דאזיגען פרעמדען וויינגארטען איז דאס ארויסגעוואקסען דער וואונדערבארער שעהנער בוים, וועלכער האט אזוי פיל פירות ארויסגעבראכט פאר דעם אידישען פאלק. אויף איהם איז מקוים געווארען דער „מי יתן טהור מטמא לא אחד“ (איוב י״ד), „כגון אברהם מתרח חזקיה מאחז יאשיה מאמון מרדכי משמעי“ (מ״ר במדבר י״ט א׳)... מי עשה כן מי צוה כן מי גזר כן לא יחידו של עולם?... — אז אן אברהם זאל קענען ארויס-קומען פון א געצען-דינער ווי זיין פאטער תרח איז געווען, און אז אזעלכע גרויסע היסטארישע ריעזען ווי חזקיה, יאשיה און מרדכי זאלען ארויס-קומען פון אזעלכע רשעים ווי אחז, אמון און שמעי, קיין אנדערער האט דאס ניט געקענט טאן און ניט געקענט גוזר זיין, נאר גאט, וועלכער איז דער איינציגער... דאס איז איינער פון גאט׳ס וואונדער, וועלכע ער טוט און שאפט אין זיין וועלט.

געקומען איז ער צו דעם אידישען פאלק ווי דער גרעסטער בעל-תשובה. אלעס האט ער אוועקגעגעבען צום דינסט פון זיין פאלק און לאנד — די פרוכט פון דער פען, שרייבענדיג זיין „יודענשטאאט“, „דאס נייע גהעטא“ און דאס „אלט ניי לאנד“, אויך גרינדענדיג די צייטונג „די וועלט“ אין וויען. זיין רעדנער-קראפט האט ער געווידמעט צו פארשפרייטען דעם פאליטישען ציוניזם צווישען דעם אידישען פאלק און אויך צווישען אנדערע פעלקער. מיט זיינע וואונדערבארע רעדעס אויף די קאנגרעסען האט ער דערוויטערטע קינדער צוריק געבראכט צו זייער פאלק און אויך טרייסט און באלזאם געשאפען פאר די קראנקע אידישע הערצער. זיינע פיס זיינען געלאפען פון לאנד צו לאנד און פון איין איינפלוסרייכער פערזענליכקייט צו א צווייטער. זיין געלט און אפילו זיין אייגענע פאמיליע האט ער מפקיר געווען, אום זיין חלום פון שיבת ציון זאל רעאליזירט ווערען.

דער פרינץ פון דעם אידישען פאלק האט אויסערליך אויסגעקוקט צו זיין פרעמד צום אידישען פאלק, אזוי מיט זיין קליידונג ווי מיט זיין האלטונג; אבער זיין הארץ איז געווען אנגעלאדען מיט אידישען ברען פאר אלעס, וואס איז הייליג און טייער און ער האט באגריפען, אז אנ-דערש קען ניט פארקומען דער צוריקקער קיין ציון ווי נאר דורך אומ-קערען זיך צו דעם אמת׳ן טראדיציאנעלען אידענטום. „ותאמרנה איש מצרי הצילנו מיד הרועים. וכי מצרי היה משה, אלא לבושו מצרי והוא

עברי" (שמות רבה א' ל"ט) — יתרו'ס טעכטער האָבען גנזאָגט, אַז אַ מצרי האָט זיי געראַטעוועט פון די פּאַסטוכער. פרעגען אונזערע געלערנטע: צי דען איז משה געווען אַ מצרי? איז דער תירוץ, אַז זיין אויסערליכע קליידונג איז טאַקע געווען ווי פון אַ מצרי, אָבער ער אַליין איז געווען אַן אמת'ער איד. אַזוי אויך איז דר. הערצל געווען לויט זיין קליידונג און האַלטונג, אַן אַריסטאָקראַט און אייראָפּעער, אָבער אינערליך, אין האַרצען — אַ פייערדיגער איד...

דר. הערצל איז געווען דער מאָדערנער טרוימער פון דער גהעטאָ. וואו ער איז געקומען, האָט מען מיט די פינגער געטייטעלט: „הנה בעל החלומות הלזה בא" (בראשית ל"ז י"ט) — אָט געהט דער פּערזאָן, וואָס חלומ'ט דעם אַלטען חלום פון אומקערען דאָס פאָלק אָהן אַ לאַנד צו דעם לאַנד אָהן אַ פאָלק. און ווייל מ'האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ שווערמער און טרוימער, האָט ער אויף יעדען שריט און טריט געפונען גרויסע און ריזיגע שוועריגקייטען. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר קיין זאַך, ביז וואַנען ער האָט דעם ערשטען וועג נאָך ציון געשאַפען און מיט דעם געוואונען זיין גרויסקייט ביי דעם אידישען פאָלק. „ויגדל משה — וכי אין הכל גדלים אלא לומר לך שהיה גדול שלא כדרך העולם" (ש"ר א' ל"ב) — „משה איז גרוים געוואָרען" — צי דען ווערען ניט אַלע גרוים? נאָר משה'ס גרויסקייט איז געווען אַ וואונדערבאַרע, ניט ווי דער וועלט-שטייגער. דר. הערצל'ס גרויסקייט איז געקומען ניט נאַ־טירליך. דאָס איז געשעהן דורך אַ נס...

„מי שהוציאוהו עו"ג או רוח רעה אין לו אלא ארבע אמות" (עירובין פ' ד' מ"א) — אויב אַ איד איז אַרויס פון דעם אידישען תחום, אָבער זיין אַרויסטרעטען איז געווען ניט מיט'ן גוטען ווילען, נאָר דער גלות האָט דאָס מיטגעבראַכט, ווייל פרעמדע פעלקער האָבען איהם פון דעם אידישען תחום מיט גוואַלד פאַרשלעפּט, אָדער פרעמדע גייסטער און רוחות האָבען איהם פאַרפיהרט; „שנכנסה בו שד ונטרפת דעתו ויצא חוץ לתחום וחזר ונשתפה והרי הוא חוץ לתחום" (רע"ב שם) — פרעמדע קולטורען האָבען זיין מח צוטומעלט, און ער איז אַרויס פון דעם אידישען גבול, — אַזאַ פּערזאָן האָט נאָר פיער איילען, מעהר ניט ווי זיך זעלבסט האָט ער אין זינען, ער ווייסט נאָר זיינע אייגענע פיער איילען, אָבער פאַר דעם אידישען פאָלק אַרט איהם ניט... „החזירוהו כאלו לא יצא" (שם) ווען אָבער די פרעמדע פעלקער האָבען איהם צו־

ריקגעטריבען צו זיין פאָלק און צו זיין גרענעץ, איז גלייך ווי ער איז גאָר קיינמאָל פון זיין פאָלק ניט אוועק...

דר. הערצל איז צוליב דעם גלות-לעבען און צוליב די פרעמדע קול-טורען פון די פעלקער פאַרפרעמדט געוואָרען פון זיין פאָלק פאַר גאַנצע פינף-און-דרייסיג יאָהר. אָבער דיזעלבע פעלקער האָבען איהם צוריק געטריבען צו זיין פאָלק און לאַנד. באַטראַכטענדיג דעם משפט און רדיפות אויף דרייפוס'ן — און דאָס אַלעס איז געטאָן געוואָרען צוליב זיין אידישען אָפּשטאַם — האָט דר. הערצל באַשלאָסען צוריק צו קערען זיך אין דעם אידישען לאַגער. זיין צוריק קומען איז געווען מיט דעם עכט-אידישען ברען — אַלע גרעניצען צווישען איהם און דעם אידישען פאָלק זיינען אָפּגעווישט געוואָרען. און ער איז ביי אונז פאַררעכענט ווי אַ זוהן, וואָס איז מיט דעם אידישען פאָלק געווען פון זיין וויגעלע ביז'ן קבר...

משה רבינו האָט דאָס אידישע פאָלק פון מצרים אַרויסגענומען און זיי דורך אַ גרויסען מדבר דורכגעפיהרט, ער האָט פון דעם אידישען פאָלק געהאַט צער און יסורים. צום סוף, ווען משה קומט צו זיין ליבלינג-לאַנד, ארץ ישראל, ער זעהט עס פון ווייטען, און ס'קוקט אוים, אַז אָט-אָט ווערט פאַרווירקליכט זיין לעבענס-חלום, קומט מיט אַמאָל גאָט'ס שטימע און זאָגט צו איהם: דאָס לאַנד קענסטו זעהן, אָבער אַריינ-פיהרען אַהין די אידען — וועט יהושע. און משה מוז אָננעהמען גאָט'ס גזר דין... דאָס אייגענע איז געשעהן מיט טויזענדער יאָהרען שפּעטער מיט דר. הערצל'ען. צו מסירת נפש, צו יסורים, צו ליידען פאַר דעם אידעאַל פון שיבת ציון — צו דעם אַלעם איז ער דאָ; ווען עס האַלט שוין אָבער דערביי, אַז מ'זעהט לאַנד, ווען דער חלום ווערט טיילווייז פאַרווירקליכט, און דר. הערצל וואָלט געשניטען מיט געזאַנג, וואָס ער האָט מיט טרעהרען געזייהט, דאַן קומט גאָט'ס שטימע און איז גוזר: דר. הערצל, דו מוזט דיין קבר אין די גלות-לענדער געפינען, און אַנדערע וועלען שוין דיין חלום פאַרווירקליכען!...

זיין „יאָהר-צייט" פייערען מיר היינט אין די טעג פון טרויער, ווען דאָס אידישע פאָלק טרויערט זיינע „דריי וואָכען", וואָס זיין לאַנד און בית המקדש איז חרוב געוואָרען, און אויך ווען מיר לייענען די ווערטער פון אונזער גרויסען מקונן, ירמיה. גראָד אין די דאָזיגע טרויער-טעג האָט גאָט געשיקט זיין שליח אוועקצונעהמען די גרויסע נשמה פון

בנימין הערצל, די נשמה וועלכע האָט געליטען און געוועהטאָגט פאַר דעם אידישען פאָלק און זיין לאַנד, וואָס איז חרוב געוואָרען אין די דאָזיגע טעג. דר. הערצל האָט געזעהן די אידישע „דריי וואָכען“ און „תשעה באב“, אָבער צו דעם אידישען גרויסען „שבת נחמו“ האָט ער ניט דערלעבט...

לאָמיר פאַראייביגען דאָס אָנדענקען פון דעם דאָזיגען גרויסען אי־דישען פרינץ מיט דעם, וואָס מיר וועלען איבערנעהמען דעם אידעאַל פון דעם גרויסען נפטר און מיר וועלען אומקערען צו ציון איהר גלאַנץ פון אַמאָל. און געהענדיג נאָך אונזער לאַנד, וועלען מיר מיטנעהמען די ביינער פון דעם מאָדערנעם יוסף. אַזוי ווי דער „פקוד יפקד אלקים אתכם“ (בראשית נ׳ כ״ה) האַלט אין פאַרווירקליכט ווערען דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זאָלען מיר מקיים זיין דעם „והעליתם את עצמותי מזה אתכם“ (שם) — לאָמיר פריהער בויען אַ שעהן לאַנד, אום הערצל׳ס ביינער זאָלען קומען צו זיין אַלט־ניי־לאַנד און צו דעם אמת׳ן יודענשטאַט. תנצב״ה.

# משפטי את ה׳

## הספד על עסקן כללי

כד דמך רבי אבהו אחזו ליה תלת עשרי נהרי אפרסמון,
אמר להון אלין דמן אמרו ליה דידך אמר אלין דאבהו ?
ואני אמרתי „לריק יגעתי לתוהו והבל כחי כליתי אכן
משפטי את ה׳״ (ישעי׳ מ״ט ד׳).
(בר״ר ס״ב ב׳).

אין יעדער צייט זיינען געווען „פרנסים״, וועלכע האבען געארבייט פאר דעם אידישען פאלק מיט מסירות נפש. זיי זיינען געווען די יעניגע, וועלכע האבען געארבייט לטובת הכלל אהן קיין שום באַצאהלונג און אויך אהן כבוד-זוכעריי. זייער כלל-טועריי איז געווען א ריינע, א הייליגע, אהן שום זייטיגע פניות און כונות, נאר לשם שמים.

א דאנק די דאזיגע פרנסים איז איינגעפיהרט געווארען אן ארדענונג אין די מעהרסטע אידישע קהלות. די קלענסטע קהלה האט אויסגעהאַלטען א רב, א חזן, א שמש און אלע הצטרכות, וואס א אידישער קבוץ דארף האבען. די פרנסים האבען געארבייט גאנץ שווער צו שאפען די נויטיגע געלדער, אז קיינער פון די אנגעשטעלטע זאל ניט ליידען קיין דחקות.

אויסער דער פליכט צו פיהרען די אידישע קהלות, האבען די פרנסים אויך געמוזט זיין שלוחים פאר דעם אידישען פאלק. ווען עס איז אויפגעשטאנען א צרה מן החוץ, האבען שוין די פרנסים ניט גערוהט — עס זיינען גערופען געווארען אסיפות און מ׳איז געפאהרען אין די הויפטשטעדט צו בעטען תחנונים ביי די מלוכה-פארשטעהער מבטל צו מאכען די גזרות רעות. אין א סך פאלען איז זיי טאקע געלונגען דורך שתדלנות צו ראטעווען אידען פון שרעקליכע קאטאסטראפעס.

אין די נייע פרייע לענדער, וואו מיר אידען האבען א היים געקראגען, וואו מיר דארפען ניט אנקומען צו דער נידעריגער שתדלנות פון אמאל, און מיר דארפען זיך ניט בוקען און קניען פאר יעדען נישטיגען נאטשאַלניק, וואו דאס גאנצע אידישע לעבען האט אנגענומען אן אנדער פארם, וואו די אמאליגע קהלות מיט פרנסים און אלע אמאליגע איינפיהרונגען זיינען ניט מעהר צו געפינען, — דא אין דער נייער וועלט איז יעדע

אידישע שוהל און חברה א וועלט פאר זיך, און זיי האבען א רעכט צו טאן ווי זיי געפעלט און דארפען ביי קיינעם קיין עצות ניט פרעגען. אין די דאזיגע לענדער איז אנשטאט די אמאליגע פרנסים ארויפגעשוואומען א נייער טיפ אונטער א נייעם נאמען, וועלכער הייסט כלל-טוער אדער „סאשעל וואירקער".

דער כלל-טוער אדער „סאשעל וואירקער" איז ניט א פיהרער פון א גאנצער קהלה, ווייל קיינער האט איהם ניט ערוועהלט אלס אזעלכען. א כלל-טוער אין אמעריקא און אין אנדערע פרייע לענדער מיינט א איד, וואס מישט זיך אין אלעם ניט געבעטענערהייד, און טוענדיג כלל-ארבייט, לשמה אדער שלא לשמה, קריגט ער מיט דער צייט א נאמען אין דער אידישער גאס, און אלע טייטלען אויף איהם מיט די פינגער — אט געהט דער און דער, וועלכער האט געטאן דאס און דאס...

אין איין זאך זיינען גלייך דער היינטיגער כלל-טוער און דער אמאליגער פרנס, און דאס איז אין דער הינזיכט פון קריטיק. יעדער איינער נעמט זיך דאס רעכט אויסצוזעצען געגען זיי. דא געפעלט ניט די מאסען, ווי די כלל-טוער האבען אידען פארטיידיגט; דא קריטיקירט מען זיי פאר וואס זיי גיבען אוים קהל'שע געלד ניט פרעגענדיג דעם דעת הקהל. מיט איין ווארט, סיי די אלטע פרנסים, סיי די נייע כלל-טוער אדער „סאשעל וואירקערס" האבען קיינמאל קיין נחת געהאט פאר זייער שווערער ארבייט. אנשטאט דאנקבארקייט האבען זיי געקראגען באליידיגונג, אנשטאט שבחים — אומ'כבוד...

משה רבינו, דער ערשטער אידישער פרנס, וועלכער האט געטאן אזעלכע וואונדערבארע ארבייט פאר דעם אידישען פאלק, און דאך — „והביטו אחרי משה" (שמות ל"ג ח') — דאך האבען די מאסען אימער געהאט אויסצוזעצען און נאכצוקוקען אויף זיין שריט און טריט, ביז וואנען משה רבינו פאלט אריין אין גרוים יאוש און שרייט אוים: „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם?!" (דברים א' י"ב) — ווי קען איך אליין פארטראגען אייערע שווערע טרחות און לאסטען און צו דעם אלעמען אייער צוריסענקייט און קריעג!...

יהושע ווערט אויפגערעגט אויף אלדד ומידד צוליב דעם, וואס ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם וואס משה האט אויפגעטאן פאר די אידען, זאגען זיי נביאות אין דער מחנה: „משה מת ויהושע מכנים את ישראל לארץ" (סנהדרין י"ז) — אז משה וועט שטארבען אין מדבר און יהושע

זועט אריינברענגען די אידען אין ארץ ישראל. און יהושע זאָגט צו משה'ן: „אדוני משה, כלאם! — הטל עליהם צרכי צבור והם כלין מאליהן" (שם) — צאָל זיי אָפּ מדה כנגד מדה: זיי פארגינען דיר ניט דיין הנהגה איבער דעם אידישען פאָלק און זיי קענען ניט צוזעהן דעם נחת, וואָס דו וועסט האָבען, אריינברענגענדיג די אידען אין ארץ ישראל, מאַך־זשע זיי פאַר נשיאים און פיהרער אין דעם אידישען פאָלק, און זיי וועלען אַזוי ווייט פאַרשוואַרצט ווערען פון צרות און ענוים, אַז זיי וועלען פון זיך זעלבסט פאַרניכטעט ווערען...

רבי אבהו האָט אין זיך געהאַט אַלע מעלות: ער איז געווען אַזוי שעהן, אַז זיין געזיכט האָט געלויכטען (ב"ב נ"ח); ער האָט פאַרמאָגט פיל רייכטום (שבת קי"ט); ער האָט געגעבען אַ סך צדקה (ירושלמי, תענית ס"ד); צו דעם אַלעם איז ער געווען אַ גרויסער דרשן, וועמען די מאַסען האָבען ליב געהאַט צו הערען (סוטה מ'). די דאָזיגע אַלע מעלות האָבען גורם געווען, אַז רבי אבהו איז געוואָרען אַ מקורב למלכות (חגיגה י"ד) — ווען ער פלעגט קומען צום קיסר, פלעגען די באַדינטע אַרויסגעהן אַנטקעגען איהם און באַגריסען אַלס דער „רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה" (כתובות י"ז, סנהדרין י"ד) — אַז ער איז דער נשיא פון דעם אידישען פאָלק און צו דערזעלבער צייט אויך דער פאַרשטעהער און הויפּט־רעדנער און מנהיג פאַר דער אויסערליכער וועלט, אום צו פאַר־טיידיגען דאָס אידישע פאָלק ביי אַלע געלעגענהייטען, ווען מ'וויל די אידען שלעכטס טאָן.

נאָך דעם אַלעם, וואָס ער האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר דעם אידישען פאָלק אין זיין צייט, האָבען מענשען געזוכט איהם צו קריטיקירען און איהם קליין צו מאַכען; און ווען ניט די גרויסע ענוית פון ר' אבהו'ן, וועלכער האָט אַלעם פאַרשוויגען, וואָלט אַרויסגעקומען די גרעסטע מחלוקת, ווי עס איבערצייגט די פאָלגענדע געשיכטע פון תלמוד: „מאי ענוותנותיה דרבי אבהו? דאמרה לה דביתהו דאמוריה דרבי אבהו לדביתהו דרבי אבהו, האי דידן לא צריך ליה להאי דידך, והאי דגחין וזקיף עליה יקרא דמלכותא הוא דעבד ליה, אזלא דביתהו אמרה ליה לר' אבהו, אמר לה מאי נפקא לך מינה? מיני ומיניה יתקלס עילאה" (סוטה מ'). — אין וואָס איז באַשטאַנען ר' אבהו'ס ענוית? איינמאָל האָט די פרוי פון דעם „מתרגם" (וועלכער האָט איבערזעצט די דרשות פון ר' אבהו'ן צום פאָלק) געזאָגט צו ר' אבהו'ס פרוי: מיין מאַן איז

אזוי גרויס ווי דיין מאַן — „חכם הוא כמו בעליך" (רש"י שם) און ער קען אַזוי פיל לערנען און איז אַזאַ חכם ווי ר׳ אבהו. און דאָס, וואָס מיין מאַן לאָזט זיך בויגען און איז נכנע פאַר דיין מאַן, ר׳ אבהו, איז ווייל דיין מאַן איז אַ קרוב למלכות, און ס׳איז נאַריש מיט אַזאַ פּערזאָן זיך אָנצופּאַנגען... ווען ר׳ אבהו׳ס פרוי האָט דאָס אַלעס דערצעהלט ר׳ אבהו׳ן, האָט ר׳ אבהו מיט זיין עניות געענטפערט: עס זיך ניט אָפּ, מיין ליבע פרוי, דאָס הארץ, וואָס מ׳זאָגט וועגען מיר. וואָס איז דיר די נפקא מינא אַזוי צי אַזוי, דערווייל פון מיר און פון דעם „מתרגם" ווערט גאָט געלויבט...

„כד דמך רבי אבהו אחזו ליה תלת עשרי נהרי אפרסמון" (בר"ר ס"ב ב׳) — ווען ר׳ אבהו איז געשטאָרבען, און מ׳האָט איהם געצייגט דרייצעהן טייכען פון דעם טייערען אפרסמון אַלס זיין געצאָלט פאַר זיינע גרויסע טהאַטען, „אמר להון אלין דמן?" (שם) — האָט ר׳ אבהו, דער גרויסער עניו זיך געוואונדערט און געפרעגט: פאַר וועמען איז דאָס אַלעס אָנגעגרייט געוואָרען? „אמרו ליה דידך" (שם) — האָבען זיי איהם געענטפערט: דאָס אַלעס געהערט צו דיר. „אמר אלין דאבהו ואני אמרתי לריק יגעתי לתוהו והבל כחי כליתי" (שם) — האָט ר׳ אבהו געזאָגט: ווען איך האָב געלעבט און איינגעזעהן ווי די אידען זיינען ניט דאַנקבאַר פאַר אַלעס וואָס, איך האָב פאַר זיי געטאָן, האָב איך גערעכענט, אַז מיין גאַנצע שווערע ארבייט, וואָס איך האָב געטאָן פאַר מיין פאָלק, איז אומזיסט, פאַר נאַרישקייט האָב איך מיינע כחות אַוועקגעגעבען... „אכן משפטי את ה׳" (ישעי׳ מ"ט) — יעצט אָבער זעה איך איין, אַז דער איינציגער, וועלכע באַצאָלט דעם כלל-טוער און לעה־רער פון דעם אידישען פאָלק פאַר זיין שווערער ארבייט, איז גאָט — נאָר ער אַליין איז ניט מקפח דעם שכר פון יעדער בריה, און צוליב דעם אַליין איז ווערט אַלעס צו טאָן פאַר דעם אידישען פאָלק. אויב זיי באַצאָלען זייערע כלל-טוער און פרנסים מיט עגמת נפש און אומ׳כבוד, באַצאָלט אָבער גאָט אַ גאַנץ גרויסען שכר צו יעדען איינציגען, וואָס האָט געאַרבייט פאַר׳ן צבור לשם שמים...

דעם נפטר, וועלכען מיר זיינען יעצט מספיד, איז באַשערט געווען צו טראָגען אין דעם לאַנד דעם נאָמען כלל-טוער. עס איז ניט געווען קיין באַוועגונג אין דעם לעבען פון די אידען אין אַמעריקא, אין וועלכער דער דאָזיגער ווירדיגער נפטר זאָל קיין איינטייל נעהמען. עס איז פאַר

איהם ניט שווער געווען צו מאַכען ווייטע נסיעות און זיך משתדל זיין פאַר דעם בענעפיט פון פאָלק. יעדע נאַכט האָט ער אוועקגעריסען דעם שלאָף פון זיינע אויגען און האָט בייגעוואוינט פאַרזאַמלונגען, וואו ער האָט געשטורעמט מיט זיין רעדנער-קראַפט פאַר אַלעם און אַלעמען. אויסער דעם האָט ער אַ גרויסען טייל פון זיין פאַרמעגען צוטיילט פאַר אַלע הייליגע צוועקען. און דאָך האָט ער קיין נחת פאַר זיין הייליגער ארבייט ניט געהאַט. פילע האָבען אימער געזוכט פגימות אויף זיינע אונטערנעהמונגען און טהאַטען, וואָס מיט דעם האָבען זיי איהם גרויס עגמת נפש פאַרשאַפט. אָבער טראָץ דעם איז ער פאַרבליבען אויף זיין פאָסטען פעלזען-שטאַרק און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע פיל-זייטיגע טהעטיגקייטען, ווייל זיין אַרבייט איז ניט געווען צוליב כבוד קריגען און ניט צוליב אַנדערע עגאָאיסטישע צוועקען, נאָר זיין כונה איז געווען לשם שמים — צו העלפען זיין פאָלק צו יעדער צייט.

יעצט, אַז ער איז פון אונז אָפּגעשטאָרבען, קען דער נפטר אויך זאָגען ווי ר' אבהו: „אני אמרתי לריק יגעתי להבל ותוהו כחי כליתי אכן משפטי את ה'... — ביי מיין לעבען האָב איך געדענקט, אַז פאַר גאָרנישט האָב איך מיינע כחות אוועקגעגעבען און אומזיסט האָב איך מיך געמאַטערט פאַר מיין פאָלק, אָבער יעצט, אַז איך זעה, וואָס איך האָב פאַר זיך אָנגעגרייט אויף דעם עולם האמת, געפין איך אויס, אַז גאָט באַצאָלט גוטעס פאַר גוטעס און שלעכטעס פאַר שלעכטעס...

„וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים" (אבות ב' ב') — אַלע, וואָס זיינען זיך עוסק אין כלל-זאַכען, זאָלען עס טאָן נאָר לשם שמים, „שזכות אבותם מסיעתם וצדקתם עומדת לעד" (שם) — ווייל די, וועלכע טוען מיט דעם ריינעם ערנסט פון זייער האַרץ און נשמה, וועלען געוויס געווינען דעם זכות פון זייערע עלטערען, וואָס האָבען זיך געלאָזען אָפּפערען פאַר יעדער דבר שבקדושה, און זייער צדקות וועט אויף אייביג בלייבען דער שעהנסטער אָנדענקען; „ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאלו עשיתם (שם) — אָבוואָהל אָהן דער הילף פון פאָלק זעלבסט און אָהן זייערע ביישטייערונגען וואָלט געווען

אוממעגליך פאַר די עוסקי בצרכי צבור עפּעס אויפצוטאָן, אָבער גאָט, דער יודע מחשבות, ווייסט, אַז אָהן דער פיהרערשאַפט פון די פאַר־שיידענע כלל־טוער וואָלט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן געוואָרען. דעריבער באַצאָלט ער זיי זעהר אַ גרויסען שכר, פונקט ווי זיי וואָלטען דאָס אַליין אויפגעטאָן...

לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיל פון דעם דאָזיגען נפטר ניט צו לעבען בלויז פאַר זיך, נאָר אימער און צו יעדער צייט אַרבייטען לטובת הכלל, און זאָל דער אָנדענקען פון דעם דאָזיגען גוטהערציגען אידען זיין ביי אונז טייער. — תהא נשמתו צרורה בצרור החיים. — אָמן!

# אשת חיל

## הספד לאשה חשובה

אשת חיל עטרת בעלה (משלי כ"ב) זה אברהם שהיה מקונן על שרה, מה כתיב למעלה מן הענין ותמת שרה... התחיל אברהם לבכות עליה ולומר אשת חיל מי ימצא? בטח לב בעלה אימתי? בשעה שאמר לה „אמרי נא אחותי את", „דרשה צמר ופשתים" — בין יצחק לישמעאל שאמרה „גרש האמה הזאת ואת בנה"... „ותקם בעוד לילה" אימתי?—„וישכם אברהם בבוקר"... „ידיה שלחה בכשור" שהיתה נותנת צדקות ומלבשת ערומים.

(מדרש תנחומא חיי שרה ד').

דער קעניג שלמה האט געהייראט פרעה'ס טאכטער, האבען זיי ביידע אין דעם טאג פון חנוכת בית המקדש פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט, שפילענדיג אויף די פארשיידענע קלארנעטען, און דורך דעם האט שלמה פארשלאפען ביז שפעט אין טאג אריין; און אזוי ווי די שליסלען צום בית המקדש זיינען געלעגען ביי איהם צו־קאפענס, איז דער תמיד של שחר פארשפעטיגט געווארען מיט פיער שטונדען.

זיין מוטער האט איהם מכבד געווען מיט שטראף־ווערטער: „מה ברי, ומה בר־בטני ומה בר־נדרי" (משלי ל"א) — האט זיך פאר מיר גע־לוינט דיך צו ברענגען אויף דער וועלט און ליידען אזוי פיל יסורים? צו וואס האב איך געדארפט צוזאגען נדרים, אז גאט זאל מיך בענשען מיט א זוהן, אין דער צייט ווען דו טוסט זאכען, וואס זיינען געגען גאט און זיין תורה?

שלמה, דער חכם מכל אדם, האט זיך גוט צוגעהערט צו די שטראף־רייד, און באגרייפענדיג ווי ווייט זיין מוטער איז פראקטיש און קלוג, האט ער לכבוד איהר פארפאסט אן „אשת חיל", וואס מיר זאגען יעדען ערב שבת ווען מ'קומט פון שוהל און מ'זעהט ווי די עקרת הבית האט אלעם אנגעגרייט לכבוד שבת און יעדע זאך אין הויז איז אין ארדענונג.

צו זיין ווערט צו ווערען אנגערופען מיט דעם נאמען „אשת חיל", מוז די פרוי באזיצען אלע מעלות. זי מוז זיין די אמת'ע טרייע לעבענס־באגלייטערין פון איהר מאן, ווי אונזער מוטער שרה איז געווען.

„בטח בה לב בעלה" אימתי? בשעה שאמר לה „אמרי נא אחותי את" (מדרש תנחומא ד') — ווען אברהם געפינט זיך אין אַ שרעקליכער לאַגע, ווען צוליב אַ הונגער מוז ער געהן נאָך מצרים, און ווייסענדיג, אַז די מצריים זיינען שרעקליכע בעלי תאוה פון שעהנע פרויען, און ביי זיי איז רעכט צו טויטען דעם מאַן און אוועקרויבען פון איהם די פרוי, האָט אברהם געבעטען זיין פרוי שרה, אַז זי זאָל זאָגען, אַז זי איז אברהם'ס שוועסטער, אום זי זאָל ראַטעווען זיין לעבען. אברהם האָט געגלויבט אין שרה'ס איבערגעבענהייט, און זי האָט זיין לעבען געראַטעוועט...

אין די הענד פון דער פרוי ליגט דער שיקזאַל פון איהרע קינדער. אויב זי באַגרייפט ריכטיג איהרע פליכטען, קענען די קינדער אויסוואַקסען גרויסע מענשען. „דרשה צמר ופשתים" — בין יצחק לישמעאל שאמרה „גרש את האמה הזאת" (שם) — ווען שרה זעהט, אַז יצחק פאַרברענגט מיט ישמעאל'ן, דעם פרא אדם, „וואָס זיין האַנד איז אין אַלעמען און יעדענס האַנד איז אין איהם", באַגרייפט זי, אַז יצחק און ישמעאל זיינען ניט קיין „פּאַר קליידער" — אַזוי ווי עס איז אַן אונטערשייד פון וואָל ביז פלאַקס, אַזוי זיינען ווייט די מדות פון יצחק'ן ביז ישמעאל'ס מדות; און שרה זייענדיג שטענדיג אין שרעק, אַז יצחק זאָל זיך ניט אַפּלערנען קיין מדות רעות פון דעם פרא אדם, האָט זי געזאָגט גאַנץ שטרענג צו אברהם'ען: „גרש את האמה הזאת עם בנה!" — טרייב אַרויס די דינסט הגר מיט איהר זוהן, און דאַן וועט אונזער יצחק אויסוואַקסען דער יעניגער, וואָס וועט אונז ברענגען נחת אויף דער וועלט און אויך אויף יענער וועלט...

„ותקם בעוד לילה" אימתי? בשעה „וישכם אברהם בבוקר" (שם) —שרה איז אָבער אויך געוועזען די גרויסע ווירטין פון הויז און איהר איז ניט געוועזען שווער צו זיין וואַך גאַנצע נעכט, אום אָנצוגרייטען אַלעס פאַר איהר מאַן אברהם און איהר זוהן יצחק, ווען זיי דאַרפען גאַנץ פריה אוועקגעהן...

איבערהויפּט אָבער האָט אברהם באַקלאָגט זיין פרוי שרה, וואָס מיט איהר איז אויך אָפּגעשטאָרבען דאָס וואונדערבאַרע גוטע האַרץ צו העלפען דעם נויטווענדיגען און ליידענדען, צו לינדערען די שמערצען פון דעם קראַנקען און אָפּצוואַשען די טרעהרען פון דער אלמנה און יתום. „ידיה שלחה בכשור, שהיתה נותנת מאכל לעוברים ושבים, כפה פרשה לעני, שהיתה נותנת צדקות ומלבשת ערומים" (שם) — שרה

האָט געגעבען עסען צו יעדען דורכגעהער און האָט געטיילט געלד צו יעדען באַדערפטיגען און האָט באַקליידט די נאַקעטע...

דעם דאָזיגען הספד האָט אברהם אבינו געזאָגט מיט טויזענדער יאָהר צוריק אויף זיין אשת חיל, שרה. ער האָט איהר באַקלאָגט און ערקלערט פאַר אַלעמען דעם גרויסען פאַרלוסט, וואָס די וועלט האָט געליטען דורך איהר טויט.

איך קום היינט אויך צו באַקלאָגען אַן אשת חיל, וועלכע איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען פאַר דער צייט, וועלכע האָט נאָך געקענט לעבען און פיל גוטעס טאָן. זי איז געווען די טריַיע איבערגעבענע פרוי צו איהר מאַן, די אמת'ע גינציגע מוטער צו איהרע קינדער, וועמען זי האָט מדריך געווען על דרך התורה; אויך איז זי געווען אַן אויסגעציי־כענטע ווירטין, איהר הויז איז געהאַלטען געוואָרען אין דעם שעהנסטען גלאַנץ. איבערהויפּט אָבער האָט זי זיך אויסגעצייכענט מיט גוטהער־ציגקייט. עס איז ניטאָ קיין איין וואָהלטהאַט, וואָס זי האָט ניט גע־האָלפען. זי איז געווען פּרעזידענטין פון פילע וויכטיגע אַנשטאַלטען. אויסער דעם אַלעם איז זי געווען אַן אשה צנועה וכשרה. שבת איז איהר הויז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הייליגען טעמפּעל, וואו גאָט'ס שכינה האָט גערוהט אין אַלע ווינקעלאַך. „טעמה כי טוב סחרה" (משלי ל"א) — אָבוואָהל זי האָט געוואוסט, אַז איהר מאַן איז אַ גרויסער געשעפטס־מאַן און איז זעהר רייך — און פילע פרויען האָבען דאָך צוליב רייכטום דעם שבת-לייכטער אַרויסגעוואָרפען פון הויז — „לא יכבה בלילה נרה" (שם) — אָבער ביי דער דאָזיגער נפטרת זיינען די פרייטאָג-צו-נאַכט ליכט ניט אויסגעלאָשען געוואָרען...

„עוז והדר לבושה — של תורה, ותשחק ליום אחרון — אימתי היא שוחקת מתן שכרה לעת"ל" (מ"ר בר"א נ"ט) — פאַרשיידענע בגדים טראָגט די פרוי: אַ קלייד צו דער אַרבייט מוז זיין שטאַרק, אָבוואָהל עס איז ניט שעהן; אָבער דער בגד, וואָס די פרוי דאַרף אָנטאָן צו געהן אין געזעלשאַפט, מוז שוין האָבען די הויפּט מעלה פון שעהנקייט, אָב־וואָהל די שטאָף איז ניט שטאַרק. אַ קלייד אָבער, וואָס האָט אין זיךביידע מעלות, שטאַרק און שעהן, איז אַ זעלטענהייט. דאָסזעלבע איז מיט די גייסטיגע קליידער פון דער פרוי. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע ריידען גאַנץ איידעל און אויבענאויף זעהט אַלעס אויס שעהן, אָבער אינערליך, די מדות, זיינען פאַרדאָרבען... ס'זיינען אָבער דאָ, פאַרקערט,

פרויען מיט גרויסע נשמות און וואונדערבארע גוטע הערצער, נאר זיי זיינען ניט פעהיג צו האלטען זיך אויסערליך אנציהענד, ס'פעהלט זיי שעהנע מאניערען פון עטיקעטע. ביי די ערשטע זיינען די גייסטיגע קליידער שעהן אבער ניט שטארק; ביי די צווייטער איז די שטאף פעסט אבער ניט שעהן.

ווען אבער א פרוי פארמאגטביידע מעלות: „פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה" (משלי ל"א) — דאס מויל רעדט קלוגשאפט און אין יעדען ווארט איז דא גוטסקייט, אזא פרוי, וואס „עוז והדר לבושה — ותשחק ליום אחרון" (שם) — ווען עס קומט דער לעצטער טאג פון לעבען און מ'דארף זאגען דעם לעצטען גוד-באי צו דער שעהנער וועלט, פרעהט זיך איהר נשמה, וויסענדיג, אז דער עקזאמען פון לעבען, פון וויגעלע ביז'ן קבר, איז פאלשטענדיג אויסגעהאלטען געווארען...

אנדערע פרויען, וועלכע זיינען אריינגעטאן נאר אין דעם הו-הא פון לעבען, זאלען פון דער דאזיגער נאבעלער פרוי לערנען א לעקציע און טאן די זעלביגע טהאטען פון דער נפטרת. „עד שלא השקיע הקב"ה שמשה של שרה הזריח שמשה של רבקה" (מ"ר בר"א נ"ח) — איידער די זון פון שרה איז אונטערגעגאנגען, איז די זון פון רבקה'ן אויפגעגאנגען — רבקה האט פארנומען איהר ארט אין אלעם: אין הויז, אין צדקה, אין שוהל און אין דער אידישער גאס...

זאל די דאזיגע מאדערנע שרה זיין א מוסטער פאר אלע יונגע שרה'ס, וועלכע לעבען מיט אונז, און זאל זי זיין דער מליץ יושר פאר דעם מאן און קינדער און פאר דעם כלל ישראל!...

# ובמותם לא נפרדו

## לחנוך הגדר

אבי השביעני לאמר הנה אנוכי מת בקברי אשר כריתי לי (בראשית נ׳) בשעה שעמד יעקב עם עשו, א״ל מה את בעי ממון או קבורה? א״ל מה להחוא גברא קבורתא? הב לי ממון וסב לך קבורתא, הרבה ממון תכרה עליה הה״ד בקברי אשר לקחתי לי אב״נ אלא אשר כריתי לי הכרתי עליה.

(מ״ר ב״ר ק׳ ה׳).

מיר זיינען אלע זיך צוזאמענגעקומען אויף דעם בית החיים צו פייערען דעם חנוך הגדר און אויך דעם חנוך בית הקברות פון דעם גרויסען שטיק לאנד, וואס איז באשטימט געווארען צו זיין א גראבענס־פלאץ פאר די שטערבליכע קערפערס.

דער ערשטער פערזאן, וואס האט באגריפען די וויכטיגקייט פון א בית הקברות, איז געווען אברהם אבינו. ווען זיין נאבעלע פרוי שרה איז געשטארבען און ער האט איהר געדארפט מקבר זיין, און קיין באזונדער בית הקברות פאר די גלויביגע אין איין גאט איז ניט געווען, ווייל אברהם און שרה זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האבען ריכטיג פארשטאנען די לעהרע פון אחדות ה׳, און עס איז אויסגעקומען, אז שרה׳ס קערפער, אין וועלכען עס האט גערוהט א געטליכע נשמה, זאל נקבר ווערען אויף׳ן זעלבען בית הקברות, וואו ס׳געפינען זיך געצענדינער, — זאגט אברהם צו די בני חת: „תנו לי אחוזת קבר“ (בראשית פ״ג ד׳) — „אחוזת קבר לבית הקברות“ (רש״י שם) — גיט מיר א פלאץ פאר אן אפגעזונדערטען בית הקברות. איך פארלאנג דאס ניט אומזיסט, „בכסף מלא יתננה לי“ (שם) — איך וועל באצאלען דעם פולען פרייז. וועגען געלד וועט קיין אפהאלט ניט זיין, אבי איך זאל נאר קריגען א פלאץ, וואו מקבר צו זיין די אייגענע מתים. און אברהם האט געזיעגט. דאס גרויסע שטיק פעלד, וואס אין דער מכפלה פאר ממרא, האט ער געקויפט פאר פיער הונדערט זילבערנע שקלים. דאס פעלד איז פארבליבען אלס ערשטע אידישע בית עולם ביז היינטיגען טאג. און זיכער האט זיך עפרון ניט געקענט פארשטעלען, אז דער דאזיגער קליינער פלאץ וועט שפילען אזא ראלע אין דער אידישער געשיכטע, און מיט

טויזענדער יאָהר שפּעטער וועט מען די היסטאָרישע ערד ניט קענען קויפען פאַר מיליאָנען; און קנאה און שנאה וועט הערשען צווישען פעלקער, ווייל זיי אַלע ווילען באַגערן צו האָבען די מערת המכפלה אין זייער רשות...

פון דעם ערשטען אידישען בית עולם, וואָס אברהם אבינו האָט געשאַפען אין חברון, ביז דעם בית עולם, אויף וועלכען מיר געפינען זיך יעצט, האָבען אַלע געקראָגען דעם נאָמען „דאָס הייליגע אָרט“, און די חברה, וואָס איז זיך עוסק אין מטהר און מקבר זיין די מתים, האָבען זיך גערופען „חברה קדישא“ — די הייליגע חברה.

אום אַ מענש זאָל זיין הייליג, מוז ער זיך פיהרען לויט די געזעצען פון דער תורה הקדושה. צו דעם וועג קען מען נאָר דערגרייכען, ווען מ'רעכענט אוים דעם תכלית החיים, דעם צוועק צוליב וואָס מ'איז אויף דער וועלט געקומען. און וויל מען זיין וויים פון אַן עבירה, דאַן מוז מען מקיים זיין, וואָס עקביא בן מהללאל זאָגט: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה — דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון“ (אבות ג' א') — מענש, דו זאָלסט זיך אַלע מאָל גוט אַריינטראַכטען אין דריי זאַכען: פון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו דאַרפסט געהן, און פאַר וועמען דו וועסט דאַרפען געבען דין וחשבון. און אַז דו וועסט די דאָזיגע דריי זאַכען גוט האָבען אין די געדאַנקען, וועסטו אַנטלויפען פון פאַרברעכען און זינד...

אונזערע גרויסע תלמוד'יסטען האָבען ניט געפונען קיין בעסערע מעדיצין פאַר דעם מענשען, ווי דעם טויט — נאָר דער טויט קען דעם מענשען אָפּהאַלטען פון אַלע פאַרברעכענס. „לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע נצחו מוטב ואם לאו יקרא בתורה, נצחו מוטב ואם לאו יקרא קריאת שמע, נצחו מוטב ואם לאו יזכור לו יום המיתה“ (ברכות ה') — שטענדיג זאָל אַ מענש זעהן, אַז דער יצר טוב זאָל ביי איהם שטעהן העכער ווי דער יצר הרע; צו דעם צוועק זאָל ער לערנען תורה; האָט ניט געהאָלפען, זאָל ער לייענען קריאת שמע; און אויב עס העלפט אַלץ ניט, דאַן איז פאַראַן דאָס לעצטע און איינציגע מיטעל, ער זאָל זיך דערמאָנען אָן דעם טויט...

דאָס אַלעס איז גערעדט, ווען איינער גלויבט אין גאָט און אין זיין תורה, נאָר ער ווערט אַמאָל נכשל אין אַן עבירה. פאַר אַזאַ פערזאָן איז די עראינערונג אָן טויט אַ גוט מיטעל, אום אָפּצוהאַלטען איהם פון

פילע פארברעכענס, ווארים ער גלויבט דאך אין השארת הנפש — אז אויף יענער זייט קבר איז דאס ריכטיגע לעבען און נאר דארטען איז דער עולם האמת, און מ׳וועט דארפען געבען דין וחשבון אויף יעדער זאך, וואס מ׳האט געטאן אויף דער זינדיגער וועלט...

אנדערש איז אבער מיט דעם יעניגען, וואס גלויבט ניט אין גאט און אין זיין תורה; ממילא גלויבט ער ניט אין השארת הנפש. ביי אזא מענשען ענדיגט זיך אלעס מיט זיין טויט. און דאס ברענגט מיט, אז די קלאס מענשען, די זאגענאנטע פריי-דענקער, ווארפען פון זיך אלעס אראפ ביי דעם לעבען. פאר זיי עקזיסטירען ניט קיין געטליכע פליכטען. פאר זיי איז אלעס ערלויבט צו טאן. זיי לעבען נאר צוליב דעם לעבען זעלבסט, אום צו געניסען פון דער וועלט מיט דער פולער האנד. דער טויט האלט זיי ניט אפ פון דעם אלעמען. פארקערט, ווען זיי דערמאנען זיך אן דעם לעצטען טאג, ווערען זיי נאך מעהר אריינגעטאן אין אלע תאות, זאגענדיג די אלטע אויסגעדראשענע פראזע: „לאיף איז שארט!“ — דאס לעבען איז קורץ, דאס מיינט, אז אלץ וואס מ׳קען אריינכאפען פון דער דאזיגער וועלט, דארף מען אריינכאפען...

עשו זאגט אויך: „הנה אנכי הולך למות“ (בראׂ כ״ה ל״ב)—איך געה שטארבען. אבער דאס האט איהם ניט בעסער געמאכט. פארקערט, דאס האט מיטגעבראכט, אז ער זאל די בכורה פארקויפען. עשו האט ניט פארשטאנען די הויכע לעהרע פון השארת הנפש, און ווען ער האט געזעהן, אז זיין זיידע אברהם, דער יעניגער, וואס האט זיך געאפפערט פאר דער גאטהייט, איז געשטארבען, פונקט ווי אלע שטערבליכע מענשען, האט עשו אנגעפאנגען צו לייקענען אין גאט. „ויזד יעקב נזיד, א״ל מה טיבו של נזיד זה? א״ל שמת אותו זקן, אמר באותו הזקן פגעה מדת הדין? א״ל הין. אמר אם כן לא מתן שכר ולא תחה״מ. ורוה״ק צווחת אל תבכו למת ואל תנודו לו זה אברהם, בכו בכה להולך — זה עשו“ (בראשית רבה ס״ג ט״ז) — ווען עשו איז געקומען פון פעלד און געטראפען יעקב׳ן קאכענדיג לינזען, האט איהם עשו געפרעגט: פאר וואס קאכסטו גראד היינט לינזען? האט איהם יעקב געענטפערט: איך קאך די לינזען צוליב אבלות — עס איז געשטארבען דער זקן, אברהם. זאגט עשו: אויב אויך אין דעם זקן האט דער מדת הדין געטראפען, דאן איז דאך שוין ניטא קיין שכר און קיין תחיית המתים! אבער דער רוח הקודש שרייט: קלאגט און זארגט ניט וועגען דעם מת אברהם,

ווייל אברהם וועט זיין שכר קריגען — זיין נאָמען וועט פאַרבלייבען געבענשט ביי אַלע פעלקער. קלאָגען דאַרף מען אויף די געהענדיגע און לעבעדיגע עשו'ס, וועלכע אפילו נאָך ביי זייער לעבען זיינען זיי שוין פאַררעכענט פאַר געשטאָרבענע, און דער טויט מאַכט זיי ניט קליגער און ניט איידעלער; ווען זיי דערמאָנען זיך אָן טויט, לייקענען זיי אין גאָט און אין זיין גלויבען. „ויאמר עשו הנה אנוכי הולך למות — ר"ל אָמר התחיל מחרף ומגדף למה לי אין כתיב כאן אלה למה זה לי, מלמד שכפר בזה אלי" (שם י"ח)...

דער מענש, וואָס זיין נשמה לעבט אייביג און זיין קערפּער איז געוואָרען אַ תשמיש של קדושה, מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים דינט ער גאָט און דער מענשהייט,—אַזאַ מענש וויל, אַז דער קערפּער זאָל נאָכ'ן טויט רוהען אין דעם ריכטיגען פּלאַץ, אַז זיין קערפּער זאָל נאָכ'ן טויט ניט פאַרוואָרפען ווערען צווישען שלעכטע שכנים, מיט וועמען ער האָט ביים לעבען ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא. דעריבער זוכט דער ריכטיגער מענש אַ פּאַסיגען פּלאַץ פאַר זיין קבר און ער זעהט מיט זיינע אויגען דעם בית החיים, וואו ער וועט נקבר ווערען, און ער ווייסט אויך זיינע שוהל און פאַראיין ברידער, נעבען וועמען זיין קבר וועט זיך געפינען...

אַנדערש איז אָבער מיט דעם יעניגען, פאַר וועמען קיין הייליגטום עקזיסטירט ניט, און זיין קערפּער פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין שום קדושה. זיין גאַנץ לעבען האָט דער קערפּער פאַרבראַכט נאָר אין חומריות. פאַר אַזאַ קערפּער מאַכט ניט אוים וואו ער ווערט באַגראָבען. די דאָזיגע קלאַס מענשען זאָרגען זיך נאָר פאַר זייערע קערפּערס, ווען זיי לעבען, אָבער וואָס מיט זייערע קערפּערס וועט זיין נאָכ'ן טויט, דאָס אַרט זיי גאַנץ ווייניג. „בשעה שעמד יעקב עם עשו א"ל מה את בעי ממון או קבורה" (מ"ר ב"ר ק' ה') — ווען עס איז אַ שטרייט צווישען יעקב'ן און עשו'ן ווער עס זאָל נקבר ווערען אין דער מערת המכפלה, און יעקב פרעגט עשו'ן: ווילסטו געלט פאַר דעם קבר אָדער דו ווילסט האָבען דעם גרויסען זכות נקבר צו ווערען און ליגען צוזאַמען מיט דעם פאָטער יצחק און מיט דעם זיידען אברהם? „א"ל מה להחוא גברא קבורתא? הב לי ממון וסב לך קבורתא, הרבה ממון תכרה עליה הה"ד בקברי אשר לקחתי לי אכ"כ אלא אשר כריתי לי — הכרתי עליה" (שם) — עשו ענטפערט ווי עס פּאַסט פאַר איהם: וואָס דאַרף אַ מענש האָבען קבורה?

וואס ארט מיך וואו מיין קערפער וועט איבער הונדערט יאהר רוהען? ביי מיר איז דער עיקר צו לעבען א גוטען טאג אויף דער וועלט, און צו דעם דארף מען האבען א סך געלד. דעריבער בין איך דיר מוחל די מערת המכפלה און אויך אלע דיינע גייסטיגע בכורה׳ס, אבי גיב מיר געלד און עסען... און יעקב האט עשו׳ן באצאלט פיל געלט פאר דעם זכות צו ליגען צוזאמען מיט זיינע אבות. און ער האט זיך געווים ניט אפגענארט...

מיר אלע, וועלכע זיינען אייניקלאך פון דעם גרויסען פאטער, יעקב, געהען אין זיינע וועגען. ניט נאר זארגען מיר זיך, אז מיר זאלען האבען אונזער חיונה און מיר זאלען האבען צו באצאלען פאר דער דירה; מיר זארגען זיך אויך ביים לעבען, אז אונזערע קערפערס זאלען איבער הונ-דערט יאהר האבען זייער אייביגען רוה-פלאץ — די פיער איילען ערד, וואס קומט יעדען מענשען, און מיר באמיהען זיך, אז די אייביגע דירה זאל זיין א באצאלטע. אזוי ווי אין אונזער'ע קערפערס האבען די נשמות רוה געפונען און דורך דעם געשאפען פיל גוטעס אויף דער וועלט, דאר-פען מיר פאר אונזערע קערפערס אן אנשטענדיגען פלאץ געפינען. און דער שכל איז מחייב, אז מיר דארפען האבען אונזער לעצטען רוה-ארט צוזאמען מיט די מענשען, מיט וועמען מיר האבען פארקערט ביים לעבען, מיט וועמען מיר זיינען געווארען גייסטיגע ברידער דורך דער פאראיי-ניגונג פון א שוהל. „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" (שמואל ב׳ א׳ כ"ג) — די יעניגע, וועלכע זיינען געוועזן ליב און אנגענעם ביים לעבען, דארפען זיך אויך נאכ׳ן טויט ניט שיידען...

און דאס איז די באדייטונג פון חנוך הגדר — מיר מאכען א צאם צו איבערצייגען אלעמען, אז די מענשען, וועלכע האבען זיך געהאלטען צוזאמען ביים לעבען און האבען געארבייט פאר איין הייליגען צוועק, נעמליך, אויפצוהאלטען די גאטהייט אויף דער וועלט, די דאזיגע מענשען בלייבען פאראייניגט אויך נאכ׳ן טויט, און זייערע קברים בלייבען אפגע-זונדערט פון אנדערע, וועלכע זיינען אין זייערע וועגען ניט געגאנגען און אין זייערע אידעאלען ניט געגלויבט.

יעדער איינער פון אייך דארף העלפען אויסצולייזען דאס לאנד און אויך דעם גדר, אום זיי זאלען אינגאנצען געהערען צו אייער שוהל און חברה, ווייל יעדער איינער פון אייך, זייענדיג א מיטגליד, האט אין דעם אלעמען א חלק. „מה לך פה ומי לך פה" (ישעי׳ כ"ב) „א"ל גלוי בר גלוי

איזה כותל בנית כאן, איזה עמוד העמדת כאן, אפ"י איזה מסמר קבעת כאן, מכאן אר"א צריך אדם שיהיה לו מסמר או יתד קבוע בבית הקברות כדי שיזכה ויקבר באותו מקום" (מ"ר ויקרא פ"ה ה')—יעדער איינער ביי זיין לעבען, זאָגט ר' אליעזר, דאַרף זעהן, אז ער זאָל האָבען אין עטוואָס אַ חלק אויף דעם בית הקברות. דעריבער ווען איך הער ווי די ווירדיגע אָפּיסערס אַפּעלירען צו אייך, אַז איהר זאָלט זיך אַליין פאַראייביגען מיט דעם, וואָס איהר וועט אייערע נעמען לאָזען אויסקריצען אויף די שטיינערנע זיילען פון דעם גדר, ראָט איך אייך, אַז איהר זאָלט זיי פאָלגען און האַנדעלט איין אייער אייביגען סטאָק דאָ און קויפט זיך ביי דעם לעבען אַ חלק אויף דעם בית הקברות.

ווען עס איז סלעק אין וועלכער ס'איז ביזנעס אָדער טרייד, איז מען פאַרזאָרגט און מ'האָט עגמת נפש צוליב דעם, נאָר ביי איין „טרייד" איז סלעק אַ וואונדערבאַרע זאַך, און דאָס איז ביי דער חברה קדישא און אויפ'ן בית הקברות.

זאָל דער דאָזיגער פּלאַץ בלייבען ליידיג פּאָר אַ לאַנגער צייט, און מיר אַלע זאָלען אַרויסקומען אַהער פאַרבריינגען אַ גוטע גייסטיגע שטונדע, איידער מיר זאָלען קומען אַהער מיט פאַרגאָסענע אויגען פון טרערען און מיט צובראָכענע הערצער, באַגלייטענדיג איינעם, וואָס איז ביי אונז געוועזען ליב און טייער. און זאָל קומען די צייט פון בלע המות לנצח — דאַן וועט ממילא זיין ומחה ה' דמעה מעל כל פנים. אָמן!

# אין להם שכחה

## לאיש חשוב שמת במבחר שנותיו

תבואה שנתנה לשחת או לאלומה וכן באגודי השום, ואגודות השום והבצלים אין להם שכחה, וכל הטמונים בארץ כגון הלוף והשום והבצלים רבי יהודה אומר אין להם שכחה... הקוצר בלילה והמעמר והסומא יש להם שכחה.

(פאה ו׳ י׳ י״א).

דער מענש און דער בוים ווערען פיל מאָל צוגעגליכען, סיי אין באַצוג צו זייער לעבען און אַנטוויקלונג און סיי אין זייער אָפּ־שטאַרבען — „כי האדם עץ השדה“...

ס׳זיינען פאַראַן בוימער, וועלכע ווערען אַלט פון יאָהרען. זיי האָבען גרויסע און ברייטע צווייגען אַרויסגעבראַכט, אויף וועלכע פאַר־שיידענע גוטע און געשמאַקע פרוכטען זיינען געוואַקסען. אויך זיינען פון די דאָזיגע בוימער אַרויסגעקומען יונגע בוימעלאַך, וועלכע זיינען געראָטען אין אַלעם צו די אַלטע בוימער, פון וועלכע זיי שטאַמען אָפּ. ווען די אַלטע בוימער שטאַרבען אָפּ, פאַרנעהמען די יונגע זייער פּלאַץ...

ס׳זיינען אָבער אויך פאַראַן בוימער, וועלכע געפינען זיך נאָך אין זייער בליהענדער וואַקסונג און זיי זיינען ביכולת אַרויסצוברענגען גוטע און געשמאַקע פרוכטען; נאָר מיט אַמאָל קומט אַ שטורעם־ווינט און רייסט זיי אַרוים פון פּלאַץ און פאַרניכטעט זיי. אויף אַזעלכע יונגע אָפּגעשטאָרבענע בוימער מוז מען פאַרגיסען טרעהרען, און יעדענס האַרץ ווערט צובראָכען, איינזעהענדיג ווי דער בוים איז איינגעפאַלען און זיינע צווייגען זיינען צושפּרייט געוואָרען...

אַזוי זיינען אויך פאַראַן מענשען, וועלכע ווערען אַלט אין יאָהרען, ברענגען אויף דער וועלט קינדער, אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך, וועלכע זיינען אַ גאָט־בענשונג פאַר אַלעמען. און ווען דער לעצטער מאָמענט קומט, שטאַרבען זיי פריידליך. זיי האָבען זייער מיסיאָן פון לעבען פּינקטליך אויסגעפיהרט.

ס׳זיינען אָבער דאָ מענשען, ווי דער נפטר פון היינט, וועלכע זיינען אין זייערע בעסטע יאָהרען און וועלכע האָבען ערשט דערלעבט צו זעהן ווי זייערע צווייגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו אַנטוויקלען. מיט אַמאָל

קומט אַ שרעקליכער שטורעם־ווינט אין דעם געשטאַלט פון פאַרשיידענע קראַנקהייטען און אַלגעמיינע אומגליקען, און ברעכט זיי צוזאַמען און פאַרניכטעט זיי פאַר דער צייט. אויף אַזאַ טראַגעדיע ווערען אונזערע אויגען פייכט און נאָס פון טרעהרען, און אונזערע הערצער ווערען אין שטיקער צוריסען.

„מה בין מיתת זקנים למיתת נערים? ר׳ יהודה אומר הנר הזה בזמן שהוא כבה מאליו יפה לו ויפה לפתילה, ובזמן שאינו כבה מאליו רע לו ורע לפתילה, ר׳ אבהו אומר התאנה הזו בזמן שנלקטת בעונתה יפה לה ויפה לתאנה ובזמן שאינה נלקטת בעונתה רע לה ורע לתאנה" (מ"ר שה"ש ו׳ ו׳) — וואָס איז דער אונטערשייד צי מ׳שטאַרבט אַלט אָדער יונג וויבאַלד מ׳דאַרף דאָך סיי ווי סיי שטאַרבען? ר׳ יהודה זאָגט: ווען אַ ליכט ווערט פון זיך אַליין אויסגעלאָשען, איז גוט פאַר אַלעמען. וויפיל עס איז געווען שטאָף, אַזוי לאַנג האָט עס געברענט; דאָס פייער האָט זיך געהאַלטען כל זמן ס׳איז געווען חלב און קנויט. דורך דעם האָט דאָס ליכט אין אַלע ווינקעלאַך געוואָרפען זיינע ליכטיגע שטראַה־לען. דאָס זעלביגע איז, ווען מ׳שטאַרבט אַלט. כל זמן דער קערפּער האָט זיך געהאַלטען, האָט די נשמה, וועלכע איז דער נר אלקים, אויך אין דעם שוואַכען קערפּער אַן אָרט געפונען. און וואָס לענגער די נשמה מיט׳ן גוף זיינען צוזאַמען, אַלץ מעהר ליכט ברענגען זיי אויף דער וועלט, אַלץ מעהר מצות און מעשים טובים קלייבען זיי אויף בשותפות. און ווען ס׳קומט דער לעצטער מאָמענט, זעגענען זיי זיך פרידליך אָהן יסורים און שרעקליכע שמערצען...

ווען אָבער דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשען ניט פון זיך זעלבסט און מ׳מוז פון דער וועלט אַוועקגעהן פאַר דער צייט, איידער מ׳האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו מתקן זיין און איידער מ׳האָט געמאַכט דעם לעצטען סך הכל, — אַזאַ טויט איז ניט גוט פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם און אויך ניט פאַר די לעבעדיגע...

ווען די פייגען ווערען אַרונטערגענומען אין צייט, ווען זיי זיינען אמת פאַרטיג, איז גוט אי פאַר דעם בוים, וואָס בלייבט גאַנץ, וואָס קיי־נער טרייסעלט איהם ניט און קיינער ברעכט ניט זיינע צווייגען, אי פאַר די פייגען זעלבסט, וואָס זיי זיינען אויסגעשפּיעט געוואָרען אויפ׳ן בוים, וואָס צוליב דעם האָבען זיי דעם אמת׳ן געשמאַקען זאַפט אַריינגעקראָ־גען, מיט וואָס אַלע זיינען זיך מחיה. אַנדערש איז אָבער ווען די פייגען

ווערען ארונטערגענומען פון בוים פאר דער צייט. דעמאלט ליידט דער בוים און די פייגען זיינען ניט רייף און האבען ניט דעם אמת'ן זיסען געשמאק...

אויב לעבען מיינט טעג, וואכען, מאנאטען און יאהרען, דאן איז דער נפטר געשטארבען גאנץ יונג. אויב אבער דער צוועק פון לעבען איז צו שטארבען מיט א שעהנעם נאמען, און דאס גאנצע לעבען איז א קארידאר, אום מ'זאל נאך דעם קענען אריינקומען אין די אמת'ע פא־לאצען, דאן איז דער נפטר געשטארבען גאנץ אלט. ווייל עס איז ניט וויכטיג פאר גאט ווי לאנג מ'לעבט, נאר דער עיקר איז ווי מ'לעבט. ס'זיינען פאראן מענשען, וועלכע זיינען אלט אין יאהרען און יונג אין גוטע מהאטען, און ס'זיינען, פארקערט, פאראן מענשען, וועלכע זיינען יונג אין יאהרען און אלט און רייך אין מעשים טובים און אין מצות.

„כד דמך רבי בון בר' חייא עאל ר' זירא ואפטר עילוי מתוקה שנת העובד... למה ר' בון דומה למלך שהיה לו כרם ושכר עליו פועלים, והיה שם פועל אחד מתכשר במלאכתו יותר מכולן, כיון שראה המלך כשר במלאכתו יותר מדאי, אחזו בידו והתחיל מטייל עמו ארוכות וקצרות, לעתותי ערב באו הפועלים ליטול שכרן ובא אותו הפועל ליטול שכרו עמהם, ונתן לו המלך שכרו כמותן, התחילו הפועלים מצירים, אמרו לו אדונינו המלך אנו שיגענו כל היום וזה לא יגע אלא ב' או ג' שעות ביום והוא נוטל שכרו כמותינו? אמר להם המלך מה אתם מצירין? יגע זה בשתים או בשלש שעות מה שלא יגעתם אתם כל היום כולו. כך יגע רבי בון בר חייא לעשרים ושמונה שנה בתורה מה שלא יגע תלמיד ותיק למאה שנה." (שה"ש רבה שם) — ווען רבי בון איז געשטארבען, האט ר' זירא אויף איהם געזאגט דעם פסוק „מתוקה שנת העובד"... צו וואס איז רבי בון גלייך? צו א קייזער, וועלכער האט געהאט א וויינ־גארטען און האט געדונגען ארבייטער איהם צו באארבייטען. צווישען די ארבייטער איז געווען איינער, וועלכער האט זיך זעהר אויסגעציי־כענט אין זיין ארבייט. ווי דער קייזער האט דערזעהן דעם פעהיגען ארבייטער, האט ער מיט איהם ארומשפאצירט און פארבראכט. פאר־נאכט, ווען אלע ארבייטער זיינען געקומען נאך זייערע שכירות, האט דער קייזער געגעבען דעם פעהיגען ארבייטער פונקט אזוי פיל, וויפיל אלע איבעריגע ארבייטער האבען געקראגען פאר א גאנצען טאג ארבייט. האט דאס די ארבייטער פארדראסען און זיי האבען געזאגט צום קייזער:

מיר האָבן געאַרבייט און געמאַטערט זיך אַ גאַנצן טאָג, צום סוף באַצאָלסטו דעם ליידיק-געהער גלייך מיט אונז?! ענטפערט זיי דער קייזער: וואָס זייט איהר זיך אַזוי פיל מצער? דער דאָזיגער פעהיגער אַרבייטער האָט אויפגעטאָן אין צוויי אָדער דריי שעה צייט מעהר וויפיל איהר האָט אויפגעטאָן אין אַ גאַנצן טאָג. דאָס זעלביגע איז מיט רבי בון — ער האָט זיך געמאַטערט און אויפגעטאָן אין תורה לערנען צו אַכט-און-צוואַנציג יאָהר, וואָס קיין אַנדער תלמיד חכם וועט דאָס ניט אויפטאָן צו הונדערט יאָהר...

„תבואה שנתנה לשחת או לאלומה" (פאה ו' י') — די תבואה, וועלכע מ'האָט ניט געוואַרט זי זאָל צייטיג ווערען, נאָר מ'האָט איהר אָפּגעשניטען, ווען זי איז נאָך געווען אין גראָז, און מ'האָט דאָס געטאָן, כדי צו מאַכען פון דעם גראָז גאַרטלען צו פאַרבינדען די אַנדערע גאַרבען אין פעלד, דאָס זעלביגע „באגודי השום" — ווען מען האָט אָפּגעריסען די ניט-צייטיגע קנאָבעל-וואַקסונגען צו בינדען מיט זיי אַנדערע קנאָבעל, „אין להם שכחה" (שם) — אָן זיי קען מען זיך ניט פאַרגעסען.. ווען מיר זעהען ווי מענשען ווערען אָפּגעריסען פון דער מוטער-ערד פאַר דער צייט, איידער זיי זיינען נאָך צייטיג געוואָרען, און דאָס האָט גאָט געטאָן, אום איינצובינדען די תאות פון אַנדערע מענשען, כדי זיי זאָלען לערנען אַ מוסר און ניט זיין פאַרנאַרישט און זיי זאָלען אימער געדענקען, אַז זייער טאָג קען אויך קומען צו יעדער צייט — ווען די דאָזיגע יונגע און גוטע מענשען ווערען אָפּגעריסען פאַר דער צייט, אין להן שכחה — אָן זיי קען מען ניט פאַרגעסען; זייער טויט איז צו טראַגיש, אַז מיר זאָלען באַלד קענען געהן און נעהמען זיך צו דער אַרבייט. די טראַגעדיע פון זייער אָפּשטאַרבען טראָגען מיר יאָהרען אין אונזערע געדאַנקען...

„ואגדות השום והבצלים אין להם שכחה, וכל הטמונים בארץ כגון הלוף והשום והבצלים אין להם שכחה" (שם) — די יעניגע, וועלכע לעבען ניט פאַר זיך, נאָר זיי האַלטען זיך אימער צוזאַמען מיט דעם כלל ישראל, זיי זיינען צוזאַמענגעבונדען אין איין אגודה מיט דעם אידי-שען פאָלק, און אויך די יעניגע, וועלכע וואַקסען און געדייהען און טוען וואונדערבאַרע אַרבייט פאַר'ן טובת הכלל, אָבער זיי צייגען זיך ניט אַרויס, כדי צו פאַרמיידען כבוד און עהרע, זייער אַרבייט איז באַהאַלטען און זייערע כונות זיינען נאָר לשם שמים, — ווען די דאָזיגע שטאַרבען אָפּ, קענען מיר זיי ניט פאַרגעסען...

„הקוצר בלילה והמעמר והטומא יש להם שכחה" (שם) — די יעניגע אַבער, וועלכע שניידען און קלייבען פון פעלד נאָר ווען עס איז נאַכט; די יעניגע, וועלכע באַהאַלטען זיך פון מענשליכען אויג, אום צו שניידען און קלייבען זאַכען, וואָס געהערען ניט צו זיי; די יעניגע, וועלכע טוען אַלע זייערע זינד און פאַרברעכענס בחדרי חדרים, אום מ'זאָל זיך ניט דערוויסען — „והיה במחשך מעשיהם" (ישעיה כ"ט) — אויך די מענשען, וועלכע זיינען ביי דעם לעבען בלינד און זעהען ניט גאָט'ס וואונדער, — די דאָזיגע, אַז זיי שטאַרבען, יש להם שכחה, פאַרגעסען מיר זיי גלייך. מיר ווילען זיי ניט קענען ביי דעם לעבען און נאָך זייער אָפּשטאַרבען זיינען זיי מיט אונז גאַנץ קליינע מחותנים, אַז מיר זאָלען זיי אין אונזערע געדאַנקען טראָגען צו לאַנג...

דער דאָזיגער נפטר, וועלכער האָט ליב געהאַט דאָס אידישע פאָלק מיט זיין גאַנצען הארצען, און וועלכער איז געווען אַ צנוע און אַ גרויסער ענו, ער האָט געגעבען אַ סך צדקה, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, ווייל ער האָט דאָס געטאָן לשם שמים, אָהן קיין שום כבוד־זוכעריי און אָהן קיין שום באַלוינונג, — דעם דאָזיגען נפטר וועלען מיר ניט פאַרגעסען. זיינע שעהנע און גרויסע טהאַטען וועלען אונז צווינגען, אַז מיר זאָלען איהם שטענדיג דערמאָנען צום גוטען...

פאַר אונז לעבעדיגע דאַרף זיין טויט זיין אַ לעקציע. גאָט דער אַלמעכטיגער האָט איהם פאַר דער צייט פון דער וועלט אָפּגעריסען, אום אונז מיט זיין טראַגישען טויט איינצובינדען, אַז מיר זאָלען זיך ניט אריינלאָזען צופיל אין תאות העולם, ווייל מיר ווייסען אויך ניט, וואָס דער מאָרגען קען פאַר אונז ברענגען, און מיר דאַרפען אויסניצען אונזערע טעג, וואָכען און מאָנאַטען צו טאָן גוטס.

הלואי זאָלען מיר שוין אַזעלכע טראַגעדיעס ניט בייוואוינען. זאָלען מיר אַלע אויסלעבען אונזערע יאָהרען אין גרויסען עלטער; און דער דאָזיגער נפטר זאָל פאַר אונז זיין דער מליץ יושר. — אָמן!

# קרעון שאין מתאחין
## למצבה על אב

אלו קרעין שאין מתאחין הקורע על אביו ועל אמו.
(מועד קטן כ״ו).

דאָס אידישע פאָלק האַלט ניט פון מצבה׳ס און פון מאָנומענטען, וועלכע זיינען אויסגעאַרבייט פון שטיין, אום צו פאַראייביגען דעם אָנדענקען פון מענשען, וועלכע האָבען אַמאָל געלעבט.

דער כלל פון רבי שמעון בן גמליאל: „אין עושין נפשות לצדיקים דבריהם הם זכרונם״ (ירושלמי פ״ב דשקלים) — אַז צדיקים ברויכען ניט קיין פאַרקערפּערונג און מאָנומענטען, וואָרים דער בעסטער אָנדענק פאַר זיי זיינען זייערע ווערטער און טהאַטען, וואָס זיי האָבען גערעדט און געטאָן ביים לעבען, דעם דאָזיגען כלל האָט דאָס אידישע פאָלק אָפּגעהיט אין די מעהרסטע לענדער און אויך אין די מעהרסטע צייטען. די נעמען פון די גרויסע מענשען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבען, ווערען פאַרהייליגט נאָר צוליב די גרויסע ווערק, וואָס זיי האָבען איבער־געלאָזען, אָדער פאַר די גרויסע טהאַטען, וואָס זיי האָבען געטאָן ביי זייער לעבען.

די מצבה, וועלכע מיר שטעלען, איז בלויז אָנצוצייכענען דאָס אָרט, אַז דאָ געפינט זיך אַ מענשליכער קערפּער, אום די קינדער זאָלען וויסען, אַז דאָ איז דער קבר פון זייער פאָטער, אָדער די כהנים זאָלען וויסען, אַז פון דעם דאָזיגען פּלאַץ דאַרפען זיי זיך דערווייטערען צוליב טומאה. „מנין לציון ר׳ אילא בשם ר׳ שמואל בר נחמן ועברו העוברים בארץ וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון״ (יחזקאל ל״ט) „מכאן שמציינין על העצמות אדם, מכאן שמציינין על השדרה ועל הגולגולת, ובנה, מכאן שמציינין על אבן קבוע״ (ירושלמי פ״א שקלים) — אין ארץ ישראל, וואו דאָס וויגעלע פון דעם אידישען פאָלק איז געשטאַנען, און וואו אונ־זערע נביאים און תנאים און אמוראים האָבען געלעבט, געפינען מיר ניט קיינע שטיינערנע מאָנומענטען, וועלכע זאָלען פאָרשטעלען די אָנדענקונג פון אונזערע ריעזען, וואָס מיר האָבען אַמאָל פאַרמאָגט. דער איינציגער, וועלכער האָט געשטעלט ביים לעבען אַ מאָנומענט, איז גע־ווען אבשלום. „ואבשלום לקח ויצב לו בחיו את מצבת אשר בעמק

המלך כי אמר אין לי בן בעבור הזכיר שמי ויקרא למצבת על שמו ויקרא להּ יד אבשלום עד היום הזה" (שמואל ב' י"ח) — אבשלום האט דאס געטאן, ווייל ער האט געדענקט, אזוי ווי ער האט ניט קיינע זיהן, אום זיין נאמען זאל דורך זיי דערמאנט ווערען, וועט ער א נאמען געבען דער מצבה אויף זיין נאמען, „יד אבשלום". די מצבה געפינט זיך נאך ביז היינטיגען טאג אין ירושלים.

אין דעם דאזיגען היסטארישען פאל זעהען מיר ארוים, ווי ווייט פאטער-ליבע גרייכט, ווי ווייט א פאטער קען זיך אפפערען פאר קינדער און קען זיין גוט אפילו צו אזא זוהן, וועלכער האט זיין פאטער געזוכט אומצוברענגען פון דער וועלט.

כאטש אבשלום האט אנגעצונדען דעם פלאם פון רעוואלוציע אין די הערצער פון פיל אידען, אז זיי זאלען מורד זיין אין דוד'ן, זיין פאטער, און דוד איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפען און אויסבאהאלטען זיך פון איהם, פונדעסטוועגען, ווען דוד דערהערט די בשורה, אז זיין זוהן אבשלום איז געטויטעט געווארען, האט ער, אנשטאט צו פרעהען זיך אויף דעם טויט פון זיין ערגסטען שונא, צו אלעמענס איבערראשונג, פאר-בראכען זיינע הענד און געיאמערט און געשריען: „בני אבשלום! בני בני אבשלום! „מי יתן מותי אני תחתיך אבשלום בני בני" (שם י"ח) — מיין זוהן אבשלום! מיין זוהן, מיין זוהן אבשלום! בעסער וואלט גאט מיך געשטראפט מיט טויט אנשטאט דיך! און יואב זאגט איהם מיט רעכט מוסר: „הובשת היום את פני כל עבדיך הממלטים את נפשך היום ואת נפש בניך ובנותיך ונפש נשיך... לאהבה את שנאך ולשנא את אהביך" (שם) — דו האסט היינט, דוד, פארשעמט מיט דיין קלאגען און יאמערען אויף אבשלום'ען אלע דיינע קנעכט און בעסטע פריינד, וועלכע האבען דיך און דיינע קינדער און דיינע פרויען געראטעוועט פון די הענד פון דיין בלוטיגען שונא. און ס'קומט אויס, אז דיינע שונאים האסטו ליב און דיינע גוטע פריינד האסטו פיינט...

אבער דוד האט זיך ניט געקענט שטילען. „והמלך לאט את פניו ויזעק המלך קול גדול: בני אבשלום, אבשלום בני בני" (שם) — דוד האט זיין געזיכט באהאלטען און געהאלטען אין איין יאמערען: מיין זוהן אבשלום! מיין זוהן אבשלום!...

דאס דאזיגע ציינט ווי ווייט א זוהן קען זיין שלעכט צו א פאטער, און ווי ס'קען ווערען רעכט ביי א זוהן, צוליב אייגענע אמביציעס, אומ-

צובּרענגען זיין אייגענעם פאָטער; און צו דערזועלבער צייט ווי ווייט די פאָטער־ליבע גרייכט. אַ פאָטער'ס האַרץ קען זיך ניט פרעהען אויף דעם טויט פון זיין אייגען בלוט און פלייש, מעג דאָס אפילו זיין זיין ערגסטער שונא. אַ פאָטער יאָמערט און ווערט צובּראָכען צוליב זיין קינד'ס אָפּשטאַרבען, אַלץ איינס צי דאָס קינד איז געווען גוט אָדער שלעכט. דער כלל פון כרחם אב על בנים האָט עקזיסטירט אַמאָל און ער עקזיסטירט ביז היינטיגען טאָג.

אבשלום, וועלכער האָט דאָס אַלעס געטאָן, אום גרויס צו ווערען און זיך פּאָפּולער צו מאַכען, איז שרעקליך באַשטראָפט געוואָרען פון גאָט. ער איז געשטאָרבען אַ מיתה משונה, און זיין קערפּער איז געקומען צו קבורה ניט אויף דעם פּלאַץ, וואו ער האָט זיין שעהנעם מאָנומענט געבּויט, נאָר זיין קבר איז געגראָבען געוואָרען אין אַ פאַרוואָרפענעם וואלד, און ס'איז ניט פאַרבּליבען קיין שום צייכען וואו ער געפינט זיך.

די מצבה, וואָס ער האָט געבּויט ביי זיין לעבען, גיט איהם ניט צו קיין כבוד. אנשטאָט מ'זאָל איהם דערמאָנען צו גוטען, דערמאָנט מען איהם גאָר צו שלעכטען. „מאי לקח אָמר ר"ל שלקח מקח רע לעצמו" (סוטה י') — דאָס, וואָס ער האָט פאַר זיך געבּויט אַ ריזיגען מאָנומענט, איז פאַר איהם געווען אַ מקח רע...

אויב אויף די קברים פון גוטע מענשען שטעהען גרויסע מצבות, איז דאָס פאַר זיי אַ כבוד. יעדער איינציגער, וואָס געהט זיי פאַרביי, דערמאָנט זיי צו גוטען און טוט דערביי אַ קרעכץ, און פון אויג רינט אַ טרעהר, באַגרייפענדיג, אַז אונטער דער מצבה רוהט אַ קערפּער, פון אַ מענשען, וואָס איז געגאַנגען אין גאָט'ס וועג און האָט געטאָן טובות צו אַלעמען. ווען אָבער גרויסע שטיינער און ריזיגע געביידעס ווערען אַוועקגעשטעלט אויף קברים פון אַזעלכע מענשען, וואָס ביי זייער לעבען זיינען זיי געווען ווייט פון גאָט און לייטען, — ווער עס געהט פאַרביי די דאָזיגע מאָנומענטען, גיט אַ שמייכעל און טראַכט ביי זיך: אָט דאָ ליגט דער נאַרישער מענש, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען ווי צו לעבען אויף דער וועלט; אָט דאָ רוהט דער קערפּער פון אַ מענשען, וואָס האָט נאָר געלעבּט פאַר זיך און דער וועלט גאָר ניט געגעבען...

אייער פאָטער האָט דעם דאָזיגען שטיין און מצבה ניט געדאַרפט, אום מ'זאָל איהם דערמאָנען. זיינע שעהנע און גוטע טהאַטען, זיין גוט־הערציגקייט און באַרייטקייט אַלעמען צו העלפען, און אויך דאָס, וואָס ער

איז געווען אַ פאַלשטענדיגער איד, זייענדיג אפילו אין אַמעריקא, — דאָס איז זיין אָנדענקען, דאָס מאַכט, אַז מיר זאָלען איהם ניט קענען פאַר־געסען. די דאָזיגע מצבה איז בלויז אַן אָנצייכענונג, אַז דאָ איז באַ־האַלטען געוואָרען דער קערפּער, אין וועלכען עס האָט גערוהט אַזאַ איידעלע און הויכע נשמה, און וועלכער האָט פאַר יאָהרען געבראַכט גוטעס פאַר זיין פרוי און קינדער און פאַר דער גאַנצער וועלט.

איהר קינדער זעלבסט זייט די אמת'ע גייסטיגע מאָנומענטען פון אייער פאָטער. „ולא הוו ליה בני? והכתיב (ש"ב י"ד) וילדו לאבשלום שלשה בנים ובת אחת? א"ר יצחק בר אבדימי שלא היה לו בן הגון למלכות" (שם סוטה) — צי האָט דען אבשלום ניט געהאַט קיין קינדער? מיר געפינען דאָך, אַז ער האָט געהאַט דריי זיהן און אַ טאָכטער! איז דער תירוץ, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער, וועלכע זאָלען זיין ראוי צו מלוכה. ווען מ'האָט שלעכטע קינדער, דאַרף מען זוכען צו מאַכען אַן אָנדענקונג פון גרויסע מצבות; אָבער ווען די קינדער זיינען גוטע און געהען אין דעם פאָטער'ס וועג, דאַרף מען ניט קיין גרויסע מצבות. און דאָס איז די מיינונג פון אונזערע תלמוד'יסטען, וועלכע זאָגען: „יעקב אבינו לא מת, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים" (תענית י') — ווי באַלד די קינדער זיינען לעבעדיג און לעבען מיט די אידעאַלען פון זייער פאָטער, ממילא לעבט דער פאָטער אויך...

די טייערסטע זאַך, וואָס אַ מענש פאַרמאַגט, איז פאָטער און מוטער. זיי זיינען דאָך די יעניגע, וועלכע האָבען אייך אויף דער וועלט געבראַכט, אייך ערצויגען און געלערענט. זיי זיינען דאָך אייערע ערנסטע און בעסטע פריינד אימער געווען. דאָ, אין דעם דאָזיגען בערגעלע ערד, רוהט דאָך דער יעניגער, וועלכער האָט אייך צו דער חופה געפיהרט און זיך געפרעהט אויף אייערע שמחות און געטרויערט אויף אייערע ליידען...

ווען איינער פאַרלירט, גאָט באַהיט, אַ פרוי, געהען אַוועק יאָהרען און ער ווערט צוריק פאַרהייראַט. פאַרלירט מען אַ קינד, טרייסט מען זיך מיט אַ קינד, וואָס ווערט נאָך דעם געבוירען. אָבער פאָטער און מוטער ווען זיי שטאַרבען, קען מען קיין אַנדערע אויף זייער פּלאַץ ניט צוריקקריגען. „כל הקרעין מתאחין" (מועד קטן כ"ו) — אַלע קריעה'ס וואָס מיר רייסען צוליב אונזערע ליבסטע און טייערסטע, קומט אַ צייט ווען די דאָזיגע קריעה'ס ווערען צוריק פאַרנייט. אָבער ווען פאָטער

און מוטער שטארבען, די דאזיגע קריעה קען קיינמאל ניט פארנייט ווערען. זייער פלאץ קען קיינער ניט גאנץ מאכען. אלו קרעין שאינן מתאחין הקורע על אביו ועל אמו" (שם)...

זאלען אייערע עלטערען אימער שטעהן פאר אייערע אויגען, אום איהר זאלט אימער געהן אין זייערע וועגען. און ווען אייער צייט וועט קומען, איבער הונדערט יאהר, זאלט איהר אויך די וועלט פארלאזען מיט אזא שעהנעם נאמען ווי אייערע עלטערען האבען פארלאזט. — אמן!

# אשה לבית אמה

## מצבה על אם

אבנימוס הגרדי מתה אמו ועלה ר' מאיר להראות לו פנים, ומצא אותם יושבין אבלים, לאחר זמן מת אביו ועלה ר' מאיר להראות לו פנים ומצא אותן עסוקין במלאכתן, א"ל כמדומה אני שאמך חביבה עליך יותר מאביך, א"ל ולא כן כתיב „אשה לבית אמה" ולא לבית אביה?

(מ"ר רות ב' י"ד)

דער ערשטער פערזאָן, וואָס האָט געלערענט די אַלגעמיינע מענש־הייט צו מאַכען אַן אָנדענקונגס־צייכען אויפ'ן קבר פון אַ פאַר־שטאָרבענעם, איז געווען אונזער פאָטער יעקב.

ווען אונזער מוטער רחל איז געשטאָרבען אין איהרע בליהענדע יאָהרען, און איהר הייליגע נשמה איז אויסגעגאַנגען אויף דעם וועג פון בית אל נאָך אפרת, און יעקב איז געווען געצוואונגען זי מקבר צו זיין אויפ'ן וועג נעבען בית לחם, און וויסענדיג, אַז מיט דער צייט וועט דער קבר פון זיין לעבענס־באַגלייטערין אָפּגעווישט ווערען פון דער ערד, האָט ער געשטעלט אַ מצבה. „ויצב יעקב מצבה על קבורתה היא מצבת קבורת רחל עד היום הזה" (בראשית ל"ה).

רחל האָט גע'טענה'ט צו יעקב'ן: „הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי" (בראשית ל' א') — גיב מיר קינדער, אַז ניט וואָס טויג מיר מיין לעבען? איך קען דאָך פאַררעכענט ווערען פאַר אַ געשטאָרבענע! רחל האָט איהר גאַנץ לעבען געשטרעבט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. איהר איז ניט אנגענעם געווען צו זיצען אין הויז אַליין אָהן אַ קינד. „כל אדם שאין לו בנים חשוב כמת שנאמר הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי" (נדרים ס"ד).

ווען גאָט האָט צוגעהערט רחל'ס געבעט און האָט איהר געבענשט מיט אַ זוהן, איז זי געווען די גליקליכסטע. „ותאמר אסף אלהים את חרפתי" (בראשית ל' כ"ג) — און רחל האָט געזאָגט: ענדליך האָט גאָט די שאַנדע פון ניט האָבען קיין קינדער און זיצען אַליין עלענד פון מיר אַוועקגענומען. „ותקרא שמו יוסף לאמר יוסף ה' לי בן אחר" (שם) —

און זי האָט איהר ליבלינג-זוהן גערופען יוסף, אום גאָט זאָל איהר בענשען מיט נאָך אַזאַ זוהן, און דאַן וועט צו איהר גליק קיין גלייכען ניט זיין.

דער צווייטער זוהן איז אויך געקומען אויף דער וועלט. אָבער רחל׳ען האָט ער קיין גליק ניט געבראַכט. רחל האָט שווער באַצאָלט פאַר איהר ליבע צו קינדער. „ויהי בהקשותה בלדתה ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן" (ברא. ל״ה י״ז) — ווען רחל מאַטערט זיך ביז גסיסה, צו ברענגען דאָס צווייטע קינד אויף דער וועלט, טרייסט איהר די הייבאַם: זיי ניט אַזוי דערשראָקען, רחל, פאַרגעס דיינע שרעקליכע יסורים פון חבלי לידה, ס׳קומט דאָך נאָך אַ זוהן, און דאָס איז דאָך געווען דיין איינציגער באַגעהר פון גאָט...

רחל׳ען איז ניט באַשערט געווען צו זעהן דאָס קינד, נאָך וועלכען זי האָט אַזוי געהאָפט און געגאַרט. ווען דאָס קינד איז אויף דער וועלט געקומען, איז רחל, די מוטער, אין גסיסה-צושטאַנד געווען. „ויהי בצאת נפשה כי מתה" (שם) — ווען רחל האָט שוין געהאַלטען ביי יציאת הנפש און אָט-אָט שטאַרבט זי אָפּ, „ותקרא שמו בן אוני" (שם) — האָט זי אַריינגעכאַפּט צו רופען איהר ניי קינד מיט׳ן נאָמען בן אוני — בן צערי (רש״י שם) — דער זוהן, וואָס האָט מיר מיינע לעצטע כחות אַוועקגע-נומען. „ואביו קרא לו בנימין (שם) — דער פאָטער יעקב אָבער האָט איהם גערופען בנימין. „ד״א בנימין בן ימים שנולד לעת זקנתו ונכתב בנון כמו (דניאל י״ב) לקץ הימין" (רש״י שם) — ווייל ביי יעקב׳ן איז בנימין געווען דער בן זקונים, וואָס איז איהם געקומען אויף דער עלטער.

מוטער-ליבע שטייגט אַריבער אַלעס. צו איהר אָפּפער פאַר אַ קינד איז ניטאָ קיין גלייכען. מעג דאָס קינד באַהאַנדלען די מוטער רשעות׳-דיג, מעג דאָס קינד זיין דער גרעסטער אכזר געגען איהר — דאָס אַלעס שטערט ניט דער מוטער צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר׳ן קינד, אין פייער און אין וואַסער צו לויפען פאַר איהם.

די מעהרסטע קינדער האָבען געמעגט טראָגען דעם נאָמען בן אוני, ווייל זיי נעהמען אַוועק די קרעפטען און דאָס געזונד און צייטענווייז אויך דאָס לעבען פון זייערע מוטערס. ווען די מוטערס זיינען ביי דעם לעבען, באַגרייפען ניט די קינדער ווען זיי פאַרמאָגען. זיי זיינען ניט גע-האָרכזאַם, אַלערליי עגמת נפש פאַרשאַפען זיי איהר. דער מוטער׳ס גוטסקייט פאַרדעקט אַלעס מיט ליבשאַפט און זי זוכט נאָך צו מלמד זכות זיין אויף איהרע קינדער...

ניט אומזיסט האָט די תורה אָנגעזאָגט: „איש אמו ואביו תיראו" (ויקרא י"ט ג') — אַז יעדער מענש דאַרף מורא האָבען פריהער פאַר דער מוטער און נאָך דעם פאַר'ן פאָטער. וואָרים די תורה האָט געוואוסט, אַז פאַר אַ פאָטער האָט מען סיי־ווי־סיי מורא צוליב זיין שטרענגקייט, אָבער די מוטער, וועלכע איז די גוטע, די אונטערטעניגע, די יעניגע, וועלכע איז מכפר אויף אַלע רשעות'ן פון איהרע קינדער, — דאָס אַלעס ברענגט מיט, אַז די קינדער האָבען פאַר איהר קיין שרעק און רעספּעקט. זאָגט די תורה, טאַקע דערפאַר, ווייל דיין מוטער באַזיצט אַזעלכע וואונ־דערבאַרע אייגענשאַפטען, דאַרפסטו, קינד, פאַר איהר מעהר מורא האָבען און אויך איהר טייער האַלטען. „תניא רבי אומר גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שהבן מתירא מאביו יותר מאמו, לפיכך הקדים מורא האם למורא האב" (קדושין ל"א).

פאָטער־ליבע איז גרוים און טיף. איהם איז ניט שווער צו אַרביי־טען שפּעט אין דער נאַכט, אום צו שאַפען חיונה פאַר זיינע קינדער. איהם איז ניט שווער צו רייזען איבער ימים און מדבריות, אום צו פאַר־זאָרגען זיינע זיהן און טעכטער מיט לעבענס־מיטעל. אָבער צו מוטער־ליבע קומט דאָס ניט. די מוטער־געדאַנקען זיינען שטענדיג פאַרנומען מיט איהרע קינדער. אַ פאָטער קען אַמאָל פאַרגעסען אַ קינד, אָבער אַ מוטער וועט איהר קינד קיינמאָל ניט פאַרגעסען. אַ פאָטער קען אַמאָל שלאָגען מערדערליך זיין קינד, אָבער אַ מוטער שטעלט איין איהרע אייגענע שוואַכע פּלייצעס, אום די קלעפּ זאָל זי קריגען און ניט דאָס קינד. אַ מוטער קען זאָגען: איידער מיין קינד זאָל וועה טאָן, זאָל בעסער מיר וועה טאָן. מיט איין וואָרט, עס איז נאָך ניט אויפגע־שטאַנען דער קינסטלער, וועלכער זאָל קענען מאָלען דאָס ריכטיגע בילד פון מוטער־ליבע. עס איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען דער רעדנער און שרייבער, וועלכער זאָל קענען שילדערען די אָפּפערוויליגקייט פון אַ מוטער צו קינדער.

„אבנימוס הגרדי מתה אמו ועלה ר"מ להראות לו פנים ומצא אותן יושבין אבלים, לאחר זמן מת אביו ועלה ר"מ להראות לו פנים ומצא אותן עסוקין במלאכתן, א"ל כמדומה אני שאמך חביבה עליך יותר מאביך" (מ"ר רות ב' י"ג) — אבנימוס הגרדי, וועלכער איז געוועזען איי־נער פון די גרויסע געלערענטע און אויך אַ פילאָזאָף פון די אומות העולם (אראב"כ לא עמדו פילוסופין בעולם כבלעם בן בעור וכאבנימוס הגרדי

ב"ר ס"ה ט"ז), ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען, און רבי מאיר איז אריינגעקומען איהם צו טרייסטען, האָט ר' מאיר געפונען, אַז זיי זיצען און טרויערען שטאַרק, אָבער ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָט ר' מאיר געטראָפען אַלע פון אבנימוס הגרדי'ס פאַמיליע זיצען ביי דער אַרבייט, האָט ר' מאיר געזאָגט: עס קומט אויס, אַז דיין מוטער איז ביי דיר מעהר באַליבט ווי דיין פאָטער... „א"ל ולא כן כתיב אשה לבית אמה ולא לבית אביה? (שם) — האָט איהם דער געלערענטער אבנימוס געענטפערט: אין תנ"ך געפינען מיר, אַז די מוטער-ליבע שטעהט העכער פון דער פאָטער-ליבע. אין דער צייט ווען נעמי שיקט איהרע שניר אַהיים, שיקט זי זיי ניט, אַז זיי זאָלען זיך אומקערע צו זייערע פאָטערס, נאָר נעמי שיקט זיי אַהיים צו זייערע מוטערס, ווייל אַ מוטער נעמט אימער אויף אַ קינד, ווען עס קומט צוריק. מעג די טאָכטער זיין אַן אלמנה אָדער אַ גרושה, קוים קלאַפּט זי אָן אין טיר, טרעפט זי אַ ברייטען שלום עליכם פון דער מאַמען...

ווירדיגע קינדער! איך האָב מיך באַמיהט צו שילדערען עטוואָס פון מוטער-ליבע, אום אייך פאַרצושטעלען ווי גרוים עס איז דער פאַר-לוסט, ווען איהר האָט פאַרלוירען אַזאַ מוטער ווי איהר האָט געהאַט. ווער נאָך ווי איהר אַליין ווייסט ווי אייער מוטער האָט זיך געאָפּפּערט פאַר אייך. עס איז דאָך ניט געווען אַ זאַך צו שוועך פאַר איהר, אום אייך צופרידען צו שטעלען. ניין מאָנאַטען האָט זי יעדען פון אייך אונ-טער איהר הארצען געטראָגען. מאָנאַטען נאָך מאָנאַטען האָט זי אייך מיט איהר ברוסט געשפּייזט. יאָהרען האָט זי אייך אויף די הענט גע-טראָגען. זי האָט אייך אין חדר און אין סקול געפיהרט. זי האָט איבער אייך געוואַכט טאָג און נאַכט. און אויך אין לעצטען מאָמענט פון איהר גסיסה האָט זי באַשטימט וועגען אייך געטראַכט...

איהר שטעהט יעצט נעבען דעם בערגעל ערד, וואו אייער מוטער'ס קערפּער רוהט. איהר קוקט מיט שרעק אויף דעם שטומען קבר, וועלכער האָט געוואָגט איינצושלינגען דאָס טייערסטע אין אייער לעבען. פון אייערע אויגען פליסען טייכען טרעהרען, און אייער יאָמער גרייכט אין די הימלען. און אייער מוטער, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געקענט הע-רען אַ קרעכץ, וועלכע איז אויפגעשטורעמט געוואָרען פון אייערם אַ טרעהר, — אייער מוטער ליגט יעצט אין איהר רוה-פּלאַץ און שווייגט.

פון קבר הערט זיך ניט קיין וואָרט. קאַלט, פאַרגליווערט איז דאָ אַלעס. קיין וואונק, קיין וואָרט...

אָבער, ליבע קינדער! אייער מוטער, וואָס האָט זיך געפּפעטערט פאַר אייך ביי איהר לעבען, קען איהר גייסט אויך יעצט, נאָך איהר טויט, ניט רוהען, און זי זאָרגט זיך וועגען אייך. פונקט ווי די געטרייע און האַרציגע מוטער רחל רייסט איין בערג וועגען איהרע קינדער, דעם אידישען פאָלק. „מה ראה אבינו יעקב לקבור את רחל בדרך אפרת? אלא צפה יעקב אבינו שהגליות עתידות לעבור שם לפיכך קברה שם כדי שתהא מבקשת עליהם רחמים הה״ד קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה״ (ב״ר פ״ב י״א) — יעקב האָט מקבר געווען זיין ליבע פרוי אויפ׳ן וועג פון אפרת צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די קינדער פון ישראל וועלען קומען פון גלות און זיי וועלען פאַרבייגעהן רחל׳ס קבר, און די געטרייע מוטער וועט בעטען פאַר זיי רחמים און קלאָגען און יאָמערען פאַר זיי אין די הימלען. אַ געטרייע מוטער בלייבט געטריי צו איהרע קינדער אפילו נאָכ׳ן טויט. און אייער מוטער׳ס גייסט שוועבט יעצט איבער איהר קבר, און זי בעט און רייסט איין די הימלען פאַר אייך, פאַר אייער געזונד און לעבען.

די איינציגע זאַך, וואָס אייער מוטער פאַרלאַנגט פון אייך, איז, אַז איהר זאָלט איהר ניט פאַרגעסען. דאָס מיינט ניט, אַז איהר זאָלט אימער פאַרגיסען טרעהרען. ניין, דאָס האָט זי ביי איהר לעבען ניט געוואָלט זעהן ביי אייך און אויך יעצט, נאָך איהר טויט, וויל זי ניט, אַז איהרע קינדער זאָלען אַרומגעהן מיט צובראָכענע געמיטער. זי וויל אָבער, אַז איהרע שבת-ליכט זאָלט איהר הייליג האַלטען, אַז איהר כשר הויז זאָלט איהר ירש׳ענען און דאָס הייליגע פאַמיליען-לעבען זאָלט איהר פון איהר לערנען. מיט דעם וועט איהר מאַכען, אַז אייער מוטער זאָל בלייבען אומשטערבליך, ווייל איהרע שבת-ליכט ברענען און איהר כשר׳ע קיך עקזיסטירט, און דאָס הייליגע פאַמיליען-לעבען ווערט אָפּגעהיט...

„אין אשה מתה אלא לבעלה" (סנהדרין כ"ב) — אַ פרוי שטאַרבט נאָר פאַר דעם מאַן. אייער פאָטער, וועלכער האָט געלעבט מיט אייער מוטער אַזוי פיל יאָהרען אין נחת און אין גליק, פאַר איהם איז יעצט די וועלט פינסטער געוואָרען, ווייל זיין שעהנע זון איז אויסגעלאָשען געוואָרען. זייט איהר די געטרייע קינדער און ברענגט אַריין אין זיין לעבען עטוואָס טרייסט. לאָזט איהם ניט זיין עלענד אין דער גרויסער וועלט. ברענגט אַריין אין זיין האַרץ מוט, אַז ער זאָל אַלעם אַריבער־טראָגען אָהן יסורים, און אייער מוטער וועט אייך פון איהר טיפען קבר דאַנקבאַר זיין און זי וועט זיין די גוטע בעטערין פון אייערט וועגען!

תנצב"ה.

# חורבן בית המקדש

## מצבה על בן קטן

מעשה באשה אחת שהיתה בשכונתו של רבן גמליאל והיתה לה בן תשחורת — ומת והיתה בוכה עליו בלילה, והיה ר"ג שומע את קולה והיה נזכר חורבן בהמ"ק והיה בוכה עמה עד שנשרו ריסי עיניו, וכיון שהרגישו בו תלמידיו עמדו ופנו אותה משכונתו.

(מ"ר איכה א' כ"ה, סנהדרין ק"ד).

א בלום, וועלכע האָט געהאַלטען אין איהר רעכטען בליהענדען וואַקסען, איז אויסגעריסען געוואָרען פון דעם שעהנעם בלומענגאָרטען. יעדער איינציגער, וואָס געהט פאַרביי, באַטראַכט די בלום מיט אַן ערנסטען געמיט און מיט פייכטע אויגען, איינזעהענדיג ווי אַזוי די שעהנקייט פון דער בלום ווערט פאַרוויאַנעט, און די בלום וואָס האָט פאַרשפּרייט געטנום פון ריח און געשמאַק, ליגט אַ פאַרטריקענטע און אויסגעדאַרטע, אָהן שום סמן פון לעבען.

מיר שטעהען יעצט נעבען אַ מענשליכער בלום, וואָס איז אַזוי שעהן געוואַקסען קערפּערליך און גייסטיג אינ'ם גאָרטען פון זיינע עלטערען. ער האָט פאַרשפּרייט געטנום און פרעהליכקייט מיט זיין שמייכעל און גאַנג און אויך מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען אויפ'ן געביט פון שטודיום, ניט נאָר פאַר זיינע עלטערען, נאָר אויך פאַר אַלע מענשען, וועלכע האָבען איהם געקענט.

יעצט אָבער ליגט די בלום אַן אָפּגעריסענע און פאַרוויאַנעטע באַהאַלטען אונטער דעם דאָזיגען בערגעל ערד; און מיר אַלע זיינען געקומען אהער אוועקצושטעלען אַ מאָנומענט צום אָנדענקען פון דעם, וועלכער איז ביי אונז געוועז טייער און ליב, און זיין אוועקגעהן אין דער אייביגקייט האָט געשאַפען אַ שרעקליכע וואונד אין די הערצער פון זיין פאָטער און מוטער.

„קטן בן כמה שנים יהיה כשמספידין עליו? עניים בני חמשה, עשירים בני ששה" (באבל רבתי פ"ג וביו"ד סי' שד"מ) — ווי אַלט דאַרף זיין אַ קינד, אַז מ'זאָל איהם קענען מספיד זיין? אָרימע קינדער צו פינף יאָהר, רייכע קינדער צו זעקס יאָהר. אונזערע חכמי התלמוד האָבען

פארשטאנען דעם גרויסען צער פון עלטערען, ווען זיי פארלירען א קינד, ווען ס'איז נאך יונג. איבערהויפט האבען זיי פארשטאנען דעם אומגליק, ווען א קינד פון ארימע עלטערען איז געשטארבען, ווארים ווען דאס קינד האט געלעבט, האט עס פרייד און פארגעניגען אריינגעבראכט אין הויז — און דאס איז געווען די איינציגע פרייד און פארגעניגען, וואס די ארימע עלטערען האבען געהאט. דעריבער אפילו צו פינף יאהר דארף מען שוין מספיד זיין און באקלאגען דעם גרויסען בראך, וואס די ארימע עלטערען האט געטראפען. אנדערש איז אבער, ווען רייכע עלטערען פארלירען א יונג קינד. אבוואהל זייער אומגליק גרייכט אין די הימלען, פונדעסטוועגען איז זייער אומגליק נים אזוי גרויס ווי ביי די ארימע עלטערען, ווייל זייער רייכטום פארגיטיגט זיי אויף א טייל פון זייער צער און עגמת נפש. דעריבער איז מען מספיד זייערע קינדער, ווען זיי זיינען אלט זעקס יאהר...

די איינציגע טרייסט פון די עלטערען איז געווען דאס דאזיגע קינד, וועלכעס האט אריינגעבראכט פרייד און גליק אין זייער ארימען לעבען. נאך א שווערען טאג ארבייט אין דער פעקטארי, ווען דער פאטער איז געקומען אויסגעמאטערט, האט דאס ליבענדע פעהיגע קינד אפגעגעבען דעם פאטער א ברייטען „גוד איווניננ!" און מיט זיינע צארטע הענטעלאך דעם פאטער ארומגענומען, איהם געהאלזט און געקושט. דער פאטער האט פארגעסען זיין זארג און מיט מוט און פרעהליכקייט איז ער גע־גאנגען צוריק צו דער שווערער ארבייט, באגרייפענדיג, אז מיט דעם ערציהט ער זיין ליבלינג־קינד, וואס וועט אויסוואקסען א פאלקאמענער מענש צו גאט און צו לייט.

ביי דער ארימער מוטער איז ער דאך גאר געווען א ריינער מלאך'ל, ווייל ווען האט ער אין זיין לעבען צייט געהאט צו פארטשעפען? ביי וועמען האט ער געלד פארנומען? אויף וועמען האט ער שלעכטס גערעדט? די קינדערלאך אין זייער יוגענד זיינען דאך אמת'ע קדושים און טהורים. זייערע אלע טהאטען זיינען דאך ריין פון זייטיגע כונות און פניות. און ווען דאס קינד פלעגט צו דער מוטער זיין קעפעלע צו־דריקען, איז דאך דאס געווען די ריינע אמת'ע ליבע. דער מוטער'ס הארץ איז דאן אנגעגאסען געווארען מיט פרייד און גליק.

„תינוק שיודע לישא וליתן מספידין אותו במעשה עצמו" (שם) — א קינד, וואס האט געהאט אייגענע פעהיגקייטען און האט ארויסגע־

צייגט זעלטענע כשרונות נאך אין זיינע יונגע יאהרען, אזא קינד קען מען מספיד זיין מיט זיינע אייגענע שבחים און מ׳דארף ניט אויסבארגען שבחים פון זיינע עלטערען. דאס קינד, וועמען מיר שטעלען יעצט א מצבה, דארף געווים ניט אנקומען צו שבחים, וואס זיינע עלטערען פארמאגען, ווייל דאס קינד איז געוועזן זעהר פעהיג, צו יעדער לערנונג האט ער ארויסגעצייגט זיין כשרון, און ווען דער אלמעכטיגער גאט וואלט איהם פאר דער צייט ניט אפגעריסען פון אונז, וואלט ער אויסגע־וואקסען א באריהמטהייט און וואלט זיינע עלטערען פיל גליק און פאר־געניגען געבראכט.

דער בית־המקדש איז געוועזן דער מיטעל־פונקט און צענטער, וואו אידען פון אלע עקען לאנד זיינען זיך צוזאמענגעקומען. דער בית המקדש האט די אידען נייעם גייסט און לעבען אריינגעגעבען. דער בית המקדש איז דורך דעם געווארען דאס ליבלינג־קינד פון דעם גאנצען אידישען פאלק. און ווען ער איז חרוב געווארען, זיינען די אידען צוזייהט און צושפרייט געווארען, און זייערע געמיטער זיינען צובראכען געווארען.

פונקט אזוי איז א קינד אין הויז דאס הייליגטום פון די עלטערען. א קינד איז ביכולת צו פאראייניגען די הערצער פון זיין פאטער און מוטער. דאס קינד מאכט דאס הויז פאר א גן־עדן, וואו די עלטערען פרעגלען זיך פון נחת. ווען אבער דאס קינד ווערט אוועקגעריסען, דאן ווערט דאס הויז פארוואנדעלט אין א טרויער־טהאל, און דאס הייליג־טום ווערט צובראכען...

אין א פינסטערער נאכט האט רבן גמליאל געהערט דאס יאמערען און קלאגען פון אן אומגליקליכער מוטער, וועלכע האט באקלאגט איהר פעהיגען און גערא‏טענעם זוהן. ער האט באגריפען דער מוטער׳ס טרא־געדיע, אז מיט דעם אפשטארבען פון דעם זוהן איז ביי איהר אפגע־שטארבען דאס טייערסטע און הייליגסטע. דאס האט רבן גמליאל׳ן דערמאנט אויף דעם חורבן בית המקדש. און דאן ערשט האט ער פאר־שטאנען דעם גרויסען בראך, וואס מ׳האט געטראפען דעם אידישען פאלק, אויף וואס מ׳האט געדארפט קלאגען און יאמערען, פונקט ווי די דאזיגע מוטער קלאגט אויף איהר גערא‏טענעם קינד. און רבן גמליאל האט צוזאמען מיט דער אומגליקליכער מוטער געקלאגט אזוי לאנג, ביז זיינע ברעמען פון די אויגען זיינען קאליע געווארען. דאן האבען זיינע

תלמידים אוועקגעשיקט די עלענדע קלאָג־מוטער, און רבן גמליאל האָט זיך באַרוהיגט...

ווירדיגע עלטערען! מיר אַלע באַגרייפען אייער בראָך און אומ־גליק, און עס איז שווער פאַר אונז אַריינצוגעבען אַ טראָפּען טרייסט אין דעם בעכער פון צער און אַנגסט. אָבער איך וויל אייך זאָגען, אַז איהר זייט ניט די ערשטע, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט אַזאַ טראַגעדיע. אונ־זער גרויסער דוד האָט אויך פאַרלאָרען אַ קינד. ווען דאָס קינד איז געווען קראַנק, האָט דוד ניט גערוהט און האָט פאַר איהם גאָט געבעטען. „ויבקש דוד את האלהים בעד הנער ויצם דוד צום ובא ולן ושכב ארצה, ויקומו זקני ביתו עליו להקימו מן הארץ ולא אבה ולא ברה אתם לחם" (שמואל ב' י"ב) — דוד האָט געפאַסט און איז געשלאָפען אויף דער ערד. און ווען די עלטסטע פון הויז האָבען דוד'ן געוואָלט אויפהויבען פון דער ערד, האָט ער זיך ניט געלאָזען. דוד מיט זיינע תפלות און תעניתים האָט ניט געקענט ווירקען, אַז גאָט זאָל איהם דאָס קינד שענקען. און דאָס קינד איז געשטאָרבען אויפ'ן זיבעטען טאָג. די באַדינטע פון הויז האָבען מורא געהאַט צו דערצעהלען דוד'ן וועגען זיין קינד'ס טויט, דענקענדיג, אַז ווען דוד וועט אַזאַ שרעקליכע בשורה דערהערען, וועט ער זיך ווער ווייסט וואָס טאָן פון גרויס צער. אָבער דוד האָט אַזוי ניט געהאַנדעלט. ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס קינד איז טויט, „ויקם דוד מהארץ וירחץ ויסך ויחלף שמלותיו ויבא בית ה' וישתחו ויבא אל ביתו וישאל וישימו לו לחם ויאכל" (שם) — איז דוד אויפגע־שטאַנען פון דער ערד, האָט זיך אַרומגעוואַשען און אויסגעשמירט מיט באַלזאַם, האָט איבערגעביטען זיינע קליידער און איז געקומען אין גאָט'ס הויז צו בוקען זיך און איז געגאַנגען אין זיין הויז און האָט אויף אַלעם נאָכגעפרעגט און האָט געגעסען זיין מאָלצייט ווי געוועהנליך.

פאַר זיינע קנעכט איז דאָס אַלעס געווען אַ וואונדער: אין דער צייט ווען דאָס קינד האָט געלעבט, האָט דוד געפאַסט און געקלאָגט, און יעצט ווען דאָס קינד איז טויט, האָט דוד זיך באַרוהיגט?...

„ויאמר בעוד הילד חי צמתי ואבכה כי אמרתי מי יודע וחנני ה' וחי הילד; ועתה מת למה זה אני צם האוכל להשיבו עוד? אני הולך אליו והוא לא ישוב אלי" (שם) — אָבער דוד האָט זיי געענטפערט זעהר קלוג: ווען דאָס קינד האָט געלעבט, האָב איך געפאַסט און געקלאָגט, ווייל איך האָב געדענקט, פיליכט וועט דער אַלמעכטיגער גאָט אויף דעם

קינד רחמנות האָבען און איהם געבען לעבען. אָבער יעצט, ווען דאָס קינד איז שוין טויט, צו וואָס זאָל איך פאַסטען און קלאָגען? צי דען וועל איך מיט דעם אַלעמען איהם קענען צוריק ברענגען צום לעבען? איך, דוד, געה דאָך וואָס אַ טאָג נעהנטער צו דעם קינד, איך בין דאָך אויך ניט קיין אייביגער, מיין צייט וועט דאָך אויך קומען; אָבער דאָס קינד וועט צו מיר שוין ניט קומען... דאָס קינד האָט שוין דורכגעמאַכט, וואָס יעדער מענש דאַרף דורכמאַכען. איך אָבער דאַרף ערשט געהן אינ'ם וועג, וואו דאָס קינד איז געגאַנגען...

איך גלויב, ווירדיגע עלטערען, אַז אונזער גרויסען דוד'ס ווערטער דאַרפען זיין אַ באַלזאַם צו אייערע צוּוועהטאָגטע הערצער, און זיינע פילאָזאָפישע אויסדריקע דאַרפען פאַרגרינגערען עטוואָס פון אייער צער. און גאָט זאָל אייך טרייסטען, אַז ער זאָל אייך באַצאָלען מיט אַזוי פיל נחת פון אייערע לעבעדיגע קינדער, אַז איהר זאָלט פאַרגעסען אויף דעם גרויסען צער פון אייער פאַרשטאָרבענעם קינד. — תנצב"ה!